STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05751

A LEBN FUN SHLIHES

Aaron Alperin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אהרן אלפערין

א לעבן פון שליחות

ביאגראפיע פון
ד"ר ישראל גאלדשטיין

פארלאג ראובן מס, ירושלים
תשל"ד — 1974

©

אלע רעכט ביים פארלאג ראובן מאס, 1974

All Rights Reserved

Printed in Israel, 1974

דפוס ווייס, ירושלים

אינהאלט

אריינפיר		7
קאפיטל איינס	: אריין אין אַ גרויסער תקופה פון יידישער אויפלעבונג	11
קאפיטל צוויי	: געקענט אים, אלס יינגל	17
קאפיטל דריי	: פון פילאדעלפיע אין אַ שטעטל אין ליטע	22
קאפיטל פיר	: חדר־יינגל און קאלעדזש־סטודענט	28
קאפיטל פינף	: אין יידישן טעאלאגישן סעמינאר	35
קאפיטל זעקס	: יונגער ראביי פון עלטסטער אשכנזישער קהילה אין ניו יארק	42
קאפיטל זיבן	: פון איין קהילה צום כלל פון אמעריקאנער יידנטום	48
קאפיטל אכט	: ליידנשאפט צו נעמען ביי יידן געלט פאר ארץ ישראל	55
קאפיטל ניין	: פון דער קהילה אין ניו יארק צו דער ברייטער יידישער וועלט	64
קאפיטל צען	: יונגער רב פייערט הונדערט יאר פון זיין קהילה	71
קאפיטל עלף	: ערשטער באזוך אין ארץ ישראל	77
קאפיטל צוועלף	: „גואל האדמה" — אין אמעריקע	85
קאפיטל דרייצן	: פאר'ן שטורעם	93
קאפיטל פערצן	: דאס יידישע היימלאנד — אונדזערס און אונדזערע קינדער'ס!	99
קאפיטל פופצן	: אין דער פירערשאפט פון אמעריקאנער ציוניזם	106

קאפיטל זעכצן : מיט דער פאדערונג וועגן דער יידישער מדינה פארן אמעריקאנער קאנגרעס . 113
קאפיטל זיבעצן : אין לאנדאן, אין אַ פאראנטווארטלעכער מיסיע 121
קאפיטל אכצן : אין פארצווייפלטן קאמף צו ראטעווען יידן פון נאצי־גיהינום 132
קאפיטל ניינצן : אין סאן פראנציסקא, צו די פעלקער פון דער וועלט 140
קאפיטל צוואנציק: ערשטע רייזע צו דער שארית הפליטה אין אייראפע 150
קאפיטל איין און צוואנציק : אין דער פראנט־ליניע פון פאליטישן קאמף פאר דער יידישער מדינה 158
קאפיטל צוויי און צוואנציק : ביים גורל׳דיקן ציוניסטישן קאנגרעס אין 1946 167
קאפיטל דריי און צוואנציק : גרינדער פון בראנדייס־אוני־ווערסיטעט — אַ היסטא־רישער אויפטו 177
קאפיטל פיר און צוואנציק : אין קאמף פאר ישראל ביי די פאראייניקטע פעלקער פון דער וועלט 192
קאפיטל פינף און צוואנציק : נאכן היסטארישן באשלוס פון אונא וועגן ווידעראויפריכטונג פון מדינת ישראל 199
קאפיטל זעקס און צוואנציק: פינאנץ־מיניסטער פון דער יידישער אגענץ — און זיין רוף צום אמעריקאנער יידנטום 211
קאפיטל זיבן און צוואנציק : אַ יאר, אויף וועלכן מיר האבן געהאפט און ארויסגעקוקט . 221
קאפיטל אכט און צוואנציק : זוכנדיק מיטלען צו העלפן די נייע עולים 231

אינהאלט

קאפיטל ניין און צוואנציק :	ביי דער איינארדענונג פון דער שארית הפליטה אין ישראל .	239
קאפיטל דרייסיק :	געזעגענענדיק זיך צייטווייליק מיט ירושלים	249
קאפיטל איין און דרייסיק :	פרעזידענט פון אמעריקאנער יידישן קאנגרעס	257
קאפיטל צוויי און דרייסיק :	צווישן וואשינגטאן און ירושלים	267
קאפיטל דריי און דרייסיק :	300־סטער יובליי־יאר פון אמעריקאנער יידנטום . . .	274
קאפיטל פיר און דרייסיק :	רייזע איבער אלטע יידישע יישובים אין דער נייער וועלט	281
קאפיטל פינף און דרייסיק :	ביים פייערן דעם יובליי פונעם אמעריקאנער יידנטום .	293
קאפיטל זעקס און דרייסיק :	אין קריזיס נאך ישראל׳ס סיני־אקציע	300
קאפיטל זיבן און דרייסיק :	א מתנה פאר ירושלים פון ד״ר גאלדשטיינ׳ס קהילה .	308
קאפיטל אכט און דרייסיק :	א וועלט־רייזע צו ברידער יידן	316
קאפיטל ניין און דרייסיק :	אַ וועלט־אקאדעמיע פאר שלום	324
קאפיטל פערציק :	אַ געזעגענונגסבליק אויפ׳ן יידישן מצב אין דער וועלט .	333
קאפיטל איין און פערציק :	אויף דער אנדערער זייט בריק — צוריק קיין ירושלים . .	342
קאפיטל צוויי און פערציק :	אין צוויי וועלטן	349
קאפיטל דריי און פערציק :	אין א שליחות צו די ברידער פון מזרח־אייראפע	357
קאפיטל פיר און פערציק :	איינטערוועגץ ביי באאמטע פון דער סאוויעט־רעגירונג . .	369

קאפיטל פינף און פערציק : באזוכן אין די פארניכטונגס־לאגערן און ביי די גערראטע־וועטע 378

קאפיטל זעקס און פערציק : אַ פסח־באזוך ביי די פאלאשא־יידן 386

קאפיטל זיבן און פערציק : אין קאמף פאר אן אומפארטייאישן ציוניזם . . 399

קאפיטל אכט און פערציק : פאר כלל ישראל און ר׳ ישראל: דער יידישער פארמיטלונגסגעריכט 408

קאפיטל ניין און פערציק : אין שליחות פון קרן היסוד איבער דער גארער יידישער וועלט 415

קאפיטל פופציק : צום 75־טן געבורטסטאג . . 425

קאפיטל איין און פופציק : 10 מינוט פאר 12 434

קאפיטל צוויי און פופציק : מיטן פנים צו דער צוקונפט . 441

אריינפיר

דאס בוך, וואס די לייענער האבן איצט פאר זיך, איז געשריבן מיט דעם ציל נישט בלויז איבערצוגעבן די לעבנס־געשיכטע פון **ישראל גאלדשטיין** — א לעבן פון שליחות, נאר אויך צו שילדערן — טריט ביי טריט — דאס אנקומען, די אנטוויקלונג און די קולמינירונג פון אט דער גרויסער תקופה אין לעבן פון יידישן פאלק. עס איז געווען זייער א שווערע אויפגאבע פאר ישראל גאלדשטיין, ווי פאר די אנדערע פון זיין דור, וועלכע האבן זיך אריינגעווארפן אין דער היסטארישער שליחות צו ברענגען די ציוניסטישע רעוואלוציע — דורכצוברעכן דעם וועג צו דער נייער עפאכע פון יידישער נאציאנאלער ווידעראויפלעבונג מיט איר צענטראלער אידייע: די אויסלייזונג פון יידישן פאלק אין זיין ווידער־אויפגעריכטן היימלאנד.

כדי צו דערגרייכן דאס דאזיקע ציל איז געווען נויטיק, אויפצובויען פונדאסניי סיי דאס פאלק און סיי דאס לאנד. דאס קען קלינגען עלעמענטאַר. אבער אין דעם קומט צום אויסדרוק די גאנצע גאַמע פון די גורל'דיקע פראבלעמען ווי אויך דער אלזייטיגער סך־הכל פון די פארשיידנסטע שווערע אנשטרענגונגען, וואס זיינען געווען דערמיט פאר־בונדן, און וועלכע ד"ר ישראל גאלדשטיין, צוזאמען מיט די אנדערע ציוניסטישע פירער פון זיין דור, האבן גענומען אויף זיך.

וואס עס טיילט־אויס ישראל גאלדשטיינ'ען פון א ריי

אנדערע פירנדיקע פערזענלעכקייטן אין אמעריקאנער יידנטום, אין ציוניזם און אין וועלט־יידנטום — איז זיין ווידמען זיך, געטריי און אומדערמידלעך, צו אלע אספעקטן פון יידישן פאלקס־קיום, מיט אלע פראגען און נויטווענדיקייטן, האבנדיק תמיד פאר די אויגן דעם צענטראליזירנדיקן און פאראייניקנדיקן אידעאל: ציון.

איך גלויב, אז דאס דאזיקע בוך, וואס איז באזירט אויף דאקומענטן און היסטארישע מאטעריאלן, באלעכטיקט דעם נאר־וואס געבראכטן אויספיר, וועלכער דארף הייסן, אז קיין שום יידישער כלל־ענין, קיין שום יידיש געזעל־שאפטלעך פראבלעם איז נישט געבליבן פרעמד ישראל גאלדשטיינ׳ען. יעדע אקטועלע פראגע און אויפגאבע, וואס איז ארויפגעשוווממען, האט אים באוויגן צו פאראנט־ווארטלעכע מעשים אין משך פון זיין שטארק־אקטיוון לעבן, אין דינסט פון זיין פאלק און פון זיין לאנד. זיין ארבעט און זארג פאר דער צוקונפט פון אמעריקאנער יידנטום בפרט, און פארן גורל פון יידישן פאלק בכלל, האט אים זעלבסטפארשטענדלעך געפירט צו ווידמען זיך און איבערנעמען אחריות׳ן אויף פאר אלגעמיינע פראב־לעמען אין לעבן פון אמעריקע און פון דער ברייטער וועלט.

אין דער דאקומענטארער ביאגראפיע אין באזונדערע פראגמענטן פון אן אלגעמיינעם בילד און אן אלגעמיינער אפשאצונג, ווערט געשילדערט דער וועג, אויף וועלכן א קינד פון מזרח־אייראפעאישע עלטערן אין פילאדעלפיע האט זיך אפגעקליבן צו גיין, אין די פריעסטע יוגנט־יארן זיינע, און איז מיט זיין ווארימער יידישער נשמה, מיט זיין ליכטיקן אידעאליזם, מיט זיינע גרויסע פעיקייטן און

געטרייער איבערגעגעבנקייט, אויסגעוואקסן א פראמינענטע פערזענלעכקייט אין אמעריקע, א פירער פון אמעריקאנער יידנטום און פון וועלט־יידנטום, א ציוניסטישער מנהיג און א בויער פון יידישן היימלאנד.

לואי ד. בראנדייס און סטיפען ס. ווייז, די צוויי גרויסע פערזענלעכקייטען סיי אלס אמעריקאנער און סיי אלס יידישע פירער — האבן פארמולירט דעם דערהויבענעם שטאלצן און היסטאריש־באַרעכטיקטן פרינציפ: "בכדי צו זיין גוטע אמעריקאנער דארפן מיר זיין בעסערע יידן, און בכדי צו זיין בעסערע יידן, דארפן מיר זיין גוטע ציוניסטן".

דער דור פון ד"ר ישראל גאלדשטיין האט געדארפט פאר־ווירקלעכן און פארוואנדלען אין מעשים די אידייע און דעם ציל, וואס לואי ד. בראנדייס און ד"ר סטיפען ס. ווייז האבן אנגעצייכנט פאר'ן אמעריקאנער יידנטום. דאס בוך איז א באשיידענערביישטייער פאר דער אפשאצונג פון קומענדיקן היסטאריקער, צי אט דער דור און זיינע מנהיגים זיינען בייגעשטאנען דעם גורל'דיקן נסיון.

"איך גלויב, אז אין יידנטום איז דאס, וואס איר טוט, פונקט אזוי וויכטיק — אויב נישט מער — ווי דאס, אין וואס איר גלויבט. דערפאר ווערט ביי אונדז געלייגט אזא גרויס געוויכט אויף מ ע ש י ם" — האט ישראל גאלדשטיין אויסגעדריקט ביי א געלעגנהייט זיין "אני מאמין". אין זיין לעבען און ארבעט פאר זיין פאלק און לאנד האט ער זוכה געווען צו געפינען דעם שביל הזהב, די געבענטשטע הארמאניע צווישן געדאנק און טאט, צווישן דער אידייע און איר פארווירקלעכונג.

זאל מיר זיין דערלויבט צו פארענדיקן מיינע באמערקונגען מיט אויסדריקן מיין פערזענלעכע צופרידנקייט דערפון, וואס אט די ביאגראפיע וועגן דעם פראמינענטן ציוניסטישן פירער דערשיינט אין יידיש — אונדזער ליב מאמע־לשון, אויף וועלכער איך שרייב במשך פון מיין גאנצער ליטער־ראַרישער ארבעט. גאר באזונדערס דארף געזאגט ווערן לשבח פון ד״ר ישראל גאלדשטיין — וועמענס לעבן און היסטארישע אויפטוען מיין בוך איז געווידמעט — אז יידיש איז אים ליב, ווי דער אויסדרוק פון דער יידישער פאלקסטימלעכקייט, ווי אויך זיין מאמע־לשון, די ערשטע שפראך, אויף וועלכער ער האט גערעדט און איז דערצויגן געווארן אין דער־היים פון זיינע עלטערן. אט די אינטימע צוגעבונדנקייט צו יידיש איז אים פארבליבן במשך פון אלע יארן פון זיין איבערגעגעבענער כלל ישראל־ארבעט אין דינסט פון יידישן פאלק און פון דער יידישער מדינה.

איך מיין, אז א ביאגראפיע וועגן ד״ר ישראל גאלדשטיין אין יידיש איז נאה לו און נאה די לייענער.

אהרן אלפעריין

קאפיטל איינס

מיר זיינען איצט אריין אין א גרויסער תקופה פון יידישער אויפלעבונג

"ווען מיר באקומען היינט אונזער סמיכה און ווערן גראדואירט אלס רבנים, האבן מיר דאס טיפע באוווסטזיין סיי וועגן דעם גרויסן זכות און סיי וועגן דער שווערער אחריות, וואס ווערט ארויפגעלייגט אויף אונדז" —

מיט די דאזיקע ווערטער האט דער קוים צוויי און צוואנציק יעריקער ישראל גאלדשטיין אנגעהויבן זיין סיום־רעדע ביי דער פייערונג אין דעם בית מדרש לרבנים פון קאנסער־וואטיוון יידנטום אין אמעריקע, אין יוני 1918. עס איז דאן געווען א מנהג, אז איינער פון דער גרופע רבנים, וועלכע ווערן ארויסגעלאזן אין דעם יאר מיט זייערע דיפלאמען, ווערט באערט מיט האלטן די סיום־רעדע אין נאמען פון אלע זיינע חברים. ישראל גאלדשטיין איז אויסגעקליבן געווארן פארן דאזיקן כבוד.

ד"ר ישראל גאלדשטיין, דער יונגער ערשט־גראדואירטער ראביי פון יידישן טעאלאגישן סעמינאר, וועמען עס איז צוגעטיילט געווארן דער כבוד צו האלטן די סיום־רעדע, האט אנגעצייכנט פיר הויפט־אויפגאבן פאר א יונגן מאדערנעם רב און גייסטיקן מנהיג פון זיין קהילה — אין יענער צייט, אין 1918, ביים סוף פון ערשטן וועלט־קריג, ווען דאס אמעריקאנער יידנטום איז געשטעלט

געווארן אויפן שיידוועג. אין די שליחות'ן, וועלכע ישראל גאלדשטיין האט אויסגערעכענט, און אין דעם אופן, ווי אזוי ער האט זיי דערקלערט אין זיין סיום־רעדע, האט מען שוין געקענט זען דעם וועג, וועלכן ער האט אויס־געקליבן פאר זיך אין זיין ווייטערדיקן לעבן.

"מיר גייען אריין אין א לאנגער און זייער בכבוד'יקער טראדיציע. אין משך פון צוואנציק דורות איז דער טיטל, וואס ווערט אונדז היינט צוגעטיילט, געווען די באצייכענונג פאר א גייסטיקן פירער פון זיין קהילה. די העלדן פון דער געשיכטע פון אונדזער פאלק זיינען געווען אט די וועלכע האבן געטראגן דעם דאזיקן נאמען. אויב עס איז געווען א גייסטיקע אריסטאקראטיע צווישן יידן, איז עס געווען די אריסטאקראטיע פון לערנען תורה. אזא אריסטא־קראטיע האט אירע ווארצלען נישט אין דעם ערדישן באָדן, נאר אין דער נשמה פון פאלק. אזא אריסטא־קראטיע איז באשיצט פון פאליטישע אויפטרייסלונגען און איבערקערענישן, און לעבט זיי איבער" — האט ישראל גאלדשטיין געזאגט אין דעם אריינפיר פון זיין סיום־רעדע, און ער האט ממשיך געווען:

"אין אונדזער זכרון לעבן איצט אויף די נעמען און די געשיכטע פון די גאוני ישראל, וועלכע האבן אויף אזא נאבעלן אופן אויפגעהאלטן די רבנ'ישע טראדיציע — די גרינדער און די תלמידים פון בית הלל און בית שמאי, וועלכע האבן געראטעוועט און פארזיכערט דעם המשך פון יידישן פאלק נאכן חורבן פון דער יידישער מלוכה. מיר דערמאנען זיך וועגן די תלמידים פון רבי עקיבא, וועלכע האבן ניט מורא געהאט ארויסצוציען די שווערט פון דער שייד אין קאמף פאר פאליטישער און גייסטיקער פרייהייט.

מיר טראכטן וועגן די תנאים און אמוראים, וועלכע האבן, עוסק־זייענדיק מיט לערנען תורה יומם ולילה, אויך געדינט אלס פראקטישע מנהיגים פון זייערע קהילות".

אזוי איז ישראל גאלדשטיין אנגעגאנגען ווייטער מיט זיין געשיכטלעכן איבערבליק, אויספירנדיק אז די אלע רבנים און מנהיגים האבן געווידמעט זייערע לעבנס דער יידישער אמונה און דער אחדות פון יידישן פאלק.

און וואס איז וועגן די פליכטן פון א מאדערנעם רב ביי די ספעציפישע באדינגונגען, וועלכע האבן שוין דעמאלט געהערשט אין יידישן לעבן אין אמעריקע? —

"מיר גיבן זיך אָפּ א דין וחשבון — האט וועגן דעם געזאגט ישראל גאלדשטיין —, אז די אחריות פון א רב אין אמעריקע איז זייער א גרויסע. זי ברענגט מיט זיך די פליכט פון אויפבויען א יידיש לעבן אין דעם לאנד. היינט־צו־טאג איז דאס דאזיקע לעבן אין א כאַאָטישן צושטאנד. די יידישע באפעלקערונג אין די פאראייניקטע שטאטן איז ווייט פון צו זיין אייגהייטלעך. עס איז א בבל פון טיפן און באדינגונגען. א יידישע עפנטלעכע מיינונג לאזט זיך קוים פילן. דאס יידישע לעבן מוז זיך דא כסדר פארטיידיקן קעגן איבערוועגנדיקע פיינטלעכע סאציאלע, עקאנאמישע און אינטעלעקטועלע כוחות".

ישראל גאלדשטיין האט, ווי א גראדואירטער רב פון קאנסערוואטיוון יידנטום, זיך אפגעשטעלט אויף די צוויי אנדערע שטרעמונגען אין דעם רעליגיעזן לעבן פון די אמעריקאנער יידן. ער האט גערעדט אויספירלעך וועגן דער שטרענגער פאנאטישער ארטאדאקסיע, וועלכע וויל גארנישט נאכגעבן און פארלירט דעם איינפלוס אויפן

יונגן יידישן דור, ווערנדיק אָפּגעריסן פון דער ווירקלעכקייט פון לעבן. ער האט זיך אויך אויסגעדריקט שארף קעגן דעם עקסטרעמען פליגל פון דער אנדערער זייט. די רעפארם־יידן, וועלכע פריידיקן פולשטענדיקע אסימילאציע, וואס פירט פאקטיש צו גייסטיקן אונטערגאנג און פארשווינדונג אלס יידן.

"און דא האבן מיר פאַר זיך דאס פראבלעם אלס רבנים. מיר דארפן פארוואנדלען די יידישע רעליגיע אלס א טייל פונעם לעבן פון יידן, נישט בלויז אין דער סינאגאגע נאר אין אלע סאציאלע באציאונגען, אין יעדער פאזע פון אונדזערע יידישע אקטיוויטעטן. דאס איז די אויפגאבע, וועלכע ליגט איצט אויף דעם מאדערנעם אמעריקאנער רב".

אבער דער אמעריקאנער רב דארף האבן פאר זיינע אויגן נישט בלויז דאס יידישע לעבן אין די פאראייניקטע שטאטן; ער דארף נעמען אויף זיך נישט נאר די פליכטן, וואס זיינען בלויז דערמיט פארבונדן — האט ישראל גאלדשטיין באמערקט. ער איז אריבערגעגאנגען צום צווייטן הויפט־פונקט פון זיינע אויספירונגען — צו אַ פראבלעם, וועלכן ער האט שוין דאן געזען פאר זיך, און וואס איז שפעטער געווארן דער יסוד פון זיין גאנצן דענקען און טאָן, פון אלע זיינע מחשבות און מעשים אלס א יידישער עסקן און מנהיג.

"מיר זיינען איצט אריין אין א גרויסער תקופה פון יידישער אויפלעבונג. די האפענונג אויף דער ווידעראויפ־ריכטונג פון ארץ ישראל פארן פאלק ישראל, מיט דעם צוזאָג וואס איז אונדז געגעבן געווארן דורך א גרויסמאכט, האט צוגעאיילט דעם פולס פון יידישן פאלק איבער דער גארער וועלט. די תפילה פון "ותחזינה עינינו בשובך לציון

ברחמים" ליגט איצט אויף אונזערע ליפּן מער ווי אַ תּפילה. איצט איז עס שוין אַן אמת'דיקע דערוואַרטונג".

ישראל גאָלדשטיין האָט מיט שטאַרקער באַטאָנונג גערעדט וועגן דער נייער תּקופה קוים אַ האַלב יאָר נאָך דעם היסטאָרישן געשעעניש פון פאַרעפנטלעכן די באַלפור־דעקלאַראַציע, דעם 2־טען נאָוועמבער 1917. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט דערויף נאָך אויספירלעכער:

"מיר פילן זיך גליקלעך און מיר זיינען דאַנקבאַר, וואָס מיר גייען אַריין אין אונזער באַרוף פון רבנות אין אַזאַ וויכטיקן היסטאָרישן מאָמענט. מיר דאַרפן באמת מאַכן די ברכה: "שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה!" ביי דער עקזיסטענץ פון דעם צענטער פון יידנטום אין יידישן לאַנד וועט די קאָנסטרוקטיווע אַרבעט פון רב אין די תּפוצות באַקומען אַ נייעם אינהאַלט און אַ נייע סטימולירונג. דער אויפבוי פון יידישן לעבן אין די פּאַראַייניקטע שטאַטן וועט ווערן לייכטער און וועט באַקומען וואַרעמקייט און קלאָר אונטער דער ווירקונג פון די שטראַלן פון דער זון, וואָס וועט צו אונדז ווידער אויפשיינען פון ציון" — האָט ישראל גאָלדשטיין פּראָקלאַמירט פאַר זיך אַליין און געזאָגט צו זיינע חברים, די יונגע רבנים.

אין דעם ווייטערדיקן טייל פון זיין סיום־רעדע, וואָס ער האָט אויפגעבויט אין אַ סימעטרישער מאָס און מיט אַ האַרמאָנישן אינהאַלט — ווי אַלס אַן אָנזאָג און ביישפּיל פון די פיל טויזנטער רעדעס און רעפעראַטן, וואָס ער האָט שפּעטער געהאַלטן אַלס רב און יידישער מנהיג — האָט ישראל גאָלדשטיין באַהאַנדלט באַזונדערס נאָך צוויי וויכטיקע ענינים: א) די פליכט און די נויטווענדיקייט פאַר די יונגע רבנים אָפּצוגעבן זיך ווייטער מיט לימוד

התורה און מיט שטודירן די פראבלעמען פון יידישקייט און יידנטום; און ב) די סאציאלע אויפגאבע, אנצוהאלטן ווייטער די באציאונגען צווישן זיך, ווען זיינע חברים און ער פארלאזן אין דעם טאג דעם רבנים־סעמינאר און גייען זיך פונאנדער יעדער אין זיין וועג.

„פאר לימוד התורה קאן נישט זיין קיין סיום. מיט שטודירן דאס יידנטום און יידישקייט קאן מען זיך קיינמאל נישט געזעגענען. מיר קענען נישט זיין קיין לערער פון דעם גייסט פונעם יידענטום, סיידן מיר אליין לערנען ווייטער און טרינקען טיפער פון די קוואלן פון יידישקייט" — האט ישראל גאלדשטיין געזאגט צו זיינע חברים און האט אויך צוגעגעבן:

„דער רבנים־סעמינאר איז געווען א היים פאר אונדז, און מיר האבן זיך דא געפילט ווי ברידער. מיר האבן א סך געלערנט איינער פון אנדערן. מיר האבן פאקטיש זיך אריינגעלעבט איינער אין דעם אנדערנ'ס לעבן. דערזעלבער גייסטיקער קשר, וועלכער פארבינדט אונדז מיט אונדזערע לערער, אלס זין, פאראייניקט אונז איינעם מיטן אנדערן אלס ברידער. האבנדיק געקומען אהער פאר א געמיינזאמען צוועק, גייען מיר ארויס פון דעם רבנים־סעמינאר מיט א בשותפות'דיקער שליחות. אלס זין פון ישראל ווילן מיר זיך ווידמען דעם אויפבוי פון יידישן לעבן אין דעם לאנד. „אל תקרא בניך, אלא בוניך".

מיר וועלן שפעטער זען, אז די דאזיקע הויפט־אויספירן, וועלכע ישראל גאלדשטיין האט געמאכט אין זיין סיום־רעדע, ביים איבערנעמען זיין באַרוף אלס רב, זיינען געווארן די עיקרים פון דער ווייטערדיקער אנטוויקלונג פון זיין לעבן אלס וועגווייזער און דינער פון זיין פאלק.

קאפיטל צוויי

איך האב אים געקענט, ווען ער איז נאך געווען א יינגל

"איך וועל אייך זאגן א פערזענלעך ווארט וועגן אייער נייעם רב. איך האב אים געקענט, ווען ער איז נאך געווען א יינגל, נאך איידער ער איז אריינגעקומען לערנען אין יידישן טעאלאגישן סעמינאר אין ניו יארק. פון דעמאלט אָן האב איך נאכגעפאלגט זיין אנטוויקלונג. ער האט ארויסגעוויזן א איידעלן גייסט, א גרויסע אנטשלאסנקייט און אַ מוט, מיט וועלכן ער קען בייקומען יעדע שטערונג, ווי שווער זי זאל נישט זיין. ביי דער דאזיקער בראווער האלטונג, פארמאגט ער אויך א שיינע באשיידנקייט.

"ווען עטלעכע טעג נאכדעם, ווי ער האט גראדואירט פון סעמינאר, האט איר אים פארשאַפט דעם כבוד איינצולאדן אים צו ווערן אייער רב און גייסטיקער מנהיג, איז ער געווארן א ביסעל צערודערט פון דער גרויס און פון דער וויכטיגער באדייטונג פון אזא אויפגאבע. ער האט אויס־געדריקט דעם ווילן צו ווערן א רב פון א קלענערער קהילה, ווי אייערע. איך האב אים געגעבן די עצה, אז ער זאל אננעמען אייער איינלאדונג, זייענדיג זיכער, אז ער איז א סך רייפער, ווי ער זעט אויס צו זיין אין זיינע יאָרן, און אז ער קאן רעכענען אויף אייער פולער קאאפעראציע.

גיט אים אייער קאאפעראציע מיטן גאנצן ווילן און אין דער פולער מאָס" —

אזוי האט ד"ר סיירוס אדלער, איינער פון די פראמי־נענטסטע יידישע וויסענשאפטלער און געשעצטעסטע פירער פון אמעריקאנער יידנטום אין די ערשטע צענדליקער יארן פון אונדזער יארהונדערט, פארגעשטעלט ישראל גאלדשטיין ביי דער פייערונג, בעת עס איז אים דעם 13־טן דעצעמבער 1918, פייערלעך איבערגעגעבן געווארן — נאך אַ האלבן יאר פון אמטירן — אַ קאנטראקט אויף פינף יאר אלס רב פון דער קהילה "בני ישורון" אין ניו יארק.

די קהילה "בני ישורון" איז די צווייט־עלטסטע יידישע קהילה אין דער געשיכטע פון ניו יארק, און האט פריער געהאט באריִמטע רבנים אלס איִרע פירער און וועגווייזער. צווישן זיי וועט זיין גענוג אויסצורעכענען ד"ר סטיפען ס. וויִז און ד"ר יהודה לייב מאגנעס — אויב אנצורופן בלויז צוויי גרויסע נעמען אין אמעריקאנער יידנטום.

ישראל גאלדשטיין איז דאן געווען אין דעם פריִען עלטער פון קוים צוויי און צוואנציק יאר, אבער שוין מיט א סך בילדונג און וויסן — יידישן און אלגעמיינעם — וואס ער האט זיך דערווארבן מיט התמדה און מיט ליבע צו לערנען. פונדעסטוועגן — צוויי או צוואנציק יאר איז געווען א געוואַגטער עלטער פאר איבערנעמען דעם כסא הרבנות אין א קהילה, וואס האט שוין דאן געהאט הינטער זיך א רומרייכע געשיכטע, שפּילנדיג גאר א גרויסע ראלע אין אויספארמירן און אנטוויקלען דאס יידישע לעבן אין דער וועלט־שטאט ניו יארק.

פון 1825, ווען "בני ישורון" איז געגריינדעט געווארן און

ווען ניו יארק האט געציילט צווישן אירע איינוווינער ווינציקער פון טויזנט יידן, ביזן יאר 1918, בעת די יידישע באפעלקערונג פון דער גרויסער מעטראפאליע פון די פאראייניקטע שטאטן האט שוין געהאט אריבער־געשטיגן די ציפער פון אנדערהאלבן מיליאן נפשות — האט די קהילה, וואס ישראל גאלדשטיין האט דאן איבערגענומען צו פירן, נאכגעפאלגט דעם ריזיקן וואוקס מיט וויכטיקע פונדאמענטאלע אויפטוען אין דער אנט־וויקלונג פון רעליגיעזן און אלגעמיינעם יידישן לעבן אין דער הויפטשטאָט פון דער נייער וועלט.

דאס יאר 1918 איז אבער געווען דער אנהויב פון א גאר נייער תקופה אין דער גורל'דיגער ראלע פון אמעריקאנער יידנטום, אין אנבליק פון די גרויסע ענדערונגען און רעוואלוציאנערע היסטארישע געשעענישן אין לעבן פון וועלט־יידנטום אין ערשטן וועלט־קריג. דער יידישער ישוב אין די פאראייניקטע שטאטן איז דאַן געשטעלט געווארן על פרשת דרכים און האט געדארפט ארויסברענגען פון זיך די כוחות און ארויסווייזן די פעיקייטן, צו נעמען אויף זיך נייע, זייער פאראנטווארטלעכע אויפגאבן. אמעריקאנער יידן האבן דעמאלט געדארפט, ביי דער נייער לאגע, זיך צוגרייטן גיך צו זייער פירנדיקער ראלע אין דער זאָרג פארן קיום פונעם וועלט־יידנטום, און גאר באזונדערס פאר די זייער פארארעמטע יידישע ישובים אין מזרח־אייראפע. ביי דער שטארק אויסגעוואקסענער פאזיציע און א סך פארגרעסערטן איינפלוס פון די פאראייניקטע שטאטן אויף דער אינטערנאציאנאלער פאליטישער אַרענע נאכ'ן ערשטן וועלט־קריג, איז דאס אמעריקאנער יידנטום גערופן געווארן צו געבן זיין דעצידירענדע הילף אינעם קאמף צו באשיצן

די רעכט פון די יידן אין די ניי־אויפגעשטאנענע לענדער פון דער צערודערטער אייראפע און אין אנדערע טיילן פון דער וועלט. גלייכצייטיק איז אויף די אמעריקאנער יידן ארויפגעלייגט געווארן דער חוב, איבערצונעמען א גרויסע אחריות פארן אויפבוי פון דער יידישער נאציאנאלער היים אין ארץ ישראל אין דער נייער תקופה נאך דער פאר־עפענטלעכונג פון דער באלפור־דעקלאראציע.

אין אזא קריטישן און אנטשיידנדיקן מאמענט פאר דער גאנצער ווייטערדיקער אנטוויקלונג פון אמעריקאנער יידנטום האט דער צוויי־און־צוואנציק־יעריקער ישראל גאלדשטיין, וועלכער איז דאן נאר־וואס געהאט ארויס־געקומען פון דעם רבנים־סעמינאר פון קאנסערוואטיוון יידנטום, איבערגענומען דעם אמט פון דעם גייסטיקן פירער פון א גרויסער און זייער בכבוד׳יגער קהילה אין ניו יארק. זיין פראבלעם איז געווען: וואס וועט ער באשאפן פון דער קהילה, צי ער וועט די קהילה ״בני ישורון״ ארויספירן אויפ׳ן ברייטן שליאך, אויפ׳ן דרך המלך, פון דעם וואקסנדיקן יידישן לעבן אין אמעריקע, מיט דעם געהעריקן איינפלוס און מיט געוואגטע איניציא־טיוועס און ביישפילן. דאס האט אויך געמיינט, ארייג־צופאסן זיך און נעמען א פראמינענטן אנטייל אין דער נייער גרויסער פירנדיקער ראלע פון אמעריקאנער יידנטום אינעם לעבן פון וועלט־יידנטום און לטובת דער ווידער־אויפריכטונג פון דער יידישער נאציאנאלער היים אין ארץ ישראל.

פון ישראל גאלדשטיינ׳ס צוגרייטונג צו זיין בארוף און צו זיין זעלבסטשטענדיק לעבן איז געווען צו זען, אז ער האט פארמאגט סיי די גייסטיקע הכשרה און סיי דעם

שטארקן און אויפריכטיקן דראַנג צו פארנעמען זיין ארט אין דער דורכפירונג פון די נייע אויפגאבן פון אמעריקאנער יידנטום — מיט דעם יסוד און מיט דעם אויסגאנגס־פונקט פון דער אחריות, וואס ער וועט דארפן טראגן אויף זיך אלס גייסטיקער מנהיג פון זיין קהילה. דאס האט באדייט פאר אים, באלד אין אנהויב צו ווידמען זיך זיין קהילה; צו טאָן פאר איר אנטוויקלונג, פארטיפונג און אויסברייטערונג, און גלייכצייטיק ארויסגיין אין דעם נייעם אויסגעוואקסענעם יידישן כלל־לעבן אין דער גרויסער אמעריקע.

קאפיטל דריי

פון פילאדעלפיע אין א שטעטל אין ליטע

פאר דורכפירן זיין שליחות, וואס ער האט זיך געשטעלט אין לעבן און אויף וועלכער ער האט אנגעוויזן אין זיין סיום־רעדע אין בית מדרש לרבנים, און דערנאך אין זיין ערשטער דרשה, וואס ער האט געהאלטן ביים איבערנעמען דעם כסא הרבנות פון דער קהילה "בני ישורון" — וואס עס וועט נאך געשילדערט ווערן אין די ווייטערדיקע קאפיטלען — האט דער יונגער **ישראל גאלדשטיין** זיך גערדארפט אליין אנטוויקלען אלס א נייער טיפ פון א רב, גייסטיקער מנהיג און יידישער עסקן אין אמעריקע. ער האט כמעט ווי נישט געהאט פאר זיך קיין מוסטער, צווישן די דעמאלטיקע ראבייס אין אמעריקע, פון וועלכע ער זאל האבן געקאנט אראפנעמען א ביישפיל. די יעניקע פון זיי, וועלכע האבן שוין דאן געהאט זיך דערהויבן צו דער מדרגה פון אלגעמיינער יידישער פירערשאפט — ווי ד״ר סטיפען ס. וויז און ד״ר יהודה לייב מאגנעס — זיינען אין תוך געווען צו־ווייניק באקאנט מיט דער מענטאליטעט פון מזרח־אייראפעאישן יידנטום. די רבנים, ווידער, וועלכע זיינען אליין געקומען פון מזרח־אייראפע און האבן אנגע־האלטן אין אמעריקע די טראדיציעס און דעם שטייגער־לעבן פון מזרח־אייראפעאישן יידנטום, זיינען דאן געווען נאך צו־ווייניק אריינגעטאן אין דער אמעריקאנער יידישער

אטמאספערע, בכדי צו קענען געפינען די שפראך און די ווירקונג אויף דעם שוין אויסגעוואקסענעם און גוט־איינגעווארצעלטן אמעריקאנער יידנטום.

ישראל גאלדשטיין איז געקומען צו זיינע אויפגאבן און צו זיינע צילן, וואס ער האט זיך אנגעצייכנט, פון א שטוב אין אמעריקע, וואס איז נאך געווען טיף באהערשט און דורכגעדרונגען מיט דער סביבה פון דער אלטער יידישער היים אויף יענער זייט ים. דער צופאל האט אויך געוואלט, אז ער האט אויך אליין אין די יינגסטע יארן זיינע — בעת א קינד איז זייער עמפינדלעך — איינגעזאפט אין זיך די גייסטיקע לופט און די שטימונג פון דעם יידישן שטעטל אין ליטע, וווהין זיין מאמע האט אים געבראכט אויף עטלעכע יאר. דערנאך איז ער אויפגעוואקסן אין דער נייער אמעריקאניזירטער יידישער אטמאספערע, וואס האט זיך שוין דעמאלט אנגעהויבן אנטוויקלען און אויספורעמען.

ישראל גאלדשטיין איז געבוירן געווארן דעם 18־טן יוני 1896 אין דער דעמאלטיקער געדיכטער יידישער געגנט פון דרום־פילאדעלפיע, אין א דירה, וואס איז געווען א טייל פון דעם בנין פון דער ניעזשינער שול — ווי זי האט זיך גערופן. עס איז געווען דער בית התפילה פון די "אנשי ניעזשין נוסח־הארי", פון די לאנדסלייט פון דער בארימטער יידישער שטאט אין רוסלאנד. מען קאן זאגן וועגן ישראל גאלדשטיינ׳ען, אז ער איז געבוירן געווארן אין א שול, אין א בית הכנסת — אין דער טויזנטער־יעריקער אידישער אינסטיטוציע, מיט וועלכער ער האט שפעטער פארבונדן זיין וועג אין לעבן.

זיין פאטער, ר׳ יהודה ליב דוד גאלדשטיין, איז געווען

דער משמש פון דער ניעזשינער שול. עטלעכע יאר פריער איז ער געהאט געקומען פון סטאַיאַטשוק ביי ווילנע קיין אמעריקע. ער האט אויך געהאט סמיכה אויף רבנות, און איידער ער איז געפארן קיין אמעריקע האט ער זיך אויסגעלערנט שחיטה. ער האט געלערנט אין ישיבות פון ליטע און איז א צייט געווען אונטער דער השפעה פון הרב ר׳ יעקב ריינעס, איינער פון די גרינדער און טעארע־טיקער פון דער באוועגונג פון רעליגיעזן ציוניזם, „המזרחי״.

מיט דער דאזיגער השפעה איז ר׳ יהודה ליב דוד גאלדשטיין געקומען קיין אמעריקע, און דער ציוניסטישער גייסט איז געווען נאטירלעך אריינגעוואקסן אין דער סביבה פון זיין היים אין דער נייער וועלט. דאס האט געהאט א יסודות׳דיקע ווירקונג אויף דער גייסטיקער אנטוויקלונג פון זיין זון, דעם בכור, ישראל גאלדשטיין.

קומענדיק קיין אמעריקע, האט ר׳ יהודה ליב דוד גאלדשטיין, ווי א סך אנדערע פון דעמאלטיקן גרויסן שטראם פון יידישע אימיגראנטן פון מזרח־אייראפע, אנגע־הויבן פארדינען אויף זיין לעבן פון פעדלעריי. א קורצע צייט שפעטער האט ער אנגענומען די שטעלע פון שמש אין דער ניעזשינער שוהל אין פילאדעלפיע. אין עלטער פון אכט און צוואנציק יאר האט ער חתונה געהאט מיט פאני סילווער, וועלכע איז געווען צען יאר יינגער פון אים. ביידע האבן זיי זיך אפגעגעבן מיט פארזארגן וואס מען האט געדארפט אין ניעזשינער בית הכנסת. ווען זייער בכור, ישראל, איז א ביסעל אויסגעוואקסן, האט ער געהאלפן טאטע־מאמע.

ישראל גאלדשטיין געדענקט ביז איצט, ווי אלס א פיר־יעריק יינגל פלעג ער שבת ביים דאווענען ארומגיין צווישן

די מתפללים און זיי דערלאַנגען אַ "שמעק טאַבאַק". און שפּעטער, ווען ער איז אַ ביסל עלטער געוואָרן, פלעג ער סוכות אַרומטראָגן דעם אתרוג און לולב צווישן די בעלי הבתים אין זייערע היימען, צו בענטשן. דערפון האָט ער אויך געהאַט דאָס ערשטע געלט, וואָס ער האָט פאַרדינט. נאָך אַנדערע שליחות'ן האָט ער אַלס ייִנגל געטאָן אין דער שול.

אין דער שטוב, ווי אין דער שול, איז דאָס לעבן פון דער משפּחה געווען היימיש־ייִדיש, נישט קיין סך אַנדערש ווי אין דעם שטעטל אין ליטע. די משפּחה האָט אויך אָפּגעהיטן און גערעדט דעם ליטווישן ייִדיש. און אויך דאָס האָט אויף ישׂראל גאָלדשטיין'ען — דעם שפּעטערדיקן אַמעריקאַנער ייִדישן פירער און ציוניסטישן מנהיג — געהאַט אַ גרויסע און גרינטלעכע השפּעה.

דאָן איז אין דעם לעבן פון דעם ליטוויש־ייִדישן ייִנגל אין אַמעריקע געקומען אַ וויכטיק געשעעניש, וואָס האָט אין אַ גרויסער מאָס באַווירקט זיין ווייטערדיקע אַנטוויקלונג. זיין מאַמע, וועלכע האָט געמוזט דורכמאַכן אַ קוראַציע איבער אַ רעוומאַטיזם־קראַנקהייט, האָט געדאַרפט אויסקלייבן צווישן אַ היילונגס־אָרט אין אַמעריקע און מינעראַלע בעדער אין קעמערען, ביי ריגע, וואָס זיינען געווען באַקאַנט מיט זייער רפואה. די מאַמע האָט אויסגעקליבן די בעדער ביי ריגע און איז אָוועקגעפאָרן קיין רוסלאַנד מיט דעם פינף־יעריקן ישׂראל און מיט איר ייִנגערן זון, יצחק. דער דאָזיקער באַזוך אין רוסלאַנד האָט זיך פאַרצויגן צוויי און אַ האַלב יאָר. די מאַמע האָט איבערגעלאָזט איר עלטערן זון ביי איר פאָטער אין דעם קליינעם שטעטל קאַבילניק, אין ווילנער גובערניע.

דארט, אין דעם שטעטל, האט ישראל גאלדשטיין פארזוכט דעם טעם פון ״חדר״, וווהין דער זיידע האט אים געשיקט לערנען. דאס איז געווען דער ערשטער יידישער חינוך, וואס ער האט באקומען. שפעטער האט די מאמע אריבער־געבראכט ישראל׳ן אין דעם שכנות׳דיקן שטעטל סווער, וואס איז שוין געווען א גרעסער יידיש שטעטל אין ליטע און וווּ עס האט געוווינט איר ברודער. אין סווער איז דאס יינגל געגאנגען ווייטער אין ״חדר״, און האט שוין געלערנט ביי א בעסערן מלמד. די קינדער־יארן, וועלכע ער האט פארבראכט ביי זיין פעטער אין שטוב, אין סווער, זיינען פארבליבן ישראל גאלדשטיינ׳ען אין זכרון אויף זיין גאנץ לעבן. די אמאליקע יידישקייט פון מזרח־איראפעאישן שטעטל האט זיך טיף איינגעזאפט אין דעם אמעריקאנער־געבוירענעם יינגל.

זיין פעטער, א האלץ־סוחר, אין געווען א למדן און האט געפירט א יידיש־משכיל׳ישע שטוב. ער האט געהאט עטלעכע טעכטער, צו וועלכע עס פלעגן קומען געבילדעטע יונגעלייט. אויך די זין האבן שוין אינאיינעם מיט דעם טראדיציאנעלן ״חדר״ געהאט אריינגעכאפט עפעס פון דער מאדערנער אטמאספערע. א שוועסטער־קינד, וועלכער האט געדינט אין דער רוסישער ארמיי, ווו ער איז געווען א מוזיקאנט, האט נאכן קומען צוריק פון דער ״סלוזשבע״ גענומען לערנען דעם אמעריקאנער קוזין זיינעם שפילן אויף פידל. דאס איז אין יענע צייטן געווען א זעלטנקייט פאר א יידיש קינד. דער יונגער ישראל האט גראד ארויס־געוויזן פעיקייטן אין פידל־שפילן. זיין פעטער און זיינע שוועסטער־קינדער פלעגן זיך צאצקען מיט אים און ווייזן

קרובים און פריינט אין דעם שטעטל, ווי דאס אמעריקאנער ייִנגל וואקסט אויף א פידל־שפּילער.

די מאמע האט אויסגענוצט איר באזוך אין ליטע, צו באקענען איר זון מיט דער גאנצער משפחה זייערער. זי האט אים אויך געבראכט אין דעם דארף סטאַיאַטשיק צו זיין זיידע, דעם טאטנ׳ס פאטער. צום ערשטן מאל האט דאס אמעריקאנער ייִנגל געזען א דארפישע ווירטשאפט און געריטן אויף א פערד. בשכנות פון דעם דארף האבן געוווינט די ברידער פון ישראל׳ס פאטער. די מאמע האט אים אויך געבראכט צו זיי, אין דעם שטעטל.

די יידישע שטעטלעך, מיט די אמאליקע שטעטלדיקע יידן, האבן זיך גוט איינגעקריצט אין זכרון און אין דעם באוווסטזיין פון ישראל גאלדשטיינ׳ען, ווען עס איז שפעטער באשערט געווען אויסצוזיין אין דער גאנצער גרויסער יידישער וועלט מיט אירע צענטערס אויף אלע קאנטינענטן; ארומצופארן צווישן יידן אין אלע תפוצות, און ארבעטן פ א ר ן וועלט־יידנטום און מ י ט ן וועלט־יידנטום — ווי ער האט אין זיינע דערוואקסענע יארן זיך געשטעלט פארן ציל פון זיין לעבן.

קאפיטל פיר

"חדר"-יינגל און קאלעדזש-סטודענט

"אויף מיין גאנץ לעבן זיינען מיר פארבליבן אין זכרון די צוויי און א האלב יאר פון מיין קינדהייט, ווען איך בין אויפגעוואקסן אין די קליינע יידישע שטעטלעך אין ליטע. איך מיין, אז איך האב זייער א סך צו פארדאנקען דעם צופאל, וואס האט מיך געבראכט אהין. איך האב מיט־גענומען מיט זיך פון דעם שטעטל דאס בילד און די סביבה פון דער אלטער וועלט, אָן וועלכער מיין ארייננלעבן זיך אין דער נייער וועלט וואלט געווען א סך ארימער, סיי אין מיינע יידישע געפילן און סיי אין מיין פארשטיין יידן און יידישע נויטן" — האט ישראל גאלדשטיין אפט זיך אויסגעדריקט.

ווען ער איז צוריקגעקומען מיט זיין מאמען קיין פילאדעלפיע איז דער באזונדערער גייסטיקער חן פון דעם קליינעם יידישן שטעטל געלעגען אויף דעם אכט־יעריקן יינגל. ער האט שוין כמעט ווי געהאט פארגעסן זיין ענגליש. ער האט געדארפט אָניאָגן אין דער אמעריקאנער פאלקס־שול. אין דערזעלבער צייט האט זיין פאטער שטארק געזארגט וועגן דעם, אז ער זאל אין פילאדעלפיע נישט נאר ניט פארגעסן די גירסא דינקותא פון דעם קליינעם יידישן שטעטל אין דער ליטע, נאר זאל אויך ממשיך זיין דעם טראדיציאנעלן היימישן יידישן חינוך.

אויך אין פילאדעלפיע איז דאס יינגעל, אינאיינעם מיט לערנען אין דער אמעריקאנער פאלקס־שול, געגאנגען אין א "חדר" אין די נאכמיטאג־שעה'ן. עס איז געווען א ליטווישער "חדר מתוקן" פון שמואל מארקאוויץ — דער בעסטער "חדר" אין יענער צייט אין פילאדעלפיע, וווּ די תלמידים האבן אין צוגאב צו חומש מיט רש"י און א ביסעל גמרא אויך געלערנט דעם מאדערנעם העברעאיש מיט דקדוק. דער טאטע אליין האט זיך אויך אפגעגעבן מיטן יידישן חינוך פון זיין עלטסטן זון. שבת פלעג ער אים "פארהערן" די פרשת השבוע און לערנען מיט אים א בלאט גמרא. ווען ישראל איז אלט געווארן צען יאר, האט דער רבי שמואל מארקאוויץ גע'עצה'ט, אז זיין תלמיד זאל אנהויבן לערנען אין דער ישיבה "משכן ישראל" אין פילאדעלפיע, וואס איר גרינדער איז געווען הרב הגאון רבי דב לעווענטאל, דער רב הכולל פון פילאדעלפיע — מיט וועמען ר' דוד יהודה ליב גאלדשטיין אין געווען גוט באפריינדעט. צוויי יאר איז ישראל גאלדשטיין פארבליבן אין דער ישיבה, וווּ ער איז שוין געזעסן לאנגע נאכמיטאקן איבער דער גמרא — וואס איז דאן אויך ניט געווען קיין געוויינלעכער ענין אין דער דערציונג פון אן אמעריקאנער יידיש יינגל.

די אמעריקאנער פאלקס־שול האט פארלאנגט דאס איריקע. ישראל גאלדשטיין איז, ווייזט אויס, געווען א פלייסיקער שילער. צו צוועלף יאר, מיט צוויי יאר יינגער ווי אנדערע קינדער, האט ער געענדיקט די פאלקס־שולע און איז אריין אין א מיטל־שולע, וועלכע איז געווען א מאדערנע אינסטיטוציע אין דעם זין, וואס עס איז דארט אויך איינגעפירט געווארן האנט־ארבעט אלס פראפעסי־

אנעלע אויסבילדונג. דער קורס אין דער לערן־אנשטאלט איז אויך, אלס אויסנאַם, געווען א דריי־יעריקער, אזוי אז אין עלטער פון פופצן יאר האט ישראל גאלדשטיין, אין 1911, פארענדיקט זיין מיטל־שול בילדונג. דער אמת איז, אז אין האנט־ארבעט האט ער זיך נישט באזונדער אויס־געצייכנט. ער איז פאַרט געווען א ״חדר״־ייִנגעל און דערנאך אויך א ישיבה־בחור. אבער אין אלע אנדערע לימודים, אריינגערעכנט לאטיין, האט ער פארנומען אן ערשט ארט אין קלאס. ער פלעג זיך אויך בייטן מיט זיין חבר, מיט וועמען ער איז געזעסן אויף איין באנק. זיין חבר האט אים ארויסגעהאלפן אין האנט־ארבעט, און דערפאר האט ער מיט יענעם צוזאמען געלערנט די שווערע לעקציעס פון לאטיין.

ארום־און־ארום האט ישראל גאלדשטיין נאכן צוריקקומען פון קליינעם יידישן שטעטל אין ליטע זיך אויך גיך צוריק אמעריקאניזירט. מיט זיינע חברים אין דער מיטל־שול האט ער זיך אזוי נאענט איינגעלעבט, אז פופציג יאר שפעטער, נאכדעם ווי זיי האבן צוזאמען גראדואירט, זיינען זיי אין סעפטעמבער 1961 זיך צונויפגעקומען אויף א יובליי־שמחה אין פילאדעלפיע. ד״ר ישראל גאלדשטיין איז געווען דער הויפט־רעדנער ביי דער פייערונג. די רעדע, וואס ער האט געהאלטן פאר זיינע אמאליקע שול־חברים, האט אפגעשפיגלט דעם וועג, וואס ער האט דורכגעמאכט אין דעם האלבן יארהונדערט. ער האט שוין דאן געוווינט אין מדינת ישראל, אין ירושלים, און האט פארנומען זיינע אמטן אלס מיטגליד פון דער ציוניסטישער וועלט־עקזעקוטיווע און פרעזידענט פון קרן היסוד. קיין אמעריקע איז ער געקומען אויף א קורצן באזוך. מאכנדיק

אן איבערבליק איבער די פארגאנגענע פופציק יאר אין אמעריקע און אין דער וועלט, האט ישראל גאלדשטיין אין זיין רעדע, ביי דער פייערלעכער געלעגענהייט, געזאגט צו זיינע יוגנט־חברים, ס׳רוב נישט־יידן:

״איך גלויב, אז די קליינע יידישע מדינה, פון וואנען איך בין איצט געקומען צו אייך, האט געפאנגען דאס הארץ פון א סך נייע לענדער און האט געוואונען דעם רעספעקט פון פיל עלטערע מדינות. ווייל ישראל איז דורכגעדרונגען מיט א טיפן און מעכטיקן גלויבן. קיין שום אנדערע מדינה איז נישט אזוי ארומגערינגלט פון שכנים, וועלכע ווילן זי אומברענגען, ווי ישראל. און אין דערזעלבער צייט ווייזט נישט ארויס קיין שום אנדער לאנד אזא שטארקע עקשנות אין איינוועסטירן קאנסטרוקטיוו אין א צוקונפט, וואס ווערט געפלאנט מיט אן אויסקוק אויף מענטשלעכן פראגרעס, וועלט־שלום און אוניווערסאלן וווילזיין. דעריבער איז עס אזא גרויסער און אומגעוויינלעכער זכות און אזא דערמוטיקנדיקע דערפארונג, צו לעבן איצט אין ישראל. אין דער יידישער מדינה קען איך זיך אויסלעבן נישט נאר אלס ייד, נאר אויך אלס אמעריקאנער און אלס א בירגער פון דער וועלט״.

אט דעם זכות האט ישראל גאלדשטיין זיך דערווארבן מיט זיין וועג אין לעבן, וואס ער האט זיך אויסגעקליבן, און אויף וועלכן ער האט שוין אנגעהויבן גיין געטריי און מיט איבערגעגעבנקייט אין די ערשטע טריט וואס ער האט געשטעלט ביים אנהויבן בויען זיין אייגענע צוקונפט.

לערנענדיק אין דער מיטל־שול האט ישראל גאלדשטיין אין דערזעלבער צייט באזוכט די קורסן אין יידישן גרעץ־

קאלעדזש אין פילאדעלפיע, וואס בילדעט אויך לערער פאר יידישע רעליגיעזע שולעס. ער איז אנגענומען געווארן אין דעם קאלעדזש, אין עלטער פון בלויז צוועלף יאר — וואס איז א זעלטנהייט — טאקע דערפאר, ווייל ער איז דאן שוין געווען אַ תלמיד פון אַ מיטל־שולע. די לעקציעס אין גרעץ־קאלעדזש זיינען געגעבן געווארן צוויי מאל אין וואך אין די אוונטן און אין זונטיג נאכמיטאג. ישראל גאלדשטיין האט דארט געלערנט יידישע געשיכטע און פעדאגאגיע, ווי אויך העברעאיש אין דער ספרד'ישער אויסשפראך. צווישן זיינע לערער אין דעם קאלעדזש זיינען געווען באוווסטע יידישע וויסענשאפטלער: ד"ר דזשוליוס גרינסטאן, א פראמינענטער פארשער פון תנ"ך, און ד"ר אייזיק הוזיק, וועלכער האט שפעטער דערווארבן א גרויסן נאמען אויפ'ן געביט פון יידישער פילאזאפיע; ראביי הענרי ספיקער, וועלכער האט דאצירט יידישע ליטעראטור, און ארטור דעמביץ, וועמענס פאך עס איז געווען — יידישע געשיכטע.

פרעזידענט פונעם ראט פון גרעץ־קאלעדזש אין פילאדעלפיע איז דאן געווען ד"ר סיירוס אדלער, דער בארימטער אמעריקאנער יידישער פירער און געלערנטער וועלכער האט שפעטער געשפילט א דעצידירנדיקע ראלע אין דער פאר־מירונג פון ד"ר ישראל גאלדשטיינ'ס צוקונפט.

אפגעבנדיק זיך פלייסיק מיט די אלע לימודים, איז אבער ישראל גאלדשטיין נישט פארבליבן בלויז צווישן די ווענט פון די לערן־אנשטאלטן. ער איז אויך געווארן א שטענ־דיקער לייענער אין דער יידישער ביבליאטעק, וואס איז דאן געגרינדעט געווארן אין פילאדעלפיע דורך דער יידישער דערציונגס־געזעלשאפט, און ער פלעגט גיין הערן די

לעקציעס וועגן יידישער און העברעאישער ליטעראטור, וואס זיינען דארט איינגעארדנט געווארן. ער איז געווען אן אפטער באזוכער אין יידישן און ענגלישן טעאטער. ער האט אויך ניט פארנאכלעסיקט זיין נטייה צו מוזיק און האט באזוכט רעגולער די קאנצערטן פון סימפאנישן ארקעסטער אין פילאדעלפיע.

ער האט געפאלגט זיין פאטער, צו גיין הערן די דרשות פון די רבנים וועלכע האבן דעמאלט שטארק אויסגענומען אין פילאדעלפיע. דערביי האט דער פאטער אים גע׳עצה׳ט, צו גיין הערן סיי דעם באוווסטן ארטאדאקסישן רב, דעם זקן הרבנים אין פילאדעלפיע, הרב ב. ל. לעווענטאל, און סיי דעם פראמינענטן רעפארם־ראבינער ד״ר דזשאזעף קראוסקאפף.

אין די גאר פריע יארן איז ישראל גאלדשטיין אריין אין דער ציוניסטישער סביבה און אויך אין אקטיווער ציוניס־טישער ארבעט. דער יונגער ישראל האט, נאך לערנדיק אין ״חדר״, געהאלפן ארגאניזירן א ציוניסטישן קלוב, וואס זיינע חברים און ער האבן א נאמען געגעבן ״התקוה״. ער איז אויך געווארן פארזיצער פון דעם קלוב. דאס איז געווען דער ערשטער פון דער גרויסער צאל פרעזידענט־אמטן, וואס ער האט שפעטער פארנומען אין זיין לעבן.

דער קלוב ״התקוה״ האט געהאט צוויי פארזיצערס, וועלכע פלעגן זיך בייטן פון צייט צו צייט: ישראל גאלדשטיין און גרשון אגראנסקי — וועלכער האט שפעטער באקומען א גרויסן נאמען אלס זשורנאליסט, איז געווען גרינדער און רעדאקטאר פון דער פראמינענטער צייטונג אין ישראל ״דזשערוזעלעם פאסט״, און איז ביים סוף פון זיין

פריצייטיק־פארשניטענעם לעבן געוועז, אלס גרשון אגרון, דער בירגערמייסטער (ראש העיר) פון ירושלים.

אין עלטער פון פופצן יאר, ווען ישראל גאלדשטיין האט גראדואירט די אמעריקאנער מיטל־שולע און האט גלייכ־צייטיק באקומען זיין דיפלאם אין גרעץ־קאלעדזש אלס העברעאישער לערער, איז ער געשטאנען פאר דער פראגע פון אויסצוקלייבן זיין בארוף אין לעבן. ער האט נישט געהאט קיין באזונדערע שוועריקייטן אין אננעמען די אנטשיידונג — א דאנק דער אינטענסיווער גאנץ באשטימ־טער און צילבאוווסטזיניקער גייסטיקער צוגרייטונג, וואס ער האט דורכגעמאכט.

קאפיטל פינף

אין יידישן טעאלאגישן סעמינאר אין ניו יארק

ווען ישראל גאלדשטיין האט געדארפט טראכטן וועגן אויסקלייבן זיך א וועג אין לעבן, איז דער ציל פון א פריוואטער קאריערע נישט אריינגעגאנגען ביי אים אין חשבון. זיין גאנצע דערציונג איז נישט געווען אויף דער דאזיקער ליניע. ער האט געזען זיין צוקונפט פארבונדן מיט אויפגאבן און טעטיקייטן לטובת הכלל. און אין דעם גייסט, אין וועלכן ער איז אויסגעוואקסן און האט זיך אליין אנטוויקלט, האט ער זיך נישט געקענט אנדערש פארשטעלן, ווי אויסלעבן זיך אין דער יידישער סביבה, זיין מיט יידן און ארבעטן מיט יידן.

דאס האט אים געפירט צו דער מחשבה פון אננעמען א פאסטן אין א גרויסער יידישער ארגאניזאציע און ווידמען זיינע פעיקייטן און ענערגיע צו יידישער געזעלשאפטלעכער ארבעט. אבער זיין פאָטער און ד"ר סיירוס אדלער, דער פרעזידענט פון גרעץ־קאלעדזש אין פילאדעלפיע, האבן געפונען פאר אים א בעסערן בארוף. זיי האבן אים צו־גערעדט אוועקצופארן קיין ניו יארק און אריינטרעטן אין יידישן טעאלאגישן סעמינאר, דער בית מדרש לרבנים פון קאנסערוואטיוון יידנטום אין אמעריקע. זייער כוונה איז געווען, אז ווען ער וועט ווערן א רב און איבערנעמען

א קהילה, וועט ער קענען פאראייניקן סיי די גייסטיקע פירערשאפט און סיי די ארבעט לטובת הכלל, צו וועלכער ער איז געווען געניינט און האט געשטרעבט.

ישראל גאלדשטיינ׳ס פאטער און ד״ר סיירוס אדלער האבן נישט געמאכט קיין טעות.

דערווייל האט ישראל גאלדשטיין נישט אפגעלאזט זיין אלגעמיינע בילדונג. נאכ׳ן פארענדיקן די מיטל־שולע האט ער אנגעהויבן שטודירן אין דעם אוניווערסיטעט פון פענסילוואניע. ער האט אויך דארט פלייסיק געלערנט און האט דורכגעמאכט, מיט א הויכער אויסצייכענונג, דעם קורס אין אוניווערסיטעט אין דריי יאר. אגב האט ער אין דער הויך־שול זיך דערווארבן א פראמינענטן פריינד אויף לאנגע יארן, דעם זייער אנגעזעענעם יידישן אריענ־טאליסט אין אמעריקע, פראפעסאר מאריס יאַסטראָוו.

אבער שטודירנדיק אין אוניווערסיטעט, האט ישראל גאלדשטיין געדארפט טראכטן וועגן אויסהאלטן זיך און וועגן ארויסהעלפן זיינע עלטערן אין דער פרנסה. זיין פאטער איז קראנק געווארן און איז געלעגן א לאנגע צייט אין שפיטאל. זייער משפחה איז געווען א גרויסע — מיט דריי זין און איין טאכטער. און ער איז געווען דער עלטסטער זון. שוין אין דעמזעלבן זומער, ווען ער איז ארויס פון דער מיטל־שולע, איז ער אוועקגעגאנגען ארבעטן אין א גרויסן געשעפט אין פילאדעלפיע פאר אכט דאלאר א וואך. דאס איז געווען זיין ערשטער פארדינסט דורך אנגעמען א שטעלע. שפעטער, ווען עס האט זיך אנגעהויבן דער לערן־זמן, האט ער באקומען א מער פאסיקן פאסטן. ער איז געווארן א לערער אין א יידישער יתומים־אנשטאלט, אין א פאָרשטאט פון פילאדעלפיע. דארט האט ער געגעבן

לעקציעס פינף נאכמיטאקן א וואך פאר פופצן דאלאר. א חוץ דעם האט ער זונטיק אין דערפרי געלערנט מיט יידישע קינדער אין אַ זונטיק־שולע. זיינע פארדינסטן זיינען שטארק צו־נוץ געקומען זיין משפחה. אבער ער איז געווען פארנומען דרייסיק שעה א וואך אויף זיינע לערער־שטעלעס, בעת ער האט געוואלט צואיילן זיין שטודיום אין אוניווערסיטעט בכדי צו קריגן ווי אמגיכסטן דעם דיפלאם.

ווען ישראל גאלדשטיין האט גראדואירט דעם אוניווער־סיטעט פון פענסילוואניע, האט ער געפאלגט זיין פאָטער און ד״ר סיירוס אדלער'ן, און איז אוועקגעפארן לערנען אין יידישן טעאלאגישן סמינאר אין ניו יארק. דער ערשטער וועלט־קריג איז נאר־וואס געהאט אויסגעבראכן, ווען דער אכצן־יעריקער ישראל גאלדשטיין איז אריינ־געקומען אין דער גרויסער אמעריקאנער מעטראפאליע, אין ניו יארק, און האט זיך פארשריבן אין דעם בית מדרש לרבנים, וואס איז דעמאלט באטראכט געווארן ווי די העכסטע יידישע לערן־אנשטאלט אין די פאראייניקטע שטאטן. בראש פון סעמינאר איז געשטאנען דער בארימטער יידישער געלערנטער ד״ר **סאלאמאן שעכטער**, וועלכער האט געהאט איבערגענומען די פירערשאפט אין 1901 און האט געבראכט פון אייראפע קיין אמעריקע נאך דריי גרויסע וויסענשאפטלער, וועלכע האבן אוועקגעשטעלט דעם בית מדרש לרבנים אויף א הויכער שטופע. זיי זיינען געווען: פראפעסאר **לואי גינזבורג**, א טיפער פארשער פון תלמוד און א גרויסער למדן; פראפעסאר **ישראל פרידלענדער**, א גרויסער קענער און פארשער פון תנ״ך, וועלכער איז שפעטער טראגיש אומגעקומען אין א שווערער שליחות,

וואס ער האט נאכ'ן ערשטען וועלט־קריג איבערגענומען צו העלפן די יידישע פאגראם־קרבנות אין אוקראינע; דער בארימטער היסטאריקער און ביבליאגראף פראפעסאר פאר יידישער ליטעראטור אלעקסאנדער מאַרקס, און ד״ר ישראל דאווידזאן, א גרויסער פארשער פון מיטלאלטער. ביי זיי האט ישראל גאלדשטיין געלערנט און זיי האבן בארייכערט זיין וויסן. אבער די שטארקסטע השפעה האט אויף אים געהאט דער פראפעסאר אין סעמינאר, ד״ר מרדכי מ. קאפלאן, וועלכער האט געלערנט מדרש און איז מיט דער צייט אנערקענט געווארן אלס איינער פון די טיפסטע יידישע דענקער אין אמעריקע, האבנדיק ארויפגעלייגט זיין חותם אויף דער אנטוויקלונג פון דער מאדערנער רעליגיעזער יידישקייט אין די פאראייניקטע שטאטן און אויך דער אידעאלאגיע פון אמעריקאנער ציוניזם.

שוין אין זיין צווייטן יאר לערנען אין יידישען טעאלאגישן סעמינאר אין אמעריקע האט ישראל גאלדשטיין גענומען זיך אויסצייכענען אין די לימודים. אין זיין דורשט צו לערנען האט ער גלייכצייטיק זיך פארשריבן אין קאלאמביא אוניווערסיטעט אין ניו יארק, צו באקומען אַ העכערן דיפלאם. אין דערזעלבער צייט, ווען ער האט זיך אפגעגעבן מיט די לימודים, האט ער געדארפט זארגן וועגן פארדינען אויף אויסהאלטן זיך. ער האט אנגענומען א שטעלע אין א העברעאישער נאכמיטאג־שולע אין ניו יארק און האט אויך געגעבן פריוואט אונטעריכט. ער האט געוווינט אין ניו יארק זייער באשיידן ביי א משפחה מארקאוויץ, קרובים פון זיין רבי'ן פון דעם "חדר מתוקן" אין פילאדעלפיע, שמואל מארקאוויץ.

ביים סוף פון דריטן יאר לערנען אין יידישן טעאלאגישן סעמינאר איז ישראל גאלדשטיין פאררעכנט געווארן ווי דער ערשטער סטודענט פון זיין קלאס. ער איז דאן ארויס דער ערשטער געווינער אין קאנקורסן פון שריפטלעכע ארבעטן, מיט זיינע עסייען וועגן דער "געשיכטע פון די כוזרים" און וועגן "די אראמייאישע טיילן פון סידור". ער האט אויך באקומען דעם ערשטן פרייז אין דעם קאנקורס פאר דער בעסטער רבנ'ישער רעדע. מיט דער דאזיקער דרשה, מיט וועלכער ישראל גאלדשטיין האט זיך אזוי שטארק אויסגעצייכנט, איז פארבונדן אן אומגעווײנלעכע געשיכטע.

אין יענעם יאר איז אין יידישן טעאלאגישן סעמינאר אין ניו יארק די הויפט־טעמע פון די דרשות, וואס די סטודענטן האבן געדארפט צוגרייטן, געווען: ביאגראפיעס און אפשאצונגען פון די גאוני ישראל. גאלדשטיינ'ען איז געגעבן געווארן די אויפגאבע צו האלטן זיין רעדע וועגן רבן גמליאל פון יבנה. ווען ער האט נאך א גרינטלעכער פארשונג און צוגרייטונג געהאלטן זיין דרשה, איז ער שטארק געלויבט געווארן דערפאר נישט נאר דורך פראפעסאר מרדכי מ. קאפלאן, וועלכער איז געווען דער לערער אויף דעם געביט אין סעמינאר. אויך דעם פרעזידענט פון בית מדרש לרבנים, פראפעסאר שעכטער, איז גאלדשטיינ'ס רעדע שטארק געפעלן געווארן, און ער האט זיך אויסגעדריקט וועגן דעם מיט די העכסטע שבחים אין דער אנוועזנהייט פון אלע סטודענטן.

איז געשען אזוי, אז צוויי טעג שפעטער, פרייטיק דעם 17־טן נאוועמבער 1915, איז ד"ר שעכטער פלוצלינג געשטארבן פון א הארץ־אטאקע אין עלטער פון 69 יאר. די לוויה איז

דורכגעפירט געווארן זונטיג, און שבת איז אין דער סינאגאגע פון סעמינאר, בעת די תפילות, אפגעריכט געווארן א הזכרה. די פראפעסארן האבן אנגענומען דעם אומגעווייגלעכן באשלוס אויסצוקלייבן ישראל גאלדשטיינ׳־ ען אויף צו האלטען די הזכרה־רעדע, און גראד דיזעלבע מיט וועלכער ער האט מיט עטלעכע טעג פריער זיך אזוי שטארק אויסגעצייכנט — וועגן רבן גמליאל פון יבנה.

די דאזיגע אויסוואל איז געמאכט געווארן אויך דערפאר, ווייל ד״ר שעכטער איז אין זיין פירערשאפט פון סעמינאר און אין זיין לעבן אלס לערער און דערציער געגאנגען אין די דרכים פון רבן גמליאל פון יבנה, וועמענס שיטות אין תורה עס האט א סך נאכגעפאלגט ד״ר שעכטער, ווי אויך מיט זיין פארשטענדענעש פאר וועלטעלכער קולטור און מיט זיין טרייקייט צו רבן גמליאל׳ס הויפט־פרינציפ — אחדות ישראל. אזוי איז עס געשען, אז דער 19־יעריקער תלמיד פון בית מדרש לרבנים, ישראל גאלדשטיין, איז אויסגעוויילט געווארן צו האלטן דעם הספד נאך דעם פארשטארבענעם פרעזידענט פון סעמינאר און אים צוטיילן דעם חסד של אמת מיט דערזעלבער רבני׳שער דרשה, פון וועלכער ד״ר שעכטער איז ערשט מיט עטלעכע טעג פריער געווען פול מיט התפעלות.

אט דאס אומגעווייגלעכע געשעעניש אין אריין אין דער געשיכטע פון יידישן טעאלאגישן סעמינאר אין ניו יארק. פאר ד״ר ישראל גאלדשטיינ׳ען איז עס איינע פון די שטארקסטע איבערלעבענעשן, וואס ער טראגט מיט זיך אין זכרון פון זיינע יוגנט־יארן.

אין יוני 1918 האט ישראל גאלדשטיין גראדואירט דעם

בית מדרש לרבנים. א יאר פריער האט ער געענדיקט זיין שטודיום אין קאלאמביא־אוניווערסיטעט אין ניו יארק און באקומען זיין דיפלאם אלס "מעטר אף ארטס". אין דעם לעצטן יאר פון זיין לערנען אין טעאלאגישן סעמינאר האט ער געווונען נאך עטלעכע פרייזן פאר זיינע שריפטלעכע ארבעטען, צווישן זיי פאר א פארשונג וועגן די "מאדערנע אינטערפרעטאציעס פון ספר איוב".

דאן איז דער צוויי און צוואנציק־יעריקער ישראל גאלד־שטיין געשטאנען פאר דער אויפגאבע צו קריגן א רבנות־שטעלע. דאס איז אים נישט שווער אנגעקומען, א דאנק זיינע הויכע אויסצייכענונגען אין יידישן טעאלאגישן סעמינאר. עס האט אים אויך צוגעשפילט א גליקלעכער צופאל, וואס ער איז אריין אין זיין לעבן סיי אלס גייסטיקער מנהיג און סיי אלס עסקן — צו וואס ער האט געשטרעבט — מיט דעם "רעכטן פוס".

קאפיטל זעקס

יונגער ראביי פון עלטסטער אשכנזיישער קהילה אין ניו יארק

"איצט, אין דעם צוואנציקסטן יארהונדערט, אין וועלכן מיר לעבן, איז אונדזער פראבלעם נישט אזוי פיל צו מאכן דאס לעבן פון יידן מער מאדערן — עס איז גענוג מאדערן — נאר ווי אזוי צו מאכן דאס לעבן פון דעם מאדערנעם ייד מער יידיש" — האט דער יונגער ישראל גאלדשטיין געזאגט צו זיין קהילה אין דער ערשטער רעדע, וואס ער האט געהאלטן פאר די מתפללים, בעת ער איז אויפגענומען געווארן אלס ר א ב י י פון "בני ישורון", די עלטסטע אשכנזישע קהילה.

ס'איז געווען א גרויסער כבוד פאר אַ יונגן ראביי, וועלכער איז נאר־וואס ארויסגעקומען פון דעם בית מדרש לרבנים פון קאנסערוואטיוון יידנטום אין אמעריקע, נאכמער איז עס געווען א שווערע אחריות. ישראל גאלדשטיין אליין האט זיך דערפאר א ביסעל געשראקען — איבערצונעמען די פירערשאפט פון אזא גרויסער און אנגעזעענער קהילה.

ד"ר סיירוס אדלער, האט — ווי פריער דערמאנט — געהאט צוגערעדט ישראל גאלדשטיינ'ען, אז ער זאל אננעמען די איינלאדונג פון דער קהילה "בני ישורון". דערביי איז נאך געווען דער צופאל, וואס איינער פון די פירער פון דער קהילה "בני ישורון", סאל מ. סטרוק — א פראמינענטע פיגור אין דעמאלטיקן יידישן כלל־לעבן

אין ניו יארק — וועלכער האט אויך פארנומען א וויכטיקע פאזיציע אין דער פארוואלטונג פון יידישן טעאלאגישן סעמינאר, האט בייגעווינט די סיום־פייערונג אין דעם בית מדרש לרבנים און האט געהערט די רעדע, וואס ד״ר ישראל גאלדשטיין האט געהאלטן אין נאמען פון אלע גראדוירטע. סאל מ. סטרוק האט באקומען אזא גוטן און שטארקן רושם פון דעם ליטעראַרישן און אראטארישן טאלאנט, וואס דער יונגער ראביי האט ארויסגעוויזן אין זיין רעדע, אז ער האט פארגעשלאגן דער פארוואלטונג פון ״בני ישורון״, ווו עס איז דעמאלט פריי געווארן די רבנות־שטעלע, אויסצוקלייבען ישראל גאלדשטיינ׳ען אלס רב. דער פארשלאג איז אנגענומען געווארן. ישראל גאלדשטיין איז באשטימט געווארן אלס ראביי פון ״בני ישורון״ אויף א פראבע פון זעקס חדשים. דערנאך איז ער מיט גרויס כבוד געוויילט געווארן צו דער גייסטיקער פירערשאפט פון דער קהילה אויף דעם געוויינלעכען נארמאלן טערמין פון פינף יאר.

אויסגעלאזט האט זיך עס דערמיט, וואס ד״ר ישראל גאלדשטיין איז אלע זיינע יארן — פיר יארצענדליקער — וואס ער האט זיך געווידמעט אקטיוו דעם רבנ׳ישען בארוף, געווען און געבליבן דער גייסטיקער מנהיג פון דער קהילה ״בני ישורון״, אויסשפרייטנדיג גלייכצייטיק זיין טעטיקייט ברייט און טיף איבער דעם אלגעמיינעם יידישן רעליגיעזן לעבן אין אמעריקע. ער האט אויך פארבונדן זיין אויפגאבע און שליחות מיט כלל ישראל־ארבעט אין די פאראייניקטע שטאטן, אין ארץ ישראל און אין דער גארער יידישער וועלט. אין דעם זין איז ד״ר ישראל גאלדשטיין געווארן איינער פון די פיאנערן

פון שאפן און אויסגעשטאַלטן דעם נייעם טיפ פון דעם מאדערנעם אמעריקאנער ראביי, וועלכער שפילט איצט אזא וויכטיקע ראלע אין דעם אלגעמיינעם יידישן לעבן אין די פאראייניקטע שטאטן און אין די ענינים פון וועלט־יידנטום.

די פאזיציע פון דעם יונגן ד״ר ישראל גאלדשטיין אין אמעריקאנער יידנטום, אינעם קאמף פאר דער באנייונג פון דער יידישער מדינה אין ארץ ישראל און אין דער פירערשאפט פון וועלט־יידנטום איז במשך פון די יארן אויסגעוואקסן צו דער מדרגה, אז ער איז געשטעלט געווארן אין איין ריי מיט די אַ סך עלטערע פון אים: ד״ר סטיפען ס. ווייז, ד״ר יהודה לייב מאגנעס און ד״ר אבא הלל סילווער — וועלכע האבן דערהויבן דעם יידישן כלל אין די פאראייניקטע שטאטן צו זיין היסטארישער ראלע און אחריות אין אונזער תקופה פון דער גרויסער אנטשיידונג אינעם גורל פון יידישן וועלט־פאלק.

ד״ר ישראל גאלדשטיין האט איבערגענומען דעם כסא־רבנות אין דער אלטער און פרעסטיזש־פולער קהילה ״בני ישורון״, נאכדעם ווי ער האט שוין געהאט אנגעהאלטן צייטווייליק — זייענדיג א סטודענט — עטליכע רבנים־שטעלעס אין קלענערע געמיינדעס אין און ארום ניו יארק. ווען ער האט צום ערשטן מאל זיך פארגעשטעלט פאר די מיטגלידער פון ״בני ישורון״, האט ער געוווסט, ווער ער האט פאר זיך. ער האט פאר זיי, גלייך אין זיין ערשטער רעדע, אנטוויקלט א ריי פארשלאגן און אידייען, וואס ער האט זיך פארמאסטן דורכצופירן אין א גרויסן פארנעם.

די צייט — דעצעמבער 1918 — באלד נאכן סוף פון ערשטן

וועלט־קריג, איז אויך געווען א קריטישע אין דעם וווקס פון יידישן קיבוץ אין אמעריקע. אינאיינעם מיט דעם געענדערטן אלגעמיינעם כאראקטער פון די פאראייניקטע שטאטן, וואס האט דאן איבערגענומען א ראלע און אן איינפלוס פון א וועלט־מאכט, האט אויך דאס אמעריקאנער יידנטום געדארפט נעמען אויף זיך די אויפגאבע צוצוגרייטן זיך צו דער שווערער און אחריות'דיגער פאזיציע פון זארג פאר יידישע קיבוצים אין אנדערע לענדער און די פירער־שאפט פון וועלט־יידנטום.

ד"ר ישראל גאלדשטיין האט שוין אין זיין ערשטער רעדע געזאגט צו די מיטגלידער פון "בני ישורון" — אין צוגאב צו דעם, וואס איז אויבן שוין ציטירט געווארן:

"אין אונדזער יידישן פראבלעם אין אמעריקע מאכן מיר איצט דורך זייער וויכטיקע ענדערונגען. די הויפט־פראגע באשטייט נאך אלץ אין דעם, ווי אזוי מיר זאלן אויפהאלטן און אנטוויקלען אונדזער יידישע אידענטיטעט".

ער האט באלד אנגעוויזן אויף אַ דרינגנדיקער אויפגאבע, אריבערגייענדיק גלייך צום ספעציעלן פראבלעם פון דער יידישער יוגנט, מיט וועלכן ד"ר ישראל גאלדשטיין האט זיך תמיד זייער א סך אפגעגעבן:

"מיר האבן פאר זיך די פראגע וועגן די הונדערט טויזנט יידישע יוגנטלעכע, וועלכע קערן זיך באלד צוריק אהיים פון דער מלחמה (פון ערשטן וועלט־קריג). בעת זיי וועלן ארויסקוקן אויף גייסטיקער פירערשאפט, וועלן זיי פאר־לאנגען אז די פירערשאפט זאל זיין פון א פּאָזיטיוון כאראקטער. זיי וועלן זיך נישט צופרידנשטעלן מיט א יידישקייט, וואס האט פארלארן דעם לעבענס־גייסט און

אינהאלט. די רעליגיעזע געפילן, פון וועלכע זיי זיינען באהערשט געווארן אין זייערע דערפארונגען און איבער־לעבענעשן אין די טראַנשייען אויף די פראנטן, זיינען געווען צו־שטארק, אז אט די יוגנטלעכע זאלן איצט, ביי אונדז, באאיינפלוסט ווערן פון א בלאַסער, אויבער־פלעכלעכער יידישקייט. אויב מיר ווילן האבן א השפעה אויף זיי, דארף אונדזער יידישקייט האבן טיפע ווארצלען אין דעם טאג־טעגלעכן לעבן פון אונדזער פאלק און דארף נישט בלויז געפריידיקט ווערן אין דער סינאגאגע אדער אין דעם טעמפל. עס דארף זיין א ממשות'דיקע יידישקייט, פול מיט לעבן, וואס זאל אויך געבן אן ענטפער אויף די געענדערטע פראבלעמען פון אונדזער לעבן".

ד"ר ישראל גאלדשטיין האט אין אט דער ערשטער רעדע געזאגט צו די מיטגלידער פון זיין קהילה וועגן דער אויפגאבע, וואס ער זעט פאר זיך אליין:

"און וואס דארף זיין די ראלע פון דעם רב? וועט ער אנפירן מיט די נייע שטרעמונגען אין אונדזער לעבן; וועט ער זיי אנטוויקלען, צואיילן; אדער וועט ער זיך לאזן פארפלייצן פון זיי?".

ער האט אליין געגעבן דעם ענטפער:

"דער רב דארף אפהיטן אונדזער גייסטיגע ירושה פון דער פארגאנגנהייט און דארף בויען אונדזער נייע צוקונפט. ער דארף נישט פירן קיין טרוקענע אסקעטישע עקזיסטענץ, נאר אויסנוצן זיינע כוחות, זיין וויסן און זיינע פעיקייטן פאר דינאמישע אקטיווטעטן לטובת זיין קהילה — ביי די נייע באדינגונגען".

גלייכצייטיק האט דער יונגער רב געזאגט די מיטגלידער

פון "בני ישורון", אז זיי דארפן וויסן, אז זייער קהילה דארף זיין געבונדן מיטן כלל ישראל און נעמען אויף זיך די פליכטן פארן כלל ישראל:

"כל ישראל ערבים זה לזה" — האט ער דערמאנט די בעליבתים פון זיין קהילה, וועלכע איז דעמאלט באשטאנען אין א גרויסן טייל פון אסימילירטע יידן, פון "יאהודים", ווי מ'האט זיי אין יענער צייט גערופן אין אמעריקע — "אונזער געמיינזאמע אחריות אלס יידן דארף זיין דער קשר, וואס פארבינדט אונדז אלעמען!".

און ער האט אויסגעפירט:

"איך זע ווי אַ הייליקער זכות פאר מיר, צו איבערנעמען אזא שליחות, צו זיין א מדריך פאר אזעלכע געמיינזאמע צילן און אויפגאבן".

ציטירנדיג רבן גמליאל'ן — מיט וועמענס ביאגראפישער אפשאצונג ער האט אזוי שטארק געהאט אויסגענומען אין דעם בית מדרש לרבנים, האט ער צוגעגעבן: "כמדומין אתם, ששררה אני נותן לכם? עבדות אני נותן לכם!". דער יונגער ראביי האט פארענדיקט זיין ערשטע דרשה פאר די מיטגלידער פון זיין קהילה:

"ס'איז א גרויסער זכות פאר מיר, ווען איר האט מיך איינגעלאדן צו זיין אייער ראביי. אבער עס איז א סך מער: עס מיינט, די גרויסע אחריות צו ד י נ ע ן מ י י ן פ א ל ק".

אזוי האט ישראל גאלדשטיין געזען זיין וועג פאר זיך, זיין שליחות און זיינע אויפגאבן, ווען ער האט אין דעצעמבער 1918 געשטעלט די ערשטע טריט אין זיין זעלבסטשטענדיקן לעבן — וואס ער האט פארוואנדלט אין א לעבן פאר זיין פאלק.

קאפיטל זיבן

דער וועג פון איין קהילה צום כלל פון אמעריקאנער יידנטום

"דאס יאר פייערן מיר דעם פינף־יעריקן יובילעי, זינט ראביי ישראל גאלדשטיין האט איבערגענומען זיין אמט און איז אונדזער גייסטיקער פירער. איך באנוץ די דאזיקע געלעגנ־הייט, אים צו באגריסן און אים אויסדריקן אונדזער טיפע אנערקענונג פאר זיין מוסטערהאפטער פירערשאפט און אונדזער ליבע און דרך ארץ, וואס מיר האבן פאר אים. אונטער זיין אנפירונג איז די קהילה "בני ישורון" געווארן זייער אנגעזען, פראמינענט. ער אליין און אונדזער קהילה ווערן איצט שטארק געליבט אין די יידישע קרייזן איבער גאנץ אמעריקע" — אזוי האט דער פרעזידענט פון דער קהילה "בני ישורון" טשארלס וו. ענדעל, זיך אויסגעדריקט אין זיין יערלעכן באריכט, אין 1923. ער האט דערמיט אויסגעדריקט די מיינונג פון אלע מיטגלידער פון דער קהילה, וועלכע זיינען געווען פול מיט ענטוזיאזם איבער די גרויסע און וויכטיקע אויפטוען פון זייער רב און גייסטיקן פירער.

איבערנעמענדיק די פירערשאפט פון דער קהילה "בני ישורון", איז ישראל גאלדשטיין געבליבן געטריי די צילן, וועלכע ער האט זיך אנגעצייכנט. ער האט זיי מיט איבער־געגעבנקייט און מוט דורכגעפירט, זייענדיק באגייסטערט

פאר זיין שליחות וואס ער האט זיך אויסגעקליבן. ער האט באריייכערט און פארטיפט דאס רעליגיעזע לעבן פון די מיטגלידער פון זיין קהילה און זייערע משפחות. דאס איז געווען זיין ערשטע אויפגאבע, אבער נישט די איינציקע. פארשטארקנדיק דעם גייסט פון זיין קהילה און מאכנדיק גרויסע אנשטרענגונגען, אז די מיטגלידער פון ״בני ישורון״ זאלן באקומען א ברייטערן און טיפערן בליק אויף די אלגעמיינע יידישע פראבלעמען, האט ישראל גאלדשטיין זיי אריינגעפירט אין דעם כלל פון אויפגעוואקסענעם אמעריקאנער יידנטום אין יענער צייט און אין די אלגעמיינע יידישע אינטערסן און פליכטן.

ד״ר ישראל גאלדשטיין האט אויך איבערגענומען די פירער־שאפט פון ״בני ישורון״ אין א צייט, ווען די קהילה אליין האט דורכגעמאכט גרויסע ענדערונגען. ״בני ישורון״ האט זיך דאן געהאט אריבערגעקליבן פון דעם מזרח־טייל פון ניו יארק אין דער מערב־געגנט. דאס אריבערפירן די קהילה פון מעדיסאן־עוועניו אין דער 88־טער גאס, צווישן בראדוויי און וועסט־ענד־עוועניו, איז אויך געווען פארבונדן מיט דער אלגעמיינער טראנספארמאציע פון ניו יארק אין יענער צייט. די באלעבאטישע באפעלקערונג, און יידן בתוכם, האט אנגעהויבן אריבערטראגן זיך אין דעם מערב־טייל פון דער שטאט. דער חנוכת הבית פון דעם נייעם בנין פון ״בני ישורון״ איז דורכגעפירט געווארן מיט גרויסער פייער־לעכקייט אין ערך א האלב יאר, איידער ישראל גאלדשטיין איז אויפגענומען געווארן אלס ראביי פון דער קהילה.

מיטן אריבערפירן ״בני ישורון״ אין דער מערב־געגנט פון ניו יארק האט זיך אויך שטארק געענדערט דער כאראקטער

פון דער מיטגלידערשאפט פון דער קהילה. פריער איז "בני ישורון" געווען א געמיינדע פון על פי רוב יידן פון דייטשער, ענגלישער און האלענדישער אפשטאמונג — "יאהודים", ווי מען האט זיי דעמאלט גערופן אין ניו יארק, און דאס האט אויך געהייסן: שטארק אסימילירטע יידן. אין דעם נייעם בנין אין דער מערב־געגנט פון ניו יארק האט די קהילה צובאקומען א גרויסע צאל נייע מיטגלידער, צווישן וועלכע די מערהייט איז באשטאנען פון מזרח־אייראפעאישע יידן — פון דעם ערשטן און צווייטן דור רוסישע, פוילישע, רומענישע, גאליציאנער, עסטרייכישע און אונגארישע יידן, איינגעארדנטע און אקלימאטיזירטע אין דער גרויסשטאָט פון די פאראייניקטע שטאטן.

די גרויסע ענדערונג אין די עלעמענטן פון דער מיטגלידער־שאפט האט געשטעלט דעם נייעם רב פון דער קהילה פאר שווערע און קאמפליצירטע אויפגאבן. אויך אין דער צאל איז די מיטגלידערשאפט פון "בני ישורון" גיך געוואקסן.

דער גוטער נאמען פון דער קהילה, אונטער דער פירער־שאפט פון ישראל גאלדשטיין, האט זיך פארשפרייט אין דער גאנצער געגנט. באלד אין דעם ערשטן יאר, אין 1919, האט די מיטגלידערשאפט זיך פארטאפלט, פון הונדערט משפחות אויף צוויי הונדערט. ארום 1923, ווען ישראל גאלדשטיין האט געהאט דורכגעמאכט זיין ערשטן פינף־יאריקן טערמין אלס רב פון "בני ישורון", זיינען אין דער קהילה שוין געווען אנגעשלאסן אן ערך זיבן הונדערט משפחות.

דאס פראבלעם פארן גייסטיקן מנהיג פון "בני ישורון" איז געווען אויסצוגעשטאלטן אן א מ ע ר י ק א נ ע ר

יידישע קהילה פון די אימיגראנטן און קינדער פון אימיגראנטן, פון די פארשיידענע יידישע ישובים אין דער "אלטער היים" — ווי עס האט געקלונגען דער אנגענומענער אויסדרוק אין יענער צייט — אין מערב און מזרח־אייראפע. דאס איז אויך געווען פארבונדן מיט דעם אלגעמיינעם פראצעס אין יענער תקופה פון דער "פאר־שמעלצונג" פון די מערב־אייראפעישע און מזרח־אייראפעישע יידן אין דעם נייעם טיפ פון אן אמעריקאנער ייד, אין דעם כלל פון ניי־אויספארמירטן און אויסגעוואקסענעם יידישן שבט אין אמעריקע. טראגנדיק אויף זיך די אחריות פאר אזא אנגעזעענער קהילה, ווי "בני ישורון", וואס האט געדארפט דינען אלסביישפיל, איז אויף ישראל גאלד־שטיינ'ען געפאלן די אויפגאבע צו געבן, אין א גרויסער מאס, א ריכטונג און אַן אינהאלט דער אלגעמיינער טראנספארמאציע פון יידישן ישוב אין די פאראייניקטע שטאטן אין יענער תקופה.

דער יונגער ראביי האט אין זיין קהילה, וואס האט געהערט צו דער קאנסערוואטיווער שטרעמונג אין אמעריקאנער יידישן רעליגיעזן לעבן, איינגעפירט א מער טראדיציאנעלן גייסט, איבערנעמענדיק עטלעכע מנהגים פון די ארטא־דאקסישע יידן, וועלכע האבן זיך אנגעשלאסן אין "בני ישורון". דאס האט אויך באַרייכערט דעם נוסח התפילות אין דער שול פון "בני ישורון", און דער ביישפיל איז שפעטער איבערגענומען געווארן דורך די אנדערע געמיינדעס פון קאנסערוואטיוון יידנטום אין ניו יארק און איבערן לאנד.

אבער די גרעסטע מי האט ישראל גאלדשטיין אוועקגעגעבן פאר דער חינוך־ארבעט פון "בני ישורון" און פאר ארייננציען

דעם יונגן דור אין רעליגיעזן לעבן פון דער קהילה. ווען "בני ישורון" האט געעפענט איר רעליגיעזע שולע אין דעם נייעם בנין — ביים אנהויב פון לערן־זמן אין 1918 — זיינען געווען בלויז זיבעציק תלמידים. עס איז געווען אַ זונטיק־שולע, פון דעם טיפ וואס גיט א יידישן חינוך בלויז "אויפן שפיץ מעסער". ישראל גאלדשטיין איז גלייך צו־געטראטן אויסצובורייטערן די שולע. סיי אין איר איינאר־דענונג און סיי אין דעם חינוך־פראגראם. די קינדער האבן אין צוגאב צו זונטיק אויך אנגעהויבן קומען אין דער שולע דינסטיק און דאנערשטיק, אין די נאכמיטאגן, נאכן אהיימקומען פון דער אלגעמיינער אמעריקאנער פאלקס־שולע. און אין די צוויי נאכמיטאקן האבן די קינדער געלערנט די העברעאישע שפראך, נישט בלויז די תפילות.

אויף די באמיונגען פון זייער נייעם רב האט די קהילה אויך איינגעקויפט א באזונדערן בנין, אין שכנות פון דער סינאגאגע, פאר פארגרעסערן די שולע און שאפן בעסערע באדינגונגען. א דאנק דעם איז כסדר געוואקסן די צאל תלמידים און געהעכערט געווארן דער ניוואָ פון די לימודים אין דער שולע. ארום 1925 האבן אין דער שולע שוין געלערנט העכער דריי הונדערט תלמידים, און די קהילה האט געדארפט נעמען נאך א שכנות'דיקן בנין פאר די נייע שול־קלאסן. דאס לערנען אויך אין די נאכמיטאקן פון דינסטיק און דאנערשטיק איז געווארן א חוב. אָן דעם האט די קהילה נישט אנגענומען צו פייערן די "בר מצווה" = שמחה פון די יינגלעך. ביי די דעמאלטיקע באדינגונגען איז דאס אליין געווען א וויכטיקער אויפטו, הגם ישראל גאלדשטיינס שטרעבונג איז געווען איינצופירן ביי דער

קהילה א נארמאלע יידישע טאג־שולע, מיט א גרויסן פראגראם פון יידישע לימודים.

די חינוך־ארבעט פון "בני ישורון" איז אויך אויסגע־ברייטערט געווארן פאר די יוגנטלעכע, וועלכע האבן געלערנט אין די אלגעמיינע אמעריקאנער מיטל־שולעס. דאס האט געפירט דערצו, אז די יוגנטלעכע זיינען בכלל אריינגעצויגן געווארן אין דעם רעליגיעזן און אלגעמיין־יידישן לעבן פון דער קהילה. פאר די יוגנטלעכע איז ארגאניזירט געווארן א באזונדערער בית־תפילה אין די שבתים, אויף דעם אופן וואס איז שפעטער איבערגענומען געווארן דורך אנדערע יידישע געמיינדעס אין ניו יארק און איבערן לאנד. שפעטער זיינען אויך אויף דער איניציאטיוו פון דעם רב פון דער קהילה געשאפן געווארן ספעציעלע קרייזן און קלובן פון יוגנטלעכע, צו וועלכע ישראל גאלדשטיין פלעג קומען און באקענען זיי נישט בלויז מיט די עיקרים פון יידישקייט, נאר אויך מיט יידישער געשיכטע און יידישע פראבלעמען.

די קהילה איז געוואקסן, און איר רעליגיעז לעבן האט זיך אויסגעברייטערט, פארטיפט און בארייכערט. דאס איז אבער נישט געווען גענוג פאר די אויפגאבן פון א מאדערנעם אמעריקאנער רב, ווי ישראל גאלדשטיין האט געשטרעבט צו ווערן. זיין ציל איז געווען, אליין ארויסצוגיין פון די ראמען פון זיינע רעליגיעזע און דערציערישע טעטיקייטן מיט וועלכע ער האט זיך אפגעגעבן אלס רב פון "בני ישורון", און אויך אריינפירן זיין קהילה אין דעם כלל־לעבן פון אמעריקאנער יידנטום, מיט זיינע נייע פליכטן און פאראנטווארטלעכקייטן.

דאס איז געווען די פראבע, פאר וועלכער ישראל גאלדשטיין איז געשטאנען אין זיין שטרעבונג און אין זיין פארמעסט צו פארנעמען אן ארט אין דער פירערשאפט פון דעם אלגעמיינעם יידישן ישוב אין אמעריקע. דאס איז געווען א פיל שווערערע און מער קאמפליצירטע אויפגאבע, ווי צו זיין בלויז דער רעליגיעזער מנהיג פון דער קהילה "בני ישורון".

קאפיטל אכט

ליידנשאפט צו נעמען ביי יידן געלט פאר ארץ ישראל

"אייגנטלעך איז דער יובילײ פון קרן היסוד אויך מיין אייגענער יובילײ פון זאמלען — במשך פון פינף צענטליק יאר — צווישען יידן געלט פאר ארץ ישראל" — האט ד"ר ישראל גאלדשטיין, דער נשיא פון דער וועלט־ארגאניזאציע פון "קרן היסוד", זיך אויסגעדריקט אין א רעדע אין ירושלים ביי איינער פון די פייערונגען לכבוד דעם יובל פון דעם פאלקס־פאנד, אין 1970. אונטער דער פירערשאפט פון ד"ר ישראל גאלדשטיין, און אין א גרויסער מאס מיט זיין באטייליקונג, איז דער פופציק־יעריגער געבוירנטאג פון "קרן היסוד" געפייערט געווארן אין משך פון יאר 1970 כמעט אין אלע יידישע ישובים אין די לענדער פון דעם פרייער וועלט.

ביי אן אנדערער געלעגענהייט, אויך ביי א פייערלעכער פארזאמלונג פארן קרן היסוד, האט ד"ר ישראל גאלדשטיין געזאגט: "ס'איז ביי מיר תמיד א גרויס פארגעניגן, ארויס־צוקריגען פון יידן געלט פאר ישראל".

דאס איז שוין טאקע אן אלטע ליידנשאפט זיינע. ד"ר ישראל גאלדשטיין האט זיך ארייננגעווארפען אין אט דער

לײדנשאַפט גלײך נאָכדעם, װי ער האָט פאַרנומען אַ פּאָזיציע אין יידישן כלל־לעבן, װערנדיק רב און גײסטיקער פירער פון דער קהילה ״בני ישורון״ אין ניו יאָרק. ער האָט געװירקט אויף די מיטגלידער פון זײן קהילה, פון אָנהויב אָן, אַז זײ זאָלן נישט בלײבן בלויז צװישן די ד׳ אמות פון זײער שול — װעלכע איז אַגב אין יענער צײט געװען אײנער פון די שענסטע בנינים פון די בתי תפילה אין אַמעריקע — נאָר אַז זײ זאָלן אַרײנגײן אין דער גרויסער און אַלגעמײנער יידישער סביבה, זיך אָפּגעבן מיט פּראָבלעמען פון גאַנצן יידישן פאָלק און דערפילן זײער חוב פאַר די יידישע נויטן און הצטרכות׳ן. די אויפגאַבע און פליכט צו העלפן װידער־אויפריכטן דאָס אַלט־נײַע יידישע הײמלאַנד אין ארץ־ישראל, האָט ד״ר גאָלדשטײן געשטעלט אויבן־אָן.

דאָס איז געװען אין יאָר 1920, אַ יאָר אַנדערהאַלבן נאָכדעם זינט ד״ר ישראל גאָלדשטײן האָט פאַרנומען דעם כסא הרבנות אין זײן קהילה ״בני ישורון״. אין דעם יאָר, זומער, איז בײ דער ציוניסטישער װעלט־קאָנפערענץ, װאָס איז זיך דאָן צונויפגעקומען אין לאָנדאָן — בײ דער ערשטן װעלט־צוזאַמענפאָר פון דער ציוניסטישער באַװעגונג נאָך דעם ערשטן װעלט־קריג און נאָכן באַקומען די באַלפור־דעקלאַראַציע — אָנגענומען געװאָרן דער באַשלוס צו גרינדן דעם ״קרן היסוד״. דער נײער פאָלקס־פאָנד איז פּראָקלאַמירט געװאָרן אַלס דער פינאַנציעלער אינסטרו־מענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע פאַר אָנהויבן בויען די יידישע נאַציאָנאַלע הײם אין ארץ ישראל, װאָס איז פאַרזיכערט געװאָרן דעם יידישן פאָלק אין דער באַלפור־דעקלאַראַציע. די זאַמלונגען פאַר דעם נײעם פאָלקס־פאָנד האָבן זיך געדאַרפט אָנהויבן גלײך אין אַלע

יידישע ישובים איבער דער גארער וועלט, און די ציוניס־טישע פירערשאפט איז צוגעטראטן צו ארגאניזירן דעם אפאראט פאר די זאמלונגען.

דער יונגער רב פון דער קהילה "בני ישורון" אין ניו יארק האט נישט געוואלטווארטן, ביז אין די פאראייניקטע שטאטן וועט אויפגעשטעלט ווערן די "מאשין" פאר'ן קרן היסוד — וואס איז אין אמעריקע פון תמיד אן געווען א קאמפליצירטער ענין — נאר ער האט גלייך אריינגעצויגן זיין געמיינדע אין די ביישטייערונגען לטובת דעם פאלקס־פאנד פאר ארץ ישראל. שוין אין דעמזעלבן יאר האט ער פון דער קאַסע פון "בני ישורון" ארויסגעקראגן די ערשטע סומע פון טויזנט דאלאר פארן "קרן היסוד". ביי די דעמאלטיקע באדינגונגען איז דאס געווען ממש א רעוואלו־ציאנערער אויפטו, און אין א געוויסן זין אויך א דורכברוך אין דער מענטאליטעט פון דער פירערשאפט פון דער קהילה "בני ישורון" און אירע מיטגלידער.

אין דער קהילה האבן נאך דאן דאמינירט די "יאהודים" וועלכע האבן זיך באצויגן היפש גלייכגילטיק צו דער אידייע פון ציוניזם און צו דער אויפגאבע פאר ווידער־אויפריכטן דאס יידישע היימלאנד. דער יונגער רב האט געדארפט ווירקן אויף די פירער און מיטגלידער פון זיין קהילה, אז זיי זאלן ענדערן זייער איבערציגונג און איינזען די געשיכטלעכע באדייטונג פון ציוניסטישן פאלקס־אידעאל. "בני ישורון" איז געווען די ע ר ש ט ע פון אלע קהילות אין ניו יארק — וועלכע האבן זיך שוין דאן געציילט אין די הונדערטער — וואס האט אפיציעל, מיט די געלטער פון איר קאסע, זיך אפגערופן צום רוף פון דער ציוניסטישער וועלט־ארגאניזאציע וועגן בייצושטייערן פארן קרן היסוד.

דערביי דארף באמערקט ווערן, אז אויך אין די רייען פון די אמעריקאנער ציוניסטן גופא זיינען דאן נאך געווען שארפע חלוקי דעות וועגן דער בארעכטיקונג פון קרן היסוד אלס א פינאנץ־אינסטיטוציע פאר בויען די יידישע נאציא־נאלע היים אין ארץ ישראל. די זייער איינפלוסרייכע גרופע אונטער דער פירערשאפט פון ריכטער לואי בראנדייס האט פארטראטן דעם שטאנדפונקט, אז דאס יידישע היים־לאנד דארף ווידער אויפגעריכט ווערן נישט אויף דער באַזיס פון געלט־זאמלונגען אוןביישטייערונגען פאר א פאלקס־פאנד, נאר דורך אינוועסטירונגען און שאַפן פינאנץ־געזעלשאפטן, וואס זאלן צוטרעטן צו אנטוויקלען באזונדערע צווייגן פונעם עקאנאמישן לעבן אין דער יידישער נאציאנאלער היים אין ארץ ישראל.

ד״ר ישראל גאלדשטיין האט זיך געשטעלט אויף דער זייט פון ד״ר חיים וייצמאן, וועלכער האט געהאלטן, אז די מעטאדע, וואס ריכטער לואי בראנדייס האט פארגעשלאגן, איז נאך א צו־פריצייטיקע און וועט נישט קענען פראקטיש רעאליזירט ווערן. האט זיך עס אויך געהאנדלט וועגן דעם וויכטיגן עיקר, אז דער אויפבוי פון דער יידישער נאציא־נאלער היים זאל טראגן א פאלקס־כאראקטער, אז עס זאל באנייט ווערן דער היסטארישער פרינציפ פון געבן מעשר פאר בנין הארץ. דער יונגער רב איז אליין אריבער־געגאנגען אין דעם ציוניסטישן מחנה פון ד״ר חיים וייצמאן און האט אהין אויך אריינגעפירט זיין קהילה. דאס איז געווען א גרויסער אויפטו און א וויכטיקער ביישפיל פאר אנדערע קהילות אין ניו יארק. א יאר שפעטער, אין 1921, האט ד״ר גאלדשטיין שוין דורכגעפירט אין דער מערב־געגנט פון ניו־יארק — ווו זיין קהילה

געפינט זיך — אן אפיציעלן און פארמעלן קאמפיין פארן קרן היסוד, אריינציענדיק פינף אנדערע יידישע געמיינדעס אין דעם ראיאן. דאס איז געווען א פיאנערישע ארבעט פון גרויסער באדייטונג פאר שאפן הילף לטובת דעם אויפבוי פון ארץ ישראל, דעמאלט און אין די שפעטערדיקע יארן.

ד״ר גאלדשטיין האט אין דעם יאר 1921 דערגרייכט די סומע פון זיבעצן טויזנט דאלאר אין די זאמלונגען פארן קרן היסוד אין זיין געגנט אין ניו יארק. דאס איז געווען א גאנץ באדייטנדיקער רעזולטאט ביי די דעמאלטיקע באדינגונגען. עס האט זיך אים אויך איינגעגעבן, אויפ־צושטעלן א קאמיטעט פון די פראמינענטע מיטגלידער פון די קהילות פאר דורכפירן די זאמלאקציע. אויך דאס איז געווען א פיאנערישער אויפטו. פון דעם קאמיטעט און פון דער ערשטער ארגאניזירטער בשותפות׳דיקער אקציע זיינען דערנאך ארויסגעקומען די עסקנים וועלכע האבן גענומען אויף זיך די אויפגאבע און די פליכט דורכצופירן די רעגולערע יערלעכע קאמפיינען פארן קרן היסוד, און שפעטער פארן ישראל־קאמפיין און פאראייניקטן יידישן קאמפיין, וואס זיינען אזוי שטארק אויסגעוואקסן אין ניו־יארק.

אין יענער צייט איז געקומען קיין ניו יארק די ערשטע ציוניסטישע דעלעגאציע, מיט ד״ר חיים וויצמאן בראש, כדי צו פראקלאמירן די אקציע צווישן יידן איבער גאנץ אמעריקע פארן קרן היסוד. ד״ר ישראל גאלדשטיין איז געווען איינער פון די ערשטע ציוניסטישע עסקנים, וועלכער האט זיך געשטעלט אין דינסט פון דער דעלעגאציע און האט זיך באטייליקט אין דער ארבעט.

די קהילה "בני ישורון" האט פארגרעסערט פון יאר צו יאר דיביישטייערונג פון איר קאסע פאר'ן קרן היסוד.

דאס האט נישט בלויז געמיינט צו שאפן מער געלטער לטובת דעם אויפבוי פון ארץ ישראל. דאס האט אויך געהאט אַ גרויסע באדייטונג אין דערציען און אנטוויקלען ביי די מיטגלידער פון דער קהילה דאס באוואוסטזיין פארן אידעאל פון ציוניזם און דערפילן דעם פאלקס־חוב צו באטייליקן זיך אין דער פארווירקלעכונג פון הערצל'ס און ווייצמאנ'ס אידייע. קוים עטלעכע געציילטע יאר שפעטער, אין 1925, איז אין "בני ישורון" שוין געשאפן געווארן אזא ציוניסטיש־פריינטלעכע אטמאספערע, אז די אקציע פארן קרן היסוד איז אין דעם יאר אפיציעל דורכגעפירט געווארן צווישן אלע מיטגלידער פון דער קהילה. דער דעמאלטיקער פרעזידענט פון "בני ישורון" טשארלז וו. ענדעל האט אין 1925 שוין פונאנדערגעשיקט אן אפיציעלן בריוו צו אלע מיטגלידער פון דער קהילה, אויפפאדערנדיק יעדן איינעם פון זיי בייצושטייערן פארן קרן היסוד. דער קאמפיין צווישן די מיטגלידער פון "בני ישורון" האט אין דעם יאר אריינגעבראכט די גאנץ באדייטנדיקע סומע פון אכט און צוואנציג טויזנט דאלאר פארן אויפבוי פון ארץ ישראל.

דאס איז געווען דער ערשטער אלגעמיינער אפיציעלער קאמפיין פארן קרן היסוד, וואס איז אונטער דער ווירקונג און פירערשאפט פון ד"ר ישראל גאלדשטיין דורכגעפירט געווארן אין אן ארגאניזירטער יידישער קהילה אין ניו־יארק.

כדי צו געפינען א שטארקערן און ווארימערן אפקלאנג צווישן די מיטגלידער פון "בני ישורון", און כדי דורכצופירן

מיט דערפאלג דעם קאמפיין לטובת קרן היסוד, האט דער רב פון דער קהילה איינגעלאדן ציוניסטישע פירער ארויס־צוטרעטן מיט רעדעס פאר די מתפללים. אזוי האט ד״ר חיים ווייצמאן, דער פארזיצער פון דער ציוניסטישער דעלעגאציע אין אמעריקע, וועלכער איז דעמאלט שוין געווען דער געוויילטער פרעזידענט פון דער ציוניסטישער וועלט־ארגאניזאציע, אנגענומען די איינלאדונג פון ד״ר ישראל גאלדשטיין און האט געהאלטן א רעדע פאר די מיטגלידער פון ״בני ישורון״. אויך איתמר בן־אבי, דער ציוניסטישער שריפטשטעלער און ארראטאר — זון פון אליעזר בן יהודה, דער אויפלעבער פון דער העברעאישער שפראך אין ארץ ישראל — איז ארויסגעטראטן אין ״בני ישורון״. א גאסט־רעדנער אין דער קהילה איז אויך געווען דער שפעטערדיקער פרעזידענט פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין אמעריקע, ריכטער יוליאן וו. מעק.

אגב האט ״בני ישורון״ שוין דעמאלט געגעבן פון איר קאסע א קענטיקעביישטייערונג פאר דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין אמעריקע.

די גאנצע דערשיינונג, אז ציוניסטישע פירער זאלן ארויס־טרעטן אויף דער ארענע פון א רעליגיעזער קהילה אין ניו יארק איז געווען אַ נייעס. דערצו האט זיך געגוייטיקט, אריינצוברענגען א נייעם גייסט אין דער קהילה און איבערקומען נישט איין שוועריקייט. ד״ר ישראל גאלדשטיין האט סיסטעמאטיש און געטריי דורכגעפירט די דער־ציונגס־און אויפקלערונגס־ארבעט אין זיין קהילה. די באדייטונג דערפון אין די שפעטערדיקע יארן איז געווען זייער א גרויסע און א וויכטיקע. דאס איז געווען דער

אנהויב פון טראנספארמירן די רעליגיעזע יידישע קהילה אין ניו יארק, און אין גאנץ אמעריקע — און זי דערהויבן צו דער גרויסער ראלע און אויפגאבע, וואס די יידישע "קאמיוניטיס" און צענטערס שפילן איצט אין אלגעמיינעם יידישן כלל־לעבן אין אמעריקע און אין דער ארבעט פאר מדינת ישראל, ווי אויך וואס שייך דער זארג פארן קיום פון וועלט־יידנטום.

נאך א פיאנערישער אויפטו אין דער אקציע פאר ישראל דארף פארצייכנט ווערן אויפן חשבון פון ד"ר ישראל גאלדשטיין אין זיין פירערשאפט פון דער קהילה "בני ישורון": אויך די פרויען־סעקציע ביי דער קהילה איז אריינגעצויגן געווארן אין דעם קאמפיין פארן קרן היסוד.

אין משך פון א ריי יארן האט מיט דער פרויען־סעקציע אנגעפירט ד"ר ישראל גאלדשטיינ'ס פרוי, בערט גאלדשטיין, אליין אויך אן אקטיווע ציוניסטישע טוערין אין משך פון איבער א האלבן יארהונדערט. פרוי בערט גאלדשטיין שטאמט פון דער משפחה מארקאוויץ, קרובים פון ישראל גאלדשטיינ'ס ערשטן רבי'ן אין פילאדעלפיע, שמואל מארקאוויץ. ישראל גאלדשטיין האט מיט איר חתונה געהאט אין 1918. די חתונה איז געפייערט געווארן אין דער שול פון דער קהילה "בני ישורון", וווּ דער חתן האט נאר־וואס געהאט איבערגענומען דעם כסא הרבנות.

א דאנק דער איניציאטיוו און די באמיונגען פון פרוי בערט גאלדשטיין האט אויך די פרויען־סעקציע פון "בני ישורון" זיך באטייליקט אין דער אקציע פארן קרן היסוד. אין 1923 האט די פרויען־סעקציע איינגעארדנט א פאר־זאמלונג, אויף וועלכער דער גאסט־רעדנער איז געווען

זאב זשאבאטינסקי. דער דאזיקער בארימטער ציוניסטישער פירער איז דאן געווען א מיטגליד פון דער ציוניסטישער דעלעגאציע, וועלכע איז געקומען קיין אמעריקע צו פירן דעם ערשטן גרויסן קאמפיין לטובת קרן היסוד.

שפעטער האט די פרויען־סעקציע פון "בני ישורון", אונטער דער אנפירונג פון פרוי בערט גאלדשטיין — וועלכע אין דאן געווען ערן־פרעזידענטין פון דער ארגאניזאציע — איינגע־ארדנט א טעאטער־פארשטעלונג, וואס האט אריינגע־בראכט אַ וועזנטלעכע סומע פארן קרן היסוד.

אויך דאס דורכפירן די דאזיקע אקציעס האט געמיינט, אויסטרעטן דעם וועג פאר דער גרויסער ראלע וואס די פרויען־סעקציעט ביי די יידישע קהילות אין אמעריקע און די יידישע פרויען־ארגאניזאציעס אין אלגעמיין שפילן איצט אין דער ארבעט פארן אויפבוי און פאר דער אנט־וויקלונג פון מדינת ישראל.

דאס איז געווען דער אנהויב פון ישראל גאלדשטיינ'ס "ליידנשאפט ארויסצוקריגן פון יידן געלט פאר ארץ ישראל" — ווי ער האט מיט א סך יארן שפעטער זיך אויסגעדריקט.

דאס הייסט אבער נישט, אז ער זאל זיין קהילה ניט האבן אריינגעצויגן אין דער ארבעט און אין דער פליכט פאר אנדערע יידישע כלל־ענינים און הצטרכות'ן — אין אמעריקע און אין דער גארער יידישער וועלט — שוין באלד אין די ערשטע יארן, ווען ער האט אלס רב און גייסטיקער מנהיג באוויזן צו האבן א גרויסן איינפלוס אויף די מיטגלידער פון "בני ישורון".

קאפיטל ניין

פון דער קהילה אין ניו יארק
צו דער ברייטער יידישער וועלט

״ווען מיין קהילה ״בני ישורון״ האט געפייערט איר הונדערט־יעריקן און דערנאך איר הונדערט פינף און צוואנציק־יעריקן יוביליי, האט מען מיך דערמאנט, אז אין יאר 1825, ווען די גרינדער פון ״בני ישורון״ האבן זיך שווער געמאטערט אויפצושטעלן די געמיינדע, האבן זיי זיך געווענדעט נאך הילף צו אייך. און איר האט שוין דעמאלט געהאט א גוט־איינגעפירטע יידישע קהילה. אין יענער צייט האבן אין שיקאגא, אין דעטראיט אדער אין לאס אנדזשעלעס אפילו נישט עקזיסטירט קיין יידישע קהילות. אָן ספק האט איר דעמאלט אויך באקומען בקשות וועגן הילף מצד אנדערע יידישע קהילות אין די פאר־אייניקטע שטאטן, וועלכע האבן דאן אנגעהויבן צו ארגא־ניזירן זיך״ —

מיט דעם דאזיקן אויסדרוק פון דאנק האט ד״ר ישראל גאלדשטיין אריינגעפירט זיין באגריסונגס־רעדע, וואס ער האט אין מערץ 1954 געהאלטען פאר די מיטגלידער פון דער יידישער קהילה ״ברכה ושלום״ אין דער שטאט סעינט טאָמאס, אויף די ווירדזשין־אינזלען, אין צענטראל־אמעריקע. ער איז געקומען צו די יידן אין דעם אלטן ישוב אויפן אמעריקאנער קאנטינענט, צו ברענגען זיי דעם

גרוס אין נאמען פונעם קאמיטעט, וועלכער האט זיך דאן געגרייט דורכצופירן די פייערונגען לכבוד דעם דריי־הונדערט־יעריקן יובילײ פון יידישן קיבוץ אין צפון־אמעריקע. ד״ר ישראל גאלדשטיין איז געווען איינער פון די פארזיצערס פון דעם יובילײ־קאמיטעט. די אויפגאבע, וואס ער האט אויף זיך גענומען, איז באשטאנען טאקע אין ארייננציען דאס וועלט־יידנטום כדי אפצומערקן די היסטארישע דאטע אין דער אנטוויקלונג און וווקס פון דעם יידישן ישוב אין צפון־אמעריקע. באזונדערט האט ד״ר ישראל גאלדשטיין זיך אוועקגעלאזט אויף די שפורן פון דעם געשיכטלעכן גאנג פון צפון־אמעריקאנער יידנטום, אנהויבנדיק פון די ערטער, פון וואנען די ערשטע יידן זיינען געקומען אין דער שטאט, וואס איז היינט־צו־טאג די גרויסע שטאט פון די פאראייניקטע שטאטן, די איצטיגע ניו־יארק. דאס האט אויך געבראכט ד״ר גאלדשטיינ׳ען צו זיין באזוך אין דער יידישער קהילה אין דער הויפטשטאט פון די ווירדזשין־אינזלען, וואס איז אַ סך עלטער פון יידישן ישוב אין צפון־אמעריקע.

ער איז געווען א גוטער שליח צו די יידן אויף דעם אינדזל. דער רב און גייסטיקער מנהיג פון ״בני ישורון״ וואלט געקאנט אנווייזן אויף דעם — ער האט דאס נישט געטאן און האט זיך באגרענעצט נאר מיט אויסדריקן דאנק־בארקייט — אז זיין קהילה האט אפגעצאלט דעם חוב דער אלטער יידישער געמיינדע אין סעינט טאָמאס. טאקע אויף דער איניציאטיוו פון ד״ר ישראל גאלדשטיין האט ״בני ישורון״ געהאלפן דער יידישער געמיינדע אויף די ווירדזשין־אינזלען, ווען זי האט זיך גענויטיקט אין שטיצע פאר אויפהאלטן דאס רעליגיעזע און גייסטיקע לעבן פון

דארטיקן אלטן יידישן ישוב. דאס איז געווען קורץ נאכדעם, ווי ד״ר ישראל גאלדשטיין האט איבערגענומען דעם כסא הרבנות פון ״בני ישורון״, אין די ערשטע צוואנציקער יארן. איינער פון די אמעריקאנער יידישע היסטאריקער האט ריכטיק פארשריבען:

״פון דער פערספעקטיוו פון א יארהונדערט האט עס אויסגעזען צו זיין א מערקווירדיקער היפוך פון דעם גורל, אז יידן אויף די אינזלען, וועלכע האבן געשטיצט און גענומען אונטער זייער שוץ די ערשטע יידישע קהילות אין צפון־אמעריקע, זאלן דארפן הונדערט יאר שפעטער בעטן הילף ביי זייערע גייסטיקע קינדער, וועלכע זיינען אויס־געוואקסן אזוי צאלרייך און אין אזא ווילזיין, וועגן וועלכן מען האט אפילו ניט געקענט חלומ׳ען״.

אבער עס איז גויטיק געווען צו פירן די קהילה ״בני ישורון״ אויף דעם וועג און אין דעם גייסט, אז אירע גבאים און מיטגלידער זאלן זיך אפגעבן א חשבון וועגן זייער היסטא־רישן חוב און בכלל וועגן זייער אחריות פארן מצב און פארן גורל פון יידן אין אנדערע לענדער און איבער דער גארער וועלט.

דער יונגער רב פון ״בני ישורון״ האט אין דעם זין פאר־שטאנען זיין שליחות פון אנהויב אן, זינט ער האט איבערגענומען די פירערשאפט פון דער קהילה. קודם־כל האט ער אריינגעבראכט זיין געמיינדע אין יידישן כלל־לעבן אין ניו יארק, און אין די פאראייניקטע שטאטן אין אלגעמיין. דערנאך האט ער אויך אריינגעצויגן די מיט־גלידער פון ״בני ישורון״ אין דערפילן די ברידערלעכע פליכטן פארן וועלט־יידנטום. דאס איז געווען די פיאנערישע

ארבעט, א דאנק וועלכער די קהילה "בני ישורון" האט אין א גרויסער מאס געגעבן דעם ביישפיל פאר דער גרויסער פונדאמענטאלער ראלע, וואס די געמיינדעס, אויך די באזונדערע שולן און סינאגאגעס, שפילן איצט אין אמעריקאנער יידנטום ווי צענטערס פון דער יידישער כלל־ארבעט וועלכע סאלידאריזירן זיך אויך מיט דער באנייטער יידישער מדינה און מיט'ן יידישן פאלק איבער דער גארער וועלט.

ד"ר ישראל גאלדשטיין האט אנגעהויבן ווייזן דעם ביישפיל אין זיינע אייגענע טעטיקייטן. ער איז אפט ארויסגעגאנגען פון זיין קהילה צו רעדן צו יידן אין אנדערע געמיינדעס, אויך אין אנדערע שטעט, און רופן זיי צו דערפילן זייערע התחייבות'ן פארן כלל ישראל. שוין אין די ערשטע יארן פון זיין רבנות אין "בני ישורון", איז ער ארויסגעטראטן אויף יידישע אסיפות אין באלטימאר, באסטאן, דעטראיט, וואשינגטאן, פילאדעלפיע, פיטסבורג און אין יידישע געמיינדעס פון אנדערע גרעסערע און קלענערע שטעט.

אין ניו יארק האט ער אויסגעשפרייט זיין ארבעט און זיין השפעה, איבער א סך רעליגיעזע און אלגעמיין־יידישע ארגאניזאציעס. ער האט אויך פארבונדן זיין קהילה מיט אנדערע יידישע געמיינדעס אין ניו יארק און איבערן לאנד און מיט די גרויסע יידישע געזעלשאפטן און אינסטיטוציעס, וואס פארנעמען זיך מיט יידישע כלל־ענינים. איינער פון זיינע ערשטע אויפטוען איז געווען, אז קורץ נאכדעם ווי ער איז געווארן רב פון "בני ישורון" האט די קהילה זיך אנגעשלאסן אין דער פאראייניקונג פון די שולן פון קאנסערוואטיוון יידנטום אין אמעריקע. גאר גיך האט "בני ישורון" פארנומען אן ערשט ארט אין דער פאר־

אייניקונג און האט אויך בייגעשטייערט גרויסע געלטער פארן בית מדרש לרבנים אין ניו יארק. וואס גיט ארויס גייסטיקע פירער פאר די קהילות פון דער קאנסערוואַ־טיווער שטרעמונג אין אמעריקאנער יידנטום.

אויף דעם געביט פון כלל ישראל־ארבעט האט "בני ישורון", אונטער ד"ר ישראל גאלדשטיינ'ס השפעה, אונטערגענומען עטלעכע פיאנערישע איניציאטיוועס, מיט וועלכע די קהילה האט — ווי אין דער ארבעט פאר ארץ ישראל — זיך אויסגעצייכנט שוין דעמאלט צווישן די אנדערע יידישע געמיינדעס אין ניו יארק. אזוי איז עס געווען מיט דעם שטארקן אינטערעס, וואס "בני ישורון" האט ארויסגעוויזן פאר די פאלאשא־יידן אין עטיאפיע. ד"ר ישראל גאלדשטיין אין געווען דער ערשטער וואס האט זיך אפגערופן צום רוף פונעם באוווסטן פארשער פון די פאלאשא־יידן, ד"ר זשאק פייטלאוויטש, וועלכער איז דאן געקומען קיין ניו יארק צו זוכן הילף פאר דעם פארוואגלטן און פארגעסענעם שבט.

ער האט איבערגענומען, צו זיין דער ערשטער פארזיצער פון דעם פרא־פאלאשא־קאמיטעט אין אמעריקע. ער האט זיין אייגענע קהילה און אנדערע יידישע געמיינדעס אריינגעצויגן אין אן אקציע, א דאנק וועלכער עס זיינען געשאפן געווארן די נויטיקע פאנדן פאר גרינדן די ערשטע מאדערנע שולע פאר די פאלאשא־קינדער אין עטיאפיע. אין דער שולע זיינען אויפגעצויגן געווארן יונגע פאלאשן, וועלכע האבן שפעטער אריינגעבראכט א שטארקע אויפלעבונג אינעם יידישן רעליגיעזן און גייסטיקן לעבן פון דעם שבט.

ד"ר ישראל גאלדשטיין האט פון דעמאלט אָן אנגעהאלטן זיין אינטערעס און זיין הילף פארן גורל פון די פאלאשא־

יידן, צו וועלכע ער איז אויך געפארן ספעציעל אויף א באזוך אויף פסח אין יאר 1969.

דאס איז געווען די התחלה, וואס ד"ר ישראל גאלדשטיין האט געמאכט אין די ערשטע יארן, ווען ער האט אנגעהויבן דערפילן זיין שליחות וואס ער האט זיך אנגעצייכנט אין לעבן. ער האט כסדר אויסגעברייטערט און פארטיפט זיין ארבעט און האט גענומען אויף זיך נייע אחריות'ן, ארויס־קומענדיג מיט נייע איניציאטיוון — סיי אין זיין קהילה; סיי אין דעם אלגעמיינעם רעליגיעזן און גייסטיקן יידישן לעבן אין די פאראייניקטע שטאטן; סיי אין די היסטא־רישע אנשטרענגונגען און אין דעם גורל'דיקן קאמף פאר באנייען דאס יידישע היימלאנד אין ארץ ישראל, און סיי אין די שווערע קיום־פראבלעמען פון יידן איבער דער גארער וועלט.

און דאן, אויך אין די ערשטע יארן פון ד"ר גאלדשטיין'ס דינסט פאר זיין פאלק, איז אים אונטערגעקומען א דאנקבארע אבער קאמפליצירטע אויפגאבע, דהיינו: צו באצייכענען די הונדערט־יעריקע עקזיסטענץ פון זיין קהילה "בני ישורון". דאס האט אויך געמיינט אונטערציען א סך הכל פון א ביז גאר וויכטיקער תקופה אין דעם וווקס און אין דער אנטוויקלונג פון גאנצן אמעריקאנער יידנטום.

ער האט געזען די באדייטונג און דעם ציל פון פייערן דעם הונדערט־יעריקן יובילײ פון "בני ישורון" אין אנווייזן דעם וועג פון פארשטארקן און אויסברייטערן די באַזע פאר דער צ ו ק ו נ פ ט פון זיין אייגענער קהילה און פונעם אלגעמיינעם יידישן כלל־לעבן אין אמעריקע.

אהרן אלפעריז

דער הונדערט־יעריקער יובילײ פון ״בני ישורון״ איז אונטער ד״ר ישראל גאלדשטײנ׳ס פירערשאַפט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ וויכטיק יידיש געשעעניש אין די פאַר־אייניקטע שטאַטן.

קאפיטל צען

יונגער רב פייערט הונדערט יאר פון זיין קהילה

די פייערונג פון הונדערט־יעריקן יובילײ פון דער קהילה „בני ישורון“ איז געווען א געשעעניש, וואס האט נישט בלויז אויפגעשטעלט אט די צווייט־עלטסטע יידישע געמיינדע אין ניו יארק אין צענטער פון אינטערעס פון דעמאלטיקן יידישן כלל־לעבן אין די פאראייניקטע שטאטן. די פארשיידענע צאלרייכע אימפרעזעס אין דעם יובילײ־יאר האבן אויך ארויסגעבראכט אין דער ערשטער רייע די פערזענלעכקייט פונעם גייסטיקן פירער פון „בני ישורון“, ד״ר ישראל גאלדשטיין. אין די זעקס יאר, וואס ער האט ביז דאן פארנומען דעם כסא הרבנות אין דער קהילה, האט ער דערהויבן זיין געמיינדע צו א העכער מדרגה און איז אליין אויסגעוואקסן. ביידע אנשטרענגונגען האבן געפאדערט א סך מוט און פיאנערישקייט. דער יונגער רב האט געדארפט ענדערן דעם כאראקטער פון זיין געמיינדע און אויסברייטערן און פארטיפן אירע טעטיקייטן דורך דערציען די מיטגלידער פון „בני ישורון“, אז זייער חוב איז אפצוגעבן זיך מיט אלע יידישע ענינים. ער האט אויך אליין געדארפט אויסגעשטאלטן דעם נייעם טיפ פון דעם רב אין אמעריקע, וועלכער איז אינאיינעם מיט דעם רעליגיעזן און סאציאלן פירער פון זיין קהילה אויך א

יידישער עסקן, מיט דער אחריות פאר דער אלגעמיינער אנטוויקלונג פון יידנטום אין די פאראייניקטע שטאטן און פאר די פליכטן און אויפגאבן וואס אט דער גרויסער און מעכטיגער יידישער ישוב אין דער וועלט דארף אויף זיך נעמען.

אין יאר 1925 האט זיך שוין אנגעהויבן אנצייכענען קלאר די פאראנטווארטלעכע ראלע פון אמעריקאנער יידן אינעם לעבן און אין קיום פון וועלט־יידנטום און פארן גרויסן פאלקס־ציל ווידער אויפצוריכטן די נאציאנאלע היים פון יידישן פאלק אין ארץ ישראל. אין דעם גייסט האט ישראל גאלדשטיין צוגעגרייט און אויסגעארבעט דאס פראגראם פון דער הונדערט־יעריקער יובילײ־פייערונג פון זיין קהילה ״בני ישורון״. זיין הויפט־כוונה איז געווען, צו דעמאנסטרירן ביי דער געלעגנהייט די אייניקייט פון יידן, וואס ער האט זיך באמיט צו שאפן און צעמענטירן זינט ער האט אנגע־הויבן ארבעטן און ווירקן פאר׳ן יידישן כלל. ער האט דאס אויסגעדריקט קלאר אין זיין רעדע ביי דער הויפט־פייערונג פון דעם יובילײ, אין נאוועמבער 1925, ביי דעם באנקעט, אויף וועלכן עס זיינען געווען פארטראטן אלע קרייזן פון ניו יארקער יידנטום, און אין וועלכן עס האבן זיך באטייליקט אויך פירער פון דער פראטעסטאנ־טישער און קאטוילישער קירך און פארשטייער פון דער ניו יארקער שטאט־רעגירונג.

״מיר האבן זיך דא היינט פארזאמלט אלע, בכדי עדות צו זאגן, אז גאנץ ישראל איז איין יידיש פאלק״ — האט ד״ר ישראל גאלדשטיין אויסגעפירט אין זיין רעדע — ״מיר האבן דא באוויזן צונויפצוברענגען די פארשיידענע

יידישע גרופעס, וועלכע זיינען דורכגעדרונגען פון איין הויפּט־געדאנק וועגן דער אייניקייט פון ישראל. לאָמיר נישט זאָגן, אַז בלויז די געפאַר פון פיזישן חורבן, ווי פּאָגראָמען און מלחמה־קאַטאַסטראָפעס, ברענגען צונויף אַלע טיילן פון יידן און מאַכן זיי פארגעסן וועגן זייערע מיינונגס־פאַרשידנהייטן און צו געדענקען בלויז דאָס, וואָס פאַראייניקט זיי. די היינטיגע פייערונג איז אַן אָפּלייקענונג פון דער דאָזיקער באַשולדיקונג. מיר זיינען זיך צונויפגעקומען אויף אַ שמחה, און נישט אין צער. און מיר לעבן דאָ אין דעם לאַנד אין שפע, נישט אין נויט".

ווייטער האָט ד"ר ישראל גאָלדשטיין געזאָגט די מיטגלידער פון זיין קהילה און אַלע פאַרזאַמלטע פּראָמינענטע יידן און ניט־יידן ביי דער פייערונג:

"ס'איז אמת, אַז מיר האָבן דאָ היינט צווישן אונז אָנגעהער־ריקע צו דעם דריטן און פערטן דור פון די גרינדער פון אונדזער געמיינדע. מיר זיינען אַלע דאַנקבאַר פאַר אָנהאַלטן דעם המשך אין אונדזער קהילה. פונדעסטוועגן דאַרפן מיר האָבן אַ ברייטערן און טיפערן בליק און דאַרפן זיך אָפּגעבן אַ חשבון, אַז מיר שטאַמען נישט בלויז פון די גרינדער פון דער קהילה "בני ישורון", נאָר אַז מיר יידן קומען אַרויס פון די אבות פון פאָלק ישורון, און אַלס אַזעלכע טראָגן מיר אויף זיך דעם יחוס און די אחריות נישט נאָר פאַר דריי־פיר דורות, נאָר פאַר מער פון הונדערט דורות".

ד"ר סטיפען ס. ווייז, וועלכער איז אַרויסגעטראָטן מיט אַן איינדרוקספולער רעדע ביי דער פייערונג, האָט זיך קאָנצענטרירט אויף דער זעלבער טעמע. ד"ר סטיפען ס. ווייז איז געווען גייסטיקער פירער פון דער געמיינדע

"בני ישורון" במשך פון עטלעכע יאר, א סך פריער פון ישראל גאלדשטיינ'ען, פון 1893 ביז 1900. ווען ער האט ביי דער שמחה באגריסט די מיטגלידער פון זיין אמאליקער קהילה און אלע פארזאמעלטע, האט ער אויסגעפירט:

"געדענקט, אז מיר זיינען אלע צוזאמען איין יידיש פאלק. אונדזער אפשטאמונג, אונדזער טראדיציע, אונדזער געטריי־שאפט, אונדזער באוווסטזיין מוזן אויפגעהאלטן ווערן ווי ביי קינדער פון דעם איינעם יידישן פאלק. כאטש די גאנצע דרויסן־וועלט וויל עס פארגעסן, זיינען מיר א פאלק, איין יידיש פאלק. מיך אינטערעסירט נישט, צי איר זענט רעפארם־יידן, צי ארטאדאקסן, אדער קאנסערוואַ־טיווע יידן, ליבעראלן צי ראדיקאלן — דאס וויכטיקסטע איז, אז איר באטראכט זיך אלע פאר יידן, און אז איר פילט זיך אייניק און געבונדן נישט בלויז מיט די יידן אין ניו יארק, שיקאגא און סאן פראנציסקא, נאר מיט אלע יידן, ווו זיי זאלן נישט זיין — מיט די יידן אין פוילען, אין דייטשלאנד, אין רוסלאנד, אין פראנקרייך, אין גאליציע, אין רומעניע, אין ארץ ישראל".

דאס איז געווען דער דרך, אויף וועלכן ד"ר ישראל גאלדשטיין האט דערצויגן און געפירט זיין קהילה.

מיט דעם באנקעט, וואס איז פארגעקומען אין נאוועמבער 1925 און וואס איז געווען א גרויס געשעעניש אין יידישן ניו יארק — די מעטראפאליע פון די פאראייניקטע שטאטן מיט איר ריזיקער איינוואוינערשאפט פון פיל פעלקער און ראסען — האט זיך אפגעשלאסן א גאנצע רייע פון פייער־לעכקייטן אין דעם הונדערטסטן יובליי־יאר פון דער

קהילה "בני ישורון". איינע פון די פאראנשטאלטונגען איז געווען געווידמעט דער אקציע פארן "קרן היסוד".

דער ציון־אידעאל, אינאיינעם מיט די פליכטן פון אמערי־קאנער יידנטום פארן אויפבוי פון יידישן היימלאנד זיינען שטארק באטאנט געווארן ביי דער יובליי־פייערונג — אין הסכם מיט דעם ווילן און מיט די איבערצייגונגען פון דעם גייסטיקן פירער פון "בני ישורון", וועלכער האט געגעבן דעם טאן און דעם לייט־מאטיוו צו אלע פארזאמלונגען און שמחות.

א הויפט־מאמענט אין דער פייערונג איז אויך געווען צו פארשרייבן און פאראייביקן די געשיכטע פון דער קהילה "בני ישורון", אויף דעם הינטערגרונט און אין פארבינדונג מיט דער געשיכטע פון דעם אלגעמיינעם יידישן ישוב אין אמעריקע. ד"ר ישראל גאלדשטיין האט גענומען אויף זיך אויך די דאזיקע אויפגאבע און האט אנגעשריבן א גרויס, גרינטלעך און אינהאלטסרייך בוך: "הונדערט יאר יידנטום אין ניו יארק. די קהילה "בני ישורון" 1825—1925". דאס ווערק איז פארבליבן א הויפט־מקור און א האנט־בוך פאר אלע פארשער פון דער געשיכטע פון אמעריקאנער יידנטום.

די אמעריקאנער יידישע היסטארישע געזעלשאפט האט איינגעארדנט א באזונדערע פייערונג, ביי וועלכער ד"ר ישראל גאלדשטיין איז ארויסגעטראטן מיט א רעפעראט אויף דער טעמע: "א קאפיטל געשיכטע פון דער גרינדונג פון "בני ישורון", די צווייט־עלטסטע יידישע קהילה אין ניו יארק". ביי אנדערע פייערונגען האט ד"ר ישראל

גאלדשטיין רעפערירט וועגן "דער ייד פון 1825" און "דער ייד פון 1925".

אלע גרעסערע יידישע ארגאניזאציעס אין ניו יארק האבן דורכגעפירט ספעציעלע פייערונגען לכבוד דעם הונדערט־יעריקן יובילײ פון "בני ישורון". באגריסונגען זיינען אויך דערהאלטן געווארן פון יידישע ישובים אין אנדערע לענדער, צווישן זיי ענגלאנד און פוילן.

לכבוד דער יובילײ־פייערונג האט "בני ישורון" געשאפן א ספעציעלן גרויסן פאנד פאר העלפן ארימע יידישע קינדער אין ניו יארק צו באקומען א יידישע דערציונג. ד"ר ישראל גאלדשטיין האט זיך באזונדערס אפגעגעבן מיט זאמלען די געלטער פאר דעם דאזיקן פאנד.

די קהילה "בני ישורון" איז ארויס א געשטארקטע פון דעם יובילײ־יאר, מיט דער רעפוטאציע פון א גרויסער און מוסטערהאפטער יידישער געמיינדע אין די פאראייניקטע שטאטן. דאס האט ארויפגעלייגט א נייע אחריות אויף דעם גייסטיקן פירער פון "בני ישורון", מיט אויסגע־ברייטערטע פליכטן און אויפגאבן, וועלכע ער האט גערארפט נעמען אויף זיך. און ער האט זיי גענומען גערן — ווייל ער האט אליין געשאפן די באַזע פאר דער פאר־גרעסערונג, פארטיפונג און אויסברייטערונג פון זיין ארבעט און באַרוף. דערצו האט ער געשטרעבט אויף זיין ווייטער־דיקן לעבנס־וועג.

קאפיטל עלף

ערשטער באזוך אין ארץ ישראל

"איך בין געפארן קיין ארץ ישראל, ברענגענדיק די גרוסן פון דער יידישער יוגנט אין אמעריקע צו דער יידישער יוגנט אין אונדזער היימלאנד. איצט בין איך צוריק אין אמעריקע און האב מיטגעבראכט מיט זיך דאסווארט פון דער יידישער יוגנט אין ארץ ישראל און דעם איינדרוק פון דער גרויסער שליחות, וואס דער יונגער דור פירט דורך אין אויפלעבנדיקן יידישן היימלאנד. אט די שליחות דארף זיין א ביישפיל פאר דער יידישער יוגנט אין אמעריקע, פאר אירע אויפגאבן און פאראנטווארטלעכקייטן". —

דאס איז געווען דער אויספיר פון דעם באריכט, וועלכען ד"ר ישראל גאלדשטיין האט אפגעגעבן פאר די מיטגלידער פון דער ציוניסטישער יוגנט־ארגאניזאציע "יאנג דזשודיא", ביי א פייערלעכער פארזאמלונג אין אקטאבער 1928, נאכדעם ווי ער האט אין די זומער־חדשים פון דעם יאר געמאכט זיין ערשטע רייזע קיין ארץ ישראל און האט זיך אויך אפגעשטעלט אויפן וועג אין עטלעכע אייראפעישע לענדער, ווו ער האט זיך פאראינטערעסירט מיטן לעבן פון די דארטיקע יידישע ישובים.

די ראלע פון זוכן די פארבינדונג און שאפן דעם גייסטיקן קשר צווישן ארץ ישראל און אמעריקאנער יידנטום איז פון דעמאלט אָן שוין געווארן דער ציל און דער תמצית

פון ישראל גאלדשטיינ׳ס ציוניסטישער און כלל־ישראל־ארבעט אויף זיין גאנץ לעבן. פון אלע אמעריקאנער ציוניס־טישע מנהיגים האט ער אממייסטן זיך אפגעגעבן מיט דער דאזיקער אויפגאבע פון אנהויב אן, זינט ער האט פארנומען אַ פירנדיקע פאזיציע אין דער ציוניסטישער באוועגונג אין די פאראייניקטע שטאטן.

ווען ד״ר ישראל גאלדשטיין האט אין 1928 געמאכט זיין ערשטן באזוך אין ארץ ישראל, איז ער געווען דער פרעזי־דענט פון דער אמעריקאנער ציוניסטישער יוגנט־ארגאני־זאציע ״יאנג דזשודיא״. דאס איז געווען איינער פון די ערשטע פון די פילצאליקע פרעזידענט־אמטן, אויף וועלכע ער איז שפעטער געוויילט געווארן. ער האט דאן אויך מיטגעבראכט מיט זיך א באדייטנדיקע — פאר יענער צייט —ביישטייערונג, וואס די יוגנט־ארגאניזאציע האט גע־זאמלט צווישן אירע מיטגלידער לטובת דעם אויפבוי פון דער יידישער נאציאנאלער היים אין ארץ ישראל. דעם הויפט־ציל פון שליחות האט ער געזען אין באאיינפלוסן די יידישע יוגנט אין אמעריקע אין דעם גייסט פון די איינדרוקן, וואס ער האט געבראכט מיט זיך פון זיין באזוך אין ארץ ישראל.

״וואס מער איך האב געזען די יוגנט אין ארץ ישראל, אלץ טיפער איז געווארן מיין געפיל צו ווידמען זיך די באדערפענישן פון דער יידישער יוגנט אין אמעריקע. אונדזערע יידישע יוגנטלעכע אין אמעריקע דארפן ווערן ווירדיקע שותפים פון דעם יונגן יידישן דור אין ארץ ישראל. סוף־כל־סוף דארף דאס יידישע פאלק קאנצענטרירן די גרעסטע אנשטרענגונגען פאר זיין המשך און קיום דא,

אין די פאראייניקטע שטאטן, וווּ עס לעבט דער גרעסטער יידישער ישוב אין דער וועלט. וואס איך האב אויסגעפונען אין ארץ ישראל, איז — די ארויספאדערונג צו דער יידישער יוגנט אין אמעריקע, אז זי זאל זיך דערהויבן צו דער פולער מדרגה פון דעם, וואס עס מיינט צו זיין א ייד" — האט ד"ר ישראל גאלדשטיין באטאנט אין זיין רעדע וועגן זיין ערשטן באזוך אין ארץ ישראל פאר אמעריקאנער יידישע יוגנטלעכע. שוין אין דער דאזיקער דערקלערונג האט ער אויסגעדריקט זיין "אני מאמין", וועלכן ער האט געדינט און אויסגעפירט אין די שפעטערדיקע יארן מיט זיינע זייער אפטע נסיעות פון אמעריקע קיין ארץ ישראל און פון ארץ ישראל צוריק קיין אמעריקע.

וועגן דעם אלגעמיינעם רושם, מיט וועלכן ער איז דאן צוריקגעקומען פון ארץ ישראל, האט ד"ר ישראל גאלדשטיין געזאגט צו די מיטגלידער פון "יאנג דזשודיא":

"איך האב ארויסגעטראגן די האפענונג און די איבערצייגונג, אז די צוקונפט פון ארץ ישראל וועט זיכער זיין גרעסער ווי איצט און אויך אזוי גרויס ווי אין אונדזער גלאררייכער פארגאנגנהייט אין יידישן היימלאנד".

אין יוני 1931 האט ד"ר ישראל גאלדשטיין זיך געזעגנט מיט זיין פרעזידענט־אמט פון "יאנג דזשודיא" ביי דעם יערלעכן צוזאמענפאר פון דער ארגאניזאציע נאכדעם ווי ער איז פיר יאר געשטאנען אין איר שפיץ און האט זי אנגעפירט אין דעם גייסט, אין וועלכן ער איז באאיינפלוסט געווארן פון זיין ערשטן באזוך אין ארץ ישראל. זיין אפשייד־רעדע ביי דעם צוזאמענפאר האט ער איינגאנצן

געווידמעט דער ראלע און די פליכטן פון דער יידישער יוגנט אין אמעריקע:

"דער אמעריקאנער ציוניזם וואלט זיך געפונען אין א פיל געזונטערן צושטאנד; די סינאגאגע וואלט געווען אין א בעסערער לאגע, און דער אלגעמיינער טאן פון אמעריקאנער יידישן לעבן וואלט געווען שטארקער און איינפלוסרייכער, ווען די יידישע יוגנט וואלט געלאזט הערן איר שטים, וואלט געקומען מיט אירע טענות און פראבלעמען און וואלט פארטיידיקט איר שטאנדפונקט לגבי די יידישע פראגן". — האט ד"ר ישראל גאלדשטיין אויסגעפירט אין זיין רעדע און האט צוגעגעבן:

"דער אמעריקאנער ציוניזם נויטיקט זיך איצט — אין נייע אידעאליסטישע רעקרוטן פון דער יוגנט. דער ציוניזם האט פאר זיך א לאנגן און א שווערן וועג, וועלכן ער וועט קענען דורכמאכן נאר מיט דער הילף פון דער יוגנט. עס איז דעריבער דרינגנדיק נויטיג, אז די ציוניסטישע ארגאני־זאציע אין אמעריקע זאל זיך ווענדן צו דער יוגנט נאך אקטיווער מיטארבעט".

אויך אין דער רעדע האט ד"ר ישראל גאלדשטיין זיך אפגעשטעלט באזונדערס אויף דער אויפגאבע צו שאפן די "גייסטיקע בריק" צווישן ארץ ישראל און אמעריקאנער יידנטום.

דער רב פון דער קהילה "בני ישורון" איז שוין דאן, נאכן פארענדיקן די פייערונגען לכבוד דעם הונדערט־יעריקן יובילעי פון זיין געמיינדע, געהאט ארויסגעגאנגען אויף דעם ברייטן שליאך פון זיין אלגעמיינער געזעלשאפטלעכער

ארבעט, אין וועלכער ער האט ארומגענומען די פאר־שיידנסטע געביטן פון אמעריקאנער יידישן לעבן. ער האט ווייטער אפגעגעבן די גאנצע אויפמערקזאמקייט און די גרעסטע מי פאר דער אנטוויקלונג פון זיין קהילה און פאר דער פארטיפונג פון יידישן באוווסטזיין פון די מיטגלידער פון זיין געמיינדע און זייערע משפחות. ער האט אויך פארנומען א וויכטיק ארט אין דער פירערשאפט פון דעם ראבינאט אין דעם גרויסן און פארשידנארטיקן יידישע ישוב פון ניו יארק. ער האט זיך א סך אפגעגעבן מיט דער פראגע פון די באציונגען צווישן דער יידישער באפעלקערונג אין ניו יארק און דער ארומיקער פילמיליאניקער נישט־יידישער איינוואוינערשאפט. אין דעם קרייז פון זיינע אינטערעסן זיינען אויך אריינגעגאנגען די סאציאלע פראגן פון יידן און נישט־יידן אין ניו יארק.

אין צענטער פון זיינע פילזייטיקע געזעלשאפטלעכע טעטי־קייטן איז געווען דאס ווידמען זיך דעם אידעאל פון ציוניזם, אין וואס ער האט געזען דעם גייסטיקן רענעסאנס פונעם יידישן פאלק.

די באזע, ווו ער האט קאנצענטרירט זיינע טעטיקייטן, און פון וואנען ער האט אויסגעשפרייט זיין איינפלוס, איז געווען זיין קהילה "בני ישורון". אויך זיין עמוד אין דער שול פון דער קהילה, פון וואנען ער האט גערעדט צו די מתפללים, און דורך זיי — צום ברייטן יידישען עולם, האט אים געדינט פאר די אלע פארשיידענע אויפגאבן, וואס ער האט געטריי אויסגעפירט. אין דעם זין האט ער אליין פערזאניפיצירט דעם נייעם טיפ פון ראביי אין אמעריקע, דעם גייסטיקן פירער פון זיין קהילה און דעם

יידישן עסקן, דעם סאציאלן טוער און ציוניסטישן מנהיג.

ער האט אויך געהאלפן צו דערציען דעם דאזיקן נייעם דור אין אמעריקאנער ראבינאט, וואס שפילט איצט א פירנדיקע ראלע אין אלגעמיינעם יידישן לעבן אין די פאראייניקטע שטאטן.

ווי דער פרעזידענט פון "יאנג דזשודיא" אין די פיר יאר, פון 1927 ביז 1931, האט ד"ר ישראל גאלדשטיין געהאלפן דערציען און צוגרייטן א צאל יונגע טוער פאר דער אמעריקאנער ציוניסטישער באוועגונג. אויך אין זיין קהילה האט ער זיך א סך אפגעגעבן מיט דעם יינגערן דור, זארגנדיק דערפאר, אז די עלטערן זאלן באקומען א יידישע דערציאונג גלייכצייטיק מיט די קינדער. ער האט אויסגע־ברייטערט און פארגרעסערט דאס לערן־פראגראם אין דער שולע ביי זיין קהילה. פאר די עלטערע און יינגערע מיט־גלידער פון זיין געמיינדע האט ער ארגאניזירט לימודים וועגן יידישקייט און קורסען וועגן יידישע פראבלעמען.

זיין הויפט־זארג אריינצוציען דעם יינגערן דור אין דעם לעבן און אין די טעטיקייטן פון דער קהילה האט אים געפירט דערצו, אז ער האט איבערגענומען אויף עטלעכע יאר דעם אמט פון פרעזידענט פון דער יוגנט־ארגאניזאציע פון קאנסערוואטיוון יידנטום, אין וועלכן די געמיינדע "בני ישורון" האט פארנומען אן ערשט ארט.

אין דעם יאר, ווען ד"ר ישראל גאלדשטיין האט ארגאניזירט די פייערונגען לכבוד דעם הונדערט־יעריקן יובילײ פון זיין קהילה, איז ער געווילט געווארן אלס פרעזידענט פון דער פאראייניקונג פון די רבנים אין ניו יארק, וואס נעמט ארום

אלע דריי ריכטונגען אין רעליגיעזן יידנטום אין אמעריקע: די גייסטיקע פירער פון די ארטאדאקסישע קהילות, פון די קאנסערוואטיווע און רעפארם־געמיינדעס. אין די צוויי יאר, וואס ער האט פארנומען דעם אמט, ביז 1927, האט ער באוויזן א סך אויפצוטאן פאר שאפן דעם נייעם טיפ פון אמעריקאנער רב, מיט זיינע ספעציפישע אויפגאבן און פאראנטווארטלעכקייטן. אויף זיין איניציאטיוו האבן די מיטגלידער פון דער פאראייניקטער רבנים־ארגאניזאציע אין ניו יארק אפגעהאלטן צווישן זיך אליין טיפע דיסקוסיעס וועגן די נייע אויפגאבן. די באהאנדלונגען זיינען, ביים סוף פון ד״ר ישראל גאלדשטיינ׳ס פירערשאפט פון דער ארגאניזאציע, פארעפענטלעכט געווארן אין א בוך: ״די פראבלעמען פון אמעריקאנער ראבינאט״, וואס איז ביז איצט א האנט־בוך פאר די גייסטיקע פירער פון די יידישע געמיינדעס אין די פאראייניקטע שטאטן.

אין דעם זעלבן גייסט פון זיין פארצווייגטער געזעלשאפט־לעכער ארבעט האט ד״ר ישראל גאלדשטיין ארגאניזירט און איבערגענומען דעם פארזיץ פון א קאמיסיע פאר סאציאלער גערעכטיקייט אין דעם פארבאנד פון די קאנסערוואטיווע רבנים. דאס באשעפטיקן זיך מיט די סאציאלע פראבלעמען, פאר וועלכע ער האט תמיד ארויס־געוויזן א גרויסן אינטערעס אין גייסט פון דער יידישער אמונה און טראדיציע, האט אים געבראכט אין קאנטאקט מיט די פארשטייער פון דער פראטעסטאנטישער און קאטוילישער קירך אין אמעריקע. דאס האט אים געפירט צו פארנעמען א פראמינענטע פאזיציע אין דער אלגעמיינער איינפלוסרייכער ארגאניזאציע אין אמעריקע, וואס גיט

זיך אָפּ מיט פאַרבעסערן די באַציונגען צווישן דער קריסט־לעכער און יידישער באַפעלקערונג.

די אַלע פאַרצווייגטע טעטיקייטן און אויפגאַבן האָבן אָבער נישט אָפּגעצויגן ד״ר ישראל גאָלדשטיינ׳ס אויפמערק־זאַמקייט פון זיין הויפּט־ציל און הויפּט־אינטערעס: צו ציוניזירן דאָס אַמעריקאַנער יידנטום און אַרבעטן פאַר ארץ ישראל, ווו עס איז אין יענע יאָרן אָנגעגאַנגען די גרויסע אָנשטרענגונג פאַר ווידעראויפריכטן די יידישע נאַציאָנאַלע היים — די קומענדיקע יידישע מדינה אין ארץ ישראל.

פאַר אַט דער אַרבעט איז ד״ר ישראל גאָלדשטיינ׳ען אָנפאַר־טרויט געוואָרן אין 1933 די פּירערשאַפט פון איינער פון די וויכטיקסטע דעמאָלטיקע אויפגאַבן פאַר ארץ ישראל. דערמיט האָט זיך אויך אָנגעהויבן דאָס גרויסע קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון ד״ר ישראל גאָלדשטיינ׳ס לעבן און דינסט פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג און פאַרן יידישן היימלאַנד.

קאפיטל צוועלף

"גואל האדמה" — אין אמעריקע

"דאס איז נישט די ערשטע פאראנטווארטלעכקייט, וואס איך נעם אויף זיך אין יידישן און ציוניסטישן לעבן. איך האף, אז דאס איז אויך נישט די לעצטע".

"אבער איך וויל אייך זאגן, אז אט די נייע אויפגאבע איז נאענטער צו מיין הארצן פון יעדער אנדערער שליחות, וועלכע איך האב ביז איצט דורכגעפירט".

"דער יידישער נאציאנאל פאנד, קרן קימת לישראל, איז נאענט צו מיין הארצן, ווייל ער פארקערפערט אין זיך דעם אידעאל פון סאציאלער גערעכטיקייט, אפשר מער פון יעדער אנדערער פאזע אין דער ציוניסטישער באוועגונג. דער קרן קימת לישראל איז נאענט צו מיין הארצן, ווייל ער איז נאענט צו די מאסן פון יידישן פאלק". —

מיט דעם דאזיקן "אני מאמין" האט ד"ר ישראל גאלדשטיין איבערגענומען די פרעזידענטשאפט פון יידישן נאציאנאל־פאנד אין אמעריקע אין 1933. מיט די ווערטער האט ער אנגעהויבן זיין רעדע ביי דער לאנד־קאנפערענץ פון קרן קימת לישראל, דעם 6־טען דעצעמבער פון דעם יאר, ווען ער איז איינגעלאדן געווארן און איינשטימיק אויסגעוויילט געווארן צו שטעלן זיך אין שפיץ פון דער ארגאניזאציע פארן יידישן נאציאנאל־פאנד אין די פאראייניקטע שטאטן.

ער האט נאך — ווי ער האט דאס אויך געטאן שפעטער ביים איבערנעמען אַנדערע גרויסע שליחות'ן פאר דער ציוניסטישער באוועגונג און פאר ארץ ישראל — אויך צוגעגעבן אין אַ ווארימער דערקלערונג עטלעכע פערזענלעכע, ריירנדיקע נאטעס:

„אין דער היים פון מיינע עלטערן, וואס איז נישט געווען קיין רייכע שטוב, איז די בלוי־ווייסע פושקע פון יידישן נאציאנאל פאנד געווען כמעט אזוי חשוב, ווי די מזוזה, אלס א סימבאל פון אונדזער יידישקייט.

„איך קוק ארויס אויף דער מעגלעכקייט, וואס איר האט מיר געגעבן איצט, צו דינען דעם הייליקן ציל, וואס איז ביי מיר טייער זינט מיין קינדהייט.

„און איך בין זיכער, אז אמעריקאנער יידן וועלן זען אין קרן קימת לישראל דאס ה א ר ץ פון אונדזער ארץ ישראל־אידעאל.

„איך בין געווען אין ארץ ישראל צוויי מאל אין משך פון די פארגאנגענע פינף יאר. דאס צווייטע מאל בין איך געפארן, כדי צו פייערן די בר־מצווה פון מיין זון. ביידע מאל בין איך צוריקגעקומען געשטארקט אין מיין ענטוזיאזם פארן יידישן נאציאנאל פאנד, און איבערצייגט אז דער קרן קימת לישראל איז דאס הארץ פון דער ציוניסטישער באוועגונג.

„מער פון צוויי דריטל פון מיין לעבען" — און ד"ר ישראל גאלדשטיין איז דאן אלט געווען 37 יאר — „בין איך א ציוניסט. די אנדערע יארן האב איך אוועקגעגעבן אויף געבוירן ווערן און אויפוואקסן. איך האף, אז מיינע

טעטיקייטן און דערפאַרונגען אין ציוניזם וועלן מיר העלפן צו קענען דינען איצט מיט כבוד און מיט די נייטיקע רעזולטאַטן די צילן פון קרן קימת לישראל".

ד"ר ישראל גאָלדשטיין האָט זיך אויך אָפּגעשטעלט אויף דער באַזונדערער ערנסטקייט און דרינגנדיקייט פון דער צייט, ווען ער האָט אַנגענומען אויף זיך די נייע שליחות.

דאָס איז געווען אינעם ערשטען בהלה־יאָר, זינט דער רוצחישער היטלעריזם האָט באַהערשט דייטשלאַנד, און מאַסן יידן זיינען געצוואונגען געוואָרן צו אַנטלויפן אין גרויסער פּאַניק פון "דריטען רייך":

"אין דער איצטיקער צייט באַזונדערס, ווען די לאַגע אין דייטשלאַנד ברענגט אַ נייעם גרויסן עליה־שטראָם קיין ארץ ישראל, פאַרנעמט דער יידישער נאַציאָנאַל־פאָנד אַ סטראַטעגיש אָרט סיי אין דער ציוניסטישער רעטונגס־אַקציע פאַר אונדזערע ברידער פון היטלערישן "דריטן רייך" און סיי פונעם שטאַנדפּונקט פון הומאַניטאַרער הילף לטובת די פּליטים. דער קרן קימת לישראל גיט גלייך אַ באָדן אונטער די פיס פון די דייטשע יידן, וועלכע קענען זיך נישט אַליין איינאָרדענען אין ארץ ישראל אַלס סוחרים אָדער האַנטווערקער".

וואָס ד"ר ישראל גאָלדשטיין האָט אין דער דאָזיקער רעדע זיינער נ י ש ט באַמערקט — צוליב פאַרשטענדלעכע טעמים — איז געווען, אַז די אַרבעט פאַרן קרן קימת לישראל אין יענער קריטישער צייט פאַר אַ סך יידישע ישובים אין אייראָפּע, און פאַר ארץ ישראל, האָט זיך געפונען אין די פאַראייניקטע שטאַטן אין אַ שפּליטיקן מצב. אַ קורצע

צייט פריער איז **מנחם אוסישקין**, דער פירער פון קרן קימת לישראל און "גואל האדמה", געקומען קיין ניו יארק מיט דעם דרינגנדיקן רוף אויסצולייזן גרויסע שטחים לאנד אין עמק חפר און אין שרון פאר גרינדן נייע לאנדווירט־שאפטלעכע ישובים. זיין רוף האט אבער געהאט א שוואכן אפקלאנג אויך צווישן די ציוניסטן אין די פאראייניקטע שטאטן. אין אמעריקאנער ציוניזם האט דאן אויך אנגעהאלטן א קאנפליקט צווישען דער ארבעט פארן קרן קימת לישראל און דער אקציע פארן קרן היסוד. מנחם אוסישקין איז אוועקגעפארן א שטארק אומצופרידענער און אנטוישטער. א סך מער מצליח געווען האט ער דאן ביי דעם קליינעם יידישן ישוב אין קאנאדע, ווו די ציוניסטישע פירערשאפט, מיט דעם דעמאלטיקן פרעזידענט פריימאן אין דער שפיץ, האט ארויסגעוויזן די געהעריקע פארשטענדעניש פאר דער וויכטיקייט און דרינגנדנקייט אויסצולייזן דעם עמק חפר.

ד"ר ישראל גאלדשטיין האט איבערגענומען די אנפירונג פון דער ארבעט פארן קרן קימת לישראל אין די פאר־אייניקטע שטאטן אין א זייער קריטישן מאמענט. ער האט גלייך אוועקגעשטעלט די אקציע אויף א ברייטן פארנעם. דאס פראבלעם איז באשטאנען: נישט נאר אין דערגרייכן אַ סך גרעסערע פינאנציעלע רעזולטאטן, נאר אויך צו באקומען פארן יידישן נאציאנאל פאנד דאס געהעריקע ארט אין די ציוניסטישע טעטיקייטן; אויס־ברייטערן די ראמען פון דער ארבעט און אויך ארייננציען די נישט־ציוניסטישע קרייזן און ארגאניזאציעס; פאר־וואנדלען בכלל די אקציע פארן קרן קימת לישראל אין א

מאסן־אויפגאבע און פליכט פון די מיליאנען יידן אין אמעריקע.

דאס האט געפאדערט א ריזיקע אנשטרענגונג, מיט א סך איניציאטיוו, וויזיע און אויך געוואגטקייט צו באזייטיקן שטערונגען און איבערקומען שוועריקייטן.

ד"ר ישראל גאלדשטיין האט מיט גרויס כבוד, און מיט זייער א שטארקן דערפאלג, אויסגעהאלטן דעם עקזאמען אין דורכפירן די ערשטע גרעסערע שליחות פארן ציוניזם און פאר ארץ ישראל, וואס ער האט גענומען אויף זיך אין יידישן לעבן אין אמעריקע. די פינאנציעלע רעזולטאטן זיינען געווען ממש דערשטוינענדיקע. פון דער סומע פון 144.000 דאלאר, וואס עס האט באטראפן די הכנסה פון קרן קימת לישראל אין אמעריקע אין יאר 1932, איידער ד"ר ישראל גאלדשטיין איז איינגעלאדן געווארן צו שטעלן זיך אין שפיץ פון דער אקציע פאר גאולת הארץ, האט ער דערפירט די איינקונפט ביז צום סכום פון נ י י ן מ י ל י א ן ד א ל א ר אין צענטן יאר פון זיין פירערשאפט. די צען יאר, פון 1933 ביז 1943, ווען ער האט פארנומען דעם אמט פון פרעזידענט פון קרן קימת לישראל אין די פאראייניקטע שטאטן, זיינען געווען די יארן, ווען דער יידישער נאציאנאל פאנד האט זיך עטאבלירט אלס דער פאלקס־פאנד פאר ארץ ישראל וואס האט ארומגענומען אלע טיילן פון אמעריקאנער יידנטום. א דאנק דעם איז, אינאיינעם מיט דעם גרויסן מאטעריעלן דערפאלג, אויך דערגרייכט געווארן אריינצובערענגען די ציוניסטישע אידייע און דאס געפיל פון צוגעבונדנקייט צום יידישן היימלאנד אויך אין אזעלכע קרייזן, וועלכע האבן ביז דעמאלט נישט

ארויסגעוויזן קיין שום אינטערעס פאר ארץ ישראל.

ד״ר ישראל גאלדשטיין האט אריינגעבראכט נייע מעטאדן אין דער ארבעט פארן קרן קימת לישראל און האט ביים דורכפירן זיינע ברייט־פארמאסטענע איניציאטיוועס געהאט די מיטהילף פון א יונגן דינאמישן דירעקטאר, מענדעל נ. פישער, וועמען ער האט צוגעצויגן אלס זיין געהילף. צו דעם טראדיציאנעלן קוואל פון הכנסה פון נאציאנאל פאנד דורך דער בלוי־ווייסער פושקע, האט ער צוגעגעבן ספעציעלע פראיעקטן. איינע פון די וויכטיקסטע און דערפאלגרייכסטע פון די אונטערנעמונגען איז געווען די אויסלייזונג פון נחלה׳ס. דער נייער אויפטו איז באשטאנען אין דעם, אז באזונדערע ארגאניזאציעס און געזעלשאפטן האבן גענומען אויף זיך די אויפגאבע צו שאפן די נויטיקע געלטער פארן אויסקויפן אין ארץ ישראל באשטימטע שטחים לאנד, וואס וועלן באצייכנט ווערן מיט זייערע נעמען. די מינימום־סומע איז געווען 25.000 דאלאר — א גאר באדייטענדיקער סכום פאר יענער צייט.

די וויכטיקייט דערפון איז אויך באשטאנען אין דעם, וואס עס האט זיך איינגעגעבן ד״ר ישראל גאלדשטיינ׳ען צו געווינען פאר דעם דאזיקן פלאן אויך אזעלכע יידישע ארגאניזאציעס, וועלכע האבן ביז דעמאלט זיך נישט באטייליקט אין דער אנטוויקלונג פון דער יידישער נאציאנאלער היים אין ארץ ישראל. אזוי האט די אמעריקאנער ״בני ברית״ בייגעשטייערט אין יענע יארן די סומע פון הונדערט טויזנט דאלאר פאר אויסלייזן א גרויסע נחלה אין ארץ ישראל.

גלייכצייטיק האט ד״ר ישראל גאלדשטיין צוגעצויגן יחידים,

פארמעגלעכע אמעריקאנער יידן, וואס האבן געגעבן גרעסערע ביישטייערונגען פארן יידישן נאציאנאל פאנד — אזעלכע באדייטנדיקע סומעס, וואס מען איז ביז דעמאלט נישט געווען געוווינט צו געבן פאר ארץ ישראל. ער האט אויך איינגעפירט דאס סיסטעם פון קריגן הלוואות פארן קרן קימת לישראל דורך ארויסגעבן אביליגאציעס פון יידישן נאציאנאל פאנד, וואס זיינען שפעטער צוריקגעצאלט געווארן מיט קליינע פראצענטער. דאס איז געווען די ערשטע עפענטלעכע הלוואה פאר ארץ ישראל אין אמעריקע.

די דאזיקע נייע אויפטוען האבן ארייגעבראכט די גרויסע סומעס פארן יידישן נאציאנאלפאנד און האבן גרונטיק געענדערט די ארבעט פון געלט־זאמלונגען אין אמעריקע פאר דער אנטוויקלונג פון ארץ ישראל. די נייע מעטאדן און הכנסה־קוולען, וואס ד״ר ישראל גאלדשטיין האט איינגעפירט, זיינען שפעטער איבערגענומען געווארן אין דער אקציע פארן קרן קימת לישראל איבער דער גארער וועלט. דאס האט אויך אוועקגעשטעלט דעם יידישן נאציאנאלפאנד אין אמעריקע אין שפיץ פון דער אלוועלט־לעכער קרן קימת ארבעט. גלייכצייטיק איז מיט ד״ר גאלדשטיינ׳ס נייע מעטאדן אויסגעטראטן געווארן דער וועג פאר אויפבויען דעם ״פאראייניקטן יידישן קאמפיין״ אין אמעריקע, וואס איז איצט די גרעסטע הילפס־ארגאניזאציע אין דער גאנצער יידישער געשיכטע און א הויפט־קוואל פון די פאנדן פאר מדינת ישראל.

מיט די גרויסע געלטער, וואס דער יידישער נאציאנאלפאנד, אונטער ד״ר ישראל גאלדשטיינ׳ס פירערשאפט, האט געשאפן אין די פאראייניקטע שטאטן, זיינען אויסגעלייזט געווארן גרויסע שטחים לאנד, וואס האבן שפעטער אין א

באדייטנדיקער מאס דעצידירט לגבי די גרענעצען פון דער באנייטער יידישער מדינה. מיט די געזאמלטע קרן קימת געלטער אין אמעריקע זיינען אויך אויסגעטריקענט געווארן די זומפען פון חולה, וואס זיינען שפעטער פארוואנדלט געווארן אין א פרוכטבארער געגנט ווו עס געפינען זיך איצט בליענדיקע לאנדווירשטאפטלעכע ישובים.

אין די צען יאר פון ד״ר ישראל גאלדשטיינ׳ס אנפירונג מיט דעם יידישן נאציאנאלפאנד אין די פאראייניקטע שטאטן, איז ער ארומגעפארן איבערן גאנצן לאנד און האט פארשפרייט די אידייע פון קרן קימת לישראל און פון ציוניזם אין אַ סך הונדערטער יידישע קהילות. ער איז אויך איינגעלאדן געווארן אין שכנות׳דיקע לענדער, ווי אין מעקסיקע, ארויסצוטרעטן אויף קאנפערענצן פארן יידישן נאציאנאלפאנד. אויף די וועלט־צוזאמענפארן פון קרן קימת לישראל, וואס פלעגן געווינלעך איינגעארדנט ווערן בעת די ציוניסטישע קאנגרסן, האט ד״ר גאלדשטיין פארנומען אן ארט אויבן־אן צווישן דער וועלט־פירערשאפט.

מיט זיין איבערגעגעבנקייט, איניציאטיוו, ארגאניזאטארישע פעיקייטן, רעדנער־טאלאנט און גרויסער אידייאישער השפעה, אלס פרעזידענט פון יידישן נאציאנאלפאנד אין משך פון די צען יאר, האט ד״ר ישראל גאלדשטיין באשאפן א נייעם כאראקטער אין א פיל אויסגעברייטערטן פארנעם מיט א טיפערן אינהאלט פאר דער אלגעמיינער ארבעט לטובת ארץ ישראל אין אמעריקע. די דאזיקע דערגרייכונג האט אים אויך ארויסגעפירט אין דער ערשטער רייע פון די פערזענלעכקייטן אין אמעריקאנער און אין וועלט־ציוניזם, ווו ער איז באלד גערופן געווארן איבערצונעמען נאך גרעסערע אויפגאבן און שליחות׳ן.

קאפיטל דרייצן

פאר׳ן שטורעם

״אויף אונדז, יידן אין אמעריקע, ליגט די אחריות פארן יידישן פאלק אין דער גארער וועלט — אזא פאראנטווארטלעכקייט, וואס עס האט אין משך פון פיל יארהונדערטער נישט געטראגן אויף זיך קיין שום אנדערער יידישער קיבוץ. מיר זיינען גליקלעך, וואס מיר פארמאגן די פיזישע קראפט צו טראָגן די דאזיקע לאסט. מיר נויטיקן זיך אבער אין דעם גייסטיקן כוח, וויזיע, איניציאטיוו, שטאטסמאנשאפט און פעיקייט צו ברענגען קרבנות, וואס זאלן אָנטשפרעכן דער גרויסקייט און דער דרינגנדיקייט פון דער אויפגאבע, וואס מיר דארפן נעמען אויף זיך״ —

די דאזיקע פליכט פארן אמעריקאנער יידנטום האט ד״ר ישראל גאלדשטיין אוועקגעשטעלט און באטאנט, ווען זיין קהילה ״בני ישורון״ האט געפייערט זיין צוואנציק־יעריקן יובילײ, זינט ער איז געווארן איר גייסטיקער פירער. אין יאנואר 1939 זיינען אפגעלאָפן צוויי צענדליק יאר, זינט ער האט איבערגענומען דעם כסא הרבנות פון דער עלטסטער אשכנזישער קהילה אין ניו יארק. די צייט איז געווען א שווערע און א קריטישע. פון היטלער־דייטשלאנד האט זיך שוין אנגערוקט דער שטורעם פון א נייעם וועלט־קריג. די געפאר, וואס איז געווען פאראויסצוזען פאר די אלטע יידישע ישובים אין אייראפע, האט זיך גיך דער־

נענטערט. ד״ר ישראל גאלדשטיין האט פאר די מיטגלידער פון זיין קהילה געמאלט דאס בילד פון דער מורא׳דיקער סכנה און האט זיי גערופן צו חשבון הנפש.

״וועלט־אויפטרייסלענדיקע געשעעניש קומען־פאַר איינע נאך דער אנדערער אין אונדזער צייט. די קאטאסטראפע, וועלכע באדראט די יידן אין אייראפע, איז א ווארענונג פאר אונדז, אז מיר דא זאלן שטארקן אונדזערע כוחות. מיר שטייען פאַר א נויט־לאגע, וואס איז א סך ערנסטער און קריטישער ווי אנדערע מיינען. ווי אזוי די אינטער־נאציאנאלע סיטואציע זאל זיך נישט אנטוויקלען, איז קלאָר אז וואס עס איז שייך דעם מצב פון די יידן, דארף דאס אמעריקאנער יידנטום ווערן אלץ מער און מער די הויפט־שטיצע און די הויפט־באַזע פון יידישן לעבן אין די תפוצות ישראל״.

וועגן זיין אייגענער פליכט האט ד״ר ישראל גאלדשטיין זיך אויסגעדריקט ביי דער געלעגנהייט:

״די זארג פארן פיזישן המשך פון דעם יידן קען זיין די הויפט־אויפגאבע פאר דעם בעל־צדקה, דעם פילאנטראפ. די הויפט־זארג פון דעם רב איז, צו פארהיטן ישראל׳ס גייסטיקן המשך״.

דער רב פון ״בני ישורון״ האט אבער פארשטאנען, אז אין אזא קריטישער צייט דארף ער נעמען אויף זיךביידע אויפגאבן. ער האט דאס אויך געטאן פריער, ווען ער האט זיך געווידמעט דער ארבעט לטובת דעם ציוניסטישן אידעאל און דעם פראקטישן אויפבוי פון ארץ ישראל. אין דער דאזיקער שליחות האט ער געזען די פאראייניקונג פון ביידע נויט־צילן און דעם וועג פאר אָנהאלטן דעם יידישן

קיום. אין דער גורל'דיקער שעה אין 1939 האט ער געזאגט צו די מיטגלידער פון זיין קהילה:

"פאר פארזיכערן דעם קיום פון יידישן פאלק, אלס פאלק, איז דער ציוניזם א לעבנס־נויטיקער אידעאל. ציוניזם באדייט מער, ווי קאנצענטרירן די יידישע ענערגיען אין אויפבוי פון ארץ ישראל. ציוניזם מיינט שאַפן אַן אופן פון יידישן לעבן, מיט דעם אינהאלט און גייסט, וואס זאָל סטימולירן אלע יידישע ישובים איבער דער גארער וועלט".

עטלעכע חדשים שפעטער, אין מאי 1939, איז ד"ר ישראל גאלדשטיין ארויסגעקומען מיט א ווארענונג קעגן דער דערשיינונג פון יידישן איזאָלאַציאָניזם אין אמעריקע. ער האט דאס געטאן ביי דער ספעציעלער קאנפערענץ, וואס דער בית מדרש לרבנים, דער יידישער טעאלאגישער סעמינאר אין אמעריקע — וואס האט אים מיט צוויי צענדליק יאר פריער גראדוירט אלס רב — האט דאן צונויפגערופן אין ניו יארק צו באהאנדלען דאס פראבלעם, וואס איז דאן געווארן דרינגנדיק: "דער ייד און דער וועלט־קריזיס":

"יידישער איזאלאציאניזם איז דיסקרעדיטירט אין אלע הינזיכטען, איזאָלאַציאניזם האט נישט געשוינט דעם ייד, דעם יחיד" — האט ד"ר ישראל גאלדשטיין אונטער־געשטראכן, דערמאנענדיק די ביטערע דערפאַרונג פון א גרויסן טייל פון דייטשן יידנטום — "אונדזער אייגענער כוח צו טראגן אויף זיך די גרויסע פאראנטווארטלעכקייט, וואס מיר דארפן אויף זיך נעמען, וועט זיין אפהענגיק פון דעם, ווי ווייט מיר וועלן אויפהערן צו זיין אינדיווידו־אליסטן און איזאָלאַציאניסטן און וועלן ווערן דורכגע־

דרונגען מיטן געפיל פון קאלעקטיווער אחריות. אן ארגאני־זירט, אינטעגרירט אמעריקאנער יידנטום קאן ווערן א ריזיקער כוח. א דעזארגאניזירט, דעזינטעגרירט אמערי־קאנער יידנטום וועט זיין אָנמעכטיג״.

ד״ר ישראל גאלדשטיין האט ווידעראמאל באטאנט די הויפט־פליכט פאר אָנהאלטן און פארזיכערן דעם יידישן קיום — ווי ער האט דאס געטאן תמיד ביי יעדער וויכטיקער געלעגנהייט:

״מיר ווערן אלע איצט גערופן צו דערפילן ווייטער און פארגרעסערן די קאלעקטיווע פאראנטווארטלעכקייט פון יידישן פאלק פארן אויפבוי פון ארץ ישראל. אונדזער ענערגישע איבערגעגעבנקייט צו דער ארבעט פאר ווידער־אויפבויען ארץ ישראל וועט פירן צו שאפן די קאלעקטיווע זיכערקייט פאר יידן און יידישקייט אומעטום״.

און ווי עס איז געווען דער דרך, וועלכן ער האט זיך אפגעקליבן פאר זיין גאנץ לעבן און שאפן, איז ד״ר ישראל גאלדשטיין נישט געבליבן בלויז ביים ווארענען פאר די געפאַרן, וואס האבן זיך אנגערוקט און נישט בלויז ביים רעדן וועגן די נייע פליכטן און אחריות. ער האט זיך אליין ארייגעוואָרפן אין דער ארבעט פאר דערפילן די נייע אויפגאבן, צו וועלכע ער האט גערופן דאס אמערי־קאנער יידנטום. ״אין יידנטום און אין יידישקייט איז נישט וויניקער וויכטיק דאס וואס מען ט ו ט, ווי דאס גלויבען אין די עיקרים פון יהדות״ — האט ער זיך אויסגעדריקט ביי אן אנדערער געלעגנהייט. געטריי דעם דאזיקן פרינציפ, וואס ער האט זיך געשטעלט אין זיין לעבן, האט ער אין די קריטישע יארן ערב דער צווייטער

וועלט־מלחמה געפירט א פארצווייגטע טעטיקייט אויף אלע געביטן פון יידישן לעבן אין אמעריקע, מיט דער ארבעט פארן ציוניסטישן אידעאל און פאר ארץ ישראל אין צענטער פון זיינע אקטיוויטעטן.

אין צוגאב צו זיינע דערפאלגרייכע אנשטרענגונגען צו פארוואנדלען דעם יידישן נאציאנאל פאנד אין אמעריקע אין אַ הויפט־קוואל פון מיטלען פאר גאולת האדמה אין ארץ ישראל — ווי עס איז געשילדערט געווארן אין פריער־דיקן קאפיטל — האט ד״ר ישראל גאלדשטיין אויך גענומען א גרויסן און פירנדיקן אנטייל אין דער אלגעמיי־נער ארבעט פון די געלט־זאמלונגען פאר ארץ ישראל. ער איז געווען איינער פון די גרינדער און הויפט־פירער פון פאראייניקטן יידישן קאמפיין, וואס איז געשאפן געווארן אין אמעריקע קורץ פארן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה און וואס האט אויך גענומען אויף זיך צו זאמלען די נויטיקע הילף פאר די דעמאלט שווער און טראגיש־געטראפענע יידישע ישובים אין אייראפע.

גלייכצייטיק איז זיין ראלע און פאזיציע אין דער ציוניס־טישער באוועגונג כסדר געוואקסן. אין 1934 איז ער געוויילט געווארן אלס וויצע־פרעזידענט פון דער ציוניס־טישער ארגאניזאציע אין אמעריקע. אין 1935 איז ער געווען איינער פון די הויפט־דעלעגאטן פון אמעריקע צום ציוניסטישן קאנגרעס, וואס איז אין דעם זומער אפגע־האלטן געווארן אין לוצערן, שווייץ. אין 1937, ביי דעם היסטארישן ציוניסטישן קאנגרעס אין ציריך, אויף וועלכן עס איז פארגעקומען די שטורמישע און דראמאטישע

דעבאטע וועגן דעם ערשטן טיילונגס־פּלאַן פון ארץ ישׂראל און וועגן אויפשטעלן די יידישע מדינה אין א טייל פון לאנד — וואס איז דאן פארגעשלאגן געווארן דורך דער ענגלישער מאנדאט־רעגירונג אויפן גרונט פון די אויס־פירונגען אינעם באריכט פון דער קעניגליכער אונטער־זוכונגס־קאמיסיע — האט ד״ר ישראל גאלדשטיין געפירט דעם פארזיץ פון איינער פון די וויכטיקסטע קאמיסיעס. אים איז דאן אויך אָנפארטרויט געווארן די אויפגאבע צו שטארקן די ארגאניזאציאנעלע יסודות פון דער געמישטער יידישער אגענץ, וואס איז געשאפן געווארן דורך ד״ר חיים וויצמאנ׳ען אין 1929 און איז זיך דאַן צונויפ־געקומען אין ציריך באלד נאך דעם ציוניסטישן קאנגרעס.

זיין פארגרעסערטע אחריות און ראלע אין דער ארבעט פארן ציוניזם און פאר ארץ ישראל האט נישט געשטערט און נישט אפגעהאלטן ד״ר גאלדשטיינ׳ען פון אפגעבן זיך מיט די אינערלעכע פראבלעמען פון אמעריקאנער יידנטום און פון דעם לעבן אין די פאראייניקטע שטאטן אין אלגעמיין. זיין שליחות האט ער געזען אין ענטפערן אויף יעדן וויכטיקן רוף, וואס האט זיך דערטראגן צו אים אין יענע קריטישע יארן — סיי פאר די יידישע ענינים און סיי פאר די אינטערעסן פון אמעריקע. ביי דעם מורא׳דיקן שטורעם, וואס האט זיך דאן אנגערוקט אויף דער וועלט, זיינען די לעבענס־ענינים פון יידישן פאלק און די גורל־אינטערעסן פון אמעריקע געווארן גאר ענג פארבונדן.

קאפיטל פערצן

דאס יידישע היימלאנד וועט זיין אונדזערס און אונדזערע קינדער׳ס!

״איין טאג, אין אויגוסט 1939, ערב דער מלחמה, ווען איך האב באזוכט א קינדער־היים לעם פאריז, האט מיר א שלאג־געטאן אין קאפ די לעקציע פון אונדזערע טעג. אין דער היים איז געווען א גרופע קינדער, וועלכע זיינען אראפגענומען געווארן פון דער שיף ״סעינט לואיס״ — די שיף, וועלכע האט לאנגע טעג געוואנדערט צווישן קובא און פלארידע און האט נישט געקראגן די דערלויבענעש, אז די דייטשע יידן, פליטים, וועלכע האבן זיך געפונען אויף דער שיף און האבן געזוכט זיך צו ראטעווען, זאלן קענען לאנדן. דער סוף איז געווען, אז די שיף האט זיך צוריקגעקערט קיין אייראפע, ווו די אנטלאפענע דייטשע יידן האבן ענדלעך געפונען א מקום־מקלט און זיינען פונאנדערגעטיילט געווארן צווישן ענגלאנד, פראנק־רייך, בעלגיע און האלאנד.

״אין דער היים לעם פאריז האב איך געזען די קינדער, ווי זיי זיינען אפסעפארירט געווארן פון זייערע עלטערן און געווען אין דער לאגע פון פאקטישע יתומים. דער נאמען פון זייער טראגישער שיף ״סעינט לואיס״ וועט אויף שטענדיק בלייבן פאר זיי א קאשמאר־דערינערונג וועגן דער ברוטאליטעט פון דעם לאנד, דייטשלאנד,

ווו זיי זיינען געבוירן געווארן און וואס האט זיי געמאכט פאר פליטים, און וועגן דער אכזריות פון אנדערע לענדער. אריינרעכענענדיק אונדזער לאנד, אמעריקע, צו וועמענס ברעגן זיי זיינען צוגעקומען און וואס האבן זיך אפגעזאגט זיי אריינצולאזן.

"ווען איך האב געזען אט די קינדער פון דער "סעינט לואיס"־שיף, האב איך זיך דערמאָנט, אז דער נאמען "סעינט לואיס" האט נאך אן אנדערע באדייטונג. ניט ווייט פון דער קינדער־היים האט זיך געפונען דאס לופט־פעלד לע בורזשע, ווו עלף יאר פריער האט א לופט־שיף מיטן נאמען "דער גייסט פון סעינט לואיס" זיך אַראָפּגעלאָזט ביי באגייסטערטע אפלאדיסמענטן, וואס האבן זיך דער־טראגן פון דער גאנצער וועלט. דאס איז געווען א ביישפיל פון דעם פאראויסמארש פון וויסנשאפט און דערפינדונגען.

"איך האב געטראכט: וואס פאר א קאנטראַסט צווישן דעם "גייסט פון סעינט לואיס" אין 1928 און דעם גייסט פון דער שיף "סעינט לואיס" אין 1939, צווישן דער גלאריע פון וויסנשאפט און דער חרפה פון דער מענטש־לעכער נאטור" —

דעם דאזיקן טרויעריקן פארגלייך האט ד"ר ישראל גאלד־שטיין געמאכט אין א רעדע, מיט וועלכער ער איז ארויסגעטראטן אויף א קאנפערענץ פונעם פארבאנד פון פראטעסטאנטישע קירכעס אין אמעריקע, וואס איז אפגעהאלטן געווארן אין אקטאבער 1939, ווען אייראפע איז שוין געווען ארומגעכאפט פון די פלאמען פון דער צווייטער וועלט־מלחמה און ווען די נאצי־רוצחים האבן שוין געהאט דורכגעפירט זייערע ערשטע מאַסן־שחיטה'ס

איבער די עלענדע און שוצלאזע יידן אין אקופירטן פוילן, פאר וועלכע קיינער האט זיך נישט אנגענומען.

ד"ר ישראל גאלדשטיין איז געווען אין פאריז אויפן צוריקוועג פון ציוניסטישן קאנגרעס, וואס איז דאן אפגעהאלטן געווארן אין זשענעווע, שווייץ, און וואס איז גיך זיך פונאנדערגעגאנגען אין א טראגישער שטימונג עטלעכע טעג פאר'ן אויסברוך פון צווייטן וועלט-קריג.

נאך דעם דערשיטערנדיקן בילד, וואס ער האט געזען אין דער קינדער־היים לעם פאריז — און ער האט געהאַלטן פאר זיין פליכט צו באזוכן די אנשטאלט און זען דאס אומגליק מיט די אייגענע אויגן — איז ד"ר גאלדשטיין'ען שפעטער אויסגעקומען צו האבן א סך צו טאן מיט די יידישע קרבנות פון היטלער'ן. יארן־לאנג האט ער אוועק־געגעבן זיינע כוחות, זיין מי און זיינע מעגלעכקייטן פאר לינדערן די שווידערלעכע ווייטיקן פון דער שארית הפליטה פון נאצי־אייראפע און ווידער אויפריכטן די געראטעוועטע, בעיקר אין ארץ ישראל. גלייכצייטיק האט ער אויך געפרוווט צו טאן וואס ער האט געקאנט מיט זיין איינפלוס און מיט זיין ארבעט, פאר רופן די קריסטלעכע וועלט צו געדענקען וועגן איר פאראנטווארטלעכקייט אפצושטעלן די ברוטאליטעטן קעגן יידן. ער איז געווען איינער פון די פירער פון דער ארגאניזאציע פאר קריסטלעך־יידישע באציונגען אין אמעריקע. אויך מיט דער אויבן־ציטירטער רעדע איז ער ארויסגעטראָטן אויף א קריסטלעכער קאָנפערענץ, וואס האט דיסקוטירט דאס פראבלעם וועגן באציונגען מיט יידן.

פונקט אזוי איז ער ארויסגעקומען מיט נאך אנדערע

איניציאטיוועס וועגן פארבעסערן די באציאונגען צווישן יידן און נישט־יידן, וועגן צואיילן דעם אלגעמיינעם סאציאלן פראגרעס, אויך וועגן פעלקער־פארברידערונג און שלום. ער איז נישט געבליבן גלייכגילטיק אויך צו די פראבלעמען, ווי א גייסטיקער יידישער פירער און עסקן, וועמען יעדע באגאנגענע עוולה און יעדע אנטי־יידישע האנדלונג האט טיף אנגעריַרט.

אזוי האט ד"ר ישראל גאלדשטיין, נאך אין די יארן פון פאר דער מלחמה, זיך אפגעגעבן אין אלגעמיינעם יידישן לעבן אין ניו יארק מיט א טעטיקייטס־געביט, וועלכען אַ טייל יידישע פירער האבן געשענקט נישט גענוג אויפ־מערקזאמקייט. ד"ר ישראל גאלדשטיין איז געווארן דער פרעזידענט פון יידישן בוררות־געריכט אין ניו יארק, וואס איז אין א גרויסער מאס פארוואנדלט געווארן אין א געריכט פאר שליכטן פאמיליע־קאנפליקטן. ווי צו יעדער געזעלשאפטלעכער אויפגאבע, וואס ער האט גענומען אויף זיך, האט ער אויך דערצו זיך באצויגן מיט דער פולער ערנסטקייט. און בכדי קלאָר צו מאכן פאר זיך אליין און פאר אנדערע די באדייטונג פון דער אינסטיטוציע, פאר וועלכער ער האט איבערגענומען די אחריות, האט ער דורכגעפירט א גרינטלעכע פארשונג וועגן דער געשיכטע פון בוררות ביי יידן, אין די יידישע קהילות אין פאר־שיידענע לענדער און אין פארשיידענע צייטן. די דאזיגע וויכטיקע פארשונגס־ארבעט זיינע איז שפעטער פאר־עפענטלעכט געווארן אין דער אוניווערסאלער יידישער ענציקלאפעדיע. מער פון 38 יאר איז ער פארבליבן פרע־זידענט פון דעם יידישן בוררות־געריכט אין ניו יארק, וואס האט אויך באקומען די אפיציעלע אנערקענונג פון

די ניו יארקער געריכטן. לויט דעם ביישפיל פון דעם יידישען בוררות־געריכט אין ניו יארק זיינען שפעטער געגריינדעט געווארן ענלעכע אינסטיטוציעס אין אנדערע גרויסע יידישע געמיינדעס אין אמעריקע.

דאס איז לגמרי ניט געווען די איינציגע אויפגאבע, מיט וועלכער ער האט זיך פאראינטערעסירט און פון וועלכער אנדערע יידישע עסקנים האבן זיך געהאלטן גאנץ ווייט — איגנארירנדיק בכלל אזעלכע ״ניט פאפולערע״ ענינים.

צו דעם דאזיקן געביט קאן פארערעכענט ווערן ד״ר ישראל גאלדשטיינ׳ס פאראינטערעסירונג מיט דער לאגע פון די פאלאשא־אידען אין עטיאפיע. אין דער דאזיגער ארבעט זיינער האט ד״ר גאלדשטיין שוין אין די ערשטע דרייסיקער יארן אנגעקניפט א קאנטאקט מיט דעם קייסער פון אביסיניע, היילע סעלאסיע, וועלכער איז דאן נאר־וואס געהאט ארויפגעטראטן אויפ׳ן טראן. בעת זיין לעצטן באזוך אין אדיס אבעבא האט ד״ר גאלדשטיין אויך געהאט די געלעגנהייט צו באגעגענען זיך מיט׳ן קייסער און פארהאנדלען מיט אים וועגן פארבעסערן די לאגע פון די פאלאשא־יידן.

כאראקטעריסטיש פאר ד״ר ישראל גאלדשטיינ׳ס ברייטן קרייז פון כלל ישראל־און ציוניסטישע אינטערעסן איז אויך דער פאקט, וואס ער איז געווען דער ערשטער, און אפשר דער איינציקער, פון אלע ציוניסטישע טוער אין אמעריקע וועלכער איז שוין אין יאר 1935 ארויסגעטראטן אויף א פארזאמלונג פון מוסולמענער אין ניו יארק. ער האט גערעדט פאר זיי וועגן דער אלטער קרובה׳שאפט צווישן יידן און מוסולמענער. ער האט דערמאנט וועגן

דעם "תור הזהב" פון יידישע גייסטיקע שאפונגען אין דער מאכמעדאנישער שפאניע אין דער תקופה פון צענטן ביז'ן דרייצנטן יארהונדערט. ער האט זיך אפגעשטעלט אויף די שפעטערדיגע עפאכעס פון יידיש־אראבישער צוזאמענארבעט. ער האט אויפמערקזאם געמאכט זיינע צוהערער אויף דעם פאקט, אז אין העברעאישן אוניווערסיטעט אין ירושלים איז געשאפן געווארן א קאטעדרע פאר אראבישער ליטעראטור, אלס אויסדרוק פון פאַרערונג פאר דער מוסולמענישער ציוויליזאציע. ער האט אויסגעפירט:

"די יידן אין דער באנייטער נאציאנאלער היים אין ארץ ישראל שטרעבן צו לעבן בשלום און אין פריינטשאפט מיט די אראבישע שכנים און ארבעטן פאר הויבן דעם פיזישן, עקאנאמישן און קולטורעלן לעבענס־ניוואָ פון אלע איינ־ווינער פון לאנד. ווי א ציוניסט וויל איך אייך דערקלערן אויפריכטיק מיין פונדאמענטאלן גלויבן, אז די ציוניסטישע אספיראציעס זיינען אין פולן הסכם סיי מיט די רעכט און מיט דעם ווילזיין פון די אראבער און סיי מיט דער אינטערנאציאנאלער גערעכטיקייט".

קורץ פארן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האט ד"ר ישראל גאלדשטיין איבערגענומען דעם פארזיץ פון א ספעציעלן קאמיטעט פון פארשטייער פון יידישע ארגאניזאציעס פאר אויפבויען אַ ארץ ישראל־פאוויליאן אויף דער אינטער־נאציאנאלער אויסשטעלונג, וואס איז דעמאלט געעפענט געווארן אין ניו יארק. א דאנק די ענערגישע באמיונגען פון דעם איניציאטאר און אנפירער פון דעם פלאן, דעם דינאמישן מאיר וויסגאל (שפעטער־דיגער הויפט־ארכיטעקט און פרעזידענט פון וויצמאנ'ס וויסענשאפטלעכן אינסטיטוט אין ישראל) האט דער ארץ

ישראל־פאוויליאן געהאט זייער א גרויסן דערפאלג. די פייערלעכע דערעפענונג פון דעם פאוויליאן האט צוגעצויגן איבער הונדערט טויזנט מאן. דאס איז געווען דער גרעסטער עולם, וואס האט זיך באטייליקט אין אַ וועלכער־עס־איז פון די אנדערע אונטערנעמונגען און פייערונגען ביי דער דעמאלטיקער וועלט־אויסשטעלונג אין ניו יארק. דאס געשעעניש איז פארוואנדלט געוואָרן אין א גרויסער דעמאנסטראציע פון אלוועלטלעכער באדייטונג פאר דער יידישער נאציאנאלער היים אין ארץ ישראל.

און זיין רעדע ביי דער פייערונג, וואס האט געמאכט זייער א שטארקן רושם, האט ד״ר ישראל גאלדשטיין פארענדיקט מיט דעם אויסרוף, וואס האט אפגעהילכט ווי א פראק־לאמאציע:

„דאס יידישע היימלאנד וועט זיין אונדזערס און אונדזערע קינדער׳ס!״.

באלד האט זיך אנגעהויבן פאר דעם דאזיקן ציל דער גורל׳דיקער און אנטשיידנדיקער קאמף, אין וועלכן ד״ר ישראל גאלדשטיין האט זיך געשטעלט אין דער ערשטער פראנט־ליניע.

קאפיטל פופצן

אין דער פירערשאפט פון אמעריקאנער ציוניזם

„אונדזער אידייע איז א גערעכטע. דערפאר מוזן מיר געווינען, אויב מיר וועלן פירן דעם קאמף פאר דער פארווירקלעכונג פון אונדזער אידייע אויף א גערעכטן אופן" — האט ד"ר ישראל גאלדשטיין באטאנט אין זיין דערקלערונג, בעת ער האט אין 1943 איבערגענומען די פרעזידענטשאפט פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע פון אמעריקע, נאך דער קאדענץ פון זיין פריינד און פארגייער אויפן דאזיקן אמט — דער ריכטער לואיס ע. לעווענטאל.

ביי דער לאנד־קאנפערענץ אין דעם יאר איז ער איינשטימיק געוויילט געווארן צו שטעלן זיך אין שפיץ פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, אין דער קריטישער און דעצידירנדיקער תקופה, ווען עס האט זיך אנגעהויבן דער אנטשיידנדיקער גראנגל פאר דער ווידעראויפריכטונג פון דער סווערענער און זעלבסטשטענדיקער יידישער מדינה אין ארץ ישראל.

אין ווייטערדיקן טייל פון זיין דערקלערונג האט ד"ר ישראל גאלדשטיין אויסגעפירט, ארויסברענגענדיק זיין אייגענעם „אני מאמין" און אויסרעכענענדיק דאס פראגראם פון דער ארבעט און קאמף פון אמעריקאנער ציוניזם אין דעם אנטשיידנדיקן מאמענט:

„איך גלויב, אין גייסט פון די ארויסזאגונגען פון פאר־

שטאַרבענעם ריכטער לואי בראַנדייס, אַז ציוניסטן זיינען די בעסטע אַמעריקאַנער יידן, די בעסטע אַלס אַמעריקאַנער, און די בעסטע אַלס יידן.

״איך גלויב, אַז ציוניזם איז דער יסוד פאַרן המשך פונעם קיום פון יידישן פאָלק.

״איך גלויב, אַז קיין שום ייד איז נישט קיין נאָרמאַלער ייד, אויב ער איז נישט קיין ציוניסט.

״איך גלויב, אַז די יידישע מדינה אין ארץ ישראל וועט זייער פיל מיטווירקן און מיטהעלפן פאַר דעם שלום, דעמאָקראַטיע, קולטור, וווילזיין און אויפבלי אין מיטעלן מזרח.

״איך גלויב, אַז דער אופן ווי אַזוי די ציוויליזירטע וועלט וועט באַהאַנדלען דאָס יידישע פאָלק נאָך דער מלחמה, וועט זיין דער פּרווו־שטיין פון דער אינטערנאַציאָנאַלער מאָראַל.

״איך גלויב, אַז די גערעכטע לייזונג פון יידישן פּראָבלעם דורך דער ווידעראויפריכטונג פון דער יידישער מדינה אין ארץ ישראל מוז זיין איינער פון די פונדאַמענטן פון דער נאָך־מלחמה׳דיגער וועלט״.

ד״ר ישראל גאָלדשטיין, דער ניי־געווייילטער פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע פון אַמעריקע, האָט, פּראָקלאַמירנדיק די דאָזיגע פאָדערונגען, גערעדט אין נאָמען פון כמעט דעם גאַנצן דעמאָלטיקן פינף־מיליאָניקן יידנטום אין די פאַראייניקטע שטאַטן. ווייל אין דעם זעלבן יאָר איז ער אויך געווייילט געוואָרן אַלס איינער פון די דריי מיטפאָרזיצערס פון דער אַמעריקאַנער יידישער

קאָנפערענץ, צוזאַמען מיט הענרי מאָנסקי, דעם פּרעזידענט פון "בני ברית", און לואי ליפּסקי, דעם ציוניסטישען פירער. די אַמעריקאַנער יידישע קאָנפערענץ איז דאַן צונויפגערופן געוואָרן מיטן צוועק צו אָרגאַניזירן דאָס אַמעריקאַנער יידנטום פאַרן גרויסן פּאָליטישן קאַמף לטובת דער פאָדערונג וועגן ווידעראויפשטעלן די יידישע מדינה — די יידישע "קאָמאָנוועלט", ווי עס איז דעמאָלט געווען די פאָרמולירונג — נאָך דער מלחמה.

די אַמעריקאַנער יידישע קאָנפערענץ וועלכע איז צונויפגערופן געוואָרן דורך הענרי מאָנסקי, פּרעזידענט פון אָרדן "בני ברית", איז באַשטאַנען פון די פאָרטרעטער פון די יידישע אָרגאַניזאַציעס און פון דעמאָקראַטיש־געוויילטע רעפּרעזענטאַנטן פון די יידישע געמיינדעס איבערן גאַנצן לאַנד. ד"ר ישראל גאָלדשטיין האָט אין די וואַלן, וואָס זיינען דורכגעפירט געוואָרן צווישן דער יידישער באַפעלקערונג אין ניו יאָרק צו דער קאָנפערענץ, באַקומען די צווייט־גרעסטע צאָל שטימען נאָך ד"ר סטיפען ס. ווייז.

די אַמעריקאַנער יידישע קאָנפערענץ, וואָס האָט אָרגאַניזאַציאָנעל אַרומגענומען אַלע טיילן און שיכטן פון אַמעריקאַנער יידנטום, מיט גאָר קליינע אויסנאַמען, האָט נאָך אַ לאַנגער דעבאַטע כמעט איינשטימיק באַשטעטיגט דעם היסטאָרישן באַשלוס, וואָס איז אַ יאָר פריער, אין 1942, אָנגענומען געוואָרן דורך דעם צוזאַמענפאָר פון אַלע ציוניסטישע גרופּעס אין אַמעריקע וועגן אויפשטעלן די פאָדערונג פון ווידעראויפריכטן די יידישע מדינה. דער דאָזיקער באַשלוס, וואָס איז פאָרמולירט געוואָרן ווי די

נאך־מלחמה־פאדערונג פון יידישן פאלק, איז אריין אין דער געשיכטע פון ציוניסטישן קאמף פאר דער באנייונג פון מדינת ישראל אונטערן נאמען: „דאס בילטמאר־פראגראם". די היסטארישע קאנפערענץ פון אלע ציוניס־טישע פארטייען אין אמעריקע איז דאן אפגעהאלטן געווארן, אויף דער איניציאטיוו פון ד"ר **חיים ווייצמאן** און **דוד בן־גוריון**, און אונטער דער אנפירונג פון ד"ר **סטיפען ס. ווייז**, און ד"ר **אבא הלל סילווער** אין „בילטמאר"־האטעל אין ניו יארק. ד"ר ישראל גאלדשטיין האט אין די פארהאנדלונגען פון דער קאנפערענץ געשפילט א באדייטנדיקע ראלע. דער הויפט־ארגאניזאטאר פון דער „בילטמאר" קאנפערענץ אין געווען **מאיר ווייסגאל**, וועלכער האט רעפרעזענטירט ד"ר **חיים ווייצמאנען**.

די ציוניסטישע ארגאניזאציע פון אמעריקע האט, אונטער דער פירערשאפט פון ד"ר ישראל גאלדשטיין, אויסגעווירקט אן אנטשיידנדיקן איינפלוס אויף דער ארבעט פון דער אמעריקאנער יידישער קאנפערענץ אין פירן דעם פאליטישן קאמף פאר ארץ ישראל אין דער געהעריקער ריכטונג. די ציוניסטישע ארגאניזאציע פון אמעריקע האט אויך אליין מאביליזירט א גרויסן טייל פון דער אמעריקאנער עפנטלעכער מיינונג פאר דער הילף און מיטבאטייליקונג אין דער היסטארישער אקציע. במשך פון איין יאר איז די ארגאניזאציע שטארק אויסגעוואקסן, אריינציענדיק די צאלרייכסטע מיטגלידערשאפט פאר איר גאנצער עקזיסטענץ ביז דעמאלט. פון 68,000 מיטגלידער אין 1943, בעת ד"ר ישראל גאלדשטיין האט איבערגענומען די פרעזידענט־שאפט, האט די צאל זיך פארגרעסערט ביז 140,000 אין יאר 1944. אגב, האט ד"ר ישראל גאלדשטיינ'ס קהילה

״בני ישורון״ זיך דאן אנגעשלאסן מיט אלע מיטגלידער אין דער ציוניסטישער ארגאניזאציע. ״בני ישורון״ איז, אונטער דער השפעה פון איר גייסטיקן פירער, געווען די ערשטע קהילה אין אמעריקע, וואס האט אפיציעל זיך דערקלערט אלס א ציוניסטישע.

די ארגאניזאציע האט אויסגעברייטערט איר אפיציעלע צייטשריפט אין דער ענגלישער שפראך, פאר וועלכער ד״ר גאלדשטיין האט באשטימט אלס נייעם רעדאקטאר דעם בארימטן ענגליש־יידישן שריפטשטעלער ד״ר לודוויג לואיסאן. אויך דער יידישער זשורנאל ״דאס אידישע פאלק״, וואס די ציוניסטישע ארגאניזאציע האט ארויס־געגעבן אונטער דער רעדאקציע פון דעם פראמינענטן געלערנטן און העברעאיש־יידישן שריפטשטעלער ד״ר שמעון בערנשטיין, איז פארגרעסערט און באריכערט געווארן אין אינהאלט און אין דער פארשפרייטונג.

פאר באקעמפען די קליינע פארעקשנ׳טע אנטי־ציוניסטישע גרופע אין אמעריקע, דעם ״קאונסיל פאר דזשודאאיזם״, וואס האט אבער געהאט א געוויסן איינפלוס דורך אירע אנפירער, שטארק אסימילירטע אמעריקאנער יידישע נאטאבלען — האט ד״ר גאלדשטיין געשאפן ביי דער ציוניסטישער ארגאניזאציע א ספעציעלן קאמיטעט פאר יידישער אייניקייט. ער האט איינגעלאדן ראביי ארטור ל. לעליוועלד צו דיריגירן מיט דער ארבעט. די קערפערשאפט האט אנגעפירט א ברייט־פארצווייגטע ציוניסטישע אויפ־קלערונגס־טעטיקייט. די ציוניטישע ארגאניזאציע האט אויך איינגעארדנט א רייע ראדיא־פראגראמען איבערן לאנד פאר געווינען די עפענטלעכע מיינונג לטובת דעם בילטמאר־

פראגראם. בכדי צו קענען אָנגיין מיט דער שטארק אויס־געברייטערטער טעטיקייט פון דער ציוניסטישער ארגאני־זאציע האט ד"ר גאלדשטיין געשאפן א ספעציעלן פאנד, וואס האט אין ערשטן יאר געזאמלט די סומע פון העכער דריי הונדערט טויזנט דאלער.

אין משך פון איין יאר איז די ציוניסטישע ארגאניזאציע דאן אויסגעוואקסן און געווארן א גרויסער פאליטישער כוח אין יידישן און אין אלגעמיינעם לעבן אין אמעריקע. גלייכצייטיק האט די ארגאניזאציע אויסגעברייטערט איר ארבעט פאר דער פארשפרייטונג פון דער העברעאישער שפראך און העברעאישער קולטור, דערפילנדיג אָן אויפ־גאבע, וואס איז ביז דעמאלט א סך פארנאכלעסיקט געווארן אין אמעריקאנער ציוניזם.

די פארגרעסערונג פון פאליטישן איינפלוס פון דער אמערי־קאנער ציוניסטישער ארגאניזאציע איז אויך געווען צו שפראך און העברעאישער קולטור, דערפילנדיק אָן אויפ־פארדאנקן די אנדערע פירנדיקע טעטיקייטן פון איר פרעזידענט אין יידישן און נישט־יידישן עפענטלעכן לעבן אין אמעריקע.

אזוי האט, אין 1943, ד"ר גאלדשטיין גענומען אַן אקטיוון אנטייל אין דער אמעריקאנישער הילפס ארבעט פאר דעם Russian War Relief.

ער האט זיך אויך באטייליקט אין דער באגריסונג לכבוד מיכאעלס און פעפער — די דעלעגאטן פון רוסישן יידנטום — בעת זיי האבן באזוכט אין ניו יארק.

אין 1944 איז ד"ר ישראל גאלדשטיין געוויילט געווארן

אלס פרעזידענט פון דעם סינאַגאָגן־ראַט, אַן אָרגאַניזאַציע וואָס רעפּרעזענטירט סיי די גייסטיקע פירער און סיי די מיטגלידער פון די קהילות פון אַלע דריי רעליגיעזע ריכטונגען אין אַמעריקאַנער יידנטום — די אָרטאָדאָקסן, קאָנסערוואַטיווע און רעפאָרם־יידן. שטייענדיק אין דער שפּיץ פון דיביידע גרויסע אָרגאַניזאַציעס — פון דער ציוניסטישער און פון סינאַגאָגן־ראַט — איז ד״ר גאָלדשטיין געווען אומשטאַנד אויסצושפּרייטן זיין ווירקונג און אַריינציען די ברייטסטע קרייזען און שיכטן פון אַמעריקאַנער יידנטום אין דעם קאַמף פאַר דער פאָדערונג צו באַנייען די יידישע מדינה נאָך דער מלחמה.

אַ דאַנק דעם איז ד״ר ישראל גאָלדשטיין געוואָרן איינער פון די הויפּט־אָנפירער און וואָרטזאָגער פון דעם היסטאָרישן קאַמף. דאָס האָט אים געבראַכט צו נעמען אויף זיך וויכטיקע און נאָך מער פאַראַנטוואָרטלעכע שליחות׳ן פאַר דער גורל־דיקער אַקציע, וואָס האָט אונטער דעם אימפּולס פון אַמעריקאַנער ציוניזם, און פון אַמעריקאַנער יידנטום בכלל, אַרומגענומען באַלד די יידישע ישובים אין די אַנדערע לענדער פון דער פרייער וועלט, וועלכע האָט שוין דאַן געזען דעם אָנהייב פון דער צעשמעטערונג פון היטלערישן באַרבאַריזם.

די גרויסע און קריטישע שעה פון דעם לעצטן געראַנגל פאַר דער באַנייונג פון דער יידישער מדינה אין ארץ ישראל האָט זיך גיך דערנענטערט.

קאפיטל זעכצן

מיט דער פאדערונג וועגן דער יידישער מדינה פארן אמעריקאנער קאנגרעס

״ווען דאס אמעריקאנער יידנטום קוקט ארויס אויף דער נאך־מלחמה׳דיקער וועלט, אין וועלכער מיר האפן, אז די אידעאלן פון דעמאקראטיע וועלן וואס א מאל מער זיגן, זיינען מיר שטארק צופרידן דערפון, וואס מיר וויסן און מיר זיינען איבערצייגט, אז דער יידישער ישוב אין ארץ ישראל וועט זיין די פעסטונג און דער אינספירירנדיקער כוח פון דעמאקראטיע אין דעם טייל פון דער וועלט.

״אמעריקאנער יידן קוקן ארויס אויף דער קומנדיקער יידישער ״קאמאנוועלט״ אין ארץ ישראל, וואס וועט זיין א פרייע און דעמאקראטישע מדינה. מיר האבן א גרונט דאס צו דערווארטן, שטיצנדיק זיך דערויף, וואס די יידן אין ארץ ישראל האבן געשאפן און אויפגעבויט אין דער תקופה זינט דער באלפור־דעקלאראציע. יידן אין ארץ ישראל האבן דערמיט געגעבן דעם קלארסטן באווייז, אז מען קאן זיי אנפארטרויען די פאראנטווארטלעכקייט פאר דעמאקראטישער זעלבסט־רעגירונג.

״אלס אמעריקאנער זיינען מיר אויך צופרידן דערפון, וואס מיר וויסן, אז אין דער יידישער מדינה, וואס וועט געשאפן ווערן אין ארץ ישראל, וועלן די אראבער האבן

דיזעלבע רעליגיעזע, קולטורעלע, עקאנאמישע און ציווילע רעכט, ווי עס האבן די יידישע בירגער אין די פאראייניקטע שטאטן. יידן, וועלכע זיינען אומעטום א מינדערהייט, וועלן אין ארץ ישראל געבן דער וועלט א באווייז דערפון, ווי אזוי א מערהייט באהאנדלט א מינדערהייט" —

דאס איז געווען דער הויפט־אויספיר פון דער דערקלערונג, וואס ד"ר ישראל גאלדשטיין האט אלס פרעזידענט פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע פון אמעריקע, אפגעגעבן אין דער קאמיסיע פון אמעריקאנער קאנגרעס פאר אויסערן־ענינים, אנהויב 1944. אין דעם קריטישן און אנטשיידנדיקן מאמענט פון דעם גרויסן פאליטישן קאמף פאר דער באנייונג פון דער יידישער מדינה אין ארץ ישראל איז אריינגעטראגן געווארן אין קאנגרעס פון די פאראייניקטע שטאטן א רעזאלוציע צו שטיצן די דאזיקע יידישע נאך־מלחמה־פאדערונג. אין הסכם מיט דער פראצעדור האט די קאנגרעס־קאמיסיע פאר אויסערן־ענינים דורכגעפירט א פארהער וועגן דער פארגעשלאגענער רעזאלוציע און האט איינגעלאדן יידישע פירער ארויסצוזאגן זייערע מיינונגען. די באטייליקונג פון די ציוניסטישע פירער אין דעם פארהער איז ארגאניזירט געווארן דורך מאיר ווייסגאל. ד"ר ישראל גאלדשטיין אין געווען איינער פון די פראמינענטסטע יידישע פארשטייער, וואס זיינען אויפגעטראטן פאר דער קאמיסיע. זיין דערקלערונג האט געהאט א גאנץ באזונדערע באדייטונג און וואג.

ער האט גערעדט וועגן דער צוויי־טויזנט־יעריקער בענקשאפט און שטרעבונג פון יידישן פאלק צוריקצוקערן זיך קיין ארץ ישראל. ער האט געשילדערט די מאדערנע

ציוניסטישע באוועגונג און דעם גרויסן אנטייל פון אמערי־קאנער יידנטום אין דעם ווידעראויפבוי פון ארץ ישראל ווי די נאציאנאלע היים פון יידישן פאלק, אין הסכם מיט דער באלפור־דעקלאראציע, וואס איז אויך באשטעטיקט געווארן דורך דער אמעריקאנער רעגירונג. ער האט אנגעוויזן אויף די פארשיידענע טעמים — רעליגיעזע, נאציאנאלע און פילאנטראפיש־קאנסטרוקטיווע — וואס באוועגן אמעריקאנער יידן צו ווידמען א גרויסן טייל פון זייערע מיטלען און כוחות פאר דער ווידעראויפריכטונג פון יידישן היימלאנד אין ארץ ישראל. ער האט אויסגעפירט:

„אין דער טראגישער עפאכע זינט 1933 — ווען היטלער האט באוועלטיקט דייטשלאנד, און דער נאציזם האט זיך גענומען אויסשפרייטן איבער אייראפע — האט ארץ ישראל אריינגענומען מער יידישע פליטים ווי אלע פרייע לענדער צוזאמען. די דאזיקע אויסנאם־ראלע און די איינציק־ארטיגע צוגעפאסטקייט פון ארץ ישראל פאר אויפנעמען און איינארדענען נאך דער מלחמה די יידן, וועלכע וועלן זיך האטעווען און וועלן זיך נויטיקן אין א היים, שטעלט דאס דאזיקע לאנד, ארץ ישראל, אין א גאנץ באזונדערער קאטעגאריע אפילו פון ריין־הומאניטארן שטאנדפונקט.

דעריבער זיינען אויך אלע אמעריקאנער יידן אזוי שטארק פאראינטערעסירט אין בייזשטייערן פאנדן פאר דער אנטוויקלונג פון ארץ ישראל. אלע אמעריקאנער יידן אָן אויסנאם פראטעסטירן קעגן דער האנדלונג פון דער ענגלישער רעגירונג, וואס פירט־איין אומגערעכטע באגרענ־צונגען לגבי אריינלאזן יידן קיין ארץ ישראל און לגבי דער אנטוויקלונג פון ארץ ישראל אלס היים פאר די היימלאזע יידן“.

ד״ר ישראל גאלדשטיין האט מיט דער דאזיקער דערקלערונג אויך פראטעסטירט פאר דעם אמעריקאנער קאנגרעס — און דאס האט אויך געמיינט: פאר דער גאנצער עפענט־לעכער מיינונג פון די פאראייניקטע שטאטן — קעגן דעם "ווייסבוך" פון דער ענגלישער מאנדאט־רעגירונג, וואס האט דעמאלט געדראט איינגאנצן אפצושטעלן די לעגאלע יידישע איינוואנדערונג קיין ארץ ישראל.

די דערקלערונג, וואס ד״ר ישראל גאלדשטיין האט אין דעם קריטישן מאמענט אפגעגעבן פארן קאנגרעס פון די פאראייניקטע שטאטן און וואס האט געהאט א היסטא־רישע באדייטונג לטובת דעם אנטשיידנדיקן גערangl פון אמעריקאנער יידנטום צו דערגרייכן אז די רעגירונג פון וואשינגטאן זאל שטיצן די פאדערונג וועגן באנייען די יידישע מדינה אין ארץ ישראל, האט ד״ר ישראל גאלדשטיין פארענדיקט מיט דעם קלארן און קאטעגארישן אויספיר: "די אלע טעמים האבן געפירט צו דער קלארער און אומצווייידייטיקער פעסטשטעלונג, וואס איז איצט די אפיציעלע פאדערונג פון אמעריקאנער יידנטום וועגן ארץ ישראל. די פאדערונג איז אנגענומען געווארן דורך דער אמעריקאנער יידישער קאנפערענץ, וואס איז די דעמאק־ראטיש־געוויילטע קערפערשאפט, וועלכע רעפרעזענטירט אלע טיילן פון אמעריקאנער יידנטום. ביי דער סעסיע פון דער אמעריקאנער יידישער קאנפערענץ מיט עטלעכע חדשים צוריק איז די פאדערונג אָנגענומען געווארן מיט די שטימען פון איבער ניינציק פראצענט פון די געוויילטע דעלעגאטן.

און איך האב דעם כבוד אייך איבערצוגעבן דעם דאזיקן באשלוס, אלס איינער פון די מיטפארזיצערס פון דער אמעריקאנער יידישער קאנפערענץ".

די רעזאלוציע, וועלכע איז דאן פארגעשלאגן געווארן אין אמעריקאנער קאנגרעס, האט געשטיצט די פאדערונג, וואס איז אנגענומען געווארן דורך דער אמעריקאנער יידישער קאנפערענץ מיט אזא אימפאנירנדיקער און פיל באדייטנ־דיקער מערהייט. דאס האט געהייסן, אז דער קאנגרעס זאל רעקאמענדירן פאר דער רעגירונג פון וואשינגטאן זי זאל געבן איר צושטימונג צום באשלוס פון דער אמערי־קאנער יידישער קאנפערענץ און זאל ארייננעמען די פאדערונג פון אמעריקאנער יידנטום אין דעם פראגראם פון דער נייער ארדענונג, וואס דארף איינגעפירט ווערן אין דער וועלט נאך דער מלחמה און נאך דער צעשמעטערונג פון היטלעריזם.

„ווען די רעזאלוציע, וועגן וועלכער איר פירט איצט דעם פארהער און די פארהאנדלונגען", — האט ד"ר ישראל גאלדשטיין געזאגט צו די מיטגלידער פון קאנגרעס, צו די געוויילטע פארשטייער פון דעם פאלק פון די פאראייניקטע שטאטן — וועט אנגענומען ווערן, וועט זי דערפרייען די הערצער און שטארקן די האפענונגען פון דער שארית הפליטה פון אייראפעאישן יידנטום. דאס אננעמען די דאזיקע רעזאלוציע וועט זיין אין גייסט פון דער בעסטער אמעריקאנער טראדיציע און וועט גלייכצייטיק פאראייניקן די ביבלישע נביאות מיט הומאניטארער און רעאליסטישער שטאטסמענישקייט".

די פארהאנדלונגען אין אמעריקאנער קאנגרעס בנוגע אננעמען די פארגעשלאגענע רעזאלוציע וועגן ארץ ישראל האט זיך שטארק פארצויגן. אויף דעם פארלאנג פון קריגס־מיניסטעריום זיינען די וויטערדיקע דיסקוסיעס אפגעלייגט

געוואָרן אויף א געוויסער צייט, צוליב טעמים פון דער סטראַטעגישער לאגע אין דער מלחמה. אבער סוף־כל־סוף האָט דער פענטאַגאָן צוריקגעצויגן זיין רעזערוואַציע. דאָס רעפּרעזענטאַנטן־הויז, צוזאַמען מיט דעם סענאַט פון די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן אפיציעל זיך ארויסגעזאָגט פאַר ווידעראויפריכטן נאָכן קריג די יידישע מדינה אין ארץ ישראל.

דאָס איז געווען א גרויסע און וויכטיקע דערגרייכונג מצד דער פירערשאַפט פון אמעריקאַנער יידנטום אין געראַנגל פאַר די רעכט פון יידישן פאָלק אין ארץ ישראל. דאָס איז אבער געווען בלויז איינע פון די פיל שווערע פּאָליטישע אַקציעס, וועלכע האָבן נאָך געדאַרפט אונטערגענומען ווערן.

די הויפּט־שוועריקייט איז געווען, צו ווירקן אויף דער ענגלישער מאַנדאַט־רעגירונג, אַז זי זאָל זיין מער גענייגט צו נעמען אין באַטראַכט די פאָדערונגען פון דעם ישוב אין ארץ ישראל און פון יידישן פאָלק אין דער גאַרער וועלט.

אויך דערפאַר איז געווען נויטיק צו מאָביליזירן די יידישע און נישט־יידישע אמעריקע און קומען צו דער רעגירונג אין לאָנדאָן מיט דעם גרויסן פאַראייניקטן כוח פון דער עפנטלעכער מיינונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן. ד״ר ישראל גאָלדשטיין איז געווען צווישן די ערשטע פון די אמעריקאַנער יידישע פירער, וואָס האָט גענומען אויף זיך די דאָזיקע פאַראַנטוואָרטלעכע שליחות אינמיטן פון דער מלחמה.

צוויי יידישע הויפּט־פאָדערונגען זיינען דאַן געבראַכט געוואָרן צו דער ענגלישער מאַנדאַט־רעגירונג. פון ביידע האָט דער מיניסטאַרן־קאַבינעט אין לאָנדאָן געוואָלט זיך

ארויסצודרייען. איינע איז געווען א באלדיקע, א דרינגג־דיקע: אפצושאפן די גזירות פון „ווייסבוך", לויט וועלכע די יידישע איינוואנדערונג קיין ארץ ישראל האט געזאלט אינגאנצן אפגעשטעלט ווערן דעם 31־טען מערץ 1944. די צווייטע פאדערונג איז געווען צו דערפילן נאך דער מלחמה די עיקר־פארפליכטונג פון דער באלפור־דעקלאראציע, וואס האט געמיינט צו דערמעגלעכן דעם יידישן פאלק ווידעראויפצוריכטן די יידישע מדינה אין ארץ ישראל.

ד"ר ישראל גאלדשטיין האט, אלס פרעזידענט פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע פון אמעריקע און מיטפארזיצער פון דער אמעריקאנער יידישער קאנפערענץ, גענומען אויף זיך די מיסיע צו פארן קיין לאנדאן און צו שטעלן די צוויי פאדערונגען דער ענגלישער רעגירונג אין נאמען פון פאר־אייניקטן אמעריקאנער יידנטום און אין הסכם מיט דער עקזעקוטיווע פון דער ציוניסטישער וועלט־ארגאניזאציע אין לאנדאן.

„סיי דער ישוב אין ארץ ישראל און סיי דאס ענגלישע יידנטום מיט דער ציוניסטישער פירערשאפט אין לאנדאן לייגן גרויסע האפענונגען אויף דער ראלע, וואס דאס אמעריקאנער יידנטום קען און מוז שפילן אינעם קאמף קעגן דעם „ווייסבוך" — האט ד"ר ישראל גאלדשטיין באטאנט אין א דערקלערונג פארן אפפאר קיין לאנדאן. — „דער ישוב אין ארץ ישראל און דאס ענגלישע יידנטום שאצן־אפ ריכטיק, אז אונדזער פאראנטווארטלעכקייט אין דעם קאמף דארף אנטשפרעכן אונדזער פאזיציע ווי דער גרעסטער און שטארקסטער יידישער ישוב אין דער וועלט

און דער פּאָזיציע פון די פאַראייניקטע שטאַטן און איר ראָלע אין געווינען די מלחמה און דעם שלום. עס איז קלאָר, אַז די רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן, אויב זי וועט האָבן דעם געהעריקן ווילן און אויב זי וועט זיך דערפאַר גענוג איינשטעלן, קאָן שטאַרק באַאיינפלוסן די ארץ ישראל־פּאָליטיק פון איר פאַרבינדעטער, גרויס־בריטאַניע".

"דאָס אַמעריקאַנער ייִדנטום" — האָט ד"ר ישראל גאָלד־שטיין ווייטער דערקלערט — "איז גרייט צו דערפילן זיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט אין דעם קאַמף פאַר אָפּשאַפן דאָס "ווייסבוך" און פאַר גרינדן די ייִדישע מדינה אין ארץ ישראל. דאָס איז דעמאָנסטרירט געוואָרן ביי דער סעסיע פון דער אַמעריקאַנער ייִדישער קאָנפערענץ. עס איז אָבער פאַראַן אַ מהלך צווישן אָננעמען אַ רעזאָלוציע — וואָס די אַמעריקאַנער ייִדישע קאָנפערענץ האָט געטאָן — און דער אַקציע פאַר דורכפירן און אויסקעמפן די פאַרווירקלעכונג פון דער רעזאָלוציע. די דאָזיגע אויפגאַבע דאַרפן די אַמערי־קאַנער צ י ו נ י ס ט ן די ערשטע אויף זיך נעמען".

ד"ר ישראל גאָלדשטיין האָט אַלס פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע פון אַמעריקע גענומען אויף זיך די שליחות צו פאָרן קיין לאָנדאָן און צוגעבן, אין דער שווערער און אַנטשיידנדיקער שעה, דאָס געוויכט פון אַמעריקאַנער ייִדנטום אינעם פּאָליטישן קאַמף קעגן דער ענגלישער רעגירונג פאַר די גערעכטע ייִדישע פאָדערונגען אין ארץ ישראל.

קאפיטל זיבעצן

אין לאנדאן, אין א פאראנטווארטלעכער מיסיע

„איך פאר אוועק מיט דער האפענונג, אז בעת איך וועל צוריקקומען, וועלן די גזירות פון ענגלישן „ווייסבוך" שוין אפשר זיין אפגעשאפן; אז אונדזער פאדערונג וועגן ווידער־אויפריכטן די יידישע מדינה אין ארץ ישראל וועט זיין פאענטער צו ווערן דורכגעפירט; אז די רעטונגס־אקציע פאר די יידן אין אייראפע וועט זיין אין פולן גאנג; און אז דער זיג פון די פאראייניקטע פעלקער אין דער מלחמה וועט זיין א פאקט" —

מיט די ווערטער האט ד"ר ישראל גאלדשטיין זיך געזעגנט מיט די מיטגלידער פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע פון אמעריקע אין אן אָפשייד־ארטיקל, וואס ער האט פאר־עפענטלעכט אין דער אפיציעלער צייטשריפט פון דער ארגאניזאציע. ער האט דערביי מיטגעטיילט דעם ציוניס־טישן לאגער אין די פאראייניקטע שטאטן, אז „אלע סימנים ווייזן אן אויף דער פאקט, אז עס האלט ביי וויכטיקע ענדערונגען אין דער ארץ ישראל־לאגע" און אז די דערווארטעטע ענדערונגען „קענען אנרירן דעם גורל פון יידישן פאלק".

אלס ערשטער פון דער ציוניסטישער דעלעגאציע פון

אמעריקע איז ד״ר ישראל גאלדשטיין אפגעפלויגן פון ניו־יארק קיין לאנדאן דעם 15־טען פעברואר 1944. דאס אראנזשירן די רייזע, ווען די מלחמה איז נאך אנגעגאנגען אין אייראפע, איז געווען פארבונדן מיט גרויסע קאמפּלי־קאציעס. ד״ר גאלדשטיין האט באקומען א ספּעציעלע דערלויבעניש צו פליען קיין לאנדאן מיט אַן אמעריקאנער מיליטערישן עראפּלאן. זיין ציוניסטישע מיסיע האט ער אויך פארבונדן מיט באזוכן אין ענגלאנד די קינדער־היימען און באוועגלעכע קאַנטינען פאר דער ארמיי, וואס זיינען געגרינדעט געווארן דורך דער יידישער סעקציע פון דער קריגס־הילף־ארגאניזאציע פאר ענגלאנד, וואס איז געשאפן געווארן אין ניו יארק, אויף דער איניציאטיוו פון סטיפען ווייז און ווילכטיקע קריסטלעכע פערזענלעכקייטן און מיט דער גוטהייסונג פון פרעזידענט פרענקלין ד. רוזוועלט, נאך איידער די פאראייניקטע שטאטן זיינען אריין אין דער מלחמה. ד״ר ישראל גאלדשטיין איז געווען פארזיצער פון דער יידישער סעקציע. אגב איז איינע פון די קינדער־היימען אין ענגלאנד אנגערופן געווארן אויף זיין נאמען.

״אין איינפלוסרייכע ענגלישע קרייזן — האט ד״ר ישראל גאלדשטיין שפּעטער באמערקט אין זיין באריכט וועגן דער מיסיע קיין לאנדאן — האט מען אויסגעדריקט אנערקענונג פאר די אמעריקאנער יידן, און איך האב געמאכט קלאר אז די מערסטע פון זיי זיינען ציוניסטן, וועלכע האבן אנגעהויבן און געשטיצט די דאזיגע ווילכטיקע הילפס־ארבעט אין 1940—1941, אין די געפערלעכסטע טעג פאר ענגלאנד״.

ער האט צוגעגעבן נאך א ווילכטיקן פרט אין יענע מלחמה־טעג: ״מיין פאזיציע אלס פרעזידענט פון סינאגאגן־ראט

אין אמעריקע און מיין אקטיוויטעט אין דער קאנפערענץ פון קריסטן און יידן, האט מיך געבראכט אין קאנטאקט מיט נישט־יידישע גרופעס און האט מיר געגעבן די מעגלעכקייט צו זען אמעריקאנער טרופן און קאמאנדירנ־דיקע אפיצירן אין ענגלאנד".

אבער דער הויפט־ציל פון דער שליחות איז געווען א ציוניסטישער — וועגן אָפּצושאַפן די גזירות פון ענגלישן "ווייסבוך" און שטעלן די פאדערונג וועדראויפצוריכטן נאכן קריג די יידישע מדינה אין ארץ ישראל.

אין א רירנדיקער שילדערונג וועגן זיין דעמאלטיקער אויסערגעוויינלעכער נסיעה קיין לאנדאן, האט ד"ר ישראל גאלדשטיין שפעטער געשריבן:

"דער 31־טער מערץ (1944) איז דער טאג, ווען די גזירה פון "ווייסבוך" וועגן אפשטעלן אינגאנצן די עליה פון יידן קיין ישראל דארף אריינגיין אין קראפט. אמעריקאנער ציוניסטן זיינען זייער געשפאנט, און ווערן מער באַ־אומרויקט מיט יעדן טאג, וואס עס ווערט נאענטער צו אט דער קריטישער דאטע. אפשר וועל איך האבן דעם זכות צו זיין צוזאמען מיט ד"ר חיים ווייצמאנ'ען אין דער גליקלעכער שעה — אויב עס וועט זיין א גליקלעכע שעה — ווען דאס "ווייסבוך" וועט, אפילו נישט אפיציעל, דערקלערט ווערן אלס טויט, באגראבן ווערן אונטער א נייער ענגלישער דעקלאראציע וועגן איר פאליטיק בנוגע ארץ ישראל? און אפשר וועל איך דאן קענען דיסקוטירן מיט ד"ר חיים ווייצמאנ'ען און מיט זיינע קאלעגן פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע בנוגע דעם ווייטערדיקן העכסט־וויכטיקן

שריט, וועגן דערפירן צו דער יידישער מדינה אין ארץ ישראל ?״.

און פליענדיק קיין לאנדאן — די רייזע מיט עטלעכע אפּשטעלן אין מיטען וועג האט זיך דאן פארצויגען פופציק שעה — האט ד״ר ישראל גאלדשטיין שוין אויפן עראפּלאן גענומען דורכפירן זיין מיסיע, אנהויבנדיק אייגנטלעך די ראלע פון א מיסיאָנער פארן ציוניזם. מיט זיינעם א שכן, א יידישן פילם־מאגנאט פון האליווּד, האט ער פארפירט אן ערנסטן געשפּרעך וועגן ארץ ישראל. דער טיף־אסימילירטער, רייכער ייד — ער האט געהאט א קריסט־לעכע פרוי — האט איינגעשטימט, אז יידן האבן אויפגעטאן וואונדער אין אויפבוי פון ארץ ישראל. פון דעם דאזיקן פונקט איז ד״ר ישראל גאלדשטיין אריבערגעגאנגען צו באהאנדלען מיט זיין שכן די פראגע וועגן די אראבער, וועגן דער ענגלישער פאליטיק און וועגן באנייען די יידישע מדינה אין ארץ ישראל. דער סוף איז געווען, אז דער פילם־מאגנאט האט א פרעג געטאן ד״ר גאלדשטיינ׳ען, צי ער קען ד״ר וויצמאנ׳ען. עס האט זיך אויסגעלאזט, אז דער שכן אין דעם עראפּלאן האט זיך אמאל באטייליקט אין א פארזאמלונג אין האליווּד מיט ד״ר חיים וויצמאנ׳ען, פון וועמען ער איז געווארן אזוי שטארק באאיינדרוקט, אז ער וועט אים קיינמאל נישט פארגעסן — האט ער זיך אויסגעדריקט. דאך האט דעם שכן פון האליווּד געמאַטערט די פראגע וועגן ״טאפּלטער לאי־אליטעט״ פון אמעריקאנער יידן, וועלכע שטיצן דעם ציוניזם און זיינען פאר דער פאדערונג פון א יידישער מדינה אין ארץ ישראל.

דאס דאזיגע פראבלעם האט נישט עקזיסטירט פאר א

צווייטן שכן אין עראפלאן, א נישט־יידן, א בעלגישן דיפלאמאט, וועלכער איז צוריקגעפאָרן פון ניו יארק צו דער בעלגישער גלות־רעגירונג אין לאנדאן. ווען ד״ר ישראל גאלדשטיין האט זיך אריינגעלאזט מיט אים אין א געשפרעך, האט דער בעלגישער דיפלאמאט אים געזאגט, אז ער זעט נישט קיין שום סתירה צווישן דער קומנדיקער יידישער מדינה אין ארץ ישראל און די יידן וועלכע זיינען בירגער פון אנדערע לענדער. אויך ער האט געהערט א סך וועגן דעם, וואס יידן האבן אויפגעטאן און דערגרייכט אין ארץ ישראל. ער האט אויסגעדריקט זיין טיפע פאַרערונג פאר צוויי ציוניסטן, וועגן וועלכע ער האט געהערט: ד״ר חיים וויצמאן און ד״ר סטיפען ס. וויז.

אין בערמודא, ווו דער עראפלאן האט זיך אפגעשטעלט איבער נאכט, האט ד״ר גאלדשטיין זיך באגעגנט מיט א פארשטייער פון דארטיקן יידישן קיבוץ. דער גאנצער יידישער ישוב אויף דעם ענגלישן אינדזעל אין אטלאנטישן אקעאן איז דאן באשטאנען פון דריי משפחות. אלע זיינען זיי געווען ציוניסטן. אלע זיינען זיי געווען שטארק פאר־אינטערעסירט לגבי דעם, וואס עס וועט ווערן פון דער גזירה פון ״ווייסבוך״, און וואס עס וועט זיין די צוקונפט פון ארץ ישראל. אלע האבן זיי געבעטן אפצוגעבן א גרוס ד״ר חיים וויצמאנ׳ען, הגם צוויי פון די דריי משפחות האבן אים קיינמאל ניט געזען.

נאכן אנקומען קיין לאנדאן שפעט אין אוונט, איז ד״ר ישראל גאלדשטיין ״באגריסט״ געווארן אין דער ערשטער נאכט דורך א דייטשער באמבארדירונג, — א רעפעטיציע פון דעם בליץ־קריג, וואס איז שוין געהאט אפגעשטעלט

געווארן זינט א יאר. אין דער פרי, ווען ד״ר ווייצמאן האט אים טעלעפאנירט אין האטעל, איז זיין ערשטע פראגע געווען: ״ווי איז אייך געפעלן געווארן דער ספעקטאקל אין דער פארגאנגענער נאכט?״.

״געווען א ביסעל צו־רעש׳יק, אבער ס׳מאכט נישט אויס״ — האט ד״ר גאלדשטיין געענטפערט, שוין האבנדיק פריער זיך באקענט אין האטעל, צווישן די אנדערע געסט, און אויף דער גאס ביי די פארבייגייער, מיט דעם אופן, ווי אזוי די איינוווינער פון לאנדאן האבן רעאגירט אויף דער באמבארדירונג מיט דער כאראקטעריסטישער ענגלישער רויקייט.

דעמזעלבן פארמיטאג האט ד״ר גאלדשטיין זיך באטייליקט אין א בעראטונג פון דער עקזעקוטיווע פון דער ציוניס־טישער וועלט־ארגאניזאציע אין הויפט־קווארטיר אויף 77 גרעיט ראסעל סטריט, ווו עס איז געמאכט געווארן ציוניסטישע און יידישע געשיכטע. צו דער זיצונג זיינען ספעציעל געקומען פון ירושלים די עקזעקוטיווע־מיטגלידער משה שערטאק (שרת), הרב פישמאן (מיימון) און ד״ר שמאראק. פון ניו יארק איז שוין געווען ד״ר נחום גאלדמאן.

און הגם ד״ר ישראל גאלדשטיין איז דאן נאך נישט געווען קיין מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע, איז ער באגריסט געווארן מיט זיין באטייליקן זיך אין דער בעראטונג, ווייל אמעריקע און דאס אמעריקאנער יידנטום זיינען דאן געווען אין דעם צענטער פון דעם פאליטישן קאמף פון אלוועלטלעכן ציוניזם.

עס זיינען אויך געווען אנוועזנדיק פראפעסאר זעליג בראדעצקי, בערל לאקער, פראפעסאר לואיס ניימיר און

פרוי בלענש דאגדייל. ד״ר ווייצמאן האט געעפענט די אויסעראָרדנטלעכע זיצונג.

עס זיינען אויסגעהערט געוואָרן באַריכטן וועגן געשפּרעכן, וואָס פאָרשטייער פון דער עקזעקוטיווע האָבן געהאַט מיט מיטגלידער פון דער ענגלישער רעגירונג. ד״ר ישראל גאָלד־שטיין האָט אָפּגעגעבן אַ רעפּאָרט איבער אַמעריקע. עס זיינען איבערגעלייענט און אַנאַליזירט געוואָרן דעפּעשן פון די ציוניסטישע פאָרטרעטער אין ירושלים און אין קאַיר.

דאָן איז באַשלאָסן געוואָרן צו שיקן צו דער ענגלישער רעגירונג אַ נייעם מעמאָראַנדום, אין וועלכן עס וועט פעסטגעשטעלט ווערן די ציוניסטישע שטעלונג צו די פראַגן פון דער נאָענטער צוקונפט און פון דער אַנטגילטיקער לייזונג פון דער ארץ ישראל־פּראָגע — האָט ד״ר גאָלדשטיין געשריבן אין זיין באַריכט.

ער האָט אין די דערהויבנסטע ווערטער אויסגעדריקט זיין טיפסטע פאַרערונג פאַר ד״ר ווייצמאַנ׳ען און זיין גרעסטן לויב פאַר דעם אופן, ווי דער ציוניסטישער מנהיג האָט געפירט די באַראַטונג און האָט פאָרמולירט זיין שטעלונג צו די באַהאַנדלטע פראַגן. ער האָט ציטירט דעם ענטפער, וואָס ד״ר ווייצמאַן האָט געגעבן אַן ענגלישן שטאַטסמאַן און וועגען וואָס ער האָט באַריכטעט זיינע קאָלעגן אין דער עקזעקוטיווע. דער ענגלישער שטאַטסמאַן האָט ״באַרויקט״ ד״ר ווייצמאַנ׳ען, אַז די יידישע פאָדערונגען וועגן ארץ ישראל וועלן אויפגענומען ווערן נאָך דער מלחמה. דערויף האָט דער ציוניסטישער מנהיג געענטפערט דעם פאָרשטייער פון דער בריטישער רעגירונג: ״נאָכן קריג וועט שטיין אַ לאַנגע ריי פון די, וועלכע וועלן זיך ווענדן מיט

פאדערונגען. און איך ווייס נישט, וואס פאַר אַן ארט מען וועט צוטיילן דעם יידישן פאלק אין דער לאנגער ריי".

דאס באטייליקן זיך אין דער ספעציעלער באראטונג פון דער ציוניסטישער וועלט־עקזעקוטיווע און זיין ראלע ביים אננעמען די באשלוסן אויף דער זיצונג, ווי אויך די אנדערע קאנפערענצן מיט דער ציוניסטישער פירערשאפט אין לאנדאן, זיינען געווען בלויז איין טייל פון דער מיסיע, וואס ד"ר ישראל גאלדשטיין האט דורכגעפירט. פון גרויסער וויכטיקייט זיינען געווען די באגעגענישן, וועלכע ער האט געהאט מיט די מיניסטארן פון ענגלישן קריגס־קאבינעט, ווען ער האט איבערגעגעבן די פאדערונגען פון אמעריקאנער יידנטום וועגן ארץ ישראל.

איבער זיין געשפרעך מיטן אויסערן־מיניסטער אנטאני אידען, האט ד"ר גאלדשטיין שפעטער געשריבן:

"מיין געשפרעך מיט אנטאני אידען איז געווען געווידמעט דער פאדערונג פון אמעריקאנער יידנטום און דעם פארלאנג פון דער אמעריקאנער עפנטלעכער מיינונג אין אלגעמיין, באלד צו אנולירן דאס "ווייסבוך" און רעקאנסטרואירן ארץ ישראל אלס א יידישע "קאממאנוועלט" (מדינה) נאך דער מלחמה. דער בריטישער אויסערן־מיניסטער האט מיך אויסגעהערט מיט סימפאטיע, אבער ער האט מיר נישט געגעבן קיין פארפליכטנדיקן ענטפער. אין פארלויף פון אונדזער געשפרעך האט אנטאני אידען מיר געזאגט: "איר ווייסט, אז דער פרעמיער־מיניסטער (ווינסטאן טשערטשיל) איז אייער פריינד. ד"ר וויצמאן קומט אים זען, און ער רעדט צו אונדז און ער מאכט אזוי, אז מיר זאלן ענדערן אונדזערע מיינונגען". איך בין אוועקגעגאנגען

פון אנטאני אידען מיט דעם איינדרוק, אז דאס מאראלישע געוויכט פון דער יידישער פאדערונג איז א לאסט אויף זיין געוויסן, און אז דיזעלבע לאסט איז דורך ד״ר חיים ווייצמאנ׳ען ארויפגעלייגט געווארן אויפ׳ן געוויסן פון א סך אנדערע ענגלענדער אין הויכע ערטער״.

ד״ר גאלדשטיין האט אויך געהאט באגעגענישן מיט די מיניסטארן **עטלי, בעווין, מאריסאן, עמערי** און **סער סטאפארד קריפס.** אין די געשפרעכן מיט די מיטגלידער פון דער ענגלישער רעגירונג האט ער אויך באטאנט, אז דער אמעריקאנער קאנגרעס האלט ביים אננעמען א רעזאלוציע, אין וועלכער עס ווערן געשטיצט די פאדערונגען פון די יידן אין די פאראייניקטע שטאטן.

פון די אלע געשפרעכן האט ד״ר גאלדשטיין ארויסגעטראגן דעם איינדרוק, וואס ״האט בארעכטיגט בלויז א באג־רענעצטן אפטימיזם״ — האט ער זיך אויסגעדריקט אין זיין באריכט. ממשות׳דיק האט עס געמיינט, אז קיין נייע דערקלערונג, וואס זאל ענדערן צום גוטן איר פאליטיק אין ארץ ישראל, קען מען נישט דערווארטן פון דער ענגלישער רעגירונג. ס׳איז אבער דא די האפענונג, אז די גזירה פון ״ווייסבוך״ אפצושטעלן אינגאנצן די יידישע איינוואנדערונג אין ארץ ישראל וועט נישט דורכגעפירט ווערן בוכשטעבלעך.

״און וואס אנבאלאנגט די אנטגילטיקע לייזונג פון ארץ ישראל־פראבלעם, דהיינו: ווידער אויפשטעלן די יידישע מדינה, האב איך געפונען אן אלגעמיינע שטימונג וואס איז נישט אומגינסטיק צום דאזיגן פרינציפ. אבער איך האב געפילט, אז קיין שום באשלוס וועט נישט אנגענומען ווערן ביז נאך דער מלחמה, לכל הפחות אין אייראפע״ —

האט ד״ר גאלדשטיין געשריבן אין זיין באריכט. ער האט צוגעגעבן, אז ער האט וועגן דעם פראבלעם קאנפערירט אויך מיט אנדערע, נישט־בריטישע שטאטסמענער אין לאנדאן.

״ס׳איז כאראקטעריסטיש, אז די פארמולע: ״יידישע קאמאנוועלט״ (מדינה) ווערט נישט באטראכט פאר אומ־מעגלעך. פאראן בריטישע שטאטסמענער, און אויך אנדערע מלוכה־פירער — ווי פרעזידענט בענעש, וועמען איך האב געהאט די געלעגנהייט צו זען — וועלכע האלטן, אז א יידישע קאמאנוועלט אין ארץ ישראל וועט נישט בלויז זיין אַן ענטפער אויף דעם פיזישן פראבלעם פון גרויסע מאסן יידן נאך דער מלחמה, נאר וועט אויך האבן א גינסטיקן איינפלוס אויף דעם סטאטוס און אויף דער מאראלישער לאגע פון יידן אומעטום — אפילו אין די פרייע, דעמאקראטישע לענדער״.

אין די אויספירן פון זיין באריכט האט ד״ר גאלדשטיין גערופן די אמעריקאנער ציוניסטן, און דאס אמעריקאנער יידנטום בכלל, צו פארשטארקן דעם קאמף פאר די יידישע פאדערונגען אין ארץ ישראל.

״פארוואס זאלן די פייניגונגען פון יידישן פאלק פאר־לענגערט ווערן? ענגלאנד קאן זיך דערלויבן צו ווארטן מיט אננעמען די באשלוסן וועגן ארץ ישראל. אבער מיר, יידן, קענען נישט ווארטן״ — האט ד״ר גאלדשטיין באטאנט אין זיין רוף צום אמעריקאנער יידנטום.

בעת זיין באזוך אין לאנדאן האט ער זיך אויך באטייליקט אין עפענען דעם פאראייניקטן ארץ ישראל קאמפיין, וואס איז דאן געשאפן געווארן אין ענגלאנד לויטן ביישפיל פון

פאראייניקטן ארץ ישראל־קאמפיין אין אמעריקע. אויף דער גרינדונגס־פארזאמלונג פון נייעם קאמפיין איז ער ארויסגעטראטן צוזאמען מיט ד״ר חיים ווייצמאן.

דער ציוניסטישער מנהיג האט איינגעלאדן זיין גאסט פון אמעריקע צו זיך אהיים אין לאנדאן אויף א קבלת פנים און וויזיט. בעת דעם געשפרעך האט ד״ר ווייצמאן געזאגט ד״ר גאלדשטיינ׳ען, אז ער זעט־איין די גערעכטיקייט און נוצלעכקייט פון דעם פארשלאג, אז רעפרעזענטאטיווע אמעריקאנער ציוניסטן זאלן צוקאאפטירט ווערן צו דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע אין לאנדאן און אין ירושלים, נעמענדיק אין באטראכט, אז וואשינגטאן וועט זיין גאר א וויכטיקער פאקטאר אין די אנטגילטיקע באשלוסן וועגן ארץ ישראל, און אז די אמעריקאנער ציוניסטן זיינען אין זייער צאל די גרעסטע גרופע אין דער וועלט־באוועגונג.

״ד״ר ווייצמאן מיינט, אז אויפן קומענדיקן ציוניסטישן קאנגרעס וועלן אמעריקאנער ציוניסטן ווארשיינלעך זיין אין דער דעצידירנדיקער פירערשאפט״ — האט ד״ר ישראל גאלדשטיין באריכטעט.

דער פרעזידענט פון דער ציוניסטישער וועלט־ארגאניזאציע האט שוין גאר קיין טעות נישט געהאט. ער האט ריכטיק פאראויסגעזען.

דאס האט זיך אויך אפגערופן אויף ד״ר ישראל גאלד־שטיינ׳ס ווייטערדיקער פאזיציע אין וועלט־ציוניזם.

קאפיטל אכצן

אין פארצווייפלטן קאמף צו ראטעווען יידן פון נאצי־גיהנום

ווען דער לעצטער אקט פון דער גורל׳דיקער דראמע פון אייראפע׳ס באפרייונג אין צווייטן וועלט־קריג האט זיך אנגעהויבן; ווען ענגלאנד און די פאראייניקטע שטאטן פון אמעריקע האבן אונטער דער הויפט־אנפירונג פון גענעראל אייזענהאואער גרופירט זייערע מיליטערישע כוחות פאר דער מאסן־דעבארקאציע אויף די ברעגן פון נארמאנדיע, פראנקרייך, אין דעם היסטארישן ״ד״ — ״דעי״ אין מאי 1944 — האט ד״ר ישראל גאלדשטיין, אלס פרעזידענט פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע פון אמעריקע און מיט־פארזיצער פון דער אמעריקאנער יידישער קאנפערענץ, ארויסגעגעבן א דערקלערונג, באטאנענדיק די יידישע פאדערונגען און האפענונגען אין דעם קריטישן טאג:

״פעלקער, גרויסע און קליינע, וועלכע האבן אין מאטער־נעשן און אין פיין געווארט אויף דער אנטגילטיקער ווענדונג אין דער מלחמה, וואס זאל דערנענטערן זייער באפרייונג, זיינען איצט פול מיט האפענונג. ענדלעך האבן זיי דאס געפיל, אז דאס צוריקשטעלן די גערעכטיקייט פאר זיי קאן שוין נישט זיין ווייט״ — האט ד״ר ישראל גאלדשטיין אויסגעפירט אין זיין דערקלערונג, שטעלנדיק אבער גלייך די פראגע:

"און וואס איז וועגן יידישן פאלק?".

"א מיליאן יידן געפינען זיך אויף די שלאכט־פראנטן. פיר הונדערט טויזנט יידן קעמפן בלויז אין די באוואפנטע כוחות פון די פאראייניקטע שטאטן. יידן קעמפן אפן און אונטער־ערדיש. זיי געפינען זיך צווישן די גערילאס־קעמפער אין יוגאסלאוויע און צווישן די סקוואדראנען וואס ווערן געשיקט אויף די געפערלעכסטע מיסיעס אויף דער יבשה, אויפן ים און אין דער לופט. צען פראצענט פון דער מענער־באפעלקערונג אין ארץ ישראל האבן זיך רעגיסטרירט צום אקטיוון קאמף. דאס איינציקע צווישן די פעלקער פון דער וועלט, האט דאס יידישע פאלק אין ערגעץ נישט ארויסגעגעבן פון זיך קיין קוויזלינגס און קיין פאר־רעטער. קיין שום אנדער פאלק האט נישט געקעמפט אזוי העלדיש און האט נישט געליטן אזוי שוידערלעך, אזוי קאטאסטראפאל, ווי יידן האבן געליטן אין אט די טראגישע יארן. קיין שום אנדער פאלק האט זיך נישט פארדינט אזוי שטארק, אז עס זאל אים געטן ווערן גערעכ־טיקייט".

און ד"ר ישראל גאלדשטיין האט ווייטער דערקלערט, מאכנדיק דעם טראגישן חשבון:

"דער אנהויב פון דעם לעצטן אקט פון דער דראמע פון אייראפע'ס באפרייונג קומט צו־שפעט פאר די דריי מיליאן יידן, וועלכע זיינען שוין אומגעקומען אין דער נאצי־אקופירטער אייראפע. און די געפאר פון אומקום רוקט זיך אויך אן פאר א סך פון די נאך לעבן־געבליבענע יידן, אויף וועלכע דער טייוולאנישער שונא קען זיך נוקם זיין אין די טעג פון זיין ביטערער פארצווייפלונג.

צוויי הויפט־פאדערונגען האט איצט דאס יידישע פאלק. און מיר האבן דאס רעכט צו דערוואַרטן, אזביידע פאדערונגען אונזערע זאלן דערפילט ווערן: אז די שארית הפליטה פון די יידן אין אייראפּע זאל צוריק באקומען די מעגלעכקייט אויף א פריי און ווירדיק לעבן, און אז ענדלעך זאל דעם יידישן פאלק געטאן ווערן גערעכטיקייט אין זיין פרייען היימלאנד אין ארץ ישראל".

ד"ר ישראל גאלדשטיין האט דערמאנט דעם צוזאג, וואס עס האבן געהאט געגעבן פריער דער פרעזידענט פון די פאראייניקטע שטאטן, פרענקלין ד. רוזוועלט, און דער ענגלישער פרעמיער־מיניסטער ווינסטאן טשערטשיל, אז ווען די מיליטערישע לאגע אין דער מלחמה וועט זיך פארבעסערן, וועט דערפילט ווערן די יידישע פאדערונג וועגן ארץ ישראל.

די פירערשאפט פון אמעריקאנער יידנטום איז דאן געווען אריינגעטאן אין דעם שווערן און גורל'דיקן קאמף פאר די צוויי דרינגנדיקע אויפגאבען: פאר דער רעטונג פון דער שארית הפליטה פון אייראפעאישן יידנטום און פאר דורכפירן די פאדערונג וועגן צוריק אויפשטעלן די יידישע מדינה אין ארץ ישראל נאך דער מלחמה. מיט דער רעטונגס־אקציע פאר די לעבן־געבליבענע יידן אין אייראפּע אין געווען פארבונדן די פאדערונג וועגן אפשאפן די גזירה פון ענגלישן "ווייסבוך", וואס האט געדראָט צו פארמאכן ארץ ישראל פאר ווייטערדיקער איינוואנדערונג פון יידן.

ד"ר ישראל גאלדשטיין האט געהאט זיין פאראנטווארט־לעכע פאזיציע איןביידע היסטארישע אנשטרענגונגען פון אמעריקאנער יידנטום. דער יידישער וועלט־קאנגרעס, די

אמעריקאנער יידישע קאנפערענץ, דער אמעריקאנער יידישער קאנגרעס האבן דאן אנגעפירט די פיבערהאפטע אקטיוויטעט צו ראטעווען וואס מער יידן אין אייראפע און צו פארהיטן, אז עס זאל נישט דורכגעלאזט ווערן דער גורל'דיקער מאמענט פאר דער פארווירקלעכונג פון דער צוויי־טויזנט־יעריקער יידישער האפענונג אויף ארץ־ישראל.

וועגן דער רעטונג פון די יידן אין אייראפע איז, צווישן אנדערע, ארויסגעשטעלט געווארן די פאדערונג, אז די אליירטע מלוכות זאלן ארויסשיקן א שארפע ווארענונג צו היטלער־דייטשלאנד אז עס זאלן אָפּגעשטעלט־ווערן די מאסן־הריגות פון יידן, און אז די ארמייען פון ענגלאנד און פון די פאראייניקטע שטאטן זאלן באמבארדירן די נאצי'שע קאנצענטראציע־און מארד־לאגערן, ווו עס זיינען דעפארטירט געווארן מיליאנען יידן פון גאנץ אייראפע.

עס איז אויך געווען א פאדערונג, אז עס זאל אנגעקניפּט ווערן א קאנטאקט מיט עטלעכע פון היטלער'ס לייט־ענאנטן, וועגן וועלכע עס זיינען געווען באריכטן, אז זיי זיינען גרייט צו באפרייען א צאל יידן פון די קאנצענטראציע לאגערן פאר באשטימטע סומעס אויסלייז־געלט, און ווייל די דאזיקע נאצי־פירער האבן זיך שוין גערעכנט דערמיט אז עס דערנענטערט זיך דער טאג פון דער מפלה פון דריטן רייך.

ביי דער דאזיקער לאגע האט ד"ר סטיפען ס. וויז, וועלכער איז געווען פרעזידענט פון יידישן וועלט־קאנגרעס און פון אמעריקאנער יידיש קאנגרעס, ארגאניזירט צוזאמען מיט ד"ר נחום גאלדמאן, דעמאלטיקן פארזיצער פון דער

עקזעקוטיווע פון יידישן וועלט־קאנגרעס, א ספּעציעלן רעטונגס־קאָמיטעט פאַר דער אקציע לטובֿת די יידן אין אייראָפּע. ד״ר ישׂראל גאָלדשטיין איז געבעטן געוואָרן איבערצונעמען אַ פירנדיקע און פאַראַנטוואָרטלעכע פּאָזיציע אין דעם רעטונגס־קאָמיטעט.

דער רעטונגס־קאָמיטעט פון יידישן וועלט־קאָנגרעס און אמעריקאַנער יידישן קאָנגרעס, צו וועלכן עס זיינען צו־געשטאַנען פאַרטרעטער פון אַנדערע יידישע אָרגאַניזאַציעס, האָט אַנגעפירט זיין אַרבעט אין אַ נאָענטן קאָנטאַקט מיט דער רעטונגס־קאָמיסיע, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך פּרעזידענט רוזוועלט. דריי פּראָמינענטע מיטגלידער פון פּרעזידענט רוזוועלט׳ס קריגס־קאַבינעט, וועלכע זיינען דורך אים נאָמינירט געוואָרן, האָבן זיך געשטעלט אין שפּיץ פון דער רעטונגס־קאָמיסיע. ד״ר ישׂראל גאָלדשטיין איז אַלס פאַרשטייער פון דעם יידישן רעטונגס־קאָמיטעט געשטאַנען מיט זיי אָפט אין פאַרבינדונג, אין דער אַקציע פאַר דער שארית הפליטה פון אייראָפּעאישן יידנטום. מען האָט געדאַרפט זיין אויף דער וואַך, אַז אויף וויפל עס איז געווען מעגלעך צו טאָן די דאָזיקע דרינגנדיקע רעטונגס־אַרבעט, זאָל זי נישט געשטערט ווערן דורך די געוויינלעכע מעטאָדן פון ביוראָקראַטיע און דורך די פּראָצעדורן פון אַפּשלעפּעניש. עס האָט געדאַרפט אויסגעקעמפט ווערן, אַז פאַר די יידן אין אייראָפּע, וואָס קענען געראַטעוועט ווערן, זאָלן געעפנט ווערן פריי די טויערן פון ארץ ישׂראל. ד״ר ישׂראל גאָלדשטיין האָט דאָן, אַלס פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, אויך מאָביליזירט די ציוניסטישע מאַסן אין אמעריקע פאַר די דאָזיקע פאָדערונ־

גען, אויספירנדיק אין א דרינגענדיקן רוף, וואס ער האט ארויסגעגעבן:

״מיר זיינען נישט קיין פאלק, וואס קאן זיך דערלויבן צו ווארטן פאסיוו ביז עס וועט אונז געטאן ווערן גערעכ־טיקייט. ציוניזם איז יידישער גורל אין אקציע״.

אין א רעדע, מיט וועלכער ער איז אין יענער צייט ארויס־געטראטן ביי א מאסן־פארזאמלונג אין ניו יארק צום ערשטן יארטאג פון אנהויב פון העראישן אויפשטאנד פון ווארשעווער געטא, האט ער אויסגערופן:

״ווען מיר באערן איצט דעם אנדענק פון די מארטירער־קעמפער פון ווארשעווער געטא, וועלכע זיינען געבליבן הילפלאז און איינזאם אין זייער העלדישן קאמף קעגן דער נאצישער בעסטיאליטעט, דארפן מיר שטעלן די פראגע: צי איז אזא הילפלאזער ווידערשטאנד אלץ, אויף וואס די שארית הפליטה פון יידנטום אין דער נאצי־אקופירטער אייראפע קאן רעכענען? איז געטאן געווארן אלץ, וואס עס איז מעגלעך צו טאן פאר ראטעווען אזוי פיל יידן, וויפל מען וואלט געקאנט ראטעווען?

״מיר מוזן פרעגען פון די טיפענעשן פון אונדזער זארג און פון אונדזערע פארוויטיקטע הערצער: איז אלץ געטאן געווארן פאר דער רעטונגס־אקציע? אדער אפשר פארמעלע באגרענונגען, טעכנישע שוועריקייטן און ביוראקראטישע שטערונגען שטייען נאך אלץ אין וועג פאר דער רעטונגס־ארבעט? איז געטאן געווארן אלץ, וואס וואלט געטאן געווארן, אויב דאס וואלטן געווען אמעריקאנער בירגער אדער בריטישע אונטערטאנען, וועלכע וואלטן ארייננגעכאפט געווארן אין א פאַסטקע אין די באלקאַן־לענדער און מען

וואלט זיי געדארפט ראטעווען? איז אויסגעאיבט געווארן דער געהעריקער דרוק אויף די נייטראלע לענדער, וואס געפינען זיך בשכנות מיט די נאצי־אקופירטע טעריטאריעס, אז זיי זאלען אריינלאזן אלע יידן, וועלכע באוויזן צו אנטלויפן פון היטלערישן גיהנום?

"און וועלען די טויערן פון ארץ ישראל זיין אפן פאר אלע יידן פון אייראפע, וועלכע וועלן זיך קענען ארויס־ראטעווען?".

ווייטער האט ד"ר ישראל גאלדשטיין דערקלערט אין זיין "זש'אַקיוז", מיט וועלכן ער איז ארויסגעטראטן נאך אינמיטן פון דער מלחמה:

"מיר קומען מיט די דאזיקע פאדערונגען נישט דערפאר ווייל מיר בעטן חסד, נאר ווייל מיר פארלאנגען אונדזערע רעכט, ווי געטרייע פארבינדעטע פון די פאראייניקטע פעלקער, וואס קעמפן קעגן היטלער־דייטשלאנד. מיר פאדערן, אז מען זאל אונדז נישט באהאנדלען ווי פארגעסענע אדער איגנארירטע פארבינדעטע. מיר, יידן, האָבן געליטן אומפארגלייכלעך מער פון אנדערע. עס דראט אונדזערע יידן אין אייראפע די געפאַר, אז זיי זאלן אינגאנצן אומקומען.

"מיר פאדערן, אז ווען היטלער פארלירט דעם קריג קעגן די פאראייניקטע פעלקער, זאל מען אים נישט געבען די מעגלעכקייט צו געווינען די מלחמה קעגן יידישן פאלק" — האט ד"ר ישראל גאלדשטיין אויסגעשריען און אלארמירט די עפענטלעכע מיינונג פון אמעריקע און פון דער גאנצער פרייער וועלט ביי דער טראגישער געלעגנהייט פון דער

יזכור־פארזאמלונג נאך די העלדן־מארטירער פון ווארשע־ווער געטא.

באלד איז די פירערשאפט פון אמעריקאנער יידנטום, צווישן וועלכע ד״ר גאלדשטיין האט פארנומען זיין פאראנט־ווארטלעכע פאזיציע אין דער ערשטער קאמפסליניע, געקומען מיט די דאזיקע פאדערונגען צו דער גרינדונגס־קאנפערענץ פון דער ארגאניזאציע פון די פאראייניקטע פעלקער, וואס איז צונויפגערופן געווארן אין סאן־פראנציסקא.

קאפיטל נײַנצן

אין סאן פראנציסקא מיט די יידישע פאדערונגען צו די פעלקער פון דער וועלט

די פירערשאפט פון אמעריקאנער יידנטום, וואס איז געווען פאראייניקט אין דער אמעריקאנער יידישער קאנפערענץ, האט געמאכט גרויסע צוגרייטונגען צו דער גרינדונגס־קאנפערענץ פון דער ארגאניזאציע פון די פאראייניקטע פעלקער, וואס איז צונויפגערופן געווארן אין אפריל 1945 אין סאן פראנציסקא.

ווי א מיטפארזיצער פון דער אמעריקאנער יידישער קאנ־פערענץ און ווי דער פרעזידענט פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע פון אמעריקע — וואס האט געשפילט א פירנדיקע ראלע אין דער קאנפערענץ — איז ד״ר ישראל גאלדשטיין געווען איינער פון די הויפט־איניציאטארן ביים צוגרייטן די יידישע פאדערונגען צו דער קאנפערענץ אין סאן פראנציסקא און איינער פון די הויפט־באטייליקטע אין די פארהאנדלונגען ביים דורכפירן די פאדערונגען אויף דעם אינטערנאציאנאלן גרינדונגס־צוזאמענקום פון דער ארגאניזאציע פון די פאראייניקטע פעלקער.

עטלעכע וואכן פריער פאר דער דערעפענונג פון דער קאנ־פערענץ אין סאן־פראנציסקא האט ד״ר ישראל גאלדשטיין פארמולירט די יידישע פאדערונגען און פארגעשטעלט די לאגע, אין וועלכער דאס יידישע פאלק קומט צו דער

קאנפערענץ — אין א דערקלערונג, אין וועלכער ער האט אויסגעפירט:

״אונדזערע הויפט־פאדערונגען זיינען טאפלטע: ווידער־אויפריכטן די יידישע קאמאנוועלט — מיט אנדערע ווערטער: די יידישע מדינה — אין ארץ ישראל און דערמעגלעכן א באלדיקע מאסן־אימיגראציע אין ישראל.ביידע פאדערונגען זיינען ענג פארבונדן צווישן זיך אין דער דרינגנדיקער רעאליסטישער נויטווענדיקייט היינט־צו־טאג און פאר דער פאליטישער זיכערקייט פון אונדזער פאלק־מארגן. די באטאנונג דארף אבער זיין אויף דער דרינג־לעכקייט פון אונדזערע פאדערונגען.

״דאס יידישע פאלק קאן נישט ווארטן. פאר דער שארית הפליטה זיינען די אויסזיכטן אין אייראפע טרויעריקע אויך נאכדעם, ווי עס וועט קומען דער זיג איבער היטלער־דייטשלאנד. פון די באריכטן, וועלכע דערגייען צו אונדז פון די שוין באפרייטע געביטן אין רומעניע, בולגאריע, אונגארן, אויך אין פראנקרייך, איז צו זען, אז דער אנטיסעמיטיזם איז דארט געווארן א מין פראקטישער אינטערעס פון די נישט־יידן, וועלכע זיינען געווארן די אייגנטימער פון די געשעפטן, ווינונגען און פארמעגנס, אויך פון די ארבעטס־ערטער, וואס זיינען בעת דער מלחמה צוגערויבט און אפגענומען געווארן פון די יידן. פאר אט די יידן און פאר זייערע קינדער איז פאראן בלויז איין מעגלעכקייט פאר ווידעראויפריכטן זיך און פאר בויען פאר זיך א נייע צוקונפט, וואס עס זאל זיין כדאי צו לעבן. די דאזיגע מעגלעכקייט איז פאראן בלויז אין ארץ ישראל. און אט די יידן פון אונדזער שארית הפליטה קענען נישט מער ווארטן.

"ס'איז דעריבער דרינגנדיק נויטיק, אז עס זאל גלייך קומען אן אגרעסיווע אקציע פון אלע כוחות אין דער אמעריקאנער עפענטלעכער מיינונג, סיי מצד יידן און סיי מצד קריסטן, איצט ווען מיר שטייען ערב דער קאנפערענץ אין סאן־פראנציסקא" — האט ד"ר ישראל גאלדשטיין אויסגעפירט ווייטער אין זיין דערקלערונג. "אזא פאראייניקטע אקציע קאן דורכברעכן די טעכנישע שטערונג, וואס זאל געמאכט ווערן, ווי מיר הערן, פאר ארויפברענגען אויף דער טאג־ארדענונג פון דער קאנפערענץ אין סאן פראנציסקא דאס פראבלעם וועגן די אבנארמאלע נויטן פון יידישן פאלק".

"אין שייכות מיט דעם איז דרינגנדיק נויטיק אויפצושטעלן א פאראייניקטע יידישע רעפרעזענטאנץ אויף דער קאנ־פערענץ אין סאן פראנציסקא. לויט יעדן מאראלישן קריטעריום איז די יידישע אגענץ פאר ארץ ישראל בארעכטיגט צו זיין רעפרעזענטירט ביי דער קאנפערענץ, און נישט פון דרויסן נאר אינעווייניק, בעת עס וועלן דירעקט אדער אומדירעקט באהאנדלט ווערן די פראגן, וואס האבן א שייכות צו ארץ ישראל".

ד"ר ישראל גאלדשטיין האט אין זיין דערקלערונג מיטגע־טיילט, אז דער אמעריקאנער ציוניסטישער "עמוירדזשענסי קאונסיל", אונטער דער אנפירונג פון ד"ר סטיפען ס. וויז און ד"ר אבא הלל סילווער, האט שוין אנגעהויבן דורכפירן פאר דעם צוועק די נויטיקע שריט: ער האט גערופן אלע ציוניסטן צו זיין מאביליזירט פאר דער אקציע. גלייכ־צייטיק האט ער, אלס איינער פון די הויפט־באטייליקטע אין די צוגרייטונגען, מיטגעטיילט אז עס ווערט דערוואַרט, אז אויף דער קאנפערענץ אין סאן פראנציסקא וועלן

באטראכט ווערן נאך אנדערע פראגן, וואס ווען אנרירן די לעבנס־אינטערעסן פון דער שארית הפליטה פון אייראפעאישן יידנטום. פאר פארטיידיקן די דאזיקע יידישע ענינים ביי דער קאנפערענץ אין סאן פראנציסקא איז געשאפן געווארן א פאראייניקטע יידישע רעפרעזענטאנץ מיטן אנטייל פון די פארטרעטער פון דער אמעריקאנער יידישער קאנפערענץ, יידישן וועלט־קאנגרעס און דעם ועד הקהילות — "באארד אף דזשואיש רעפיוטיס" — אין ענגלאנד. די דאזיקע פאראייניקטע יידישע רעפרע־זענטאנץ וועט קענעןריידן אין נאמען פון מער פון אכציק פראצענט פון די יידן אין דער וועלט" — האט ד"ר ישראל גאלדשטיין דערקלערט.

געוויס זיינען געווען נויטיק גרויסע און קאנצענטרירטע אנשטרענגונגען מצד ד"ר ישראל גאלדשטיינ'ען, ד"ר נחום גאלדמאן און די אנדערע יידישע פירער פאר אויפשטעלן אזא פאראייניקטע יידישע רעפרעזענטאנץ. אבער די שווערסטע און פאראנטווארטלעכסטע אויפגאבע איז געווען צו באקומען די געהעריקע פארשטענדעניש פאר די יידישע פאדערונגען אין סאן פראנציסקא און דורכפירן זיי ביי דער גרינדונגס־קאנפערענץ פון דער ארגאניזאציע פון די פאראייניקטע פעלקער.

באלד אין אנהויב פון די פארהאנדלונגען אין סאן־פראנציסקא האט זיך ארויסגעשטעלט, אז ביי דער טעכנישער פראצעדור פון דער טאג־ארדענונג און ביים גאנצן ארגאניזאציאנעלן בוי פון דער קאנפערענץ, מיט די רעגולאציעס לויט וועלכע זי איז געפירט געווארן, איז געווען אויסגעשלאסן די מעגלעכקייט, אז די יידישע

פארטרעטער זאלן קענען פארשטעלן זייערע פאדערונגען דירעקט פאר דער קאנפערענץ אין א דערקלערונג ביי אן אפענער, פארמעלער זיצונג. די יידישע פארשטייער האבן געקענט בלויז ריידן מיט די שטאטסלייט, די פארטרעטער פון די פארשיידענע פעלקער און לענדער, וואס האבן זיך באטייליקט אין דער קאנפערענץ, און ביי באגעגענישן און געשפרעכען מיט זיי זוכן צו געווינען זייער שטיצע פאר די יידישע פאדערונגען.

״דאס איז געווען א דערנידעריקנדיגע, באליידיקנדיגע דערפארונג״ — האט ד״ר ישראל גאלדשטיין שפעטער דערקלערט אין זיין באריכט. ער האט צוגעגעבן, אז דאס דאזיקע געפיל איז פארלייכטערט געווארן א ביסל נאר דורך דעם, וואס א טייל פון די אמעריקאנער יידישע פירער האבן באקומען דעם סטאטוס פון ראטגעבער צו דער אפיציעלער דעלעגאציע פון דער רעגירונג פון די פאר־אייניקטע שטאטן. ד״ר ישראל גאלדשטיין איז געווען איינער פון זיי. דאס האט באדייטנדיק פארלייכטערט די ארבעט פון די דאזיקע אמעריקאנער יידישע פירער אויף דער קאנפערענץ אין סאן פראנציסקא.

די טעכנישע שוועריקייטן און שטערונגען — האט ד״ר ישראל גאלדשטיין באריכטעט — האבן ניט צוריקגעהאלטן די יידישע פארשטייער פון אויסנוצן די געלעגנהייט פאר איבערגעבן אפיציעל די יידישע פאָדערונג צו די דעלע־גאציעס פון די פארשיידענע מלוכות ביי דער קאנפערענץ.

אויך האבן די יידישע פארטרעטער געהאט די מעגלעכקייט צו באקאנט־מאכען אויף דער קאנפערענץ, עפענטלעך, די פאדערונגען וועגן די רעכט און נויטן פון דער יידישער

שארית הפליטה אין אייראפע און די פאדערונגען בנוגע ארץ ישראל, ווי זיי זיינען פארמולירט געווארן אין די מעמאראנדומס פון דער פאראייניקטער יידישער רעפרע־זענטאנץ אין סאן פראנציסקא. גלייכצייטיק האט די פאראייניקטע יידישע רעפרעזענטאנץ זיך אנגעשלאסן אין דעם מעמאראנדום, וואס ד״ר חיים ווייצמאן האט צו־געשטעלט דער קאנפערענץ אין נאמען פון דער יידישער אגענץ.

ווען די רעכט פון דער שארית הפליטה פון יידישן פאלק אין אייראפע האט זיך איינגעגעבן זיי צו פארהיטן אין די ראַמען פון א אלגעמיינער גאראנטיע פון די מענטשן־רעכט, וואס איז געווארן איינער פון די עיקרים פון דער נייער ארגאניזאציע פון די פאראייניקטע פעלקער.

גאר באזונדערס זיינען די יידישע פארשטייער געווען באזארגט וועגן דער פארמולירונג פון דעם סטאטוס פון די טעריטאריעס און לענדער, וועלכע האבן זיך געפונען אונטער דעם רעזשים פון א מאנדאט פון איין מלוכה, אדער פון אן אינטערנאציאנאלער אפוטרופסות (״טראסטי־שיפ״). צו די דאזיקע טעריטאריעס האט דאן געהערט ארץ ישראל. ס׳איז געווען די געפאר, אז די אראבישע לענדער, וועלכע האבן אין לעצטן מאמענט אונטערגעשריבן די פארפליכטונגען פון דער ארגאניזאציע פון די פאר־אייניקטע פעלקער און האבן באקומען אפיציעלע מלוכה׳שע פארטרעטערשאפטן, זאלן דורכפירן פונקטן, וואס וועלן אפשוואכן, און אפילו אנולירן, די יידישע רעכט און די ענגלישע התחייבות׳ן אין ארץ ישראל אונטער דעם בריטישן מאנדאט־רעזשים. דאס וואלט געהייסן, נישט נאר אפצו־

נעמען די מעגלעכקייט פון פרייער יידישער איינוואנדערונג קיין ארץ ישראל און גרינדן נייע יידישע ישובים, נאר אויך פארלויפן דעם וועג פאר קאנען ווידעראויפריכטן די יידישע מדינה אין ארץ ישראל, וואס איז געווען פאראויסגעזן אין דער באלפור־דעקלאראציע. די יידישע פארשטייער האט זיך איינגעגעבן, צו באקעמפן די דאזיקע מאנעווערס פון די אראבישע מלוכות, נאך א גרויסער און אנגעשטרענגטער אויפקלערונגס־אקציע ביי די דעלעגאציעס פון די פאר־שיידענע לענדער.

א באזונדערע פארשטענדעניש האבן די יידישע פארטרעטער געפונען פאר דער דאזיקער פאדערונג ביי דער אמעריקאנער דעלעגאציע — האט ד"ר ישראל גאלדשטיין באטאנט אין זיין באריכט.

"אונדזער ערשטע אויפגאבע איז געווען — האט ד"ר גאלדשטיין איבערגעגעבן אין זיין רעפארט — צו מאכן אויפמערקזאם דעם אמעריקאנער אויסערן־מיניסטער, סטעטיניוס, און דער אמעריקאנער דעלעגאציע אויף דער פאראנטווארטלעכקייט פון דער אמעריקאנער רעגירונג פאר אפהיטן די אינטערעסן פון יידישן פאלק אין ארץ ישראל, אין זין פון די קלאָרע און אומצווייידייטיקע דער־קלערונגען פוןביידע גרויסע פאליטישע פארטייען, די דעמאקראטען און רעפובליקאנער, און פון די צוזאגן פון די פרעזידענטן רוזוועלט און טרומאן. דעם דאזיקן ציל האבן מיר דערגרייכט מיט אונדזער אקציע" (פרעזידענט רוזוועלט איז געשטארבן פלוצלונג ערב דער קאנפערענץ אין סאן פראנציסקא, און זיין ארט אין ווייסן הויז האט פארנומען דער וויצע־פרעזידענט הארי ס. טרומאן, וואס איז לעצטנס געשטארבן).

ס'איז געווען א מאמענט, ווען די שטעלונג פון סאוויעט־רוסלאנד האט אויסגעזען צו זיין נישט קלאר און אומ־גינסטיג. אבער א דאנק די באמיונגען פון די יידישע פארשטייער האט די סאוויעטישע דעלעגאציע געענדערט איר באציאונג צו די יידישע פאדערונגען וועגן ארץ ישראל.

ד״ר ישראל גאלדשטיין האט באריכטעט, אז אויך ביי די דעלעגאציעס פון די אנדערע מלוכות האבן די יידישע פארטרעטער געפונען אײנזען און פארשטענדיקונג פאר דעם באזונדערן כאראקטער פון ענגלישן מאנדאט איבער ארץ ישראל, וואס ״איז א אינטערנאציאנאלע פארפליכטונג, וועלכע אנערקענט די ספעציעלע פארבינדונג צווישן יידישן פאלק און ארץ ישראל און איז א פארפליכטונג לגבי אלע יידן אין דער וועלט, נישט בלויז לגבי די יידן אין ארץ ישראל״ — האט ד״ר ישראל גאלדשטיין אויסגעפירט אין זיין באריכט וועגן דער אקציע, וואס ער צוזאמען מיט די אנדערע יידישע פארשטייער האבן אנגעפירט ביי דער קאנפערענץ אין סאן פראנציסקא, אין שווערע און אַבנאָר־מאלע באדינגונגען.

צום גליק זיינען אויך געווען ליכטיקע מאמענטן אין די דאזיקע אנגעשטרענגטע באמיאונגען. ״מיר האבן געטראפן איידעלע שטאטסלייט אין סאן פראנציסקא, און נישט בלויז אונדזערע גוטע אלטע פריינד, ווי סמאַטס און מאַסאַריק, נאר אויך יינגערע מענשן, וואס זיינען פראמינענטע פיגורן אין לענדער, וועלכע וואקסן איצט צו א נייער באדייטונג״. ״נאך איצט״ — האט ד״ר גאלדשטיין באמערקט — ״קלינגען אין מיינע אויערן די ווערטער פון א מיטגליד פון דער כינעזישער דעלעגאציע: ״איר זענט

מיינע גייסטיקע ברידער. עס וועט נישט זיין קיין אמת׳ער שלום אין דער וועלט, סיידן עס וועט געטאָן ווערן גערעכ־טיקייט דעם יידישן פאָלק. די געשיכטע לערנט אונדז, אַז די וועלכע פאַרפאָלגן דאָס יידישע פאָלק, ווערן אליין צעשטערט און די וועלכע באַציִען זיך פריינדלעך צו יידן — פּראָספּערירן״.

אגב האָט ד״ר גאָלדשטיין אין זיינע באַמיִונגען אויפצוקלערן דער כינעזישער דעלעגאַציע וועגן די יידישע פאָדערונגען אין ארץ ישראל געהאַט די הילף פון דעם עקזאָטישן גענעראַל פון דער כינעזישער אַרמיי, דעם מערקווירדיקן ייד, גענעראַל משה כהן, וועלכער איז דאַן געווען אין קאַנאַדע און אויף ד״ר גאָלדשטיינס פאָרשלאָג איז ער איינגעלאַדן געוואָרן קיין סאַן־פראַנציסקאָ.

ביי די אַלע אויפטוען האָט אָבער דער יידישער פאָרטרעטער־שאַפט אין סאַן פראַנציסקאָ זיך נישט איינגעגעבן צו דער־גרייכן עפּעס ממשות׳דיקס פאַר דער הויפּט־פאָדערונג וועגן ווידעראויפריכטן די יידישע מדינה אין ארץ ישראל. און ד״ר גאָלדשטיין האָט אויסגעפירט אין אַן אומעטיקן טאָן אין זיין באַריכט:

״דער פיינלעכסטער מאָמענט פאַר מיר אויף דער קאָנפערענץ אין סאַן פראַנציסקאָ איז געווען, בעת עס איז אויפגע־שטאַנען אַ פאָרטרעטער פון אַ לאַטיין־אַמעריקאַנער רעפּובליק און האָט, פאַרלאַנגענדיק אַז אַרגענטינע זאָל צוגעלאָזן ווערן צו דער קאָנפערענץ, אויסגערופן מיט פּאַטאָס: ״צווישן די פענער ביי אונדזער קאָנפערענץ פעלט אין פאַן — די בלוי־ווייסע פאַן פון אַרגענטינע״. איך האָב געטראַכט ביי זיך, אַז די בלוי־ווייסע פאַן פעלט טאַקע

ביי דער קאנפערענץ, אבער נישט פון דער רעפובליק פון ארגענטינע (אונטער דער הערשאפט פון פעראנ׳ען), נאר פון דער דעמאקראטישער יידישער ארץ ישראל — די פאָן, אונטער וועלכער די יידישע בריגאדע האט געקעמפט און קעמפט ווייטער קעגן די נאצים, אין דער צייט, ווען ארגענטינע האט געמאכט בלויז א פאפירענע קריגס־דעקלאראציע קעגן היטלער־דייטשלאנד אין לעצטן מאמענט, ווען די נאצים זיינען שוין באזיגט״.

״דאס טאָר מער נישט געשען״ — האט ד״ר ישראל גאלד־שטיין דערקלערט — ״מיר מוזן טאן אלץ, וואס ליגט אין אונדזערע כוחות, צו נארמאליזירן דעם סטאטוס פון יידישן פאלק און דורך ווידעראויפריכטן די יידישע מדינה אין ארץ ישראל באקומען אונדזער אייגענע שטימע און ווירדע אויף דעם אינטערנאציאנאלן פארום צווישן אלע אנדערע פעלקער פון דער וועלט״.

אבער פון דערגרייכן דעם דאזיקן ציל איז עס נאך געווען ווייט. און יידישע פירער האבן נאך געהאט פאר זיך א לאַנגן און שווערן קאמף, אז דאס יידישע פאלק זאל אין זיין באנייטן היימלאנד ווערן גלייכבארעכטיקט מיט די אנדערע זעלבסטשטענדיקע פעלקער פון דער וועלט.

קאפיטל צוואנציק

ערשטע רייזע צו דער שארית הפליטה אין אייראפע

באלד נאכ׳ן זיג פון די אלייִרטע מלוכות איבערן היטלעריזם איז ד״ר ישראל גאלדשטיין, אין 1945, געפאָרן אויף אַ באזוך אין די לאגערן אין באפרייטן דייטשלאנד, ווו עס האבן זיך דעמאלט געפונען איבער א פערטל מיליאן נפשות פון דער גרעסטעווטעטער שארית הפליטה פון אייראפעאישן יידנטום. ער איז ארומגעפארן פון איין לאגער אין אנדערן אין דער אמעריקאנער זאנע, האט זיך באקענט מיט דעם מצב פון די על־פי־נס־לעבן־געבליבענע יידן; האט שטודירט זייערע פראבלעמען; האט זיי געבראכט דעם גרוס פון דערמוטיקונג פון אמעריקאנער יידנטום, אינאיינעם מיט א באשיידענער מאטעריעלער הילף; ער האט זיי געשטארקט אין דער האפענונג, אז עס וועלן געעפנט ווערן פאר זיי די טויערן פון ארץ ישראל, ווו זיי וועלן קענען אנהויבן א נײ לעבן אין פרייהייט און אין מענטשלעכער ווירדע.

פריער, אין מאי 1945, איז ד״ר ישראל גאלדשטיין געווען אין לאנדאן, ווו ער האט זיך באטייליקט אין א ספעציעלער סעסיע פון ציוניסטישן אקציאנס־קאמיטעט, וואס האט באשלאסן אנצוהויבן א פארשארפטן קאמף פאר די יידישע פאדערונגען אין ארץ ישראל, אפצושאפן די גזירה פון ענגלישן ״ווייסבוך״ קעגן דער יידישער איינוואנדערונג אין

ארץ ישראל און ווידעראויפבויען אין ארץ ישראל די יידישע מדינה, וואס זאל אליין האבן די קאנטראל איבער דער עליה און איבער אויפשטעלן נייע יישובים אין לאנד.

אין די פליטים־לאגערן אין דייטשלאנד האט ד״ר ישראל גאלדשטיין געפונען א שרעקלעכן צושטאנד. ער איז געווען דער ערשטער פארשטייער פון אמעריקאנער יידנטום, וועלכער איז געקומען צו די געראטעוועטע יידן, און ער האט אויסגעהערט זייערע אנקלאגעס. ער איז געקומען צו זיי אלס פרעזידענט פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע פון אמעריקע און מיטפארזיצער פון דער אמעריקאנער יידישער קאנפערענץ. אין דעם באריכט, וואס ער האט דערנאך אפגעגעבן פאר דיביידע ארגאניזאציעס, האט ער דערקלערט, אז אומעטום האט ער געהערט טענות פון די יידן אין די לאגערן צום אמעריקאנער יידנטום, פארוואס עס ווערט ניט געטאן גענוג אויסצוקעמפן, אז עס זאלן געעפנט ווערן די טויערן פון ארץ ישראל פאר די געראטע־וועטע יידן אין אייראפע.

״די לעבן־געבליבענע יידן אין די לאגערן ווערן איצט באהאנדלט פאקטיש ווי געפאנגענע — האט ד״ר גאלדשטיין באריכטעט — זיי געפינען זיך הינטער גראטן־צוימען. זיי האבן נישט קיין פרייהייט פון באוועגן זיך, און זייער ארויסגיין און צוריקקומען אין די לאגערן ווערט קאנט־ראלירט דורך שטרענגע רעגולאציעס.

״די וויכטיקסטע און דרינגנדיקסטע פראגע פאר די יידישע פליטים אין די לאגערן איז — צו געפינען א היים. די דאזיקע פראגע איז נאך אלץ ניט פארענטפערט געווארן דורך דער

אָרגאַניזאַציע פון די פּאַראייניקטע פעלקער, שוין נאָך דער קאָנפערענץ אין סאַן פראַנציסקאָ.

"די יידישע פּליטים אַליין ווייסן, וווהין זיי ווילן פאָרן — האָט ד"ר ישראל גאָלדשטיין דערקלערט אויפן יסוד פון זיינע באַגעגענישן און געשפּרעכן מיט די געראַטעוועטע יידן — זיי האָבן שוין אויסגעקליבן זייער היים. אַכט פון צען יידישע פּליטים, מיט וועלכע איך האָב גערעדט, האָבן גלייך אָן וואַקלענישן געענטפערט: "איך וויל פאָרן קיין ארץ ישראל". אויך יעדער פון די יידישע מיליטערישע טשעפּליינס אין דייטשלאַנד, מיט וועלכע איך האָב קאָנ־פערירט, האָט מיר געזאָגט אַז ער הערט פון אַלע געראַ־טעוועטע יידן דעמזעלבן איינעם אויסגעשריי: „ווי אַזוי קאָן איך זיך דורכקריגן קיין ארץ ישראל?"."

אין זיין באַריכט האָט ד"ר גאָלדשטיין אויפגעהויבן אַ נייעם אַלאַרם, רופנדיק דאָס אַמעריקאַנער יידנטום איינצושטעלן זיך מער פאַר דער גרעכטער פאַדערונג פון דער שארית הפליטה פון אייראָפּעאישן יידנטום:

"די פירער פון די פּאַראייניקטע פעלקער, וועלכע קענען געבן אַן ענטפער אויף דער פראַגע פון די יידן אין די לאַגערן, האָבן ביז איצט זייער ווייניק געזאָגט און גאָר נישט געטאָן. עס איז אַ פאַקט, אַז פּרעזידענט טרומאַן האָט דערקלערט, אַז ער האָט דיסקוטירט דאָס ארץ ישראל־פּראָבלעם מיט'ן ענגלישן פּרעמיער־מיניסטער עטלי ביי זייער קאָנפערענץ אין פּאָטסדאַם (וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן באַלד נאָכ'ן זיג איבער נאַצי־דייטשלאַנד). עטלי האָט אָבער געשוויגן, און ער שווייגט ווייטער. און פּרעזי־דענט טרומאַנ'ס ווערטער האָבן נישט געפירט צום אָפּשאַפן

די גזירה פון „ווייסבוך", וואס פאַרווערט נאך אלץ יידן אריינצוקומען קיין ארץ ישראל".

„קיין שום לאנד האט נישט געעפנט די טויערן פאר די אויסגעווארצלטע יידן פון אייראפע" — האט ד"ר גאלד־שטיין אויסגעפירט אין זיין באריכט — „די יידן אין די לאגערן און אזוי אויך אין די מערסטע אייראפעאישע לענדער ווילן נישט פארבלייבן אויף די חורבות פון זייערע רוינירטע היימען, און זיי שרעקן זיך דארט פאר נייע געוואלט־אקטן און רציחות. די לאגע פון די לעבן־געבליבענע יידן אין אייראפע וועט זיין א פינצטערע און ביטערע, ביז עס וועלן נישט געעפנט ווערן פאר זיי די טויערן פון ארץ ישראל".

„און ביז די ארגאניזאציע פון די פאראייניקטע פעלקער וועט ניט דורכפירן, אז די טויערן פון ארץ ישראל זאָלן געעפנט ווערן פריי, וועט ניט געטאן ווערן קיין גערעכ־טיקייט דעם יידישן פאלק, וואס האט מער פון אלע פעלקער געליטן פון היטלעריזם און פון דער מלחמה. און אָן עפענען די טויערן פון ארץ ישראל וועט נישט זיין קיין פלאץ און קיין צוקונפט פאר די היימלאזע יידן אין אייראפע" — האט ד"ר גאלדשטיין דערקלערט.

דאס איז געווען די ערשטע שטים פון אַלאַרם און ווארענונג פון אַן אמעריקאנער יידישן פירער אויפ׳ן גרונט פון דעם, וואס ער האט אליין, מיט זיינע אייגענע אויגן, צוגעזען די שרעקלעכע נויט־לאגע פון די לעבן־געבליבענע אין אייראפע נאכ׳ן חורבן.

ער איז דעמאלט אויך געפאָרן קיין פאריז, צו באקענען זיך מיט דעם צושטאנד פון דער שארית הפליטה אין פראנק־

רייך. אין פאריז איז דאן אויך געהאט זיך צונויפגעקומען א גרויסע צאל פון די געראטעוועטע יידן אין אנדערע לענדער פון אייראפע. אין דער נאך־מלחמה׳דיגער פראנק־רייך, נאר יארן פון דער דייטשער אקופאציע און פון דער היטלערישער בארויבונג פון לאנד, גלייכצייטיק מיט די מאסען־דעפארטאציעס פון יידן אין די מארד־לאגערן, איז געווען גרויס די נויט פון די לעבן־געבליבענע יידן. ד״ר גאלדשטיין האט אין די ראמען פון זיינע מעגלעכקייטן געבראכט הילף די ליידנדיקע יידן אין פראנקרייך באלד נאך דער מלחמה. דער רב ראשי פון פראנקרייך, יעקב קאפלאן, האט שפעטער געשריבן וועגן דעם אין אן אויס־פירלעכן באריכט:

״ווען ד״ר ישראל גאלדשטיין איז געקומען צו אונדז קיין פאריז, אין יולי 1945, האבן מיר געהאט אן ערנסט פראבלעם וועגן עפענען א צענטער פאר יידישע קינדער, ווו זיי זאלן קריגן באשפייזונג — וואס איז דעמאלט געווען זייער וויכטיק צוליב דער שווערער שפייז־לאגע אין לאנד — און באקומען א יידישע דערציאונג. אבער מיר האבן נישט געהאט קיין מיטלען דערפאר. איך האב געוווסט וועגן ד״ר גאלדשטיינ׳ס פאזיציע אין אמעריקאנער יידנטום. מיין פרוי האט פארגעשלאגן, אז מיר זאלן זיך ווענדן צו ד״ר גאלדשטיינ׳ען נאך הילף, זייענדיק זיכער אז ער וועט נאכקומען אונדזער בקשה. ער האט אונדז אויסגעהערט מיט ווארעמער אויפמערקזאמקייט. און גלייך אויפ׳ן ארט האט ער אונדז צוגעזאגט, צו געבען די פינאנציעלע הילף פאר עפענען דעם צענטער פאר קינדער״.

הרב הראשי יעקב קאפלאן האט אויך ציטירט דעם בריוו,

וואס ד״ר ישראל גאלדשטיין האט אים צוגעשיקט באלד נאך זייער געשפרעך:

״אין משך פון די צוויי וואכן, וואס איך בין געווען אין פאריז, האב איך שטודירט די פארשיידענע פאַזן פון דער יידישער לאגע דא. מיין מיינונג איז, אז דאס פראבלעם פון דער יידישער יוגנט איז דאָ זייער דרינגנדיק. די יוגנט איז אונדזער צוקונפט. איך האב באשלאסן, איבערצוגעבן אייך א פאנד פאר דעם צוועק צו גרינדן א ספעציעלע אינסטי־טוציע פאר דער יוגנט. איר וועט מיר דערלויבן, אז איך וועל אייך באשטימען אלס מיין פארשטייער פאר דער האזיקער אויפגאבע אין א קאמיטעט, וועלכן איר וועט אויסקלייבן צו אדמיניסטרירן דעם פאנד. נאכ׳ן צוריקקומען קיין אמעריקע וועל איך זיך באמיען צו פאראינטערעסירן מיינע קאלעגן מיט דער אינסטיטוציע, וואס איר וועט גרינדן.

אין יעדן פאל וועט די סומע, וואס איך גיב אייך איצט איבער, אייך דערמעגלעכן, אז איר זאלט מאכן דעם אנהויב פאר אויפשטעלן א צענטער פאר דער יידישער יוגנט אין פאריז״.

די גרויסמוטיקע ביישטייערונג — האט הרב הראשי יעקב קאפלאן באריכטעט — איז געקומען פון די געלטער פון דער פרויען־ארגאניזאציע פון ד״ר ישראל גאלדשטיינ׳ס קהילה ״בני ישורון״ און פון דער לואי אַלטשול־פונדאציע אין ניו יארק.

״ד״ר ישראל גאלדשטיינ׳ס הילף איז פאר אונדז אין יענער צייט געווען פון דער גרעסטער באדייטונג, ווייל זי האט אונדז געגעבן די מעגלעכקייט אנצוהויבן די דרינגענדיק־נויטיקע ארבעט פאר דער רעהאביליטאציע פון די יידישע

קינדער אין פראַנקרייך באַלד נאָך דער מלחמה, פאַר זייער פיזישער שטאַרקונג און גייסטיקער יידישער דערציונג" — האָט הרב הראשי יעקב קאַפּלאַן דערקלערט. און ער האָט צוגעגעבן, אַז שפּעטער האָט ער זיך דערוואוסט, אַז ד"ר גאָלדשטיין האָט בעת זיין באַזוך אין פּאַריז אויך געגעבן פינאַנציעלע הילף פאַר עפענען צוריק די מיטלשול פאַר יידישע לימודים אין דער פראַנצויזישער הויפּט־שטאָט.

"די מיטלשול, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון רמב"ם („מיימאָנידעס־שול"), וועלכע איז געווען פאַרמאַכט אין די יאָרן פון דער נאַצי־אָקופּאַציע, האָט אַ דאַנק ד"ר גאָלד־שטיינ'ס הילף אין אַ קורצער צייט געקענט אויפנעמען הונדערטער תלמידים" — האָט דער רב ראשי פון פראַנקרייך איבערגעגעבן אין זיין באַריכט.

זייענדיק אין פּאַריז, איז ד"ר ישראל גאָלדשטיין דעמאָלט אויך אַרויסגעטראָטן אויף אַן עפנטלעכער יידישער פאַר־זאַמלונג. ער האָט געבראַכט די יידן אין פּאַריז דעם גרוס פון דערמוטיקונג פון אַמעריקאַנער יידנטום, און ער האָט אין זיין רעדע באַהאַנדלט די אַלגעמיינע לאַגע פון יידישן פאָלק נאָך דער מלחמה. באַטאָנענדיק, אַז די פאָדערונג פון דער פאַראייניקטער פירערשאַפט פון יידישן פאָלק איז, אַז די לעבן־געבליבענע יידן אין אייראָפּע זאָלן זיין פול־שטענדיק גלייכבאַרעכטיקט אין די לענדער. וווּ זיי בלייבן וווינען — האָט ד"ר גאָלדשטיין דערקלערט, אַז גלייכצייטיק דאַרפן יידן קריגן דאָס פרייע רעכט אויסצוּוואַנדערן און עולה־זיין קיין ישראל.

"מיר האַלטן, אַז עס זיינען איצט פאַראַן אַ מיליאָן יידן אין אייראָפּע, וואָס וועלן דאַרפן און וואָס וועלן זיך באַזעצן

אין ארץ ישראל אין משך פון די קומנדיקע עטלעכע יאר. וואס גיכער זיי וועלן דאס קענען טאן, אלץ גיכער וועלן זיי פילן די פולע באדייטונג פון שלום, פרייהייט און מענשלעכער ווירדע" — האט ד"ר גאלדשטיין דערקלערט אויף דער מאסן־פארזאמלונג פון די יידן אין פאריז. ער האט אויסגעפירט:

"מיר פארלאנגען א נייעם סטאטוס אין ארץ ישראל, א סטאטוס, וואס זאל מאכן אוממעגלעך די גזירות פון ענגלישן „ווייסבוך". דערפאר פאדערן מיר, אז ארץ ישראל זאל ווערן די פרייע סוווערענע יידישע מדינה, וווּ יידן זאלן האבן דעם קאנטראל איבער דער אימיגראציע, און וואס דאס יידישע פאלק זאל קענען אזוי שטארק אנטוויקלען — ווי נאר יידן קענען דאס טאן — אז דאס לאנד זאל קענען אויפנעמען און איינארדענען יעדן יידן, וועלכער וועט וועלן זיך באזעצן אין דער יידישער מדינה".

"מיר, אמעריקאנער יידן, וועלן נישט רוען, ביז מיר וועלן ניט דורכפירן, אז עס זאל פארזיכערט ווערן דער המשך פון דעם קיום פון יידישן פאלק, ווי א פריי פאלק אין א פרייער וועלט און אין א פרייער יידישער ארץ ישראל" — האט ד"ר גאלדשטיין פארזיכערט די לעבן־געבליבענע יידן אין פאריז.

דאס איז געווען אין יולי 1945, ווען דאס לעצטע קאפיטל פון דעם גורל'דיקן היסטארישן געראנגל פאר דער באנייונג פון דער יידישער מדינה האט זיך שוין געהאלטן ביים אָנהויבן.

קאפיטל איין און צוואנציק

אין דער פראנט־ליניע פון פאליטישן קאמף פאר באנייען די יידישע מדינה

די זומער־חדשים פון 1946 זיינען געווען זייער קריטישע פארן קאמף פון דער ציוניסטישער וועלט־ארגאניזאציע און פון דער פירערשאפט פון וועלט־יידנטום קעגן די גזירות פון דער ענגלישער מאנדאט־רעגירונג און פון ווידער־אויפריכטן די יידישע מדינה אין ארץ ישראל. סוף יוני האט די ענגלישע אדמיניסטראציע אין א "שווארצן שבת" ארעסטירט די מיטגלידער פון דער ציוניסטישער עקזעקו־טיווע, וועלכע האבן זיך דאן געפונען אין ירושלים, און זיי פארשפארט אין דעם לאגער פון לאטרון. די מאנדאט־רעגירונג האט געמיינט, אז מיט דעם ארעסט וועט זי אפשוואכן דעם אקטיוון ווידערשטאנד פון דעם ישוב און וועט קענען דורכפירן אירע פלענער אין ארץ ישראל, וואס האבן געדארפט ברענגען די פאקטישע ליקווידאציע פון דער באלפור־דעקלאראציע און פון דער פארפליכטונג מצד דער ענגלישער רעגירונג צו העלפן ווידעראויפבויען די יידישע מדינה אין ארץ ישראל.

דוד בן־גוריון, וועלכער האט זיך דאן געפונען אין א שליחות אין אויסלאנד — און האט אזוי־ארום אויסגעמיטן דעם ארעסט אין לאטרון — האט צונויפגערופן א דרינגנדיקע קאנפערענץ פון דער ציוניסטישער פירערשאפט אין די

תפוצות צו באהאנדלען די לאגע. ד״ר ישראל גאלדשטיין האט זיך באטייליקט אין דער קאנפערענץ אלס איינער פון די הויפט־פירער פון אמעריקאנער ציוניזם. ביי דער קאנפערענץ, וואס איז אפגעהאלטן געווארן אין פאריז, איז אויפגענומען געווארן דער פארשלאג צו באנייען דעם טיילונגס־פלאן פון ארץ ישראל, פון יאר 1937, מיט דער פאדערונג צו גרינדן אַן אומאפהענגיקע יידישע מדינה אין א טייל פון לאנד. דערביי זיינען געפאדערט געווארן פיל ברייטערע גרענעצן און א גרעסערע טעריטאריע, ווי עס איז געווען פאראויסגעזען אין דעם טיילונגס־פלאן פון 1937, וועלכן די ענגלישע מאנדאט־רעגירונג האט דעמאלט באלד צוריקגעצויגן.

דער פארשלאג וועגן דעם נייעם טיילונגס־פלאן פון ארץ ישראל איז אנגענומען געווארן ביי דער דרינגנדיקער קאנפערענץ אין פאריז. די ציוניסטישע פירער זיינען ארויס־געגאנגען אין א נייעם קאמף, באזונדערס אין אמעריקע, פאר דער דורכפירונג פון דער פאדערונג. ד״ר נחום גאלדמאן, וועלכער האט דאן אנגעפירט מיט דער פאליטישער טעטי־קייט פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע אין די פאר־אייניקטע שטאטן, איז באאויפטראגט געווארן מיט דער דעציזירנדיקער מיסיע צו געווינען די צושטימונג פון וואשינגטאן פאר דעם טיילונגס־פלאן פון ארץ ישראל.

אים האט זיך איינגעגעבן צו באקומען די קאאפעראציע פון פראמינענטע נישט־ציוניסטישע פירער פון אמעריקאנער יידנטום, באזונדערס פון דעמאלטיקן פרעזידענט פון אמערי־קאנער יידישן קאמיטעט, ריכטער דזשאזעף פראסקאַוער. מיט דער כמעט איינשטימיקער שטיצע פון אמעריקאנער

יידנטום און אויפן יסוד פון דער רעזאלוציע וואס איז אנגענומען געווארן דורכ'ן קאנגרעס פון די פאראייניקטע שטאטן וועגן ווידעראויפריכטן די יידישע קאמאנוועלט אין ארץ ישראל — נאך דער גרויסער פאליטישער אקציע, וואס איז דורכגעפירט געווארן דורכ'ן ציוניסטישן "עמוירדזשענסי קאונסיל" און דורך דער אמעריקאנער יידישער קאנפערענץ מיט ד"ר סטיפען ס. וויז, ד"ר אבא הלל סילווער און מיט ד"ר ישראל גאלדשטיין אין דער שפיץ און אונטער דער אנפירונג פון דינאמישן עקזעקוטיוו־דירעקטאר און ד"ר ווייצמאנ'ס פערזענלעכן פארשטייער, מאיר ווייסגאל — איז ד"ר נחום גאלדמאנ'ען געלונגען צו קריגן די צושטימונג פון פרעזידענט טרומאן פאר דעם נייעם טיילונגס־פלאן און פאר דער ווידעראויפריכטונג פון דער יידישער מדינה אין א טייל פון ארץ ישראל.

דער דערפאלג פון ד"ר נחום גאלדמאנ'ס מיסיע, וואס האט געבראכט די אפיציעלע צושטימונג און אויך פארפליכטונג פון דער אמעריקאנער רעגירונג צו שטיצן די יידישע פאדע־רונג וועגן באנייען די אומאפהענגיקע יידישע מדינה אין א טייל פון ארץ ישראל, האט געעפענט נייע גרויסע מעגלעכקייטן פארן ווייטערדיקן קאמף פון דער יידישער פירערשאפט.

ד"ר ישראל גאלדשטיין האט שוין דאן געהאט גענומען אויף זיך נייע פאראנטווארטלעכקייטן אין דעם קאמף, נאכדעם ווי סוף 1945 האט זיך פארענדיקט זיין צוויי־יעריקע קאדענץ אלס פרעזידענט פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע פון אמעריקע. ביי דער יערלעכער קאנפערענץ פון דער ארגאניזאציע האט ער אין זיין רעדע, אין וועלכער

ער האט אויספירלעך און גרינטלעך באהאנדלט די לאגע אין ארץ ישראל אין דער קריטישער תקופה זיך ארויס־געזאגט פארן אקטיוון ווידערשטאנד וואס דער ישוב האט דאן געפירט קעגן דער ענגלישער מאנדאט־רעגירונג:

"אויב די בריטישע רעגירונג, די רעגירונג פון דער לייבאר־פארטיי, מיט איר פראגראם פון סאציאלן אידעאליזם און מיט אלע גוטע ציוניסטישע צוזאגן, שטעלט־אָפּ מיט גוואלט דאס אריינקומען פון יידן אין דער נאציאנאלער יידישער היים, זיינען די יידן אין ארץ ישראל בארעכטיגט זיך אנקעגנצושטעלן. און מיר, יידן אין אמעריקע, שטייען צוזאמען מיט אונדזערע ברידער אין ארץ ישראל אין דעם קאמף. די אמעריקאנער רעוואלוציע האט נישט געהאט קיין מער איידעלע מאטיוון, ווי דער ווידערשטאנד פון דעם ישוב אין ארץ ישראל" — האט ד"ר ישראל גאלדשטיין דערקלערט פון דער טריבונע פון דער קאנפערענץ פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, וואס איז אונטער זיין פירער־שאפט אויסגעוואקסן אלס די גרעסטע יידישע לאנד־ארגאניזאציע דעמאלט אין דער וועלט אויך לויט דער צאל פון אירע מיטגלידער וואס האט אריבערגעשטיגן הונדערט און פופציק טויזנט.

שילדערנדיק דעם גרויסן פאליטישן קאמף, וואס דער ארגאניזירטער אמעריקאנער ציוניזם האט דאן אנגעפירט פאר די פאדערונגען אין ארץ ישראל, אונטער דער פירער־שאפט פון ד"ר סטעפען ס. וויז און ד"ר אבא הלל סילווער — האט ד"ר ישראל גאלדשטיין, וועלכער איז געשטאנען צוזאמען מיט זיי אין דער פראנט־ליניע, פראקלאמירט מיט דער גאנצער שארפקייט און אנטשלאסנקייט דעם ציל ווידעראויפצוריכטן די יידישע מדינה און נישט איינגיין

אויף קיין שום קאמפראמיסן. ער האט אפגעגעבן א באריכט פון דער גרינדונגס־קאנפערענץ פון דער ארגאניזאציע פון די פאראייניקטע פעלקער אין סאן פראנציסקא און פון דער ספעציעלער דרינגנדיקער ציוניסטישער קאנפערענץ, וואס איז אפגעהאלטן געווארן מיט עטלעכע חדשים פריער אין לאנדאן. ער האט גערופן די ציוניסטן צו מאביליזירן די גאנצע יידישע און נישט־יידישע עפנטלעכע מיינונג אין אמעריקע פארן גורל׳דיקן קאמף דורכצופירן די יידישע פאדערונגען אין ארץ ישראל.

ד״ר גאלדשטיין האט אין זיין באריכט געקאנט אנווייזן אויף א ריי דערגרייכונגען פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע פון אמעריקע אונטער זיין פירערשאפט, אין צוגאב צו דעם שטארקן וווקס פון דער מיטגלידערשאפט, וואס איז דעמאלט געווען פון גרויסער באדייטונג לטובת דעם פאליטישן קאמף פאר ארץ ישראל. די ציוניסטישע אויפקלערונגס־ארבעט פון דער ארגאניזאציע איז שטארק אויסגעברייטערט געווארן. די צייטשריפטען, וואס די ארגאניזאציע האט ארויסגעגעבן, זיינען פארגרעסערט געווארן. די ארגאניזאציע האט אויך אליין פובליקירט עטלעכע וואגיקע ביכער, ווי ״די געשיכטע פון ציוניזם״ פון דעם היסטאריקער **ישראל קאהן**; א ביאגראפיע פון **דוד וואלפסאן**, געשריבן פון **ד״ר עמיל בערנארד קאהן**; א ביאגראפיע פון **באראן עדמאנד דע ראטשילד**, געשריבן פון דעם ציוניסטישן וועטעראן **יצחק ניידיטש**, וועלכער איז געווען דער פארטרויאונגסמאן פון ״נדיב הידוע״. די ארגאניזאציע האט אויך אנגעהויבן ארויסצוגעבן א ציוניסטיש יארבוך. די ציוניסטישע ביבליאטעק ביי דער ארגאניזאציע האט פארקויפט איבער פופציק טויזנט ביכער און האט באזונדערס

געזארגט דערפאר, אז די ביבליאטעקן פון די אמעריקאנער אוניווערסיטעטן זאלן פארזארגט ווערן מיט ציוניסטישער ליטעראטור.

די ציוניסטישע ארגאניזאציע האט געהאט איינגעפירט א רעגולערן ראדיא־פראגראם וועגן ארץ ישראל, וואס האט דערגרייכט צו מיליאנען יידן און נישט־יידן אין אמעריקע. א ספעציעלע עקאנאמישע אפטיילונג איז געגרינדעט געווארן פאר פאראינטערעסירן אמעריקאנער געשעפטסלייט צו גרינדן אונטערנעמונגען אין ארץ ישראל. די אפטיילונג האט ארגאניזירט א באזוך פון אמעריקאנער געשעפטסלייט אין ארץ ישראל. דאס איז געווען די ערשטע דעלעגאציע פון דעם כאראקטער, וואס איז געפאָרן פון אמעריקע קיין ישראל.

ד״ר גאלדשטיין האט אויך באריכטעט מיט א באזונדערער צופרידנקייט, אז די מיטגלידער פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע פארנעמען דעם אויבן־אן אין די זאמלונגען פאר די ציוניסטישע פאנדן, קרן היסוד און קרן קימת, און זיינען פראמינענט אין דער פירערשאפט פון דעם קאמפיין.

ער האט באריכטעט וועגן זיין באזוך אין די פליטים־לאגערן אין דייטשלאנד און אין פראנקרייך באלד נאכ׳ן סוף פון דער מלחמה. ד״ר גאלדשטיין האט אין זיין באריכט אויך אנגעוויזן אויף די אויפגאבן, וואס די ציוניסטישע ארגאניזאציע פון אמעריקע האט נישט דורכגעפירט און דארף אין דער צוקונפט זיך א סך אפגעבן מיט זיי. באזונדערס האט ער זיך אפגעשטעלט אויף דער נויטווענדיקייט, אריינצוציען דעם יונגן יידישן דור אין ארגאניזירטן ציוניזם. ער האט

גערופן צו אנטוויקלען א חלוציזם, וואס זאל טראגן דעם ספעציפישן אמעריקאנער יידישן כאראקטער, א חלוצישע באוועגונג פון אויסגעשולטע פאכלייט און יונגע טעכנישע כוחות.

"מיר האבן שוין פון לאנג געדארפט ארגאניזירן אזא באוועגונג. סיידן אמעריקאנער יידן וועלן זיך באטייליקן נישט בלויז מיט זייער פאליטישער אקציע פאר א יידיש ארץ ישראל און מיט זייער עקאנאמישער הילף, נאר וועלן אויך אינוועסטירן לעבענס און קאריערעס אין דעם אויפבוי פון דער יידישער מדינה, וועלן מיר נישט האבן דערפילט אונדזער פולע ציוניסטישע פאראנטווארטלעכקייט" — האט ד"ר ישראל גאלדשטיין געזאגט צו די דעלעגאטן פון דער ציוניסטישער קאנפערענץ. ער האט אנגעצייכנט א פראג־ראם, אז אמעריקאנער יידישע יוגנטלעכע, פאכמענער־ספעציאליסטן, זאלן לכל הפחות פארן אויף עטלעכע יאר קיין ארץ ישראל און זיך שטעלן אין דינסט פון דער קומענדיגער יידישער מדינה. דאס איז געווען איך תוך די אידייע פון "שירות לעם", וואס איז שפעטער דורכגעפירט געווארן דורך דער ציוניסטישער וועלט־ארגאניזאציע.

א באזונדערן טייל פון זיין פראגראם־רעדע האט ד"ר ישראל גאלדשטיין געווידמעט דער אויפגאבע צו פארשטארקן די פארטיי פון די אלגעמיינע ציוניסטן אין די ראמען פון דער ציוניסטישער וועלט־ארגאניזאציע. דער דאזיקער פאר־שלאג, אינאיינעם מיט די אנדערע פונקטן, וואס ד"ר גאלדשטיין האט ארויסגעבראכט אין אט דער וויכטיקער רעדע, זיינען געווען א צוגרייטונג צו דעם ציוניסטישן קאנגרעס, וועלכער האט זיך דאַן געהאלטן ביים צונויפ־

קומען — צום ערשטן ציוניסטישן קאנגרעס נאך דער מלחמה און נאך דער מורא'דיקער יידישער קאטאסטראפע אין אייראפע.

געזעגענענדיק זיך מיט זיין אמט אלס פרעזידענט פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע פון אמעריקע, ערב איבערנעמען ווייטערדיקע גרעסערע פאראנטווארטלעכקייטען אין אמעריקאנער און אין וועלט־ציוניזם, האט ד״ר ישראל גאלדשטיין געמאכט פאר די דעלעגאטן פון דער קאנפערענץ זיין חשבון הנפש, אפנהארציק און אויפריכטיק, ווי ער האט דאס תמיד געטאן ביי אזעלכע געלעגנהייטן. ער האט געזאגט, אז די צוויי יאר, וואס ער איז געווען פרעזידענט פון דער ארגאניזאציע, קען ער נישט אפטיילן פון די פריערדיקע צען יאר, ווען ער האט געדינט דעם יידישן נאציאנאלפאנד, דעם קרן היסוד, דעם פאראייניקטן ישראל־קאמפיין און פאראייניקטן יידישן קאמפיין.

״דאס איז געווען א באזונדערער זכות פאר מיר. און איך בין אייך טיף דאנקבאר דערפאר, וואס איר האט מיך גערופן צו דער דינסט פאר דער שווערסטער אבער אויך דאנקבארסטער פליכט אין יידישן לעבן, פאר׳ן ציוניזם און ארץ ישראל״ — האט ד״ר גאלדשטיין געזאגט צו די דעלעגאטן פון דער קאנפערענץ. אנווייזנדיק אויף די נייע גורל׳דיקע אויפגאבן, וואס שטייען פארן ארגאניזירטן ציוניזם, האט ד״ר ישראל גאלדשטיין פארענדיקט זיין פראגראם־רעדע מיט דעם אויספיר און רוף:

״די מלחמה, וועלכע האט זיך געענדיקט פאר די פאר־אייניקטע פעלקער, האלט נאך אָן ווייטער פאר אונדז, יידן, פונקט אזוי ווי זי האט זיך אנגעהויבן פאר׳ן יידישן פאלק

מיט זעקס יאר פריער, פאר 1939. דאס דערפילן די גערעכטע פאדערונגען פון יידישן פאלק וועט זיין א פראבע פאר דער גאנצער מענטשהייט. דער קאמף, וועלכן מיר פירן פאר די צען טויזנט קוואדראט־מייל אין דעם גרויסן און פוסטן ראיאן פון מיטעלן מזרח, איז אנגעלאָדן מיט מאראלישע ווערטן, וואס רירן־אָן די גאנצע וועלט. די וועלכע זיינען מיט אונדז, וועלן ראטעווען זייערע נשמות. די וועלכע זיינען קעגן אונדז, וועלן פארלירן זייערע נשמות.

איז די מענטשלעכע ציוויליזאציע שוין אזוי טיף געזונקען, אז ס'איז גענוג אנצורופן זיך אלס א פריינט פון יידישן פאלק, אויב מען האלט זיך בלויז צוריק פון הרג'ענען יידן מיט דער אייגענער האנט: מיר ווארפן־אפ מיט עקל אזא "טאלעראנץ". מיר זיינען אַן אַלט פאלק, וואס איז געוווינט צו ליידן. אויב מיר זיינען באקאנט מיט אונדזערע ליידן, איז עס אבער אין ערגעץ נישט געשריבן, אז ליידן דארפן זיין אונדזער שטענדיקער גורל. אונדזער גורל איז צו זיין א גלייכבארעכטיקט פאלק צווישן גלייכבארעכטיקטע פעלקער, און אז מיר זאלן שטיין אויף אונדזערע אייגענע פיס, אויף דער הייליקער ערד פון אונדזערע אבות, אין אונדזער לאנד ארץ ישראל".

פאר אט דעם ראנדעווו מיט דעם גורל פון יידישן פאלק איז ד"ר ישראל גאלדשטיין, צוזאמען מיט די אנדערע יידישע פירער, באלד גערופן געווארן.

קאפיטל צוויי און צוואנציק

ביים גורלדיקן ציוניסטישן קאנגרעס
אין 1946

״ווען איך קוק צוריק אויף דעם, וואס עס איז געשען אויף דעם עפאכע־מאכנדיקן ציוניסטישן קאנגרעס, אין דעצעמבער 1946, אין זשענעווע, טראכט איך אפט, אז אונדזער באשלוס וואס האט אויף דעם קאנגרעס דערפירט דערצו, אז ד״ר ווייצמאן זאל נישט געוויילט ווערן אלס פרעזידענט פון דער ציוניסטישער וועלט־ארגאניזאציע, האט אים געבראכט צו דער גרויסער זכייה צו ווערן דער ערשטער פרעזידענט פון מדינת ישראל אין 1948״ —

אזוי האט ד״ר ישראל גאלדשטיין ביי א געלעגנהייט זיך אויסגעדריקט. די היסטארישע אנטוויקלונגען אין דער ציוניסטישער באוועגונג און אין ארץ ישראל באלד נאך דעם קאנגרעס אין זשענעווע, אין 1946 — דעם ערשטן ציוניסטישן קאנגרעס נאך דער מלחמה און נאכן חורבן פון אייראפעאישן יידנטום — האבן באשטעטיקט דעם אמת פון זיין דערקלערונג.

ד״ר ישראל גאלדשטיין איז אויף דעם קאנגרעס געווען אין דעם לאגער פון די, וועלכע האבן געשטימט קעגן ד״ר חיים ווייצמאנ׳ען און דער פאליטישער ליניע, וואס דער פירער פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע האט דע־מאלט פארגעשלאגן אין דער באציונג און האנדלונג לגבי

דער ענגלישער מאנדאט־רעגירונג. דער קאנגרעס האט אפגעווארפן די פארשלאגן, און ד״ר חיים ווייצמאן איז געבליבן אין דער מינדערהייט.

ס׳איז נישט געווען אזוי לייכט פאר ד״ר גאלדשטיינ׳ען צו שטעלן זיך אין אט דער שארפער אפאזיציע קעגן ד״ר ווייצמאנען. כמעט אין זיין גאנצער ציוניסטישער ארבעט ביז דעמאלט האט ד״ר גאלדשטיין קאאפערירט נאענט מיט דעם גרויסן ציוניסטישן מנהיג און האט אויך געהערט צו זיינע נאענטע פריינד. אנהויבנדיק פון ד״ר ווייצמאנ׳ס ערשטן באזוך אין אמעריקע אין 1921, ווען ער האט ארגאניזירט און געגרינדעט דעם קרן היסוד אין די פאר־אייניקטע שטאטן, ביז אנהויב 1944, ווען ד״ר ישראל גאלדשטיין האט באזוכט דעם ציוניסטישן פירער אין לאנדאן, און אויך בעת דער קאנפערענץ פון דער ציוניס־טישער ארגאניזאציע אין אמעריקע אין נאוועמבער 1945, צו וועלכער ד״ר ווייצמאן איז געקומען און האט געהאלטן א וויכטיקע רעדע וועגן דער פאליטישער לאגע — איז ד״ר ישראל גאלדשטיין געווען איינער פון די אקטיווסטע פארטרויונגס־מענטשן פון דעם פרעזידענט פון דער ציוניס־טישער וועלט־ארגאניזאציע אין דער פירערשאפט פון אמעריקאנער ציוניזם.

אין אקטאבער 1944 האט ד״ר חיים ווייצמאן זיך געווענ־דעט פון לאנדאן צו ד״ר ישראל גאלדשטיינ׳ען מיט א בריוו, אין וועלכן ער האט אים, אלס דעמאלטיקן פרעזידענט פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין אמעריקע, אנגעוויזן אויף איינער פון די הויפט־אויפגאבן פון אמעריקאנער ציוניזם:

„מיר וועלן זיך נויטיקן אין מענטשלעכע כוחות, וועלכע זאלן קומען צו אונדז פון אמעריקאנער יידנטום" — האט ד"ר ווייצמאן געשריבן צו ד"ר גאלדשטיינ'ען — „מיר וועלן האפן שאפן א נייע פארם פון חלוציות פון די מערב־ברעגן פון אַטלאנטיק — א חלוציות פון בראווע יונגע מענער און פרויען, וועלכע וועלן מיט זייער דערפאַרונג און מיט זייערע אויסגעשולטע קענטעניש און מיט דעם ביישפיל פון זייער פאטריאטיזם און איבערגעגעבנקייט, קענען קאאפערירן אין דעם אויפבוי פון דער יידישער מדינה אין ארץ ישראל. זיי וועלן ברענגען הילף, פירערשאפט און טרייסט דער רוינירטער שארית הפליטה פון אייראפעאישן יידנטום, וואס וועט זיך רייסן צו די טויערן פון ארץ ישראל, אויפצוריכטן פאר זיך א ניי לעבען און א נייע צוקונפט. דאס וועט זיין א חלוציות, וואס וועט קומען נישט חלילה פון פערזענלעכער נויט, אדער פון אייגן־אינטערעס, נאר פון א העכערן און גרעסערן אימפולס — פון דער שטרעבונג צו באטייליקן זיך אין דער אויסלייזונג און אין דער עמאנציפאציע פון יידישן לעבן".

און ד"ר חיים ווייצמאן האט דאן, אין אקטאבער 1944, אינמיטן פון די שווערסטע צייטן פון דער מלחמה און אין דעם קאמף פאר די יידישע פאדערונגען אין ארץ ישראל געשריבן ווייטער אין זיין בריוו צו ד"ר ישראל גאלד־שטיינ'ען:

„אויב די יידישע מדינה וועט ווידער אויפגעבויט ווערן אין אונדזערע טעג, וועט זי אויפגעריכט ווערן מיט די אנשטרענ־גונגען און קרבנות פון די יידן אין אמעריקע, פאראייניקט אין א הייליקער שותפות מיט דער שארית הפליטה פון

איירעפעאישן יידנטום, וואס האלט ביים באפרייט־ווערן".
ד״ר חיים ווייצמאנ׳ס רוף צו ד״ר ישראל גאלדשטיינ׳ען
ווי צו דעם פירער פון ארגאניזירטן אמעריקאנער ציוניזם,
איז נישט פארבליבן אומפארענטפערט. ד״ר גאלדשטיין
איז צו דער קאנפערענץ פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע
פון אמעריקע אין נאוועמבער 1945 געקומען — ווי עס איז
שוין דערמאנט געווארן אין פריערדיקן קאפיטל — מיט
א גאנץ געניטן פראגראם און מיט א דרינגנדיקער
פאדערונג אויפצושטעלן א נייעם חלוצ׳יזם אין אמעריקע
אין דעם זין און פאר די אויפגאבן, ווי ד״ר חיים ווייצמאן
האט זיי געזען. דער פרעזידענט פון דער ציוניסטישער
וועלט־ארגאניזאציע און דער פירער פון אמעריקאנער
ציוניזם האבן צוזאמען זיך איינגעשפאנט פאר דער
איניציאטיוו, וואס האט שפעטער זיך ארויסגעוויזן צו זיין
אזוי וויכטיק און פון אזא דעצידירנדיקער באדייטונג,
אין דעם אויפבוי פון דער יידישער מדינה אין ארץ ישראל.

אבער אויף דעם קריטישן און אנטשיידנדיקן ציוניסטישן
קאנגרעס, דעם 22־טען קאנגרעס, אין זשענעווע, אין
דעצעמבער 1946, האט ד״ר ישראל גאלדשטיין באטראכט
פאר זיין ציוניסטישער פליכט און געוויסן אפצוזונדערן זיך
פון ד״ר חיים ווייצמאנ׳ען, און ער האט זיך געפונען אין
דעם אפאזיציע־לאגער צוזאמען מיט דוד בן־גוריון און
ד״ר אבא הלל סילווער.

ד״ר גאלדשטיין האט שפעטער אליין, אין א טיף־רירנדיקן
באריכט, געשילדערט דעם שווערן אינערלעכן קריזיס,
וואס ער און אנדערע ציוניסטישע פירער פון אמעריקע
האבן דורכגעמאכט ביי דעם ציוניסטישן קאנגרעס, וואס

איז אפגעהאלטן געווארן אונטער דעם שוידער פון אומקום פון זעקס מיליאן יידן אין דער נאצי־אקופירטער אייראפע און אין דער שווערסטער תקופה, ווען דער ישוב אין ארץ ישראל האט אליין גענומען דעם גורל אין זיינע הענט, אנקעגנצושטעלן זיך די גזירות פון דער ענגלישער מאנדאט־רעגירונג און אקטיוו אויסקעמפן די באפרייונג פון יידישן פאלק אין דער באנייטער יידישער מדינה.

„דער 22־טער ציוניסטישער קאנגרעס אין זשענעווע — האט ד״ר ישראל גאלדשטיין אויסגעפירט אין זיין ריכטיקער אפשאצונג — איז געווען איינער פון די שווערסטע ציוניסטישע קאנגרעסן זינט פיל יארן. ביי דעם קאנגרעס איז געקומען צום אויסדרוק דאס אלגעמיינע געפיל פון דעם שטארק געפאלענעם צוטרוי צו דער ענגלישער רעגירונג. א גרויסע צאל דעלעגאטן, אונטער דער אנפירונג פון ד״ר ווייצמאנ׳ען, האט זיך נאך אלץ געהאלטן אין די לעצטע רעשטלעך פון דעם גלויבן, אז די מאנדאט־רעגירונג וועט נאכקומען דער פאדערונג פון יידישן פאלק וועגן גרינדן א לעבנספעיקע יידישע מדינה אין א געהעריקן טייל פון ארץ ישראל. די דאזיקע גרופע איז געווען דערפאר, אז מען זאל אננעמען ענגלאנד׳ס איינלאדונג צו א קאנפערענץ אין לאנדאן ביי די איצטיקע באדינגונגען. אבער א גרעסערע צאל דעלעגאטן, מיט וועלכע דוד בן־גוריון און ד״ר אבא הלל סילווער האבן אנגעפירט, האט געהאלטן, אז ענגלאנד׳ס אנטי־ציוניסטישע פאליטיק, זינט דעם „ווייס־בוך״ פון 1939, לאזט נישט איבער קיין שום יסוד פאר דער האפענונג אז מען זאל קענען דערווארטן עפעס ממשות־דיקעס פון א קאנפערענץ אין איצטיקן מאמענט״.

דער פארשלאג פון דער ווייצמאן־גרופע אנצונעמען די

איינלאדונג צו דער קאנפערענץ אין לאנדאן איז ביי א דראמאטישער אפשטימונג אויף א נאכט־זיצונג פון ציוניס־טישן קאנגרעס דורכגעפאלן. ד״ר ישראל גאלדשטיין איז אין אט דער קריטישער פראגע זיך פונאנדערגעגאנגען מיט זיינע פריינד פון א סך יארן, די פירער פון אמעריקאנער ציוניזם: ד״ר סטיפען ס. וויז און לואי ליפסקי, און ער האט געשטימט קעגן ד״ר חיים וויצמאנ׳ס פארשלאג.

דאס האט זיך אבער נישט אפגערופן אויף ד״ר גאלדשטיינ׳ס באציונג צום גרויסן ציוניסטישן מנהיג און צו זיין הויכער מיינונג וועגן אים. אין דערזעלבער אפשאצונג וועגן דעם רעזולטאט פון 22־טן ציוניסטישן קאנגרעס אין זשענעווע, האט ד״ר גאלדשטיין אויסגעפירט:

״הגם ד״ר וויצמאנ׳ס פאליטישע ליניע און זיין פארשלאג זיינען נישט באשטעטיקט געווארן ביי דעם קאנגרעס, איז זיין פרעסטיזש ווייטער אזוי הויך, ווי ער איז תמיד געווען, צווישן די ציוניסטן אין דער גאנצער וועלט. עס דערמאנט זיך דער פארגלייך מיט דעם פאל פון ווינסטאן טשערטשיל, וועמענס ארט אין דער געשיכטע פון ענגלאנד איז געזיכערט, הגם דאס ענגלישע פאלק האט געשטימט קעגן זיין נאך־מלחמה־פאליטיק און האט אים אראפגעווארפן פון דעם אמט פון פרעמיער־מיניסטער. פונקט אזוי וועלן ד״ר וויצמאנ׳ס היסטארישע אויפטוען פאר דער ציוניסטישער באוועגונג און פאר ארץ ישראל קיינמאל נישט פארגעסן ווערן״.

אויף די פראגע וועגן דעם אקטיוון קאמף פון ישוב אין ארץ ישראל קעגן דער ענגלישער מאנדאט־רעגירונג, האט געהאט א שייכות מיט דער דראמאטישער אפשטימונג וועגן

דעם פארשלאג צו גיין צו א נייער קאנפערענץ אין לאנדאן. א גרויסער טייל פון די שארפע דיסקוסיעס ביי דעם קאנגרעס איז געשטאנען אונטערן צייכן פון דעם פראבלעם וועגן דער ווייטערדיקער אקציע פון דעם ישוב. ד״ר ישראל גאלדשטיין האט וועגן דעם באריכטעט:

״דער ציוניסטישער קאנגרעס האט אין זיינע פארהאנד־לונגען און באשלוסן געמאכט א קלארן אונטערשייד צווישן די אנארכישע טעראריסטן אין ארץ ישראל, קעגן וועלכע דער קאנגרעס האט זיך שארף ארויסגעזאגט, און די נאציאנאל־דיסציפלינירטע כוחות פון ווידערשטאנד, מיט וועלכע דער קאנגרעס האט איינגעשטימט און האט זיי געגעבן זיין אויסדרוק פון דערמוטיקונג.

״די קאנטאקטען מיט די דעלעגאטן פון ארץ ישראל האבן איבערגעלאזט דעם שטארקן רושם, אז דער ישוב אין ארץ ישראל וועט קיינמאל נישט שלום מאכן מיט דער ענגלישער פאליטיק פון געוואלט און אונטערדריקונג פון די עלעמענטארע רעכט פון יידישן פאלק״.

ד״ר גאלדשטיין האט אויך איבערגעגעבן, אז פון די דער־קלערונגען פון דער שארית הפליטה פון די דייטשע לאגערן — וואס האט געשיקט א גרויסע דעלעגאציע צו דעם ציוניס־טישן קאנגרעס — און פון די פארטרעטער פון די לעבן־געבליבענע יידן אין די אייראפעישע לענדער איז געווען צו זען, אז מען האט פאר זיך א שטארקן כוח פון דראַנג און נויט, וואס וועט ברענגען קיין ישראל א סך יידן, ווען אפילו די ענגלישע רעגירונג וועט ווייטער מאכן שוועריקייטן און וועט זיך האלטן ביי דער פאליטיק פון ״ווייסבוך״ צו שליסן די טויערן פון ארץ ישראל פאר יידישער איינוואנ־

דערונג. מיט א סך פון די דעלעגאטן פון דער שארית הפליטה אין די לאגערן האט ד״ר ישראל גאלדשטיין געהאט פריער זיך באגעגנט ביי זיין באזוך אין דייטשלאנד באלד נאך דער מלחמה, און ער האט זיך ווייטער אפגעגעבן מיט זייערע פראבלעמען.

ביי דעם דראמאטישן קאנגרעס אין 1946 האט אין א שארפער פאָרם זיך אפגעשפיגלט די קריטישע יידישע לאגע נאך דער מלחמה מיט די טראגישע קאנסעקווענצן פון חורבן פון אייראפעישן יידנטום און מיט דער שטימונג פון קאמף פאר דער דורכפירונג פון דער פאדערונג צו באנייען די יידישע מדינה אין ארץ ישראל. דער קאנגרעס האט באשטעטיקט דעם באשלוס, וועלכן די אמעריקאנער ציוניסטן האבן אין אנהויב פון דער מלחמה, אין 1943, אנגענומען ביי דעם צוזאמענפאר פון די פארטרעטער פון אלע ציוניסטישע גרופעס, און וואס איז שפעטער, אין 1943, אויך גוטגעהייסן געווארן דורך דער אמעריקאנער יידישער קאנפערענץ. — דאס ״בילטמאר פראגראם״, ווי דער האזיקער באשלוס וועגן באנייען די יידישע מדינה אין ארץ ישראל איז אריין אין דער געשיכטע פון ציוניזם און פון ארץ ישראל, איז אזוי־ארום געווארן די פאדערונג פון דער ציוניסטישער וועלט־באוועגונג און פון דעם ישוב אין ארץ ישראל, וועלכער איז געשטאנען אין דעם אקטיוון קאמף. ד״ר ישראל גאלדשטיין איז געווען פארזיצער פון דער פאליטישער קאמיסיע, וועלכע האט געבראכט דאס ״בילטמאר־פראגראם״ צום קאנגרעס און אים דורכגעפירט אלס באשלוס פון דער גאנצער וועלט־באוועגונג.

די ראלע פון די אמעריקאנער ציוניסטן איז שטארק אויס־

געוואקסן ביי דעם קאנגרעס, אלס דער באדייטנדיקסטער כוח, וואס האט צוזאמען מיט דעם ישוב אין ארץ ישראל איבערגענומען די פאראנטווארטלעכקייט פאר אויסקעמפן די פאדערונג אויפצושטעלן די אומאפהענגיקע יידישע מדינה אין ארץ ישראל. דוד בן־גוריון איז ביי דעם קאנגרעס אויסגעוויילט געווארן אלס פארזיצער פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע אין ירושלים, און ד״ר אבא הלל סילווער איז געווארן דער פארזיצער פון דער אמעריקאנער סעקציע פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע.

די פארשטארקטע פאזיציע פון אמעריקאנער ציוניזם אין דער וועלט־באוועגונג האט ביי דעם קאנגרעס זיך אויך אויסגעדריקט ארגאניזאציאנעל אין דער נייער גרופירונג פון דעם פאראייניקטן אלגעמיינעם ציוניזם. די ציוניסטישע ארגאניזאציע פון אמעריקע און די פרויען־ארגאניזאציע ״הדסה״ זיינען געווען די הויפט־כוחות פון דער נייער פאראייניקונג. ד״ר ישראל גאלדשטיין איז איינשטימיק אויסגעוויילט געווארן אלס פרעזידענט פון דער וועלט־קאנפעדעראציע פון די אלגעמיינע ציוניסטן, וואס איז געשאפן געווארן ביי דעם קאנגרעס. ער האט שוין פריער זיך געהאט אפגעגעבן מיט ארגאניזירן די פארטיי פון די אלגעמיינע ציוניסטן אין די ראמען פון דער ציוניסטישער וועלט־ארגאניזאציע. ער האט אויך אויף דער וויכטיקייט פון דער דאזיקער אויפגאבע זיך געהאט אפגעשטעלט אין זיין פראגראם־רעדע ביי דער יערלעכער קאנפערענץ פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע פון אמעריקע אין 1945 — ווי עס איז שוין דערמאנט געווארן אין פריערדיקן קאפיטל.

די פאזיציע פון פרעזידענט פון דער וועלט־קאנפעדעראציע פון די אלגעמיינע ציוניסטן, וואס איז פאקטיש געווארן די גרעסטע איינצלנע פארטיי אין דער וועלט־באוועגונג, האט ארויסגעבראכט ד״ר ישראל גאלדשטיינ׳ען אלס איינעם פון די הויפט־פירער פון וועלט־ציוניזם אין דעם קריטישן מאמענט, ווען עס האט זיך אנגעהויבן די לעצטע אנטשיידנדיקע שלאכט פאר דער פארווירקלעכונג פון ציוניסטישן ענד־ציל — פאר דער באנייונג פון דער יידישער מדינה אין ארץ ישראל.

קאפיטל דריי און צוואנציק

גרינדער פון בראנדייס אוניווערסיטעט — א היסטארישער אויפטו

״דאס איז א געשיכטע פון אכט חדשים פון מיינער אַן אקטיוויטעט, וואס איז געווען א וויכטיק קאפיטל אין מיין לעבן, ווי אויך אין דער דורכפירונג און אנטוויקלונג פון א פלאן, וואס איך האב געהאט דעם זכות אנצוהויבן״ — האט ד״ר גאלדשטיין באטאנט אין אַ דאקומענטארן בוך, וואס ער האט וועגן דעם פארעפענטלעכט אין 1951.

דאס דאזיקע קאפיטל, איז געווען די גרינדונג פון דעם ערשטן יידישן סעקולערן אוניווערסיטעט אין אמעריקע — דער בראנדייס אוניווערסיטעט ביי באסטאן.

״מיט די יארן, וואס גייען פארביי״ — האט ד״ר גאלדשטיין באמערקט — ״באקומט די געשיכטע פון דער גרינדונג פון בראנדייס אוניווערסיטעט א היסטארישן אינטערעס״. עס איז אים, מיט רעכט, געגאנגען וועגן דעם אז אין דער געשיכטע פון דער אנטשטייונג פון דעם אוניווערסיטעט זאלן די פאקטן פארצייכנט ווערן אין דער געהעריקער, אמת׳ער באלייכטונג. ער האט דאס אליין געטאָן אין א בוך מיט דאקומענטארישע באווייזן, אלס גרינדער פון בראנדייס־אוניווערסיטעט אין 1946.

ווי אין יעדן שריפטלעכן ווערק זיינעם — אנהויבנדיק

מיט דעם מאנומענטאלן בוך, וואס ער האט אין 1930 פארעפענטלעכט וועגן דער הונדערט־יעריקער געשיכטע פון זיין קהילה "בני ישורון" אויף דער קאנווע פון דער אלגעמיינער אנטוויקלונג פון יידישן לעבן אין אמעריקע — האט ד"ר ישראל גאלדשטיין באהאנדלט גרינטלעך די אידייע וועגן א יידישן אוניווערסיטעט אין אמעריקע, וועלכע איז אין פארשיידענע פאָרמען ארויף אויף דער טאג ארדענונג שוין אין די ערשטע צייטן פון דעם ארגאניזירטן יידישן ישוב אין די פאראייניקטע שטאטן. ער האט דער־מאנט, אז מרדכי מ. נח, איינער פון די ערשטע פיאנערן פון יידישן קיבוץ אין אמעריקע, וועלכער האט געלעבט אין די יארן פון 1785 ביז 1851, האט שוין פאָרגעשלאָגן צו גרינדן א יידישן קאלעדזש. אַזא פרווו איז געמאכט געווארן אין פילאדעלפיע אין 1867. רעליגיעזע סעמינארן זיינען געגרינדעט געווארן אין 1875 דורך די רעפארם־יידן אין סינסינעטי, און דורך דער שטרעמונג פון די קאנסער־וואטיווע יידן אין 1886, אין ניו יארק. אין 1923 איז אין ניו יארק דערשינען א מאנאגראפיע פון ראביי לואיס י. ניומאן מיט דעם פאהשלאג וועגן גרינדן א יידישן סעקולערן אוניווערסיטעט. אבער די אָפקלאנגען זיינען געווען שוואכע, און דער פלאן איז געבליבן אויפן פאפיר.

"אין משך פון א סך יארן האב איך געטראכט וועגן דער נויטווענדיקייט צו פארווירקלעכן די אידייע פון א יידישן סעקולערן אוניווערסיטעט אין אמעריקע. פון מיין שטאנד־פונקט איז דער ישיבה־קאלעדזש אין ניו יארק נישט געווען קיין ענטפער אויף דעם פראבלעם דערפאר, ווייל ער איז אינטעגראל פארבונדן מיט א רבנים־סעמינאר און ווייל ער שטעלט מיט זיך פאר אן אינסטיטוציע בלויז פון

אָרטאָדאָקסישן יידנטום. דאָס אַליין באַגרענעצט זיין פּאַרנעם, אויף וואָס פאַר אַ אַקאַדעמישער הויך ער זאָל נישט שטיין.

"לויט מיין מיינונג איז געווען נויטיק צו גרינדן אַ אוניווערסיטעט אויף די ברייטסטע יסודות, וואָס זאָל אָנגעפירט ווערן דורך אַ פּראָמינענטער יידישער גרופּע, וועלכע זאָל רעפּרעזענטירן נישט איין טייל פון אַמעריקאַנער יידנטום, נאָר דעם גאַנצן יידישן ישוב. דער אוניווערסיטעט דאַרף זיין אָפן פאַר יידן און נישט־יידן, וועלכע וועלן אָנגענומען ווערן בלויז אויפן גרונט פון זייערע קענטעניסן און פעיקייטן" — האָט ד"ר גאָלדשטיין פאָרמולירט די פּרטים פון זיין פּלאַן — "אַזאַ אינסטיטוציע וועט קענען שפּילן אַ וויכטיקע ראָלע פאַר דערציען און אויסבילדן פירער פון די יידישע קהילות אין אַמעריקע".

ער האָט אויך אויסגעאַרבעט אַ גענויען פּראָגראַם פאַר דעם אוניווערסיטעט, וואָס ער האָט פאָרגעשלאָגן צו גרינדן. ווי אַ הויפּט־פּונקט פון דעם פּראָגראַם איז אונטערגעשטראָכן געוואָרן, אַז אין די לימודים דאַרפן אַריינגענומען ווערן קורסן פון יידישער געשיכטע, תנ"ך, תלמוד, תלמודישע ליטעראַטור, יידישער רעליגיע, יידישער פילאָזאָפיע, מאָדערנער העברעאיש און יידיש, העברעישע און יידישע ליטעראַטור; ראָלע פון יידן אין דער וועלט־ציוויליזאַציע; יידישע פּראָבלעמען פון אונדזערער צייט.

אין אַנדערע פּונקטן פון דעם פּראָגראַם איז באַמערקט געוואָרן, אַז ביים אוניווערסיטעט וועט זיין אַ בית תפילה, און אַז אין די עס־זאַלן וועט אָפּגעהיטן ווערן כשרות. אין אַ באַזונדערן פּונקט איז באַטאָנט געוואָרן, אַז דער

אוניווערסיטעט וועט איינפירן אַן אויסטויש פון סטודענטן און פראפעסארן מיטן העברעישן אוניווערסיטעט אין ירושלים.

"איך האט געוווסט, אז די איינציקע נייע ווערטפולע ביישטייערונג, וואס דאַרף געמאכט ווערן פאר דער אידייע, איז אריבערצוגיין פון רייד צו מעשים; און עס איז מיר נישט געווען פרעמד די אויפגאבע פון איבערזעצן אידייען אין מעשים" — האט ד"ר ישראל גאלדשטיין באצייכנט. ער איז טאקע גלייך אריבערגעגאנגען צו אקציע.

ער האט זיך פארנומען מיט דעם באלד דערנאך, ווי ער האט סוף 1945 פארענדיקט זיין קאדענץ אלס פרעזידענט פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע פון אמעריקע. א געשפרעך, וואס ער האט ווען דעם געהאט מיט דעם פראמינענטן יידישן ארבעטער־פירער אין אמעריקע, מיט־גליד פון שטאט־קאמיטעט פאר העכערער בילדונג אין ניו יארק, יוסף שלאסבערג — וועלכער איז במשך פון א סך יארן געווען פרעזידענט פון "הסתדרות"־קאמפיין אין די פאראייניקטע שטאטן — האט געבראכט באלדיקע רעזולטאטן. אנהויב יאנואר 1946 האט ד"ר גאלדשטיין באקומען א פארשלאג פון דער פירערשאפט פון אַן אוניווערסיטעט ביי באסטאן — "מידלעסעקס יוניווער־סיטי" — וועגן דער גרייטקייט איבערצוגעבן דעם אוני־ווערזיטעט צו אַן אנדערער גרופע, צוליב פינאנציעלע און אנדערע שוועריקייטן.

נישט אפלייגנדיק דעם ענין, האט ד"ר ישראל גאלדשטיין שוין דעם 15־טען יאנואר 1946 באזוכט דעם אוניווער־סיטעט, ווו די געביידעס און די אנדערע איינריכטונגען

האבן אויף אים געמאכט א גוטן איינדרוק. אויך די פארמאליטעטן ביים איבערנעמען דעם אוניווערסיטעט זיינען נישט געווען פארבונדן מיט באזונדערע שוועריקייטן.

דעם ערשטן שריט האט ד״ר גאלדשטיין געמאכט מיט פאראינטערעסירן פראפעסאר אלבערט איינשטיינ׳ען אין זיין פלאן. ער האט באזוכט דעם בארימטן געלערנטן אין זיין היים אין פרינסטאן־אוניווערזיטעט, און האט באקומען זיין צושטימונג צו העלפן גרינדן דעם יידישן אוניווער־סיטעט.

דעם 31־טן יאנואר 1946 האט ד״ר ישראל גאלדשטיין שוין צונויפגערופן ביי זיך די ערשטע בארטונג פון א גרופע פראמינענטע יידישע טוער, וועלכע האבן אויס־געדריקט זייער גרייטקייט צו שטיצן דעם פלאן און העלפן אין זיין דורכפירונג.

ד״ר ישראל גאלדשטיין האט דעם 5־טן פעברואר באזוכט צום צווייטן מאָל ביי פראָפ. אלבערט איינשטיין און האט באקומען פון אים די הסכמה צו ארגאניזירן א ספעציעלן אלבערט איינשטיין־פאנד פאר גרינדן דעם יידישן אוני־ווערסיטעט. צוויי טעג שפעטער האט ד״ר גאלדשטיין פארענדיקט די פארהאנדלונגען וועגן איבערנעמען די געביידעס און איינריכטונגען פון ״מידלעסעקס יוניווער־סיטי״. דער אוניווערזיטעט איז אריבערגעגאנגען צו א נייעם ראַט, פון וועלכן ד״ר ישראל גאלדשטיין איז געווארן פרעזידענט. די אנדערע צוויי וויכטיקע פאזיציעס, פון סעקרעטאר און קאסירער פון ראַט, זיינען איבערגעגעבן געווארן צו די צוויי פראמינענטע יידישע טוער וועלכע האבן פון אנהויב אָן זיך פאראינטערעסירט מיטן פראיעקט

— יוליוס סילווער אין ניו יארק און דזשארדזש אלפערט אין באסטאן.

"דעם 7־טן פעברואר (1946) האט איך געמאכט מיט דערפאלג דעם ערשטן שריט פאר דער פארווירקלעכונג פון מיין חלום" — האט ד"ר גאלדשטיין שפעטער געשריבן — "די נאענטסטע אויפגאבע איז געווען א צווייפאכע: צו געווינען פאר דעם פראיעקט די שטיצע פון דער ברייטער יידישער און נישט־יידישער עפענטלעכער מיינונג און שאפן די נויטיקע פינאנציעלע מיטלען".

דעם ערשטן ציל האט זיך אים איינגעגעבן צו דערגרייכן אין א גאנץ קורצער צייט. דער גאווערנאר פון סטייט מאסאטשוסעטס, דער ערצבישאף פון באסטאן; אנדערע קריסטלעכע גייסטלעכע; יידישע פירער אין באסטאן און אין ניו יארק; די ענגלישע און יידישע פרעסע — זיי אלע האבן זיך אפגערופן גאר ווארעם צום פלאן פון גרינדן דעם יידישן אוניווערסיטעט. עס האבן זיך אויך באוויזן יידישע קעגנער, וועלכע זיינען ארויסגעקומען מיט דעם באקאנטן מאָטיוו קעגן שאפן א יידישן "געטא־אוניווער־סיטעט". אבער די קעגנערשאפט איז באזייטיקט געווארן דורך דער שטארק איבערוועגנדיקער סימפאטיע און צו־שטימונג פון יידישע טוער פון אלע קרייזן און ריכטונגען, וועלכע האבן זיך אנגעשלאסן אין א גרויסן רעפרעזענטא־טיוון קאמיטעט פארן געפלאנטן אוניווערסיטעט.

דעם 1־טן מאי 1946 איז געעפנט געווארן אין ניו יארק דאס ביורא פאר פראקטישע צוגרייטונגען צו גרינדן דעם אוניווערסיטעט און זאמלען די נויטיקע פאנדן. עס איז פארעפנטלעכט געווארן א בראשור, אין וועלכער עס איז

דערקלערט געווארן, צווישן אנדערע, אז ״דער אוניווער־סיטעט וועט זיין אפן פאר סטודענטן פון אלע נאצי־אנאליטעטן, ראסן און גלויבנס״; אז ״די געשיכטע פון יידישן פאלק איז די בעסטע גאראנטיע דערפאר, אז די יידישע קהילה אין אמעריקע קען אויפבויען און אנט־וויקלען אן אוניווערסיטעט, וואס וועט שטיין אויף דער העכסטער וויסענשאפטלעכער מדרגה״; אז דער אוניווער־סיטעט וועט ״פארשטעלן מיט זיך א פאזיטיוון אויסדרוק פון אמעריקאנער יידן, וואס ווען אויך מאכן זייער יידישע ביישטייערונג פאר דער אמעריקאנער קולטור״.

די ערשטע פארזאמלונג פאר שאפן דעם נויטיקן פאנד איז פארגעקומען דעם 20־טן יוני 1946. פראפ. אלבערט איינשטיין האט צוגעשיקט אווארעמע באגריסונג. די קליינע גרופע פון זעכציק יידישע טוער און פילאנטראפן, וואס האט זיך באטייליקט אין דער פארזאמלונג, האט בייגעטראגן די סומע פון 350,000 דאלאר.

די פראגע איז דעמאלט געווען וועגן געבן א נאמען דעם נייעם יידישן אוניווערסיטעט. פראפ. איינשטיין האט זיך גרויסמוטיק אפגעזאגט, אז דער אוניווערסיטעט זאל אנגערופן ווערן אויף זיין נאמען. ד״ר גאלדשטיין האט דאן פארגעשלאגן, אנצונעמען דעם נאמען פון **לואי ד. בראנדייס**.

זיין מאטיווירונג איז געווען, אז בראנדייס ווערט מיט רעכט באטראכט, ווי ״דער גרעסטער אמעריקאנער ייד פון אונדזער צייט, ליבעראל אין אמעריקאניזם, פאזיטיוו און געטריי אין זיין יידישקייט; געבענטשט מיט היסטארישע פארדינסטן פאר אמעריקע און פארן יידישן פאלק, וועמענס לעבן קען זיין אן אינספיראציע פאר דער אמערי־

קאנער יוגנט". א גאר וויכטיקער מאטיוו אין ד"ר גאלד־שטיינ'ס אויסוואל פון דעם נאמען איז געווען, וואס לואי ד. בראנדייס האט רעפרעזענטירט דעם קעמפערישן אמעריקאנער ציוניזם אין דער קריטישער און אנטשיידנדיקער תקופה פון דער אקציע פאר באקומען די באלפור־דעקלאראציע און וואס ביזן היינטיקן טאג סימבאליזירט בראנדייס דעם אמעריקאנער ציוניזם. אין ד"ר גאלדשטיינ'ס איניציאטיוו איז אויך געווען די קלארע כוונה, אז דער אוניווערסיטעט זאל אויך זיין א וויכטיקע פאזיציע אין דער אמעריקאנער ציוניסטישער באוועגונג.

ד"ר גאלדשטיין האט באקומען די צושטימונג פון דער בראנדייס־משפחה פאר זיין פארשלאג, וועלכער איז דאן אנגענומען געווארן דורך דעם גרינדונגס־ראט פון דעם אוניווערסיטעט. די ענדערונג פון דעם נאמען פון דעם אוניווערסיטעט ביי באסטאן איז דורכגעפירט געווארן לעגאל. און ד"ר גאלדשטיין איז גלייך צוגעטראטן צו די פראקטישע שריט פאר עפענען דעם נייעם יידישן אוניווער־סיטעט.

"מיין דערפארונג אין אנדערע אונטערנעמונגען און מיין קענטעניש פון די באדינגונגען אין אמעריקאנער יידישן ישוב האבן מיר געגעבן דאס זיכערע געפיל, אז אמערי־קאנער יידן וועלן זיך אָפרופן ווארעם אויף דער נייער איניציאטיוו בעת זיי וועלן זען, אז דער אָנהויב איז שוין געמאכט געווארן" — האט ד"ר ישראל גאלדשטיין דער־קלערט. — "איך האב נישט מסכים געווען מיט די, וועלכע האבן געוואלט ווארטן מיט דער ערשטער פאזע, ביז דער גאנצער פלאן וועט פארזיכערט ווערן".

מען האט אבער געדארפט האבן די געהעריקע פינאנציעלע מיטלען. עס איז אויך געווען נויטיק צו נאמינירן א פרעזידענט אדער א קאנצלער פאר דעם אוניווערסיטעט. ד״ר גאלדשטיין האט פארגעשלאגן פאר דער דאזיקער פאזיציע דעם אקאדעמיקער ד״ר **אברהם ל. סאַכאַר,** וועלכער איז דעמאלט געווען, נאך א גלענצנדיקער אוניווער־סיטעט־קאריערע, דירעקטאר פון דער הלל־פונדאציע פון ״בני ברית״. פראפ. איינשטיין און דער גרינדונגס־ראט זיינען דורך ד״ר גאלדשטיינ׳ען אינפארמירט געווארן וועגן דער קאנדידאטור פון ד״ר סאַכאַר. א וויטערדיקער שריט איז געווען, אנצוהייבן די זאמלונג פארן פאנד פון אוני־ווערסיטעט אין א גרויסן פארנעם. פאר דעם צוועק איז באשלאסן געווארן איינצואורדענען א באנקעט אין איינעם פון די גרעסטע זאלן אין ניו יארק, אין דער צווייטער העלפט פון נאוועמבער 1946.

דאן איז געקומען אַ דערפאַרונג מיט שווערע פערזענלעכע קאנסעקווענצן פאר ד״ר גאלדשטייג׳ען.

אנהויב סעפטעמבער איז מיטאמאל דערהאלטן געווארן א בריוו פון פראפ. אלבערט איינשטיין מיט דעם פארווורף, אַז אָן זיין וויסן איז איינגעלאדן געווארן א קריסטלעכער גייסטלעכער צו באטייליקן זיך אין דעם פראגראם פון באנקעט, און אז עס זיינען געפירט געווארן פארהאנדלונגען מיט ד״ר סאַכאַר׳ן אָן דער אויטאריזירונג פון דעם גרינדונגס־ראט. אלבערט איינשטיין האט דערקלערט, אז צוליב דעם וועט ער מער נישט קאאפערירן אין דער גרינדונג פון אוניווערסיטעט און וועט נישט דערלויבן צו באנוצן זיין נאמען.

אַ שאַרפע מיינונגס־פאַרשידענהייט האט אויך ארויסגערופן ד״ר איינשטיינ׳ס פאָדערונג צו באַשטימען דעם באַרימטן יידישן סאציאליסט פון ענגלאנד, הערالד לאסקי, פאר׳ן פרעזידענט פון אוניווערסיטעט. ד״ר גאלדשטיין האט אבער געהאלטן, אז דער אמט דארף אנפארטרויט ווערן צו אַן אמעריקאנער יידישן דערציער.

״דער דאזיגער בריוו האט מיך דערשטוינט״ — האט ד״ר גאלדשטיין שפעטער דערקלערט — ״עס וואלט מיר קיינמאל נישט איינגעפאלן, אז ד״ר איינשטיינ׳ען וועט אָנגיין, ווער עס וועט זיך באטייליקן אין דעם פראגראם פון א באנקעט פאר געלט־זאמלונג. ער האט נישט ארויסגעוויזן קיין שום אינטערעס אין שייכות מיט דעם ערשטן באנקעט, וואס מיר האבן איינגעארדנט. און וועגן מיין געשפרעך מיט ד״ר סאַכאַר׳ן, ווענעמס נאמען איך האב געהאט פריער דערמאנט ד״ר איינשטיינ׳ען, איז דער ריינער אמת געווען, אז איך האב נישט גענומען אויף זיך קיין שום פארפליכטונג לגבי ד״ר סאכאר׳ן הגם ער איז געווען מיין קאנדידאט״.

״מיין ענטפער צו ד״ר איינשטיינ׳ען, ווו איך האב פאר־טיידיקט מיין האנדלונג, האט נישט באוויזן צו ענדערן זיין באשלוס״ — האט ד״ר גאלדשטיין ווייטער דערקלערט — ״אויך די באמיונגען פון אנדערע מיטגלידער פון דעם ראט האבן נישט געהאלפן. ד״ר איינשטיינ׳ס שריט האט אונדז געטראפן, ווי א דונער אין מיטן העלן טאג נאכדעם ווי מיר זיינען שוין געהאט ארויסגעקומען מיט אונדזער פלאַן אויפן ברייטן שליאַך — לייזנדיק מערערע שווערע פראב־לעמען. דאָס האט דערשטוינט נישט נאר מיך אליין, נאר דעם גאנצן גרינדונגס־ראט״.

״איך האב דאן געדארפט אננעמען דעם באשלוס, צי איך זאל ווייטער בלייבן ביי דער פירערשאפט פון דעם פלאן און ריזיקירן אז ד״ר איינשטיין וועט זיך עפנטלעך צוריקציען, אדער איך זאל זיך אליין עלימינירן בכדי צו פארזיכערן ד״ר איינשטיינ׳ס ווייטערדיקע פארבינדונג מיט דעם פראיעקט. נאך די געשפרעכן, וואס איך האב געהאט מיט די אנדערע מיטגלידער פון דעם ראט, איז מיר געווארן קלאר, אז אויב איך זאל באשליסן צו פארבלייבן וועט די מערהייט פון ראט מיך שטיצן. דערפאר איז דאס אָננעמען דעם באשלוס איבערגעלאזן געווארן פאר מיר אליין.

״נאכן דורכטראכטן טיף דעם ענין, בין איך געקומען צום אויספיר, אז מיין צוריקציען זיך שטילערהייט, צוזאמען מיט אַ בקשה פון אַ ווענדונג צו מיינע פריינד אז זיי זאלן ווייטער שטיצן דעם פלאן, וועט פארשאַפן ווייניקער שאָדן אונדזער פראיעקט, ווי ד״ר איינשטיינ׳ס צוריקציען זיך אין א פיינטלעכער שטימונג. איך האב דעריבער באשלאסן, זיך אליין צו עלימינירן״.

״עס איז געווען אַ גרויסער הארץ־ווייטיק פאר מיר, אָנצונעמען דעם דאזיקן באשלוס״ — האט ד״ר גאלדשטיין צוגעגעבן.

ער האט דעם שריט געמאכט מיט א שווערן הארצן. דעם 16־טן סעפטעמבער 1946 האט ער אויף א זיצונג פון דעם גרינדונגס־ראט מיטגעטיילט וועגן זיין רעזיגנאציע פון אלע פאזיציעס אין דער אונטערנעמונג, אויך פון דעם אַמט פון פרעזידענט פון ראט פון אוניווערסיטעט, בכדי ״צו מאכן פריי — אין אלע הינזיכטן — דעם וועג פאר ד״ר

איינשטיינ׳ען, אז ער זאל זיך ווייטער אידענטיפיצירן מיט דעם פראיעקט״.

״עס איז נישט געווען לייכט צו איבערצייגן מיינע פריינד אין דעם ראט, אז זיי זאלן אננעמען מיין רעזיגנאציע. אַ היבשער טייל פון זיי האט דערקלערט אויף דער זיצונג, אז מיין ווייטערדיקע פירערשאפט איז וויכטיקער פון אלע אנדערע פאקטארן פאר דער צוקונפט פון אוניווערסיטעט.

איך האב איינגעטענה׳ט מיט זיי, אז דער באשלוס, וועלכן איך האב אנגענומען, איז אין די בעסטע אינטערעסן פונעם פראיעקט, וואס איז אונדז אזוי טייער, און פאר וועלכן מיר גיבן אוועק אזויפיל כוחות. צום סוף איז מיין רעזיגנאציע באשטעטיקט געווארן״.

אויף דער זעלבער פארזאמלונג האט ד״ר גאלדשטיין צוגעשטעלט זיין לעצטן באריכט אלס פרעזידענט פון דעם גרינדונגס־ראט פון אוניווערסיטעט. ער האט אין דעם באריכט באטאנט, אז ״דאס בויען א אוניווערסיטעט איז א פראיעקט נישט אויף יארן, נאר אויף צענדליקער יארן.

די פירערשאפט פון דעם פראיעקט קומט און גייט אוועק. די אידייע פון דער אינסטיטוציע מון ווייטער בלייבן און אנגיין״. און ער האט פארענדיקט אין א רירענדיקן פער־זענלעכן טאן:

״מיינע קאלעגן, וועלכע האבן מיר געהאלפן אין דער פיאנערישער ארבעט פאר דעם פלאן אין דער ערשטער שווערער תקופה און אין בייקומען די ערשטע שוועריקייטן, דריק איך אויס מיין טיפן דאנק. איין טאג, ווען דער בראנדייס־אוניווערסיטעט וועט שוין זיין א פראמי־

נענטע אינסטיטוציע צווישן די אמעריקאנער אוניווער־סיטעטן און וועט זיין רעספעקטירט אלס א גרויסע ביישטייערונג צו דער אמעריקאנער קולטור און אלס א סימבאל פון יידישער ווירדע און זעלבסט־כבוד, וועט אפשר זיין כדאי צו דערציילן דאס ״בראשית״—קאפיטל פון דעם אוניווערסיטעט״.

ד״ר ישראל גאלדשטיין׳ען איז אויסגעקומען צו דערציילן דאס דאזיקע קאפיטל א סך פריער, ווייל שוין אין די ערשטע יארן פון דער עקזיסטענץ פון בראנדייס־אוניווער־סיטעט איז אין א געוויסער מאס פארטושט געווארן ד״ר גאלדשטיינ׳ס ראלע אלס הויפט־איניציאטאר און גרינדער, הגם דער ראט פון אוניווערסיטעט און א רייע פראמינענטע פערזענלעכקייטן האבן אויסגעדריקט זייער באדויערן איבער זיין רעזיגנאציע און דער ראט האט וועגן דעם אנגענומען א ספעציעלע רעזאלוציע.

נישט געקוקט אויף זיין רעזיגנאציע, האט ד״ר גאלדשטיין זיך ווייטער אידענטיפיצירט מיט דער אנטוויקלונג פון בראנדייס־אוניווערסיטעט. ״איך פיל מיך ווי א טאַטע, וועלכער האלט אַן אויג אויף זיין קינד אז ער זאל וואקסן, נישט קענענדיק אליין זיך אפגעבן מיט׳ן קינד, צוליב אומפארמיידלעכע סיבות״ — האט ער געשריבן צו זיינע פריינד, וועלכע ער האט געבעטן צו געבן ביישטייערונגען פארן בראנדייס־אוניווערסיטעט.

די איראָניע פון די ווייטערדיקע אנטוויקלונגען אין געווען, אז אין יוני 1947, בסך הכל ניין חדשים נאך ד״ר גאלד־שטיינ׳ס רעזיגנאציע, האט אלבערט איינשטיין סיי־ווי־סיי זיך צוריקגעצויגן פון דעם פראיעקט צוליב אַן ענלעכן

קאנפליקט. דאן איז פארגעשלאגן געווארן ד״ר גאלד־שטיינ׳ען, אז ער זאל זיך צוריקקערן צו דער פירערשאפט און ווערן פרעזידענט פון אוניווערסיטעט. אפיציעל איז דער דאזיקער פארשלאג געמאכט געווארן ד״ר גאלדשטיינ׳ען אויף א זיצונג פון דעם גרינדונגס־ראט אין אקטאבער 1947.

אבער ער האט שוין נישט געקענט נאכקומען דער ביטע פונעם ראט, בעיקר דערפאר ווייל אין יענער צייט איז געפירט געווארן אין ניו יארק, אין די ״יונייטעד ניישאנס״ און אין די דעצידירנדיקע אמעריקאנער פאליטישע קרייזן, דער לעצטער אנטשיידנדיקער קאמף פאר דער פאדערונג פון יידישן פאלק צו באנייען די יידישע מדינה אין ארץ ישראל. ד״ר ישראל גאלדשטיינ׳ען איז אנפארטרויט געווארן א גרויסע און וויכטיקע ראלע אין דעם פראנט־אפשניט פונעם יידישן פאלק.

עס איז צו באצייכענען, אז דער ראט פון בראנדייס־אוניווערסיטעט האט זיך געווענדעט צו ד״ר סאכאר, ד״ר גאלדשטיינ׳ס קאנדידאט פון סאמע־אנהויב, אז ער זאל איבערנעמען די פרעזידענטשאפט פון בראנדייס־אוניווער־סיטעט. ד״ר סאכאר האט צוגעשטימט. אונטער זיין פירער־שאפט איז פארגעקומען, אין יוני 1948, די פייערלעכע דערעפענונג פון בראנדייס־אוניווערסיטעט. ליידער איז ד״ר גאלדשטיין נישט איינגעלאדן געוואָרן צו דער דאזיקער פייערונג.

מיט יארן־שפעטער, אין יוני 1958, איז ד״ר ישראל גאלדשטיין באערט געוואָרן מיט אַ ערן־דאקטאראט פון בראנדייס־אוניווערסיטעט, צווישן די פארשיידענע שבחים ווערט אין דער מגילה פון ערן־דאקטאראט ד״ר גאלדשטיין

באצייכנט ווי „אַ פארלויפער לגבי דער אנטוויקלונג פון בראנדייס־אוניווערסיטעט", ווי אַ מענטש מיט וויזיע צו פארשטיין די היסטארישע וויכטיקייט פון דער קאנצעפציע און „מיט פראקטישן געניוס פון ברייגגען די קאנצעפציע אויפן שוועל פון דער פארווירקלעכונג".

קלאר, אז מיט דער דאָזיקער באַצייכענונג פון אַ „פאר־לויפער" איז געטאן געווארן אן אומרעכט צום היסטארישן פאקט פון ד"ר גאלדשטיינ'ס ראלע אלס דער גרינדער פון דעם אוניווערסיטעט.

אין אונטערצו פון בראנדייס־קאפיטל האט ד"ר גאלדשטיין באטאנט זיין סאטיספאקציע, וואס דער בראנדייס־אוני־ווערסיטעט אנטוויקלט זיך אונטער ד"ר סאכאר'ס פירער־שאפט אויף אַ גלענצנדיקן אויפן. פאר אים אליין איז אַ גרויסע באפרידיקונג דער פאקס וואס ער האט געהאט דעם זכות צו זיין דער גרינדער פון אזא וויכטיקער הויכער יידישער בילדונגס־אינסטיטוציע אין די פאר־אייניקטע שטאַטן.

אבער די ציוניסטישע אידייע האט אויף אים ארויפגעלייגט נייע און באנייטע גרויסע אויפגאבן, און שייכות מיטן געראנגל פארן אויפקום פון דער יידישער מדינה.

קאפיטל פיר און צוואנציק

אין קאמף פאר ישראל ביי די פאראייניקטע פעלקער פון דער וועלט

"מיר טוען אלץ, וואס מיר קענען, דורך דער פאראייניקטער אקציע פון אמעריקאנער יידנטום צו דערגרייכן די פאר־ווירקלעכונג פון די יידישע האפענונגען אין ארץ ישראל און באנייען די יידישע מדינה אין אונדזער אלטן היימלאנד. דער וועג איז א שווערער. אבער מיר זיינען א פאלק, וואס איז אויסגעשטאנען א סך נסיונות און שוועריקייטן. דעריבער ווערן מיר נישט מיד אין אונדזערע אנשטרענגונגען און שרעקן זיך נישט פאר די שטערונגען" —

מיט די ווערטער פון דערמוטיקונג האט ד"ר ישראל גאלדשטיין זיך געווענדעט צו דער שארית הפליטה פון אייראפעאישן יידנטום אין א ראדיא־רעדע, וואס ער איז איינגעלאדן געווארן צו האלטן צו די לעבן־געבליבענע יידן, ערב פסח 1947. ער האט גערעדט צו זיי אין נאמען פון דער אמעריקאנער יידישער קאנפערענץ, פון וועלכער ער איז געווען א מיטפארזיצער, און וואס האט ארומגענומען מער פון ניינציק פראצענט פון ארגאניזירטן יידנטום אין די פאראייניקטע שטאטן.

"מיר פילן, אז מיר זיינען אייך שולדיק מער, וויפל מיר וועלן ווען־עס־איז קענען אייך אפצאָלן. איר אין די

פליטים־לאגערן, און איר אין די אנדערע טיילן פון אייראפעישן קאנטינענט — איר זענט געווען בכבוד'יקע, שטאלצע מיטגלידער פון אייערע קהילות, ווו איר האט געלעבט. איר האט פארנומען וויכטיקע פאזיציעס. איר זענט געווען פירער פון אייערע געמיינדעס. איר האט אנטוויקלט א רייכע יידישע און העברעאישע קולטור־ארבעט. איר זענט געווען מרביצי־תורה, און איר האט דערמוטיקט און געשטיצט יידישע וויסענשאפטלער. איר האט געטראגען הויך און שטאלץ די פאן פון ציוניזם, און איר האט ארויסגעגעבן פון אייער סביבה א סך פון די בעסטע בויער פון ציון און פון ציוניזם.

"איך ווייס, ווער איר זענט. איך האב געהאט די געלעגנהייט, אייך צו זען און מיט אייך צו רעדן.

"מיר דא וואלטן נישט ווערט געווען צו טראגן דעם נאמען ייד, אויב מיר וואלטן נישט געמאכט די גרעסטע אנשטרענגונגען פאר אייך, די שארית הפליטה, און אויב מיר וואלטן נישט געטאן אלץ, בכדי נישט בלויז צו פארלייכטערן אייער לאגע, נאר צו פארזיכערן אייער רעטונג אין און דורך ארץ ישראל".

ריידנדיק צו זיי אין יידיש, האט ד"ר ישראל גאלדשטיין זיי געטרייסט אין דעם שווערסטן מאמענט, ווען די לייזונג פון ארץ ישראל־פראבלעם איז געלעגן אויף דער וואגשאל. דאס האט געמיינט די אנטשיידונג פון דער גאנצער צוקונפט פאר דער שארית הפליטה פון אייראפעאישן יידנטום, און קודם־כל פאר די צוויי הונדערט פופציק טויזנט יידן, וועלכע האבן זיך דעמאלט נאך געפונען אין די לאגערן אין דייטשלאנד, אין עסטרייך, און איטאליע. זיי האבן זיך

גריסן צו פאַרן קיין ארץ ישראל, און פאַר זיי איז עס געווען אַ לעבנס־פראַגע, אַז דער קאַמף פאַר ווידער־אויפריכטן די יידישע מדינה זאָל אויסגעקעמפט ווערן מיט אַ נצחון.

שיפן מיט אַזוי־גערופענע „אומלעגאַלע" עולים — לעבן־געבליבענע יידן פון די פליטים־לאַגערן — זיינען דאַן געשוואומען אויף די וואַסערן פון מיטלענדישן ים, צו די ברעגן פון ארץ ישראל. אָבער די מערסטע פון די שיפן זיינען פאַרהאַלטן געוואָרן דורך דער אַרמיי פון דער ענגלישער מאַנדאַט־רעגירונג. און די שארית הפליטה פון די זעקס מיליאָן אויסגעהרגעטע יידן אין אייראָפּע איז נישט אַריינגעלאָזן געוואָרן קיין ארץ ישראל.

שווערע און שוידערלעכע טראַגעדיעס האָבן זיך אָפּגעשפּילט ביי די ברעגן פון ארץ ישראל. ד"ר ישראל גאָלדשטיין איז געווען אין ארץ ישראל, ווען די שיף „עקזאָדוס" („יציאת אייראָפּע") איז געהאַט אָנגעקומען, און די פליטים זיינען נישט אַראָפּגעלאָזן געוואָרן אין חיפה. די „אומלעגאַלע" עולים און די פירער פון דער שיף האָבן געפּרוּווט, זיך דורכרייסן דורך דער ענגלישער בלאָקאַדע. אין דעם צו־זאַמענשטויס מיט די ענגלישע סאָלדאַטן זיינען אַ צאָל יידן פון דער שיף שווער פאַרוואונדעט געוואָרן. עטלעכע פון זיי זיינען געשטאָרבן פון די וואונדן. ד"ר ישראל גאָלדשטיין האָט זיך באַטייליקט אין דער לוויה פון די קרבנות.

די ענגלישע מאַנדאַט־רעגירונג האָט, אָנגייענדיק מיט אירע גזירות פון „ווייסבוך", פאַרמאַכט מיט געוואַלט די טויערן פון ארץ ישראל פאַר די לעבן־געבליבענע יידן פון אייראָפּע.

די מערסטע שיפן מיט די „אומלעגאַלע" עולים זיינען

אפגעשיקט געווארן קיין ציפערן, ווו די ענגלענדער האבן די יידישע פליטים ווייטער פארשפארט אין א לאגער. ד"ר ישראל גאלדשטיין איז געפארן זיי באזוכן אין דעם לאגער אין ציפערן, און האט אויך צו אט די פארוואגעלטע יידן, וועלכע זיינען ארויס פון איין לאגער און אריינגעפאלן אין א צווייטן, געבראכט דעם גרוס פון דערמוטיקונג און טרייסט פון אמעריקאנער יידנטום. דאס אמעריקאנער יידנטום איז דאן געווען אינגאנצן מאביליזירט פאר דעם קאמף צו באנייען די יידישע מדינה אין ארץ ישראל און עפענען פריי דאס יידישע היימלאנד פאר דער שארית הפליטה פון אייראפע און פאר אלע שבי ציון.

דער גורל'דיקער קאמף פון יידישן פאלק איז דאן אריין אין דער קריטישסטער תקופה· אונטער'ן דרוק פון דעם הערואישן ווידערשטאנד פון ישוב אין ארץ ישראל און פון דער פאראייניקטער אקציע פון אמעריקאנער און פון וועלט־יידנטום האט די ענגלישע מאנדאט־רעגירונג זיך אנטשלאסן איבערצוגעבן דאס פראבלעם פון ארץ ישראל צו דער ארגאניזאציע פון די פאראייניקטע פעלקער. אויף דער צווייטער העלפט פון אפריל 1947 האט דער גענעראל־סעקרעטאר פון די "יונייטעד נייישאנס", טריגווע לי, צונויפגערופן א דרינגנדיקע סעסיע פון דער אונא־אסעמבלי כדי צו באהאנדלען די ארץ ישראל־פראגע.

די עקזעקוטיווע פון דער ציוניסטישער וועלט־ארגאניזאציע און פון דער יידישער אגענץ איז דאן געשטעלט געווארן פאר דער פאראנטווארטלעכער אויפגאבע צו ברענגען צו דער ארגאניזאציע פון די פאראייניקטע פעלקער די פאדערונג פון יידישן פאלק וועגן ווידעראויפריכטן די

יידישע מדינה אין ארץ ישראל. דוד בן־גוריון, ד״ר אבא הלל סילווער און משה שערטאק (שרת) זיינען געווען די הויפט־פארשטייער פון דער יידישער אגענץ, וועלכע האבן ביי דער דרינגנדיקער אונא־סעסיע פרעזענטירט און פאר־טיידיקט די יידישע פאדערונג. ד״ר ישראל גאלדשטיין און די אַנדערע אמעריקאנער יידישע פירער האבן גענומען אויף זיך די אויפגאבע צו ווירקן אויף דער עפענטלעכער מיינונג אין די פאראייניקטע שטאטן און באקומען די הילף פון די פארשיידענע מלוכה־דעלעגאציעס אין די ״יונייטעד ניישאנס״.

די דרינגנדיקע סעסיע פון דער ארגאניזאציע פון די פאר־אייניקטע פעלקער אין אפריל און אין מאי 1947 אין ניו יארק האט זיך פארענדיקט מיט אויסוויילן א קאמיסיע פון דער אונא, וועלכע איז דעלעגירט געווארן אין די פליטים לאגערן אין אייראפע און קיין ארץ ישראל צו אונטערזוכן דאס פראבלעם און ברענגען א פארשלאג.

אין דער צייט, ווען די אונא־פארשטייער האבן דורכגעפירט זייער מיסיע, האט די ציוניסטישע פירערשאפט געמאכט אינטענסיווע צוגרייטונגען פאר דער אקציע אויף דער רעגולערער סעסיע פון דער אונא־אסעמבלי, וואס איז געווען באשטימט צו עפענען זיך אין סעפטעמבער 1947 אין ניו יארק. צו דער סעסיע האט די פארשונגס־קאמיסיע פון דער ארגאניזאציע פון די פאראייניקטע פעלקער גע־דארפט צושטעלן איר באריכט מיט די פארשלאגן וועגן דער לייזונג פון דער ארץ ישראל־פראגע.

פאר אויסארבייטן דעם פלאן פון דער אקציע איז גערופן געווארן א סעסיע פון ציוניסטישן אקציאנס־קאמיטעט,

וואס איז אין אויגוסט 1947 זיך צונויפגעקומען אין ציריך, שווייץ, נאכדעם ווי פארשטייער פון דער יידישער אגענץ מיט ד"ר חיים ווייצמאן, דוד בן־גוריון און משה שערטאק (שרת) אין דער שפיץ האבן אין ירושלים אפגעגעבן דער־קלערונגען פאר דער פארשונגס־קאמיסיע פון דער אונא.

ביי דער סעסיע פון ציוניסטישן אקציאנס־קאמיטעט, אין אויגוסט 1947, אין ציריך איז שוין באקאנט געווארן, אז די מערהייט מיטגלידער פון דער אונא־קאמיסיע — וועלכע האט זיך דעמאלט געפונען אין דער אייראפעישער הויפט־קווארטיר פון דער ארגאניזאציע פון די פאר־אייניקטע פעלקער אין זשענעווע, וו זי האט צוגעגרייט איר באריכט — וועט קומען צו דער רעגולערער סעסיע פון דער אונא־אסעמבלי מיטן פארשלאג וועגן צעטיילן ארץ ישראל און שאפן א יידישע און אן אראבישע מדינה. דערביי האבן ביידע מדינות געדארפט זיין פארבונדן צווישן זיך אין א עקאנאמישער אוניע. דער באריכט פון דער אונא־קאמיסיע מיט דעם דאזיקן מערהייטס־פארשלאג איז אפיציעל פארעפנטלעכט געווארן דעם 1־טען סעפ־טעמבער 1947.

דער ציוניסטישער אקציאנס־קאמיטעט האט, ווי אַ צוג־רייטונג צו דער אקציע ביי דער אונא־אסעמבלי, באשלאסן צו שאפן א ספעציעלע פאליטישע קאמיסיע, וואס זאל פונקציאנירן אלס בייראט ביי דער עקזעקוטיווע פון דער ציוניסטישער וועלט־ארגאניזאציע און פון דער יידישער אגענץ לגבי אלע פראגן, וואס וועלן זיין פארבונדן מיט די פארהאנדלונגען וועגן ארץ ישראל ביי דער סעסיע פון דער אונא־אסעמבלי. ד"ר ישראל גאלדשטיין איז אויסגעוויילט

געווארן אלס פארזיצער פון דער קאמיסיע, אין וועלכער עס זיינען ארייננעגאנגען פארשטייער פון אלע פארטייען פון דער ציוניסטישער וועלט־ארגאניזאציע. צווישן די מיט־גלידער פון דער קאמיסיע זיינען אויך געווען דער דריטער נשיא פון מדינת ישראל: זלמן רובאשאוו (שזר); דער ערשטער פארזיצער פון ישראל׳ס פארלאמענט (כנסת), יוסף שפרינצאק ז״ל און די מיניסטארן אין די ערשטע רעגירונגס־קאבינעטן פון דער יידישער־מדינה: ד״ר פנחס ראזען, ד״ר דוב יוסף און מרדכי בן־טוב. צווישן די אנדערע מיטגלידער זיינען געווען: פרופ׳ בערט גאלדשטיין, פון די פיאנערן־פרויען; פרופ׳ יהודית עפשטיין פון ״הדסה״; לואי סיגאל פון פועלי ציון; ד״ר וואלפסבערג און גדליה בובליק פון מזרחי; מאיר גראסמאן, יוסף שעכטמאן, אהרן ציזלינג.

פאר ד״ר ישראל גאלדשטיינ׳ען איז דאס שטיין אין דער שפיץ פון דעם בייראַט ביי דער עקזעקוטיווע פון דער ציוניסטישער וועלט־ארגאניזאציע און פון דער יידישער אגענץ אין דער העכסט־פאראנטווארטלעכער אקציע ביי די פארהאנדלונגען פון דער סעסיע פון דער אונא־אסעמבלי — וועלכע האט שפעטער אנגענומען דעם היסטארישן באשלוס וועגן באנייען די יידישע מדינה אין ארץ ישראל — געווען אן אויפגאבע פון א גרויסער און שווערער אחריות. ער האט דורך דעם פארנומען א צענטראלע פאזיציע אין דעם קאנצענטרירטן פאליטישן קאמף פון יידישען פאלק, אין די הארבסט־חדשים פון 1947, פאר דער פארווירק־לעכונג פון דער צוויי־טויזנט־יעריקער ציון־אידייע.

קאפיטל פינף און צוואנציק

נאך דעם היסטארישן באשלוס פון דער אונא וועגן ווידעראויפריכטונג פון מדינת ישראל

״דער עפאכע־מאכנדיקער באשלוס פון דער אונא־אסעמבלי, דורך אננעמען דעם מערהייטס־באריכט פון דער אונא־קאמיטיע פאר פארשן די ענינים פון ארץ ישראל (מיט דעם פארשלאג צו גרינדן א יידישע מדינה אין א טייל פונעם לאנד), מיט די אויסבעסערונגען פון דער ספעציעלער פאליטישער קאמיסיע פון דער אסעמבלי — ווערט אויפגענומען מיט דאנק דורך דער מערהייט פון דעם פאליטישן קאמיטעט, דעם בייראט צו דער עקזעקוטיווע פון דער ציוניסטישער וועלט־ארגאניזאציע און פון דער יידישער אגענץ״ — אזוי הייסט עס אין דער דערקלערונג פון ד״ר ישראל גאלדשטיין, דער פארזיצער פון דעם בייראט, נאך דעם היסטארישן געשעעניש פון 29־טן נאוועמבער 1947.

אין דער דערקלערונג, וועלכע איז אליין פאר זיך א היסטארישער דאקומענט און וואס האט ריכטיק אפגעשפיגלט די אנטוויקלונגען ארום דעם עפאכע־מאכנדיקן באשלוס פון דער אָרגאניזאציע פון די פאראייניקטע פעלקער און דעם אנהויב פון נייעם גרויסן קאפיטל אין דער געשיכטע פון ארץ ישראל און פון יידישן פאלק — איז ווייטער געזאגט געווארן:

״דער באשלוס פון די ״יונייטעד ניישאנס״ שטעלט מיט זיך

פאַר א שווערן קרבן פאַרן יידישן פאָלק, ווייל וויכטיקע ראַיאָנען פון ארץ ישׂראל, וואס זיינען פאַרבונדן מיט דער יידישער געשיכטע און מיט די היינטצייטיקע יידישע דער־גרייכונגען, זיינען אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער יידישער מדינה. אַממייסטן דאַרף באַדויערט ווערן, וואָס ירושלים איז געבליבן מחוץ מדינת ישׂראל. פונדעסטוועגן האָט די מערהייט פון אונדזער קאָמיטעט געפילט, אַז די ציוניס־טישע באַוועגונג איז באַרעכטיקט צו ברענגען אָט די שווערע קרבנות אין די אינטערעסן פון דערגרייכן א שליכטונג פון ארץ ישׂראל־פּראָבלעם.

„מיר באַגריסן די עקזעקוטיווע פון דער יידישער אַגענץ מיט איר עפעקטיווער און שטאַטסמענערישער פירונג פון דער פּאָליטישער אַקציע ביי דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער" — איז ווייטער באַטאָנט געוואָרן אין דער דערקלערונג, אין וועלכער עס איז גלייך באַצייכנט געוואָרן:

„מיר דריקן־אויס אונדזער דאַנק און אָנערקענונג צו די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע און צום ראַטן־פאַרבאַנד, וועלכע האָבן דורך זייער עמינענטער פּאָזיציע פון וועלט־גרויסמאַכטן געגעבן די ליניע פאַר אַנדערע לענדער דורכצופירן דעם גערעכטן באַשלוס. און מיר דריקן־אויס אונדזער דאַנק און אָנערקענונג צו די פאַרשטייער פון אַלע לענדער, גרויסע און קליינע, וועלכע האָבן געשטימט פאַר דעם מערהייטס־פאָרשלאַג פון דער פאָרשונגס־קאָמיסיע פון דער אונא. זייער פאַרשטענדעניש פאַר דער גערעכטיקייט פון די יידישע פאָדערונגען איז א קוואַל פון טיפער מאָראַלישער סאַטיספאַקציע פאַר אונדזער פאָלק,

וואס איז געווען דער כראָנישער קרבן פון אומגערעכטיקייט און מיספארשטענדעניש".

נאך דער דאזיקער אפשאצונג פון דער באדייטונג פון היסטארישן באשלוס פון דער ארגאניזאציע פון די פאר־אייניקטע פעלקער האט ד"ר ישראל גאלדשטיין אין דער דערקלערונג, אין נאמען פון פאליטישן ביוראָ ביי דער עקזעקוטיווע פון דער יידישער אגענץ — גלייך אנגעוויזן אויף די ווייטערדיקע שווערע אויפגאבן:

"מיר אונטערשאַצן נישט די שוועריקייטן און די געפאַרן, מיט וועלכע עס וועט זיין פארבונדן די גרינדונג פון דער יידישער מדינה און איר קיום, באזונדערס אין די ערשטע צייטן. דאך האבן מיר דעם פולן צוטרוי, אז די שוועריקייטן און שטערונגען וועלן באזייטיקט ווערן דורך דעם ישוב אין ארץ ישראל, וואס וועט פארשטארקט ווערן דורך די גרויסע מאַסן פון נייע עולים, וועלכע האבן געבענקט און ארויסגעקוקט אויף דער געלעגנהייט אריינצוקומען אין די טויערן פון ציון פאר זייער רעטונג, און דורך די באמיונגען פון יידישן פאלק איבער דער גארער וועלט.

"מיר האפן, אז די אראבער אין און ארום ארץ ישראל וועלן אננעמען די האנט פון פריינטשאפט, וואס איז אויס־געשטרעקט צו זיי דורך די יידן אין ארץ ישראל און דורכ'ן יידישן פאלק אומעטום. מיר האבן דעם פולן צוטרוי, אז יידן און אראבער צוזאמען קענען אויפבויען אין ארץ ישראל א מאדעל פון דעמאקראטיע, קולטור און פראס־פעריטעט פאר דעם גאנצן נאענטן און מיטעלן מזרח".

צום סוף האט ד"ר ישראל גאלדשטיין דערקלערט אין נאמען פון דעם פאליטישן קאמיטעט, אין וועלכן עס זיינען

געווען רעפרעזענטירט אלע פארטייען פון דער ציוניסטישער וועלט־ארגאניזאציע:

"דער פאליטישער בייראט באטראכט עס פאר א היסטא־רישן זכות, וואס ער האט געהאט א חלק אין אָט דער גרויסער שעה אין דער יידישער געשיכטע. אלע גרופעס, וואס זיינען רעפרעזענטירט אין דעם קאמיטעט, זיינען אנטשלאסן צו מאכן אלע אנשטרענגונגען כדי צו באקומען דעם גרעסטן אנטייל פון יידישן פאלק אין דעם אויפבוי פון דער יידישער מדינה, וואס זאל זיין צום כבוד פון דער יידישער פארגאנגענהייט און זאל פארווירקלעכן די הויכע האפענונגען לגבי דער יידישער צוקונפט".

דער פאליטישער בייראט האט אין משך פון דער סעסיע פון דער אונא־אסעמבלי, בעת דער גורל פון דער פאר־ווירקלעכונג פון דער ציון־אידייע איז געלעגן אויף דער וואגשאל אין די פארהאנדלונגען פון די פארטרעטער פון די פעלקער און לענדער פון דער וועלט — אפגעהאלטן פופצן זיצונגען אין דער געביידע פון דער יידישער אגענץ אין ניו יארק, אונטער'ן פארזיץ פון ד"ר ישראל גאלדשטיין. די מיטגלידער פון דער עקזעקוטיווע פון דער יידישער אגענץ, מיטן פארזיצער פון דער אמעריקאנער סעקציע ד"ר **אבא הלל סילווער** און דעם הויפט פון דער פאליטישער אפטיילונג, **משה שערטאק (שרת)** אין דער שפיץ, האבן אויף די זיצונגען פון דעם קאמיטעט אפגעגעבן רעגולערע באריכטן וועגן זייער אקציע ביי דער אונא־סעסיע און דיסקוטירט די פראגן, וועגן וועלכע עס האט געדארפט אנגענומען ווערן די שטעלונג פון דער יידישער אגענץ. אין די זיצונגען האבן זיך אויך באטייליקט די מיטארבעטער

פון ד״ר **אבא הלל סילווער** און **משה שערטאק**, די עקספערטען פאר באזונדערע פראגן. צווישן זיי זיינען געווען: **דוד האראוויץ**, דער געוועזענער גאווערנאר פון ישראל׳ס מלוכה־באנק, און דער פריצייטיק־פארשטארבענער עקספערט פאר דעם פראבלעם פון די גרענעצן פון דער יידישער מדינה, **ליפשיץ**.

אין א ריי וויכטיקע פאלן זיינען קאנקרעטע פארשלאגן פון דעם פאליטישן ביירא̇ט אנגענומען געווארן דורך דער עקזעקוטיווע פון דער יידישער אגענץ פאר די שריט, וואס זיינען דערנאך געמאכט געווארן ביי דער סעסיע פון דער אונא־אסעמבלי. די מיטגלידער פון דעם ביירא̇ט האבן בייגעוווינט די זיצונגען פון דער אונא־אסעמבלי, בעת די ארויסטריטן פון די פארשטייער פון דער יידישער אגענץ אין דער פאליטישער קאמיסיע. אין צוגאב צו די באריכטן פון די פירער פון דער עקזעקוטיווע פון דער יידישער אגענץ פלעגן די מיטגלידער פון פאליטישן ביירא̇ט באקומען א טעגלעכן רעפארט וועגן די אנטוויקלונגען דורך דעם הויכן באאמטן פון דער יידישער אגענץ, **ד״ר וואלטער איתן**, שפעטערדיקער ישראל־אמבאסאדאר אין פראנקרייך.

די מיטגלידער פון פאליטישן ביירא̇ט מיט **ד״ר ישראל גאלדשטיין** בראש זיינען געשטאנען אין אן ענגער פאר־בינדונג מיט אלע מיטגלידער פון דער עקזעקוטיווע פון דער יידישער אגענץ — **ד״ר אבא הלל סילווער, ד״ר סטיפען וויז, לואי ליפסקי, ד״ר עמנואל ניומאן, ד״ר נחום גאלדמאן, פרוי ראז האלפרין, חיים גרינבערג, הרב זאב גאלד**, וועלכע האבן גענומען א גרויסן אנטייל אין דער פאליטישער אקציע אין און ארום דער סעסיע פון דער

אונא־אסעמבלי, און מיט ד״ר חיים ווייצמאנ׳ען, וועלכער איז ארויסגעטראטן מיט א היסטארישער דערקלערונג אויף א זיצונג פון דער פאליטישער קאמיסיע פון די ״יונייטעד ניישאנס״; אזוי אויך מיט אנדערע ציוניסטישע פירער. די גאנצע באוועגונג אין געווען פאראייניקט אין דער פאראנטווארטלעכער אויפגאבע צו מאביליזירן די אמעריקאנער עפענטלעכע מיינונג לטובת די יידישע פאדערונגען ביי די ״יונייטעד ניישאנס״.

דער היסטארישער באשלוס פון דער ארגאניזאציע פון די פאראייניקטע פעלקער אין אויפגענומען געווארן מיט גרויס פרייד און אנערקענונג דורך דעם יידישן פאלק איבער דער גארער וועלט און איז מיט רעכט באטראכט געווארן ווי א גרויסער טריאומף פאר דער הערצל׳ישער ציוניסטישער באוועגונג. גלייכצייטיק איז אבער דאס וועלט־יידנטום, און גאר באזונדער דאס אמעריקאנער יידנטום, געשטעלט געווארן פאר א נייער גורל׳דיגער פאראנט־ווארטלעכקייט און פאר נייע גרויסע פליכטן צו פאר־ווירקלעכן דעם באשלוס פון די פאראייניקטע פעלקער און נישט פארלירן די גרויסע היסטארישע שעה פאר דער באנייונג פון דער יידישער מדינה אין ארץ ישראל נאך צוויי טויזנט יאר.

אויך די נייע העכסט־פאראנטווארטלעכע אויפגאבן האבן זיך קאנצענטרירט בעיקר אויף די צוויי געביטן פון וויטער־דיקער פאליטישער אקציע און פון א סך פארגרעסערטע מאטעריעלע און פינאנציעלע אנשטרענגונגען. אין דעם נייעם אנטשיידנדיקן מאמענט איז ד״ר ישראל גאלדשטיין געשטאנען אין דער שפיץ פון פאראייניקטען ישראל־אפיל

און איז געווען מיטפארזיצער פון פאראייניקטן יידישן קאמפיין. אונטער זיין פירערשאפט איז דאס אמעריקאנער יידנטום גערופן געווארן צו געבן די גרעסטעביישטייערונגען פאר ארץ ישראל. און אין דעם קריטישן יאר 1948/1947 האט דער קאמפיין, וואס איז פראקלאמירט געווארן מיט גרויסן דערפאלג דורך גאלדע מאיר, דערגרייכט דעם העכסטן רעזולטאט אין זיין גאנצער ביזדעמאלטיקער געשיכטע, זאמלענדיק מיט דער הילף פון דינאמישן עקזעקוטיון־דירעקטאר הענרי מאנטאר די סומע פון איבער הונדערט פופציק מיליאן דאלאר. די דאזיקע סומע איז געבליבן א רעקארד־דערגרייכונג ביז דעם יאר פון דער זעקס־טאגיקער מלחמה, אין 1967, ווען ד״ר ישראל גאלדשטיין איז געווען פארזיצער פון דער וועלט־ארגאניזאציע פון קרן היסוד, און ווען דאס אמעריקאנער יידנטום און אלע יידישע ישובים איבער דער גארער וועלט האבן געגעבן זייער גרעסטע הילף פאר ישראל, וואס האט זיך אויסגעדריקט אין א סך הונדערטער מיליאנען דאלאר.

אויפן פאליטישן געביט זיינען אויפגעשטאנען נייע גרויסע שוועריקייטן איבער דער מלחמה פון די ״נישט־רעגולערע״ מיליטערישע כוחות — ווי זיי האבן עס אנגערופן — וואס די אראבישע מלוכות האבן גלייך נאך דעם באשלוס פון די ״יונייטעד ניישאנס״ אנגעהויבן קעגן דעם ישוב אין ארץ ישראל. ס׳איז געווען די געפאר, אז די ארגאניזאציע פון די פאראייניקטע פעלקער זאל אפלייגן, ענדערן אדער גאר אינגאנצן מבטל מאכן, דעם באשלוס פון 29־טן נאוועמבער 1947. אין אפריל 1948 איז גערופן געווארן א נייע ספעציעלע סעסיע פון דער אונא־אסעמבלי, וואס האט

געהאט פאר זיך א פארשלאג פון דער אמעריקאנער רעגירונג וועגן שטעלן ארץ ישראל אונטער א אונא־אפוטרופסות („טראסטישיפ"), אנשטאט דורכפירן דעם פריערדיקן באשלוס וועגן דער טיילונג פון ארץ ישראל און גרינדונג פון צוויי מלוכות, א יידישע און אן אראבישע.

א גרויסע געפאר האט זיך אנגערוקט פאר דער גורל'דיקער מעגלעכקייט פון יידישן פאלק צו באנייען די יידישע מדינה נאך צוויי טויזנט יאר. עס איז געווען די סכנה צו פארלירן די גרויסע היסטארישע שעה. און דאס אמעריקאנער יידנטום איז ווייטער מאביליזירט געווארן דורך דער ציוניסטישער פירערשאפט פאר אנקעגנשטעלן זיך דער געפאר. ד"ר ישראל גאלדשטיין האט פארנומען א פירנדיקע פאזיציע אין דעם נייעם פאליטישן קאמף.

אין דעם קריטישן מאמענט איז צונויפגערופן געווארן א סעסיע פון ציוניסטישן אקציאנס־קאמיטעט פאר באשליסן די ווייטערדיקע שריט. די סעסיע פון אקציאנס־קאמיטעט איז אפגעהאלטן געווארן אין תל־אביב, ווייל ירושלים איז געווען אפגעריסן צוליב דער פאקטישער מלחמה, וואס די אראבישע מלוכות האבן שוין געפירט קעגן דעם ישוב, אין א פארמעסטונג נישט צו דערלאזן צו דער פראקלאמירונג פון דער יידישער מדינה. זיי האבן אויך געהאט אין דער דאזיקער בלוטיקער פארשווערונג — וואס האט אויך געמיינט די פארגוואלטיקונג פון דעם באשלוס פון די „יונייטעד ניישאנס" — די אפענע און באהאלטענע הילף פון דער ענגלישער מאנדאט־אדמיניסטראציע.

דערווייל האט זיך דערנענטערט דער קריטישער טאג פון 15־טן מאי 1948 בעת די ענגלענדער האבן געדארפט

פארלאזן ארץ ישראל און די יידישע מדינה האט געדארפט פראקלאמירט ווערן. די אראבישע מלוכות, מיט דער הילף פון די ענגלענדער, האבן פאקטיש דערקלערט א מלחמה קעגן דעם ישוב אין ארץ ישראל און קעגן דער דורכפירונג פונעם אונא־באשלוס. די אראבישע מלוכות האבן געדראט מיט א בלוט־באד, אויב די יידישע מדינה וועט פראק־לאמירט ווערן.

דער ציוניסטישער אקציאנס־קאמיטעט, וואס האט זיך דאן פארזאמלט אין תל־אביב, האט געדארפט אננעמען באשלוסן, וואס זיינען געווען פון דער העכסטער פאר־אנטווארטלעכקייט פאר דער ווייטערדיקער צוקונפט פון יידישן פאלק און פאר דער יידישער געשיכטע. ד״ר ישראל גאלדשטיין איז געווען דער פירער פון דער דעלעגאציע פון אמעריקע ביי דער קריטישער סעסיע פון ציוניסטישן אקציאנס־קאמיטעט. ד״ר אבא הלל סילווער איז פארבליבן אין ניו יארק, כדי אנצופירן דעם ווייטערדיקן קאמף אין די ״יונייטעד ניישאנס״. ד״ר ישראל גאלדשטיין האט שפעטער געשילדערט די אומגעהויערע שפאנונג, וואס האט געהערשט ביי די דעצידירענדיקע בראטונגען אין תל־אביב:

״אין מיין זכרון וועט אייביק פארבלייבן דער מעכטיקער און דערשיטערנדיקער איינדרוק פון דער סעסיע פון ציוניסטישן אקציאנס־קאמיטעט, וואס האט זיך פאר־זאמלט אין תל אביב עטלעכע טעג פאר פסח 1948. ירושלים איז דאן געווען אפגעריסן, און דאס קומען פון עטלעכע חברים פון ירושלים איז געווען א גרויס געשעעניש.

אונדזערע חברים פון ירושלים זיינען אויפגענומען געווארן

אין תל אביב, ווי זיי וואלטן געקומען פון עק־וועלט. גאנץ ארץ ישראל איז געווען א שלאכטפעלד. און ירושלים איז געווען אין צענטער פון דעם קאמף פון יידישן פאלק פאר זיין קיום״.

״אויף יענער סעסיע פון ציוניסטישן אקציאנס־קאמיטעט און ביי אזעלכע שווערע באדינגונגען איז אנגענומען געווארן דער באשלוס צו פראקלאמירן די יידישע מדינה. דער ערשטער טעקסט פון דער פראקלאמאציע איז אויס־געארבעט און פארמולירט געווארן אויף דער סעסיע (דער שפעטערדיקער נשיא פון ישראל, זלמן שזר, איז געווען דער הויפט־פארפאַסער פון דעם טעקסט). דאס איז געווען א דעקלאראציע פון אמונה, איינע פון די גורל'דיקע דעקלאראציעס, וועלכע מען געפינט אין דער געשיכטע פון יידישן פאלק. דאס איז געווען א שריט, וואס קען פארגליכן ווערן צו דעם כוח, וואס האט באוויגן דאס יידישע פאלק אריינצושפרינגען אין ים־סוף צו דערגרייכן זיין פרייהייט אין צוגעזאגטן לאנד. עס איז דאן נישט געווען קיין וועג אויף צוריק, ווי עס איז נישט געווען קיין וועג אויף צוריק אין תל אביב, ווען מיר האבן זיך פאר־זאמלט אויף דער סעסיע פון ציוניסטישן אקציאנס־קאמיטעט. און דאס האט אונדז געבראכט דעם גרויסן נצחון״.

ד״ר ישראל גאלדשטיין איז געווען דער פארזיצער פון דער פאליטישער קאמיסיע, וואס האט געבראכט די רעזאלוציע צו דעם פלענום פון אקציאנס־קאמיטעט, אויף דער שלוס־זיצונג שפעט ביינאכט.

פרייטיג דעם 14־טן מאי 1948, ה' אייר תש״ח, האט דוד

בן־גוריון ביי דער פייערלעכער פארזאמלונג אין מוזיי־זאל אין תל אביב פראקלאמירט די ווידעראויפשטייונג פון דער פרייער און סוווערענער יידישער מדינה. דער היסטארישער אקט איז איבער שבת דורכגעפירט געווארן א האַלבן טאג פריער, פאר דער פארענדיקונג פון ענגלישן מאנדאט־רעזשים אין דעם אָפיציעלן טערמין פון 12 ביינאכט, אין דער נאכט פון 14־טן אויפ׳ן 15־טן מאי. אין דעמזעלבן טאג, פרייטיק, האט ד״ר אבא הלל סילווער געמאכט די פייערלעכע דער־קלערונג וועגן דער גרינדונג פון דער יידישער מדינה ביי דער זיצונג פון דער ספעציעלער סעסיע פון דער אונא־אסעמבלי.

אלע פארמעסטונגען קעגן דער דורכפירונג פון דעם באשלוס פון די ״יונייטעד ניישאנס״ פון 29־טן נאוועמבער 1947 זיינען אפגעשטויסן געווארן דורך דער מוטיקער און אנטשלאסענער האלטונג פון דעם ישוב אין ארץ ישראל און דורך דעם פאראייניקטן פאליטישן קאמף פון דער ציוניסטישער באוועגונג און פון די גרויסע מאסן פון וועלט־יידנטום. און די ״נישט־רעגולערע״ אראבישע ארמייען זיינען דורכגעפאלן אין זייער מלחמה נישט צו דערלאזן די גרינדונג פון מדינת ישראל.

אבער אין דעמזעלבן טאג פון דער פראקלאמירונג פון דער באנייטער יידישער מדינה האבן פינף אראבישע מלוכות זיך אריינגעריסן מיט זייערע רעגולערע ארמייען אין ישראל, מיט דעם אָפן־דערקלערטן טייוולאנישן ציל אומצוברענגען אין פייער און אין בלוט די נאציאנאלע יידישע אומאפהענ־גיקייט אין ארץ ישראל, ליקווידירן די מדינה און ארײַנ־ווארפן די יידן אין ים אריין.

אהרן אלפערין

איינאיינעם מיט דעם ישוב אין ארץ ישראל, מיט די בירגער פון דער ניי־פראקלאמירטער יידישער מדינה, איז די ציוניסטישע וועלט־באוועגונג און דאס וועלט־יידנטום געררופן געווארן צו א נייע קריטישער און דעצידירנדיקער מאביליזאציע פאר דער פארטיידיקונגס־אקציע.

ד״ר ישראל גאלדשטיין האט אין דער העכסט־אנגעשט־רענגטער אקציע גלייך פארנומען איינע פון די פירנדיקסטע און פאראנטווארטלעכסטע פאזיציעס.

קאפיטל זעקס און צוואנציק

פינאנץ־מיניסטער פון דער יידישער אגענץ — און זיין רוף צום אמעריקאנער יידנטום

״אין דער פינאנץ־אפטיילונג פון דער יידישער אגענץ זיינען פאראייניקט די באדערפענעשן פאר ברענגען און איינארדענען נייע עולים אין מדינת ישראל, און די מעגלעכקייטן צו שאפן די נויטיקע מיטלען פאר דערפילן די דאזיקע וויכטיקע לעבנס־אויפגאבע. פון די רעזולטאטן פון דער דאזיקער אקציע איז איצט אפהענגיק דער גורל פון גרויסע יידישע מאסן אין אייראפע און אין צפון־אפריקע, און אין א געוויסער מאס — אויך די צוקונפט פון דער יידישער מדינה. די פינאנץ־אפטיילונג פון דער יידישער אגענץ איז געגליכן צו א באראמעטער, וואס זאגט עדות וועגן דער מאס פון דער גרייטקייט פון יידישן פאלק צו דערפילן זיינע פליכטן פאר ישראל.

״אין די הענט פון דער רעגירונג פון ישראל, ווי פון יעדער מדינה, זיינען פאראן די צוואנגס־מיטלען ארויפצולייגן שטייערן. אבער די יידישע אגענץ קען זיך שטיצן בלויז אויפן גוטן ווילן און אויף דער קאאפעראציע פון יידישן פאלק דורך פרייוויליקעביישטייערונגען. דאס יידישע פאלק באשטימט דעריבער פון זיין פרייען ווילן, וויפיל יידן עס זאלן קענען אריינקומען יעדן חודש אין מדינת ישראל,

און אין וואס פאר א צייט מען זאל קענען אויפנעמען אין לאנד נאך מער נייע עולים".

"און וויל יידן אין אמעריקע זיינען דער גרעסטער און רייכסטער יידישער ישוב אין דער וועלט, ליגט אויף זיי די גרעסטע פליכט צוזשטעלן די נויטיקע מיטלען פאר דער עליה און קליטה־ארבעט פון דער יידישער אגענץ. איך גלויב, אז די יידן אין אמעריקע וועלן דערפילן זייער פליכט פאר מדינת ישראל און פארן יידישן פאלק אויך אויפן עקאנאמישן געביט, נישט ווייניקער ווי זיי האבן דאס געטאן אויפן פאליטישן געביט, ווען די פראגע וועגן דער באנייונג פון דער יידישער מדינה איז געלעגן אויף דער וואג־שאל" —

די דאזיקע דערקלערונג האט ד"ר ישראל גאלדשטיין אפגעגעבן, ווען ער איז עטלעכע חדשים נאך דער גרינדונג פון דער יידישער מדינה איינגעלאדן געווארן איבערצונעמען דעם אמט פון ג ז ב ר (הויפט פון פינאנץ־דעפארטמענט) פון דער יידישער אגענץ אין ירושלים. אויף דער זיצונג פון ציוניסטישן אקציאנס־קאמיטעט, וואס איז דאן צונויפ־גערופן געווארן אין ירושלים צו באהאנדלען די ניי־געשאפענע לאגע נאך דער פראקלאמירונג פון דער מדינה און צו באשטימען די נייע אויפגאבן פון דער יידישער אגענץ, אין איינקלאנג מיט די פליכטן, וואס די סוווערענע רעגירונג פון לאנד האט אויף זיך איבערגענומען — האט דער דעמאלטיקער גזבר פון דער יידישער אגענץ, **אליעזר קאפלאן**, זיך צוריקגעצויגן פון דער אמט, ווערנדיק פינאנץ־מיניסטער פון מדינת ישראל. דער ציוניסטישער אקציאנס־קאמיטעט האט דאן איינשטימיק אויסגעוויילט ד"ר ישראל

גאלדשטיינ׳ען אלס גזבר פון דער עקזעקוטיווע פון דער ציוניסטישער וועלט־ארגאניזאציע און פון דער יידישער אגענץ, אויפן ארט פון אליעזר קאפלאנ׳ען.

ד״ר ישראל גאלדשטיין האט זיך באפרייט אויף א צייט פון זיין קהילה ״בני ישורון״ אין ניו יארק און איז צוזאמען מיט זיין פרוי אוועקגעפארן קיין ירושלים, צו דערפילן זיינע נייע פליכטן אלס גזבר פון דער יידישער אגענץ. דאס יאר 1949/1948, ווען ד״ר גאלדשטיין האט גענומען אויף זיך דעם דאזיקן שווערן און פאראנט־ווארטלעכן אמט, איז אויפן פינאנציעלן געביט געווען דאס קריטישסטע אין דער גאנצער ביזדעמאלטיקער געשיכטע פון דער ציוניסטישער וועלט־ארגאניזאציע און פון דער יידישער אגענץ. די עליה אין דער יידישער מדינה, וועלכע האט געעפנט פריי און ברייט די טויערן, האט דערגרייכט דעם העכסטן פונקט. אין לאנד זיינען אין דעם יאר אריינגעקומען איבער צוויי הונדערט צוואנציק טויזנט נייע עולים אין א צייט ווען דער עקזיסטירנדיקער יישוב האט געציילט בערך 700,000 יידן.

די באדינגונגען פאר איינארדענען די גרויסע מאסן פון נייע עולים זיינען געווען אומגעהויער שווערע. אלע מיטלען פון דער יידישר אגענץ זיינען געווען ווייט נישט קיין גענוגנדיקע. די קאמפיינען אין אמעריקע און אין אנדערע לענדער פון דער פרייער וועלט האבן נישט אריינגעבראכט די פולע מיטיקע געלטער. די רעגירונג פון ישראל האט געמאכט הערארישע אנשטרענגונגען צו געבן זיך אן עצה מיט דעם ריזיקן שטראָם פון די נייע עולים. דער גאנצער בודזשעט פון דער יידישער אגענץ, וואס האט געדארפט

דעקן נישט בלויז די הוצאות פאר ברענגען, אויפנעמען און איינארדענען די גרויסע מאסן נייע עולים, נאר אויך פאר די אנדערע אויפגאבן פון דערציונג, חלוציות, גרינדן נייע לאנדווירטשאפטלעכע ישובים — איז איבערגעגעבן געווארן צו דער פאראנטווארטלעכקייט פון דעם נייעם גזבר, ד״ר ישראל גאלדשטיין.

״דאס יאר, ווען איך בין געווען גזבר פון דער יידישער אגענץ, אין 1949/1948, איז געווען פאר מיר דאס שווערסטע, אבער אויך דאס אינטערעסאנטסטע, און אין אַ סך הינזיכטן דאס וויכטיקסטע און פרוכטבארסטע אין מיין ציוניסטישער טעטיקייט און אין מיין ארבעט פאר ארץ ישראל״ — האט ד״ר ישראל גאלדשטיין דערנאך דערקלערט.

אין צוויי צענדליק יאר ארום האט ער געדארפט אויס־בעסערן זיין דערקלערונג. דאס יאר 1967, פון דעם זעקס־טאגיקן קריג, ווען ער איז געווען פרעזידענט פון דער וועלט־ארגאניזאציע פון ״קרן היסוד״ איז געווען דאס שווערסטע און אויך פרוכטבארסטע אין זיין גאנצן ציוניס־טישן לעבן. אבער אין ערשטן יאר נאך דער באנייונג פון דער יידישער מדינה האט ער, אלס גזבר פון דער יידישער אגענץ, זיך געפונען אויף דער פאראנטווארטלעכסטער פאזיציע, וואס אן אמעריקאנער ציוניסטישער פירער האט דאן איבערגענומען. ער איז, אגב, געווען דער ערשטער אמעריקאנער ציוניסטישער פירער, וועלכער איז דאן אוועק־געפארן אין דער נאר־וואס פראקלאמירטער מדינת ישראל צו שטעלן זיך אין דינסט פון לאנד, פון דער יידישער אגענץ און פון יידישן פאלק, וואס האט געדארפט נעמען

אויף זיך די שותפות אין דעם אויפבוי פון מדינת ישראל און, אין יענעם יאר, בעיקר, אין דער איינאָרדענונג פון דעם ריזיקן שטראָם פון די נייע עולים.

איידער ד״ר ישראל גאָלדשטיין איז אוועקגעפאָרן קיין ירושלים איבערנעמען זיין אמט, איז ער אַרויסגעטראָטן, אין נאָוועמבער 1948, אויף דעם יערלעכן צוזאַמענפאָר פון פאַראייניקטן יידישן קאַמפּיין אין אַמעריקע, וואָס איז דאַן אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין שיקאַגאָ, און צו וועלכן עס זיינען זיך צונויפגעקומען יידישע עסקנים פון גאַנצן לאַנד.

ד״ר ישראל גאָלדשטיין האָט ביי דעם צוזאַמענפאָר אַרויס־געלאָזן אַ רוף צום אַמעריקאַנער יידנטום צו דערפילן זיין פליכט פאַר ״פדיון שבויים דורך שיבת ציון״. ער האָט אויפגעפאָדערט די אַמעריקאַנער יידן צו דערהויבן זיך אין דער פינאַנציעלער הילף פאַר דער באַנייטער מדינת ישראל צו דער הויכער מדרגה, צו וועלכער זיי האָבן דערגרייכט אין דעם פּאָליטישן קאַמף פאַר ווידעראויפריכטן די יידישע מדינה:

״די פּראָקלאַמירונג פון מדינת ישראל און דער באַשלוס פון די פאַראייניקטע פעלקער וואָלטן קיינמאָל נישט צו־שטאַנד־געקומען, ווען נישט די פּאָליטישע הילף וואָס איז אונדז געגעבן געוואָרן דורך די פאַראייניקטע שטאַטן און וואָס איז דערגרייכט געוואָרן נאָך דער מעכטיקער פּאָלי־טישער און אויפקלערערישער אַקציע, וואָס איז געפירט געוואָרן דורך דעם אַמעריקאַנער יידנטום אין משך פון די פאַרגאַנגענע פינף יאָר אונטער דער פירערשאַפט פון ד״ר סטיפן וויז און ד״ר אבא הלל סילווער, מיט דער גלענצענדיקער קאָאָפּעראַציע פון ד״ר עמנואל ניומאַן און

מיט דער הילף פון די אנדערע ציוניסטישע פירער אין אמעריקע".

"אבער לאמיר נישט פארגעסן — האט ד"ר ישראל גאלד־שטיין באטאנט — אז אונדזער ביישטייערונג איז געווען בלויז איינע פון א סך פארן דאזיקן גרויסן צוועק. די פארוואגלטע יידן אין די פליטים־לאגערן, וועלכע האבן אויפגעדעקט פאר דער וועלט די דראמע און די נויט פון דער יידישער היימלאזיקייט און זיינען בייגעקומען — מיט גבורה, פארשטענדעניש און אייגן־רעספעקט — אלע נסיונות, ווען עס זיינען זיי פארגעשלאגן געווארן פרא־שיידענע מקום־מקלט'ס אנשטאט מדינת ישראל — אויך זייער טייל איז געווען גרויס אין אונדזער נצחון.

"דעם גרעסטן און וויכטיקסטן טייל אין אונדזער נצחון האבן געהאט די מענער, פרויען און קינדער אין ארץ־ישראל. ז י י האבן אויסגעקעמפט פאר אונדז די יידישע מדינה מיט זייער לעבן און מיט זייער בלוט. ווען נישט זיי, וואלט דער באשלוס פון די "יונייטעד נייישאנס" געבליבן בלויז אויפן פאפיר. קיינמאל וועלן מיר נישט קענען אפצאלן דער יידישער מדינה דעם פולן חוב, וואס מיר זיינען איר שולדיק".

און ד"ר ישראל גאלדשטיין איז ארויסגעקומען מיט א נייער ווארענונג צום אמעריקאנער יידנטום:

"מיר וועלן האנדלען לייכטזיניק, אויב מיר וועלן פארמאכן אונדזערע אויגן און זיך פארקוקן פון די נייע געפארן, פאר וועלכע מיר שטייען. עס זיינען פאראן מיליטערישע סכנות, אויף וועלכע פרעמיער־מיניסטער דוד בן־גוריון האלט כסדר אין אנווייזן, דערקלערנדיק אז די לעצטע

שלאכט איז נאך נישט אויסגעקעמפט געווארן. און עס זיינען פאראַן פאליטישע געפארן, וועלכע מען טאר נישט גרינגשעצן. חלילה, אז מיר אמעריקאנער יידן, זאלן אפילו אויף איין מאמענט פארנאכלעסיקן אונדזערע פליכטן אויפן פאליטישן פראנט.

"און עס איז דא נאך א געפאר, וואס איז א שווערע און אַ דרינגנדיקע, און וועלכע מיר, אמעריקאנער יידן, האבן די פליכט און די פאראנטווארטלעכקייט צו פארהיטן. דאס איז די עקאנאמישע סכנה, פאר וועלכער די נייע יידישע מדינה שטייט. פאראן איין גרויסע עקאנאמישע לאסט, וואס מיר קענען אראפנעמען פון דער יונגער יידישער מדינה. דאס איז די לאסט פון דער פאראנטווארטלעכקייט פאר לייזן דאס פראבלעם פון דער נאציאנאלער יידישער היימלאזיקייט דורך עליה קיין ישראל און דורך גרינדן אין לאנד נייע ישובים. פאר דעם דאזיקן צוועק האט דאס יידישע פאלק געפאדערט, ווידעראויפצוריכטן די יידישע מדינה. און ענדלעך האבן מיר איצט די מעגלעכקייט צו ליקווידירן די לאגערן פון די פליטים אין דייטשלאנד, עסטרייך און אין איטאליע. מיר קענען דאס דורכפירן אין משך פון א יאר, און ברענגען קיין ישראל אין די קומנדיקע עטלעכע יאר הונדערטער טויזנטער יידן פון אייראפע און נאך הונדערטער טויזנטער יידן פון די אראבישע לענדער, ווו זיי זיינען איינגעשטעלט יעדן טאג מיט זייערע לעבנס.

"נישטאָ איצט קיין ענגלישער "ווייסבוך", און נישט פאראן קיין בריטישע ביוראקראטיע, וואס זאל נישט אריינלאזן די יידן אין לאנד. די שליסלען פון די טויערן פון לאנד געפינען זיך איצט אין די הענט פון יידן. און פאראן בלויז

איין שטערונג: די מניעה, וואס עס פעלן די נויטיקע פינאנציעלע מיטלען. און גאט־צו־דאנקען וואס אמעריקאנער יידן האבן די מיטלען אפצושאפן די דאזיקע אייציקע און לעצטע שטערונג, וואס שטייט צווישן די היימלאזע יידן און דער יידישער מדינה".

ד"ר ישראל גאלדשטיין האט — רעדענדיג צו די טוער פון פאראייניקטן יידישן קאמפיין אין גאנץ אמעריקע, וועלכע האבן זיך געהאט פארזאמלט אויסצוארבעטן דעם פלאן פון קאמפיין פארן ווייטערדיקן יאר — דערקלערט, אז מען דארף זיך רעכענען מיט דער מעגלעכקייט פון אן עלייה פון הונדערט פינף און צוואנציק טויזנט יידן אין 1949. די הוצאות פון ברענגען און איינארדענען די נייע עולים דער־גרייכן ביז צוויי טויזנט דאלאר פער קאפ. דאס באדייט, אז עס איז נויטיק צו שאפן די סומע פון צוויי הונדערט פופציק מיליאן דאלאר. פון דער דאזיקער סומע דארפן אמעריקאנער יידן צושטעלן לכל הפחות פינף און זיבעציק פראצענט.

אויפפאדערנדיק דאס אמעריקאנער יידנטום צו שאפן די דאזיקע געלטער, האט ד"ר ישראל גאלדשטיין אויסגעפירט:

"פאר מיין אפפאר קיין ארץ ישראל וואלט איך געוואלט זיין זיכער, אז די קאסע פון דער יידישער אגענץ וועט זיך נישט דארפן באקלאגן, אז אמעריקאנער יידן דערפילן נישט זייער פליכט. איך שטעל זיך פאר, אז אין ישראל דערוואַרט מען, אז נאכדעם ווי די פאזיציע פון דעם הויפט פון דער פינאנץ־אפטיילונג פון דער יידישער אגענץ איז צום ערשטן מאל איבערגעגעבן געווארן צו אן אמעריקאנער יידן, וועט ער קריגן די פולע הילף פון אמעריקאנער יידנטום".

אריבערגייענדיק צו דעם פערזענלעכן מאמענט אין שייכות מיט זיין נייער פאזיציע, האט ד"ר ישראל גאלדשטיין געזאגט צו די פארזאמלטע אמעריקאנער יידישע עסקנים:

"דאס אריבערגיין מיטאמאל פון מיין כסא הרבנות צו דעם אמט פון דעם אנפירער פון דער נויט־קאסע פון יידישן פאלק איז נישט קיין באזונדערס נאטירלעכער שפרונג. אבער איך פיל א געוויסע פארלייכטערונג, נאכדעם ווי איך האב אויפגעדעקט אן ענלעכן פרעצעדענט אין אונדזער געשיכטע:

"מיט פיר הונדערט יאר צוריק איז דון יצחק אברבנאל, דער גרויסער געלערנטער און פאַרשער פון דער משיח'ישער באוועגונג, באשטימט געווארן אלס פינאנץ־מיניסטער פון פארטוגאל. אויף דעם דאזיגן אמט האט ער זיך א סך באשעפטיקט מיט דער אקציע פון פדיון שבויים, מיט אויסלייזן יידן, וועלכע זיינען געפאנגען געווארן דורך פיראַטען. זיי זיינען געווען די היימלאזע יידן פון יענער תקופה. דאס פראבלעם פון פדיון שבויים אין אונדזער צייט איז אַ סך, אַ סך גרעסער. און די מעגלעכקייטן פאר אויסלייזן די היימלאזע יידן זיינען איצט א סך, א סך ברייטערע, ווייל עס איז אויפגעשטאנען צוריק די יידישע מדינה, אויף וועלכער דער פארשער פון דער משיח־אידייע, דון יצחק אברבנאל, האט ארויסגעקוקט אין זיינע טעג.

אין אונדזערע טעג איז דאס געשען. אין תורה און אין חכמה בין איך נישט ראוי צו דערמאנען דעם נאמען פון דון יצחק אברבנאל. אבער וואס עס איז שייך די פינאנצן, מעג איך זאגן, אז דער דעפיציט פון מיין פינאנץ־קאסע

שטייגט א סך אריבער אלע פארמעגנס, וואס ער האט געהאט אין זיין מלוכה־אוצר".

און ד"ר ישראל גאלדשטיין האט אין דער קריטישער שעה פארענדיקט זיין רוף צו די אמעריקאנער יידן מיט דער פאדערונג :

"פדיון שבויים דורך שיבת ציון איז אונדזער גרויסע געלעגנהייט אין די איצטיקע טעג. דאס איז דער חוב, וועלכן מיר ווערן אויפגעפאדערט צו דערפילן אין אונדזער דור".

מיט דעם דאזיקן הייליקן ציל, וואס ער האט זיך אליין געשטעלט, און וועלכן ער האט געמאנט פון אמעריקאנער יידן, און פון יידן אין דער גארער וועלט, צו דערפילן — איז ד"ר ישראל גאלדשטיין אוועקגעפארן קיין ירושלים צו שטעלן זיך אויף זיין נייער פאראנטווארטלעכער פאזיציע, צו וועלכער ער איז גערופן געווארן.

קאפיטל זיבן און צוואנציק

א יאר, אויף וועלכן מיר האבן געהאפט און ארויסגעקוקט

„א שווער יאר דערוואַרט אונדז אין אונדזער אַרבעט — אין דער אַרבעט פון דער יידישער אגענץ און פון דער פינאנץ־אפטיילונג, וואס איך בין געקומען קיין ירושלים איבערצונעמען.

„מעגלעך, אז דאס וועט זיין דאס שווערסטע יאר אין דער ביזאיצטיגער געשיכטע פון דער יידישער אגענץ, אבער אויך דאס וויכטיקסטע יאר.

„דאס איז א יאר, אויף וועלכן מיר האבן געהאפט און ארויסגעקוקט" —

האט ד"ר ישראל גאלדשטיין באטאנט אין זיין דערקלערונג, ווען ער האט אין דעצעמבער 1948 איבערגענומען די פירונג פון די פינאנצן פון דער יידישער אגענץ און פון דער ציוניסטישער וועלט־ארגאניזאציע, אין דער עקזעקוטיווע אונטער'ן פארזיץ פון בערל לאָקער. ער האט גלייך אויס־גערעכנט, וואס עס וועלן זיין די הויפט־אויפגאבן:

„דער ציוניסטישער אקציאנס־קאמיטעט האט ביי זיין לעצטער סעסיע ארויפגעלייגט אויף דער יידישער אגענץ, און אויף איר פינאנץ־אפטיילונג, א רייע פון וויכטיקע פליכטן, וואס מיר וועלן דארפן דורכפירן אין פולער

שותפות און הסכם מיט דער רעגירונג פון ישראל. דאס זיינען די אויפגאבן פון עליה און פון איינארדענען די נייע עולים; גרינדן נייע לאנדווירטשאפטלעכע ישובים און עקאנאמישע אונטערנעמונגען, ביי וועלכע די נייע עולים זאלן זיך קענען איינארדענען; זארגן פאר דער אנטוויקלונג פון ירושלים; אנפירן מיט דער ארבעט פאר דער יוגנט און פאר חלוציות; ארגאניזאציאנעלע און אינפארמאציע־טעטיקייטן; שטיין אין פארבינדונג מיט דער עפענטלעכער מיינונג אין לאנד און אין אויסלאנד.

״דאס אלץ זיינען ברייטע און וויכטיקע ארבעט־געביטן, וואס גייען אריין אין די טעטיקייטן פון דער יידישער אגענץ. די אלע אויפגאבן זיינען ענג פארבונדן מיט דער פינאנץ־אפטיילונג, ווייל זי פארנעמט זיך מיט די בודזשעטן און דארף צושטעלן די נויטיקע געלטער כדי צו דעקן די בודזשעטן״.

און וועגן זיינע אייגענע פליכטן האט ד״ר ישראל גאלדשטיין נאך צוגעגעבן:

״די אויפגאבע פון דעם פארזיצער פון דער פינאנץ־אפטיילונג פון דער יידישער אגענץ איז אויך צו באשעפטיקן זיך מיט די קאמפיינען, וואס ווערן אנגעפירט אין די יידישע ישובים איבער דער גארער וועלט כדי צו זאמלען געלטמיטלען פאר ישראל״.

ער האט באמערקט, אז צוליב דעם, וואס פינף און זיבעציק פראצענט פון דער הכנסה פון דער יידישער אגענץ קומט פון אמעריקאנער יידנטום, האט ער אפגעווארט מיט איבערנעמען זיין אמט אין ירושלים, ביז עס איז ארגאניזירט געווארן דער קאמפיין אין די פאראייניקטע

שטאטן פארן יאר 1949. ער האט מיטגעטיילט, אז פאר זיין אפפאר פון אמעריקע האט ער געמאכט די נויטיקע צוגרייטונג פאר קריגן א הלוואה, וואס וועט זיך שטיצן אויף דער הכנסה פון קאמפיין אין נייעם יאר. ער האט אויך איבערגעגעבן, אז אין צוגאב צו די קאמפיין־געלטער האט ער, פארן אוועקפארן פון אמעריקע, זיך באמיט צו מאביליזירן פריוואטע קאפיטאלן, באזונדערס פאר דעם אויפבוי פון דירות פאר די נייע עולים. ער האט דערקלערט, אז א קליינער אנהויב איז שוין געמאכט געווארן מיט דעם, וואס א ישראל־אמעריקאנער געזעלשאפט האט גענומען אויף זיך צוצושטעלן דריי מיליאן דאלאר פאר באטייליקן זיך אין בויען דירות פאר נייע עולים.

"איך האף, אז די דאזיקע באשיידענע התחלה וועט פירן צו ווייטערדיקע און פיל גרעסערע אראנזשירונגען מיט אנדערע פריוואטע גרופעס פאר דעם וויכטיקן צוועק צו פארזארגן מיט דירות די נייע עולים" — האט ד"ר ישראל גאלדשטיין דערקלערט.

אזוי איז דער נייער גזבר פון דער יידישער אגענץ צוגעטראטן צו זיין שווערער און פאראנטווארטלעכער ארבעט, נאך איידער ער איז געקומען קיין ירושלים איבערצונעמען זיין אמט. אויפן וועג קיין ישראל, האט ער נאך דורכגעפירט אין אייראפע עטלעכע וויכטיקע ענינים, אין שייכות מיט זיינע נייע פליכטן.

אפשטעלנדיק זיך אין אייראפע, האט ער זיך פאר־אינטערעסירט מיט די מעגלעכקייטן צו באקומען פרע־פאבריצירטע הייזער און בוי־מאטעריאלן אויף גינסטיקע

באדינגונגען. דאס פארזארגן מיט דירות די נייע עולים איז אין דעם מאמענט געווען די דרינגנדיקסטע פראגע.

ער איז געווען אין איטאליע און האט, צו זיין צופרידנקייט, פעסטגעשטעלט, אז די לאגערן פאר די יידישע פליטים זיינען שוין דארט ליקווידירט געווארן. די לעבן־געבליבענע יידן, וועלכע האבן דארט זיך געהאט אויפגעהאלטן, זיינען שוין אריבערגעפירט געווארן קיין ישראל. דאס האט אבער אויך געמיינט, אז עס זיינען נויטיק נייע מיטלען פאר איינארדענען זיי אין דער יידישער מדינה.

אין פאריז האט ד״ר גאלדשטיין זיך באטייליקט אין עפענען דעם ישראל־קאמפיין צווישן די יידן אין פראנקרייך. ער איז נישט געווען שטארק צופרידן פון די אראנזשירונגען פאר דעם קאמפיין, און ער האט דערקלערט:

״עס דארף נאך אריינגעלייגט ווערן א סך ארבעט, בכדי צו דערציען די יידן אין עטלעכע פון די מערב־אייראפעישע לענדער, אז זיי זאלן נעמען אויף זיך די פאראנטווארט־לעכקייט פאר ישראל לויטן ביישפיל פון די יידן אין די פאראייניקטע שטאטן, קאנאדע און דרום־אפריקע״.

ער האט זיך אויך אפגעשטעלט אין ענגלאנד, ווו ער האט פארהאנדלט מיט די יידישע פירער וועגן פארגרעסערן די זאמלונגען פאר ישראל אין 1949. דאסזעלבע האט ער געטאן אין רוים, ווו מען האט ערשט געדארפט ארגאניזירן דעם קאמפיין.

אויף די אלע באזוכן זיינע און אין די פארהאנדלונגען מיט די יידישע טוערס האט ד״ר גאלדשטיין אנגעוויזן אויף דעם פאקט, אז אין דעם איינעם יאר, זינט דעם היסטארישן

באשלוס פון די „יונייטעד ניישאנס״, דעם 29־טן נאוועמבער 1947, ביז דעם 29־טן נאוועמבער 1948 זיינען געקומען קיין ישראל הונדערט און איין טויזנט נייע עולים. דאס איז געווען דאס ערשטע יאר, ווען ישראל האט אויפגענומען מער פון הונדערט טויזנט נייע עולים. אכציג פראצענט פון זיי זיינען אנגעקומען אין די פינף און א האלבן חדשים זינט דער פראקלאמירונג פון דער מדינה, הגם דאס לאנד האט זיך נאך געפונען אין דער מלחמה, וואס די אראבישע שונאים האבן איר ארויפגעצוואונגען.

„דערמיט האט זיך פולשטענדיק בארעכטיקט די טעאריע פון ציוניזם, אז דאס פראבלעם פון יידישער היימלאזיקייט וועט קענען געלייזט ווערן נאר דורך ווידעראויפשטעלן די יידישע מדינה אין ארץ ישראל״ — האט ד״ר ישראל גאלדשטיין אויסגעפירט. ער האט דערקלערט, אז מען דארף זיך רעכענען מיט דער מעגלעכקייט, אז אין די ווייטערדיקע פינף יאר וועלן אריינקומען קיין ישראל נאך אנדערטהאלבן מיליאן יידן פון אייראפע און פון צפון־אפריקע, פאר וועלכע די עלייה קיין ישראל איז א לעבנס־פראגע.

דאס דאזיקע בילד האט ד״ר גאלדשטיין פארגעשטעלט פאר די פירער פון די יידישע ישובים איבער דער גארער וועלט; און אויך ווען ער איז געקומען קיין ירושלים, אויפ־פאדערנדיק צו מאכן די געהעריקע אנשטרענגונגען און שאפן די נויטיקע מיטלען פאר אויפנעמען אין ישראל אזא מאסן־עליה. אבער קודם־כל האט ער פאר זיך אליין געמאכט דעם דאזיקן חשבון וועגן דער אויפגאבע, וואס ער האט גענומען אויף זיך און וואס ער דארף דורכפירן.

שוין אין די ערשטע וואכן, זינט ער האט איבערגענומען זיין אמט אין ירושלים, האט ער זיך באטייליקט אין דער גרינדונג פון עטלעכע נייע לאנדווירטשאפטלעכע ישובים, וואס זיינען אויפגעשטעלט געווארן מיט די מיטלען פון דער יידישער אגענץ. עס איז געווען סימבאליש, וואס דער ערשטער פון די געגרינדעטע ישובים איז אנגערופן געווארן מיט דעם נאמען פּדויים, באצייכנדיק דעם רוף, וואס ד״ר גאלדשטיין האט ארויסגעגעבן צו די אמעריקאנער יידן — פארן אוועקפארן קיין ירושלים — אז דורך זאמלען די נויטיקע גרויסע געלטער פאר ישראל וועלן זיי דערמעגלעכן דעם פּדיון שבויים דורך שיבת ציון.

מיט א געפיל פון באזונדערער צופרידנקייט האט ד״ר ישראל גאלדשטיין באגריסט א גרופע חלוצים פון אמעריקע, וואס האט אין יאנואר 1949 זיך ארגאניזירט כדי צו גרינדן דעם קיבוץ ״הבונים״.

״איך בין באזונדערט שטאלץ אויף דעם דאזיקן געשעעניש, ווי דער איינציקער אמעריקאנער ציוניסט אין דער עקזעקוטיווע פון דער יידישער אגענץ אין ירושלים״ — האט ד״ר ישראל גאלדשטיין זיך אויסגעדריקט ביי דער גרינדונגס־צערעמאניע פון דעם קיבוץ — ״איר וועט זיין די לעבעדיקע בריק צווישן די יידן אין אמעריקע און ישראל. לאמיר האפן, אז פון אייער קליינער גרופע וועט זיך אנטוויקלען א גרויסע חלוצ׳ישע באוועגונג אין די פאר־אייניקטע שטאטן״.

ביי דער געלעגנהייט האט ער מיטגעטיילט, אז די יידישע אגענץ פלאנט אויפצושטעלן אין משך פון דעם יאר לכל הפחות הונדערט דרייסיק נייע לאנדווירטשאפטלעכע

ישובים, וו עס וועט איינגעאָרדנט ווערן אַ גרויסער טייל פון די נייע עולים.

אין יאַנואַר 1949 האָבן ד״ר גאָלדשטיין און זיין פרוי זיך באַטייליקט אין דער גרינדונג פון קיבוץ גשר הזיו אין מערב־גליל.

אין מערץ 1949 האָט ד״ר גאָלדשטיין באַגריסט אַ גרופּע חברים פון דעם גרענעץ־קיבוץ ניצנים, וועלכע זיינען געהאַט אַריינגעפאַלן אין עגיפּטישער געפאַנגענשאַפט און זיינען צוריקגעקומען.

״איך האָף, און איך בין זיכער, אַז יידן איבער דער גאָרער וועלט, און באַזונדערס די יידן אין אַמעריקע, וועלן קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעם חוב, וואָס זיי זיינען שולדיק אייך און צענדליקער טויזנטער אַזוי ווי איר אין ישראל״ — האָט ער געזאָגט צו די באַפרייטע חברים פון דעם קיבוץ. ״דער אופן, אויף וועלכן די פאַרטיידיקער פון ישראל האָבן געקעמפט און באַשיצט די מדינה מיט זייער העלדישקייט, האָט דערהויבן דעם פּרעסטיזש און דעם כבוד פון די יידן אין דער גאַנצער וועלט. אַמעריקאַנער יידן גיבן־אויס גרויסע געלטער פאַר אַפּלייקענען די אַנטיסעמיטישע בלבולים און די העצע קעגן יידן אין די גלות־לענדער. וואָס עס ווערט געטאָן דאָ, אין מדינת ישראל, דורך יידן, איז טויזנט מאָל וויכטיקער פון אַלע ״ליגעס קעגן אַנטיסעמיטיזם״. און דאָס מינדעסטע, וואָס מיר זיינען אייך שולדיק, איז צו שאַפן די מיטלען פאַר פאַרריכטן די מלחמה־שאָדנס אין ישראל; פאַר אויפשטעלן צוריק די ישובים, וועלכע האָבן שווער געליטן פון קריג, און פאַר גרינדן אַ סך נייע ישובים״.

די אויפבוי־אַרבעט איז געוואָרן די הויפּט־אויפגאַבע, צו

וועלכער ד״ר ישראל גאלדשטיין איז צוגעטראטן אויף זיין אמט אין ירושלים. און דאס אויפשטעלן וווין־הייזער פאר די נייע־געקומענע עולים איז געווען די ערשטע נויט־ווענדיקייט. עס איז דאן ארגאניזירט געווארן א נאציאנאלע געזעלשאפט צו בויען דירות פאר די נייע עולים. ד״ר גאלדשטיין האט איבערגענומען די פאראנטווארטלעכקייט פאר דער ארבעט פון דער געזעלשאפט, אלס איר ערשטער פרעזידענט. ער האט זיך פארפליכטעט, אלס הויפט פון דער פינאנץ־אפטיילונג פון דער יידישער אגענץ, צוצושטעלן א העלפט פון דעם גרינדונגס־קאפיטאל פון פינף מיליאן פונט פון ״עמידר״, ווי די נייע געזעלשאפט איז אנגערופען געווארן (דוד רמז, פירער פון ישראל׳דיקער ארבייטער־שאפט; ישראל׳ס ערשטער קאמוניקאציע־מיניסטער, איז געווען דער אויטאר פון נאמען ״עמידר״). די צווייטע העלפט פון דער סומע האט ער זיך אונטערגענומען צו שאפן פון אנדערע קוועלן, אויך דורך ארויסלאזן ווערט־פאפירן, אקציעס, וואס וועלן פארקויפט ווערן אין ארץ ישראל און צווישן יידן אין אנדערע לענדער.

אין מערץ 1949 האט ד״ר ישראל גאלדשטיין ארויסגעגעבן א מיטטיילונג אין ירושלים, אז די נייע געזעלשאפט האט גענומען אויף זיך אַ סך אַ גרעסערע פליכט: אויפצובויען ביז סוף 1950 פערציק טויזנט דירות פאר די נייע עולים. ער האט דערקלערט, אז דער גרעסטער טייל פון דער סומע פון פינף און דרייסיק מיליאן ישראל־פונט, וואס איז נויטיק פאר אויפשטעלן אזא גרויסע צאל נייע וווינונגען, וועט געשאפן ווערן דורך יידן אין חוץ לארץ.

אין דעם ערשטן טייל פון דעם פלאן איז געווען פאר־

אויסגעזען אויפצובויען אין פארלויף פון יאר 1949 די צאל פון צוואנציק טויזנט וווינונגען פאר זעכציק טויזנט נפשות צווישן די נייע עולים. דאס איז די גרעסטע אונטערנעמונג פון בויען וווין־הייזער, וואס איז דורכגעפירט געווארן אין וועלכן־עס־איז נייעם לאנד אין אזא קורצער צייט — האט ד״ר גאלדשטיין ריכטיק באמערקט. ער האט צוגעגעבן, אז די דאזיקע אונטערנעמונג וועט אין פארלויף פון דעם יאר אויך שאפן דריי מיליאן ארבעט־טעג פאר די איינ־וווינער פון לאנד, צווישן זיי אויך פאר די נייע עולים.

גלייכצייטיק האט ד״ר גאלדשטיין זיך באזונדערס אפגעגעבן מיט דער ווידעראויפריכטונג פון ירושלים, ווי די הויפט־שטאט פון דער יידישער מדינה. אויף זיין פאזיציע אין דער יידישער אגענץ איז ער געווען דער איניציאטאר פון א פלאן וועגן א ברייט־פארצווייגטער ווירטשאפטלעכער אנטוויקלונג פון ירושלים, מיטן אויפבוי פון נייע גרויסע געזעלשאפטלעכע בנינים.

״זינט איך בין געקומען קיין ירושלים מיט עטלעכע חדשים צוריק״ — האט ער וועגן דעם דערקלערט — ״גיב איך זיך אפ מיט דעם פראבלעם פון אויפבוי פון דער הויפטשטאט, סיי אלס א מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע פון דער יידישער אגענץ און סיי אלס א ייד, וועלכער פילט אליין א טיפע צוגעבונדנקייט צו ירושלים״.

אין זיין פלאן האט ער פארגעשלאגן, אז דער ווידעראויפבוי פון ירושלים זאל איבערגעגעבן ווערן צו איין ענערגישן טוער, וועלכער זאל צענטראליזירן די גאנצע ארבעט, אלס באפולמעכטיקטער פון דער רעגירונג און פון דער יידישער אגענץ. ער האט פארלאנגט, אז אַ סך אפטיילונגען און

ביוארעו פון דער רעגירונג און פון דער יידישער אגענץ, וועלכע האבן דעמאלט זיך נאך געפונען אין תל־אביב, זאלן גלייך אריבערגעטראגן ווערן קיין ירושלים, און אז א גרויסער טייל פון די נייע דירות זאל געבויט ווערן אין דער הויפטשטאט. ווייטער האט ער פארגעשלאגן, אויפ־צובויען א נייעם האנדלס־צענטער אין ירושלים און אנט־וויקלען אינדוסטריעס. א טייל פון דעם פלאן איז געווען, אז ירושלים זאל ווערן דער צענטער פון דרוקערייען אין דער מדינה פאר ארויסגעבן רעליגיעזע ספרים און מאדערנע ליטערארישע ווערק. ער האט אויך פראיעקטירט אונטערצונעמען די נויטיקע אנטוויקלונגס־ארבעטן, אז ירושלים זאל ווערן א גרויסער צענטער פון טוריזם. אין דעם פלאן איז געווען פאראויסגעזען, אז אין פארלויף פון פינף יאר זאל די יידישע באפעלקערונג פון ירושלים פארטאפלט ווערן און דערגרייכן ארום יאר 1955 ביז צוויי הונדערט טויזנט נפשות.

נישט אלע זיינע איניציאטיוועס וועגן דעם אויפבוי און אנטוויקלונג פון ירושלים האט ד״ר ישראל גאלדשטיין געקענט פארווירקליכן במשך פון דער צייט, וואס ער האט פארנומען די פאזיציע פון הויפט פון פינאנץ־דעפארטמענט פון דער יידישער אגענץ און האט דעמאָלט געוווינט אין דער הויפטשטאט. אבער זיין גרויסער זכות איז געווען, וואס ער איז געווען איינער פון די ר א ש ו נ י ם אנצופירן מיט דער ווידעראויפריכטונג פון ירושלים, ווי די באנייטע הויפטשטאט פון דער צוריק אויפגעשטאנענער מדינת ישראל, נאך צוויי טויזנט יאר.

קאפיטל אכט און צוואנציק

זוכנדיק מיטלען צו העלפן די נייע עולים

״דער שטראם פון די נייע עולים דערגרייכט איצט ביז פינף און צוואנציק טויזנט א חודש. אין די פארגאנגענע דריי חדשים זיינען אריינגעקומען אין לאנד הונדערט און צוויי טויזנט נייע עולים, אין ציפערן זיינען מער נישטא קיין לאגערן און ״אומלעגאלע״. ביז סעפטעמבער וועלן געשלאסן ווערן די לאגערן פון די היימלאזע אין דייטשלאנד. עטלעכע לענדער פון מזרח־אייראפע ווערן איצט אויסגעליידיקט פון די יידן, וועלכע זיינען דארט נאך געהאט פארבליבען. פיל טויזנטער יידן פון די איסלאמישע לענדער לויפן קיין ישראל. אין אייראפע און אין די אראבישע לענדער פון מיטעלן מזרח זיינען נאך פארבליבן א מיליאן יידן, וועלכע שטרעבן עולה צו זיין קיין ישראל, און מען דארף זיי געבן די מעגלעכקייט צו קומען קיין ישראל אין די נאענטסטע דריי—פינף יאר״. —

דאס דאזיקע בילד האט ד״ר ישראל גאלדשטיין פאר־געשטעלט פארן ענגלישן יידנטום אין א דערקלערונג, וואס ער האט אפגעגעבן אין לאנדאן, אין פעברואר 1949. ער איז געקומען קיין ענגלאנד צו עפענען דעם קאמפיין פאר ישראל. ער האט אויסגערעכנט די דרינגנדיקע באדער־פענישן פון דער באנייטער יידישער מדינה — וועלכע איז נאך דאן קיין איין יאר נישט אלט געווען — פאר אויפ־

נעמען און איינאָרדענען דעם ריזיקן שטראָם פון די נייע עולים. אלס הויפט פונעם פינאַנץ־דעפּאַרטמענט פון דער יידישער אגענץ האט ער גענומען אויף זיך די אויפגאבע צו שאפן די נויטיקע מיטלען. ער האט אפעלירט צום ענגלישן יידנטום, נאכדעם ווי ער האט געהאט אויפגעפאדערט די יידן אין אמעריקע צו דערפילן זייער פליכט. אין ווייטערדיקן טייל פון זיין דערקלערונג אין לאנדאן, האט ד״ר גאלדשטיין אויסגעפירט:

״צוויי הונדערט פופציק טויזנט עולים האלטן ביים קומען אין ישראל אין משך פון יאר 1949. זיי וועלן קומען צו דעם ישוב, וואס ציילט זיבן הונדערט פופציק טויזנט נפשות. דאס איז אַן עליה, וואס איז אין גרויס גלייך צו דעם, ווי עס וואלטן אין ענגלאנד אריינגעקומען פופצן מיליאן נייע אימיגראנטן אין פארלויף פון איין יאר. זעלבסטפארשטענדלעך, אז די יידישע מדינה אליין קען נישט אויסטראגן אזא לאסט.

״ניינציק פראצענט פון די נייע עולים קומען אָן שום מיטלען. אין 1949 אליין וועלן זיין נויטיק הונדערט פינף און צוואנציק מיליאן פונט פאר איינאָרדענען די נייע עולים. דאס יידישע פאלק אליין וועט נישט קענען לייזן דאס דאזיקע פראבלעם. עס וועט זיין נויטיק אינטערנאציאנאלע הילף אין דער פארם פון הלוואות און שטיצע. אבער יידן אין דער גארער וועלט דארפן צושטעלן דעם גאר גרעסטן טייל פון די נויטיקע געלטער״.

ד״ר ישראל גאלדשטיין האט מיט זיינע גרויסע דערפארונגען אין געלטזאמלונגען פאר ארץ ישראל געהאלטן כסדר אין זוכן נייע קוועלן. אויף דער זיצונג פון ציוניסטישן אקציאנס־קאמיטעט, אין מאי 1949, איז ער ארויסגעקומען מיט א

אידייע, וועלכע האט זיך ארויסגעוויזן צו זיין א גרויסע ברכה פאר ישראל:

„עס איז קלאר — האט ער אויסגעפירט — אז אין צוגאב צו די קאמפיינען פאר די ישראל־פאנדן דארף מען אין חוץ לארץ מאביליזירן פריוואטע אינוועסטירונגס־קאפיטאלן. איך האב א אידייע, וואס עס געהערט נישט צו דער קאמפעטענץ פון ציוניסטישן אקציאנס־קאמיטעט צו באשליסן וועגן דעם. די רעגירונג פון ישראל וואלט דאס געדארפט טאן. איך גלויב, אז ווען די רעגירונג וואלט באשלאסן ארויסצולאזן אקציעס פון א הלוואה אויף א באדייטנדיקער סומע, אשטייגער הונדערט פופציק מיליאן דאלאר, וואלטן די יידן אין אמעריקע געווען גרייט און שטאָלץ צו קויפן אזעלכע ווערט־פאפירן, אזוי ווי די אמעריקאנער אירלענדער זיינען געווען גרייט און שטאָלץ צו קויפן די ערשטע סעריע הלוואה־אקציעס, וואס די פרייע רעגירונג פון אירלאנד האט ארויסגעלאזן".

א יאר שפעטער האט די רעגירונג פון ישראל זיך אנטשלאסן צו מאכן דעם דאזיקן שריט, וועלכן ד"ר ישראל גאלדשטיין האט פארגעשלאגן מיט אַ יאר פריער. ביי א קאנפערענץ מיט די פירער פון אמעריקאנער יידנטום, וועלכע זיינען ספעציעל פאר דעם צוועק איינגעלאדן געווארן קיין ירושלים, האט דער פרעמיער־מיניסטער דוד בן־גוריון מיטגעטיילט וועגן באשלוס פון ארויסלאזן הלוואה־אקציעס (באנדס) אין אמעריקע. אין מאי 1951 איז מיט דער באטייליקונג פון פרעמיער־מיניסטער דוד בן־גוריון געעפנט געווארן אין די פאראייניקטע שטאטן דער ערשטער קאמפיין פאר פארקויפן די אקציעס פון דער ישראל־הלוואה. דער אפרוף איז באלד אין אנהויב געווען א באגייסטערטער,

און די רעזולטאטען פון די טעטיקייטן פאר די הלוואה־אקציעס — די ישראל־באנדס — אין וועלכע ד״ר ישראל גאלדשטיין האט שפעטער גענומען אַ פירנדיקן אנטייל, זיינען ביזן היינטיקן טאג זייער גרויסע און אנטשיידנדיקע פאר דער עקאנאמישער אַנטוויקלונג פון מדינת ישראל.

סוף מאי 1949 איז ד״ר ישראל גאלדשטיין ארויסגעפארן אויף א נייעם באזוך אין די פאראייניקטע שטאטן צו העלפן די דורכפירונג פון דעם קאמפיין פון פאראייניקטן יידישן קאמפיין פאר ישראל. גלייכצייטיק האט ער גענומען אויף זיך די מיסיע צו מאכן דעם אנהויב פאר דורכפירן זיין פארשלאג, וואס איז באשטעטיקט געווארן אויף דער דערמאנטער סעסיע פון ציוניסטישן אקציאנס־קאמיטעט, צו פאראינטערעסירן אמעריקאנער יידן מיט בויען וווין־הייזער אין ישראל. די נויטווענדיקייט אויפצושטעלן דירות פאר די עולים איז געווען א דרינגנדיקע, און ד״ר גאלדשטיין האט געזוכט פארשיידענע וועגן פאר געפינען די לייזונג פונעם ערנסטן פראבלעם.

די נאציאנאלע געזעלשאפט פאר בויען דירות פאר נייע עולים — ״עמידר״ — וואס ער האט געהאלפן גרינדן, און פון וועלכער ער איז געווען דער ערשטער פרעזידענט, האט אין אפריל 1949 שוין אנגעהויבן איר ארבעט אין א גרעסערן פארנעם, אונטער דער לייטונג פון ענערגישן גענעראט: דירעקטאר מאיר הארטמאן. אין משך פון עטלעכע וואכן זיינען געלייגט געווארן די פונדאמענטן פאר נייע וווין־געגענטן אין חולון, אין עמק זבולון, אין נחלת יצחק, און אין א רייע אנדערע ערטער איבערן לאנד. די נייע עולים האבן זיך דאן געפונען אין ״מעברות״,

אונטער זייער שווערע באדינגונגען. דאס אויפשטעלן נארמאלע וווינונגען פאר זיי איז, בכן, געווען די וויכטיקסטע און דרינגנדיקסטע אויפגאבע.

״די דאזיקע פייערונג עפנט א ניי קאפיטל אין דער איינארדענונג פון די נייע עולים און אין פארזארגן זיי מיט נארמאלע דירות״ — האט ד״ר גאלדשטיין דערקלערט ביים לייגן דעם פונדאמענט פון א נייער וווין־געגנט אין חולון, מיט וואס די געזעלשאפט ״עמידר״ האט אנגעהויבן איר ארבעט. ״אויב מיר אלע וועלן נעמען אויף זיך די פליכט צו פירן דעם קאמף קעגן דעם מאנגל אין וווינונגען אין דעמזעלבן גייסט, וואס האט אונדז געהאָלפן צו באזיגן די שונאים פון דרויסן; אויב די יידן אין אמעריקע און אין אנדערע לענדער וועלן אונדז שטיצן אין אונדזערע אנשטרענגונגען, אזוי ווי זיי האבן אונדז געהאָלפן אין דעם קאמף פאר דער מדינה, וועלן מיר אויך זיגן אויפן פראנט פון באזייטיקן דעם דירות־מאנגעל פאר נייע עולים״.

ד״ר ישראל גאלדשטיין האט אויך געזאָרגט וועגן בעסערע סיסטעמען פאר דעם הייזער־בוי, בכדי צואיילן דאס פארזארגן מיט דירות די נייע עולים. ער האט דערפאר געזוכט די הילף פון ספעציאליסטן און בוי־אונטערנעמער אין אמעריקע.

בעת׳ן צוריקפאר פון אמעריקע קיין ישראל האט ד״ר גאלדשטיין געמאכט א נייעם באזוך אין די לאגערן פון די היימלאזע יידן אין דייטשלאנד. ער איז געקומען צו זיי מיט דער פארזיכערונג, אז עס וועלן אונטערגענומען ווערן אלע שריט צו ליקווידירן ווי אמגיכסטן די לאגערן און צו אריבערפירן די יידן, וועלכע האבן זיך דארט געפונען, קיין ישראל.

״איך פאדער צוצואיילן דאס אפשאפן די פליטים־לאגערן״ — האט ער דערקלערט אויף א פארזאמלונג פון דעם צענטראל־קאמיטעט פון די היימלאזע יידן אין מינכן, אין יולי 1949 — ״אונדזער ציל מוז זיין: אויסליידיקן אלע לאגערן נישט שפעטער, ווי ביז ראש השנה. עס וועלן בלייבן נאר די, וועלכע מען מוז דערווייל איבערלאזן צוליב זייער שווערן געזונט־צושטאנד. איך האף, אז אויך זיי וועט ישראל קאנען העלפן אין דער גיכסטער צייט, נאכדעם ווי עס וועט וועגן דעם קומען צו א פארשטענדיגונג מיט דער אינטערנאציאנאלער הילפס־ארגאניזאציע פאר היימ־לאזע נאך דער מלחמה״.

דאס פראבלעם איז באשטאנען אין באקומען אינטער־נאציאנאלע הילף פאר די שווער־קראנקע היימלאזע יידן, די קרבנות פון נאציזם.

ד״ר ישראל גאלדשטיין האט ביי דער פארזאמלונג אין מינכן אויך מיטגעטיילט וועגן די שריט וועלכע זיינען שוין דעמאלט אונטערגענומען געווארן דורך דער יידישער אגענץ, אז די רעגירונג פון נאך־מלחמה׳דיקן דייטשלאנד זאל צאלן אנטשעדיקונגען פאר די יידישע קרבנות פון היטלעריזם.

דערמאנענדיק, אז ער האט אין 1945 געהאט דעם זכות צו זיין דער ערשטער פארשטייער פון אמעריקאנער יידנטום, וועלכער איז געקומען באזוכן די לעבן־געבליבענע יידן אין די דייטשע לאגערן, האט ד״ר גאלדשטיין געזאגט צו די פארטרעטער פון די צוועלף טויזנט היימלאזע יידן, וועלכע האבן זיך דעמאלט — אין 1949 — נאך געפונען אין דייטשלאנד:

״צו אייך, מיטגלידער פון צענטראל־קאמיטעט פון די לעבן־

געבליבענע יידן אין דייטשלאנד, ברענג איך די אויסדרוקן פון אנערקענונג אין נאמען פון דער יידישער אגענץ און פון די יידן אין אמעריקע. איר האט אויסגעטראגן אויף זיך א שווערע לאסט אין דער קריטישער צייט, וואס איר האט דורכגעמאכט. איר האט געפירט מיט כבוד און מיט מסירות נפש די, וועלכע איר רעפרעזענטירט. איר האט אויפגעהאלטן אין זייערע הערצער דעם פלאַם פון דער ציוניסטישער האפענונג. דאס איז געווען א ביטער קאפיטל, וואס ענדיקט זיך אין ליכט פון אט דער האפענונג׳.

״זייט זיכער, אז אייערע ברידער און שוועסטער אין ישראל לעכצן אייך צו זען צווישן זיי. אונדזערע ברידער אין ישראל וואַרפן־אפ מיט אנטשלאסנקייט יעדן געדאנק וועגן וועלכער־עס־איז פארקלענערונג פון דער עליה.

״דאס יידישע פאלק וועט תמיד געדענקען מיט שטאלץ און מיט אנערקענונג די גרויסע ראלע, וואס עס האבן דערפילט די יידן אין די לאגערן מיט זייער האלטן זיך עקשנות׳דיג ביים פראקלאמירטן פרינציפ, אז פאר היימלאזע יידן איז נישטא קיין אנדער לאנד, ווי די באנייטע יידישע מדינה אין ארץ ישראל״ — האט ד״ר גאלדשטיין אויסגעפירט אין זיין דערקלערונג אויף דער פארזאמלונג פון צענטראל־קאמיטעט פון די לעבן־געבליבענע יידן אין דייטשלאנד.

פארן צוריקקערן קיין ירושלים האט ד״ר גאלדשטיין אויך באזוכט דעם טראנזיט־לאגער אין מארסעי, פראנקרייך, וואס איז געגרינדעט געווארן דורך דער יידישער אגענץ און ווו עס האבן זיך אויפגעהאלטן עולים פון אייראפע און פון צפון־אפריקע, ביז עס איז אראנזשירט געווארן זייער ווייטערדיקע נסיעה קיין ישראל. ד״ר גאלדשטיין האט

געזארגט פאר איינפירן די נויטיקע אויסבעסערונגען אין דעם טראנזיט־צענטער און פאר צוויילן די טראנספארטן פון די עולים קיין ישראל.

ביים צוריקקומען קיין ישראל האבן געוואַרט אויף ד״ר ישראל גאלדשטיינ׳ען נייע שווערע אויפגאבן אויף זיין פאראנטווארטלעכער פאזיציע אין דער יידישער אגענץ אין ירושלים.

קאפיטל ניין און צוואנציק

ביי דער איינארדענונג פון דער שארית הפליטה אין ישראל

״אין מיין גאנצן געזעלשאפטלעכן לעבן בין איך געווען פון די, וועלכע גלויבן שטארק אין מ ע ש י ם, נישט בלויז צוליב דעם ווערט אליין פון אויפטוען, נאר אויך צוליב זייער מאראלישער, גייסטיקער און אידעאלאגישער באדייטונג. מיין איבערצייגונג איז, אז די טאַט קומט נישט בלויז ארויס פון דער אמונה, נאר אז זי באשאפט אויך אמונה. מעשים באפרייען פון צוויפלען, שטארקן די מיינונג און זיינען מבטל דעם סקעפטיציזם״ —

אט די דאזיגע דערקלערונג, וואס וואלט טאקע געקאנט אנגענומען ווערן אלס ד״ר ישראל גאלדשטיינ׳ס ״אני מאמין״ אין זיין לעבנס־לאנגער ארבעט פארן ציוניזם, פאר ארץ ישראל און בכלל פאר יידישע ענינים, — האט ער אפגעגעבן, ווען ער איז אין יולי 1949 צוריקגעקומען קיין ירושלים פון זיין רייזע קיין אמעריקע און אייראפע מיטן צוועק צו שאפן מיטלען פאר דער איינארדענונג פון דעם גרויסן שטראם נייע עולים און פאר צואיילן, אז די נאך־פארבליבענע יידן פון דער שארית הפליטה אין די דייטשע לאגערן זאלן געבראכט ווערן קיין ישראל.

ד״ר גאלדשטיין האט געמאכט די דאזיקע דערקלערונג אויף דער פארזאמלונג פון דעם קאמיטעט פון פאַנד פאר

קאנסטרוקטיווע ארבעטן, וואס איז געשאפן געווארן דורך דער וועלט־קאנפערעראציע פון די אלגעמיינע ציוניסטען. זייענדיק פרעזידענט פון דער וועלט־קאנפעדעראציע, איז ער אויך געווען אַ איניציאטאר פונעם פאנד, וואס האט צו־געשטעלט מיטלען פאר אויפבויען א צאל לאנדווירט־שאפטלעכע ישובים און גרינדן א רייע סאציאלע און קולטור־אינסטיטוציעס אין מדינת ישראל. פאר דעם פאנד האבן געגעבן ספעציעלעביישטייערונגען די ארגאניזאציעס פון די אלגעמיינע ציוניסטן אין פארשיידענע לענדער — אין די פאראייניקטע שטאטן, ענגלאנד, קאנאדע, מעקסיקע, דרום־אפריקע, בעלגיע, שווייץ און אנדערע.

עטלעכע טעג פריער, פאר דער פארזאמלונג פון דעם קאנסטרוקטיוון פאנד פון די אלגעמיינע ציוניסטן, האט ד״ר ישראל גאלדשטיין אפגעגעבן אין ירושלים א באריכט וועגן זיין רייזע קיין אמעריקע און אייראפע. ער האט מיטגעטיילט וועגן דעם גאנג פון קאמפיין אין די פאר־אייניקטע שטאטן און האט דערקלערט:

״די יידן אין אמעריקע זענען־איין דעם פאקט, אז מדינת ישראל נויטיקט זיך אין אינוועסטירונגס־קאפיטאלן, אין צוגאב צו די ביישטייערונגען אין דאלארן. לויט מיין מיינונג זיינען פאראן אין די פאראייניקטע שטאטן גוטע אויסזיכטן פאר פארשפרייטן די אקציעס פון ״עמידר״, וואס וועלן זיין גרייט צום פארקויף אין סעפטעמבער, סיידן די רעגירונג פון ישראל וועט באשליסן ארויסצולאזן א פאלקס־הלוואה אויף א באדייטנדיקער סומע און וועט פארשפרייטן די אקציעס.

״אין אייראפע און אין די פאראייניקטע שטאטן — האט ד״ר גאלדשטיין באטאנט — האב איך געזען, ווי אונדזערע

ברידער זיינען שטאלץ מיט די דערגרייכונגען פון מדינת ישראל אין ערשטן יאר פון איר באנייטן קיום. איך האב ביי זיי געפונען א פולע פארשטענדעניש פאר די פראבלעמען און זארגן פון דער יידישער אגענץ, וועלכע האט גענומען אויף זיך די לאסט צו העלפן איינארדענען די 249,000 נייע עולים, וועלכע זיינען אריינגעקומען אין לאנד זינט דער גרינדונג פון דער מדינה ביז'ן 30־טען יוני פון איצטיקן יאר".

ד"ר ישראל גאלדשטיין האט אויך אפגעגעבן אן אויס־פירלעכן באריכט וועגן דעם מצב אין די פליטים־לאגערן אין דייטשלאנד און וועגן זיינע שריט פאר ברענגען די היימלאזע יידן, וועלכע זיינען דארט נאך פארבליבן, קיין ישראל:

"בעת איך בין געווען אין אייראפע, האב איך אויך באזוכט דעם אמעריקאנער אקופאציע־ראיאן אין דייטשלאנד. פון דער געגנט האבן עולה געווען קיין ישראל מער פון הונדערט טויזנט היימלאזע יידן. דאס באטרעפט אכציק פראצענט פון אלע יידישע פליטים, וועלכע האבן אויסגעוואנדערט פון אמעריקאנער אקופאציע־ראיאן. אפילו איצט, בעת די לעבן־געבליבענע יידן אין די לאגערן ווייסן גוט וועגן די שווערע באדינגונגען פון איינארדענען זיך אין ישראל און בעת די אימיגראציע קיין אמעריקע איז א סך פארלייכ־טערט געווארן, וויל די גרויסע מערהייט פון זיי עולה זיין קיין ישראל. פון די צוועלף טויזנט היימלאזע יידן, וועלכע געפינען זיך נאך אין די לאגערן, וועלן זיבן טויזנט געבראכט ווערן קיין ישראל אין די נאענטסטע צוויי חדשים. ס'איז שטארק געווונטשן צו ליקווידירן די לאגערן ווי אמגיכסטן. עס זיינען נאך פאראן פופצן הונדערט שווער־קראנקע, און

צוזאמען מיט זיי אן ערך דריי טויזנט פליטים, מיטגלידער פון זייערע משפחות. אויך זיי ווילן שטארק עולה זיין קיין ישראל. אויב די אינטערנאציאנאלע הילפס־ארגאניזאציע פאר היימלאזע וועט זיך באטייליקן אין די קאָסטן פון אויסהאלטן אט די היימלאזע יידן אין ישראל — וואס איז די פליכט פון דער ארגאניזאציע — בין איך זיכער, אז די ישראל־רעגירונג און די יידישע אגענץ וועלן נעמען אויף זיך צו ברענגען אויך אט די יידישע פליטים קיין ישראל און וועלן זיך באשעפטיקן מיט היילן די קראנקע און איינארדענען זיי אין לאנד.

אפשטעלענדיק זיך אויך אויף דער פאליטישער לאגע, האט ד״ר גאלדשטיין אויסגעפירט אין זיין באריכט:

״איך בין צוריקגעקומען קיין ישראל אונטער דעם שווערן איינדרוק פון דעם פאקט, אז דאס יידישע פאלק איז פארבליבן דער איינציקער פארבינדעטער פון די זיגרייכע מלוכות, וואס איז אמשווערסטן געטראפן געווארן פון דער מלחמה קעגן היטלער׳ן, און וואס האט אממייסטן געליטן פון דעם חורבן. און מדינת ישראל איז די איינציקע טרייסט אין דעם טרויעריקן בילד״.

אבער אין ישראל זיינען די שוועריקייטן געוואקסן איינע אויף די אנדערע. ס׳איז געווען א דרינגענדיק פראבלעם וועגן אויפשטעלן נייע לאנדווירטשאפטלעכע ישובים. די פינאנץ־אפטיילונג פון דער יידישער אגענץ, אונטער דער אנפירונג פון ד״ר ישראל גאלדשטיין, האט באשטימט פאר דעם יאר דעם גרעסטן בודזשעט אין איר געשיכטע פאר דער גרינדונג פון נייע דארפישע ישובים. עס איז געווען נויטיק פאר דעם אלגעמיינעם אויפבוי פון דער מדינה און

אויך פאר דער לאגע אין לאנד איינצוארדענען א גרויסן טייל פון די נייע עולים ביי לאנדווירטשאפט. די יידישע אגענץ האט זיך געשטעלט דעם מינימאלן ציל צו באזעצן אין די נאענטסטע חדשים ארום פופצן טויזנט עולים־משפחות, וואס האט געמיינט פון פערציק טויזנט ביז פופציק טויזנט נפשות, אין נייע דארפישע ישובים.

אין דער ערשטער וואָך, זינט ער איז צוריקגעקומען קיין ישראל, האט ער זיך באטייליקט אין דער גרינדונג פון א נייעם קיבוץ „הסוללים", ווו עס איז ארויף אויפן באדן א גרופע חלוצים פון דער יוגנט־ארגאניזאציע פון די אלגע־מיינע ציוניסטן אין אמעריקע צוזאמען מיט א צאל חברים פון „מכבי הצעיר" אין ישראל. אין זיין באגריסונג ביי דער פייערונג האט ד"ר ישראל גאלדשטיין דערקלערט :

„ס'איז פאר מיר א באזונדערער פארגעניגן צו זיין ביי דער פייערונג, ווען וועלכע־עס־איז גרופע חלוצים גייט ארויף אויף דער ערד פון א נייעם ישוב. דאס גרינדן לאנדווירט־שאפטלעכע ישובים איז דער עיקר פון אלע עיקרים אין דעם אויפבוי פון יעדן לאנד. נאך א סך וויכטיקער איז עס פאר דער אנטוויקלונג פון מדינת ישראל. נישט נאר דערפאר, ווייל דאס איז א נייער לעבנס־וועג — ריכטיגער : א באנייטער לעבנס־וועג — פאר יידן, נאר אויך צוליב דעם פאקט, וואס די זיכערקייט און דאס ווירטשאפטלעכע לעבן פון אלט־נייעם יידישן היימלאנד זיינען אפהענגיק אין א גרויסער מאס פון דעם וווקס פון די לאנדווירטשאפטלעכע ישובים".

ד"ר ישראל גאלדשטיין האט ביי דער געלעגנהייט באריכטעט :

״צען טויזנט משפחות פון נייע עולים זיינען אין איצטיקן בודזשעט־יאר שוין איינגעארדנט געווארן אין לאנדווירט־שאפט דורך דער יידישער אגענץ. אין פארלויף פון דעם יאר וועלן נאך אויפגעשטעלט ווערן אכציק נייע לאנדווירט־שאפטלעכע ישובים אין דער מדינה. דאס וועלן זיין אכציק פעסטונגען פונעם לעבן פון דער מדינה, פעסטונגען פון א גרויסער מיליטערישער, גייסטיקער און ווירטשאפטלעכער באדייטונג פארן לאנד״.

״ווי אן אמעריקאנער ציוניסט״ — האט ד״ר גאלדשטיין באמערקט צום סוף פון זיין באגריסונג — ״פיל איך א באזונדערן שטאלץ אין אנבליק פונעם פאקט, וואס אט דער נייער ישוב ווערט, צוזאמען מיט דעם ״המכבי הצעיר״ אין ישראל, אויפגעשטעלט דורך א גרופע יונגע אמערי־קאנער יידן, וואס זיינען ארגאניזירט און דערמוטיקט געווארן דורך דער ציוניסטישער ארגאניזאציע פון אמעריקע און דורך דער ציוניסטישער פרויען־ארגאניזאציע ״הדסה״ אין די פאראייניקטע שטאטן. ווען איך בין מיט פינף יאר צוריק געווען פרעזידענט פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע פון אמעריקע, האב איך געהאט דעם זכות צו מאכן די ערשטע שריט פאר אויפשטעלן א חלוצים־באוועגונג צווישן די אלגעמיינע ציוניסטן אין די פאראייניקטע שטאטן. די באוועגונג האט ביז איצט זיך אנטוויקלט זייער לאנגזאם און אין א קליינעם פארנעם. אבער די גרופע, וועלכע באזעצט זיך איצט אין דעם נייעם קיבוץ ״הסוללים״, שטעלט מיט זיך פאר א גוטן און דערמוטיקנדיקן אנהויב״.

עטלעכע וואכן שפעטער נאך דעם גרינדונג פון ״הסוללים״ האט ד״ר ישראל גאלדשטיין זיך באטייליקט אין לייגן דעם יסוד פאר א יוגנט־דארף אין דרום־טייל פון ירושלים,

נעבן קטמון. אלס אויסדרוק פון אנערקענונג און דאנק פאר זיינע אויפטוען, אויף דער פאזיציע פון גזבר פון דער יידישער אגענץ, פאר דעם ווידעראויפבוי פון ירושלים נאך די צעשטערונגען אין דער באפרייאונגס־מלחמה, און פאר דער גרינדונג פון לאנדווירטשאפטלעכע ישובים אין דער באנייטער מדינה, איז דאס נייע דארף פון דער יוגנט־עליה נעבן קטמון אנגערופן געווארן אויפן נאמען פון ד״ר ישראל גאלדשטיין.

״ס׳איז פאר מיר א באזונדערער זכות — האט ער דער־קלערט ביי דער פייערלעכער צערעמאניע — צו באטייליקן זיך אין דער גרינדונג פון א יוגנט־דארף אין ישראל. נישטא קיין העכערע אויפגאבע, ווי זארגן פאר די קינדער און יוגנטלעכע אין דער מדינה. מיר ווייסן, אז דער כוח פון ישראל אין דער צוקונפט איז אפהענגיק פון דער צאל און פון דעם כאראקטער פון די קינדער און יוגנטלעכע, וועלכע לעבן היינט צווישן אונדז און וואס וועלן לעבן צווישן אונדז מארגן. די פארגאנגענע צען יאר האבן אונדז געלערנט, אז די יוגנטלעכע וועלכע זיינען דורך דער עלית הנוער געבראכט געווארן אין לאנד אין 1938, זיינען געווען די העלדישע פארטיידיקער פון ישראל אין 1948. ס׳איז זייער וויכטיק, אז מיר זאלן ברענגען אין לאנד וואס מער יוגנטלעכע, און אז מיר זאלן ווי געהעריק זיך באשעפטיקן מיט זיי בפרט איצט, ווען עס זיינען נישט פאראן קיין שום באגרענצונגען פאר דער עליה און ווען עס קומען אריין אין לאנד א סך קראנקע און אלטע לייט. די יוגנט־עליה, וואס איז תמיד געווען וויכטיק, באקומט איצט פאר אונדז א לעבנס־באדייטונג״.

אנווייזנדיק אויף דער גרויסער ראלע פון דער יוגנט־עליה

פאר דעם מיזוג־גלויות אין דער מדינה, האט ד"ר ישראל גאלדשטיין אויסגעפירט:

"דאס נייע יוגנט־דארף, וואס ווערט איצט געגרינדעט, וועט זיין א וויכטיקער רינג אין דער קייט פון די אינסטיטוציעס, וואס זיינען אויפגעשטעלט געווארן דורך דער יוגנט־עליה־אפטיילונג ביי דער יידישער אגענץ. איך וויל ביי דער געלעגנהייט אויסדריקן מיין אנערקענונג פאר דער ארבעט פון דער דאזיקער אפטיילונג און פאר איר איבערגעגעבנעם פירער, מיין פריינט משה קול. מער ווי אין אלע אנדערע אפטיילונגען פון דער יידישער אגענץ איז אין דער פירער־שאפט פון דער יוגנט־עליה נויטיק א גרויסע דערפארונג, א טיפע פארשטענדעניש און איבערגעגעבנקייט".

געטריי זיין כאראקטער צו זארגן פאר די פראקטישע ענינים, פאר מעשים, וואס האט אין דעם פאל געמיינט צו באפעסטיקן און פארזיכערן די אנטוויקלונג פון נייעם יוגנט־דארף, האט ד"ר ישראל גאלדשטיין דערקלערט:

"איך האף, אז אט דאס יוגנט־דארף האט פאר זיך א ליכטיקע צוקונפט, אויך דערפאר ווייל עס געפינט זיך נעבן ירושלים, אין הארץ פון דער מדינה און אין אזא שיינער סביבה, און ווייל ער וועט זיין גוט און שיין איינגעארדנט. אבער דער עיקר פון דער הצלחה פון דער נייער יוגנט־היים וועט זיין אפהענגיק נישט פון דעם ארט און נישט פון די בנינים, נאר פון דעם מענשלעכן עלעמענט וואס וועט געבראכט ווערן אויף דעם ארט און אין די געביידעס — פון דעם כאראקטער און פון דער קוואליטעט פון די לערער, וועלכע וועלן דא אנפירן מיט דער דער־ציונגס־ארבעט, און פון דער קאטעגאריע פון די קינדער, וועמענס גייסטיקע געשטאלט וועט דא אויסגעפורמט ווערן.

״ס׳איז דאס גליקליכסטע געפיל, וואס איך האב ווען־עס־איז אמאל געהאט״ — האט ד״ר גאלדשטיין באמערקט — ״ווען מיר איז היינט צוגעטיילט געווארן דער כבוד, אז מיין נאמען זאל פארבונדן ווערן מיט אט דער אינסטיטוציע. איך געפין נישט גענוג ווערטער אויסצודריקן מיין דאנק דערפאר. איך זע אין דעם די גרויסמוטיקסטע באלוינונג פאר אלץ, מיט וואס איך האב געדינט מיין פאלק. איך וועל טאן אלץ וואס איך וועל קענען פאר דער אנטוויקלונג פון דעם יוגנט־דארף, אז ער זאל ווערן א מוסטערהאפטע אינסטיטוציע וואס זאל שטארק געלויבט ווערן״.

ווי תמיד, האט ער געהאלטן ווארט. ד״ר ישראל גאלדשטיין גיט זיך אפ במשך פון אלע יארן זייער א סך פאר דער אנטוויקלונג פון דער יוגנט־עליה־אנשטאלט נעבן קטמון. דאס יוגנט־דארף, וואס טראגט זיין נאמען, איז אויסגעוואקסן א גרויסע און מוסטערהאפטע אינסטיטוציע ביי ירושלים.

״חוות הנוער הציוני ע״ש ד״ר ישראל גולדשטיין״ — ווי די יוגנט־עליה־אנשטאלט איז ארויף אויף דער מאַפּע פון דער באנייטער יידישער מדינה — געפינט זיך אויף אן ארט, וואס איז בארימט פון דער אלטער יידישער געשיכטע, פון דוד המלכ׳ס צייטען. ד״ר ישראל גאלדשטיין באטראכט מיט רעכט דאס שיינע און שטארק־אנטוויקלטע יוגנט־דארף פון די אנגעזעענסטע אנערקענונגען אין זיין לעבען און פון זיין ארבעט פאר ישראל. די אן ערך זעקס הונדערט קינדער, וועלכע זיינען דערצויגן געווארן אין דעם דארף, זעט ד״ר גאלדשטיין ווי זיינע אַדאַפּטירטע אייניקלעך. זייער גרויסע פארדינסטן פאר דער אנטוויקלונג פון דער אנשטאלט האט דער איבערגעגעבענער דירעקטאר

אהרן אלפעריז

זאב שיקלער, וועלכער האט אַלס אפיציר פון דער ישראל־ארמיי פארנומען א וויכטיקע פאזיציע אין דער שלאכט פאר באפרייען דעם דאזיקן טייל פון ירושלים, אין דער באפרייאונגס־מלחמה אין 1948.

קאפיטל דרייסיק

געזעגענענדיק זיך צייטווייליק
מיט ירושלים

"מיט א שווער הארץ גרייט איך זיך צוריקצופארן קיין אמעריקע און ווידער איבערנעמען מיינע פליכטן, וואס ווארטן דארט אויף מיר. ווען איך האב מיט א יאר צוריק איינגעשטימט צו קומען קיין ירושלים פאר דער שווערער און וויכטיקער אויפגאבע אין דער יידישער אגענץ, האב איך דערקלערט אז איך וועל קענען בלייבן אויף דעם אמט נאר איין יאר. איצט דארף איך צוריקפארן. אבער איך האף, אז סוף־כל־סוף וועל איך זיך באזעצן אין ישראל" —

מיט די ווערטער האט ד"ר ישראל גאלדשטיין אנגעהויבן זיך געזעגענען מיט דעם ישוב אין לאנד, אין א ראדיא־רעדע אין "קול ישראל", אין אויגוסט 1949. נאכן פאר־ענדיקן א יאר פון דינען דער באנייטער יידישער מדינה האט ער זיך געקליבן צוריקפארן קיין ניו יארק און איבערנעמען ווייטער די גייסטיקע פירערשאפט פון זיין קהילה "בני ישורון" און די אנדערע ציוניסטישע און אלגעמיין־געזעלשאפטלעכע אויפגאבן אין אמעריקאנער יידישן לעבן.

"דאס איז געווען דאס וואונדערלעכסטע יאר אין דער ביזאיצטיקער געשיכטע פון דער יידישער אגענץ, ווייל דאס איז געווען דאס ערשטע יאר פון דעם באנייטן קיום פון

מדינת ישראל און א יאר פון דעם גרעסטן עליה־שטראם אין לאנד. אבער צוליב א גאנצער רייע טעמים איז עס אויך געווען דאס שווערסטע יאר אין דער געשיכטע פון דער יידישער אגענץ" — האט ד"ר ישראל גאלדשטיין דערקלערט.

אנווייזנדיק, אז די הויפט־שוועריקייטן האבן זיך גענומען דערפון, וואס סיי די רעגירונג פון ישראל און סיי די יידישע אגענץ האבן באשלאסן אנצוהאלטן אן אומ־באגרענעצטע עלייה אין לאנד, אין דער צייט ווען די מיטלען פאר אויפנעמען און איינארדענען די נייע עולים זיינען נישט נאר געווען באגרענעצטע, נאר אַ סך קלענערע פון די מיטלען אין פריערדיקן יאר — האט ד"ר ישראל גאלדשטיין אויסגעפירט, דערקלערנדיק, אז פונדסטוועגן האט די יידישע אגענץ אויסגעגעבן אין דעם יאר צוויי מאל אזוי פיל ווי אין פריערדיקן יאר פאר די נייע עולים. אין צוגאב צו דעם זיינען געשאפן געווארן נייע אפטיילונגען. באזונדערס וויכטיק איז געווען דאס גרינדן די ספעציעלע אפטיילונג פאר דער אנטוויקלונג פון ירושלים.

ד"ר גאלדשטיין האט אין ווייטערדיקן טייל פון זיין דערקלערונג אנגעוויזן אויף דער גרויסער באדייטונג פון גרינדן די נאציאנאלע געזעלשאפט פארן בוי פון וווין־הייזער "עמידר", מיט די געלטער פון קרן היסוד און פון קרן קימת לישראל. די אלע אויפטוען האבן געפאדערט גרויסע אנשטרענגונגען.

"אבער ביי דעם אלעם" — האט ד"ר גאלדשטיין אויס־געפירט — "איז עס געווען דאס וויכטיקסטע געשעעניש אין מיין לעבן, ווען עס איז מיר געגעבן געווארן די מעגלעכקייט צו דערפילן אזא צענטראלע אויפגאבע אין די

טעטיקייטן פון דער יידישער אגענץ אין אזא יאר, וואס איז געווען דאס וויכטיקסטע פארן יידישן פאלק.

״עס איז כדאי געווען צו זיין און צו ארבעטן אין דער מדינה, ווען אפילו איך בין צייטנווייז אויפגעפאדערט געווארן צו ברענגען א פערזענלעכן קרבן אין שייכות מיט מיין ארבעט אלס אנפירער פון דער פינאנץ־אפטיילונג פון דער יידישער אגענץ. מיין דערפארונג, וואס איך האב דא דערווארבן, וועט מיר העלפן אין ניו יארק אין מיין ווייטערדיקער ארבעט אלס מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע פון דער יידישער אגענץ אין אמעריקע.

״דאס איז נאך נישט מיין געזעגענען זיך מיט אייך. איך וועל נאך בלייבן א קורצע צייט אין לאנד, בכדי ארומ־צופארען און אליין זען די לעצטע אויפטוען, די נייע אינסטיטוציעס און לאנדווירטשאפטלעכע ישובים וואס זיינען געגרינדעט געווארן״ — האט ד״ר גאלדשטיין באמערקט צום סוף פון זיין דערקלערונג.

ער האט זיך ארויסגעלאזט אויף א נייער רייזע איבערן לאנד, בעיקר כדי צו זען, ווי די נייע־געקומענע עולים ווערן אויפגענומען און איינגעארדנט. באזונדערס האט ער זיך באמיט, אז עס זאל צוגעאיילט ווערן דאס בויען דירות פאר די נייע עולים אין די פארשיידענע געגענטן פון לאנד.

אויף איין ארט, וואס ער האט באזוכט, האט ער, אנדייטנדיק אויף דעם אז זיינע פליכטן וועלן אים איינגיכן צוריקרופן קיין ניו יארק, דערקלערט:

״איך האף, אז איך האב אויסגעטראטן דעם וועג פאר אנדערע, און אז עס וועט ווערן א שטענדיקער מנהג צווישן אמעריקאנער ציוניסטישע פירער אוועקצוגעבן א יאר

דינסט אין ישראל און אויך צו באזעצן זיך אין דער מדינה".

וועגן זיין אייגענעם צוריקקערן זיך שפעטער קיין ישראל און סוף־כל־סוף באזעצן זיך אין דער מדינה האט ער שטארק באטאנט ביי דער געזעגנונגס־פארזאמלונג, וואס איז לכבוד אים איינגעארדנט געווארן סוף אויגוסט 1949, און צו וועלכער עס האבן זיך פארזאמלט די פירנדיקע פערזענלעכקייטן פון לאנד. ביי דער מסיבה האט ער שוין אויך געקענט אונטערציען דעם סך־הכל:

"הונדערט פופציק טויזנט פון די צוויי הונדערט פינף און צוואנציק טויזנט נייע עולים, וועלכע זיינען אריינגעקומען אין ישראל במשך פונעם יאר, האבן שוין א דאַך איבערן קאפ, און זיי פארדינען, לכל הפחות באשיידן, אויף זייער לעבן. מער פון נאך פופציק טויזנט נייע עולים וועלן באקומען דירות ביזן סוף חודש אקטאבער, א דאנק דער געזעלשאפט "עמידר".

ביי דער דאזיקער לעצטער געזעגענונג האט ד"ר ישראל גאלדשטיין אויסגעדריקט זיין באזונדערע צופרידנקייט דערפון, וואס ער האט געהאט די מעגלעכקייט צו וווינען א יאר צייט אין ירושלים:

"וואונדערלעך־שיין איז ירושלים, אפילו אָן איר היסטארישער פראכט. די פרישע לופט; די הערלעכע לאנדשאפטן; דאס וואונדערלעכע ליכט, וואס איז אויסגעגאסן איבער ירושלים; די שיינע פארנאכטן, ווען די זון פארגייט איבער דער שטאָט פון שלום, — דאס אלץ פארמאגט אין זיך דעם קוואַל פון א שפע פון דערמוטיקונג און פרישע און באגייס־טערנדיקע כוחות. א שטארקער צוציונגס־כוח שטראלט

איך ארויס פון דעם פאלק, וואס וווינט אין ירושלים, אין דער וונדערלעכער שטאט.

„איבער דער הערלעכער שיינקייט פון ירושלים, און איבער די איינוווינער פון ירושלים מיט זייער אינערלעכן ליכט און לייטזעליקייט און זייער ענערגיע — שוועבט דער מלאך פון דער געשיכטע, מיט וועלכער קיינער קען נישט שטיין אין קאנקורענץ. דאס נייע קאפיטל גבורה און ווידערשטאנד קעגן פארקנעכטונג, וואס ירושלים האט ארויסגעוויזן איצט, אין דער באפרייאונגס־מלחמה, קען מיט כבוד און מיט שטאלץ זיך פארגלייכן מיט אירע פריערדיקע העלדיש־קייטן.

„איך ווייס — האט ד״ר ישראל גאלדשטיין באטאנט — וואס עס פילט דאס פאלק פון ישראל, טראכטנדיק וועגן דער פאליטישער צוקונפט פון ירושלים. אבער איך קען אייך זאגן, אז יעדער ייד אומעטום, אין חוץ לארץ, וועט באשטיין אויף דעם, אז ירושלים זאל בלייבן די הויפט־שטאָט פון מדינת ישראל״.

אזא דערקלערונג האט געדארפט האבן א באזונדערס שטארקן אפקלאנג אין די הערצער פון די יידן אין דער באנייטער מדינת ישראל גראד אין יענע טעג, ווייל עס זיינען דאן אויף דער פאליטישער וועלט־ארענע ארויפ־געשוווממען נייע פארשלאגן און פלענער וועגן אן אינטער־נאציאנאלן רעזשים אין ירושלים.

„ווען איך פאָר איצט אוועק פון ישראל קיין אמעריקע, מאטערן מיך פארשיידענע געדאנקען״ — האט ד״ר ישראל גאלדשטיין געזאגט אין דעם צווייטן טייל פון זיין רעדע — „אבער איך בין נישט באהערשט פון קיין שום פעסימיזם

בנוגע דער אנטוויקלונג פון דער מדינה, וואס מען קען דערווארטן אין די נאענטסטע יארן. איך בין נישט פעסימיסטיש, ווייל איך גלויב אין דער פארשטענדעניש וואס ישראל ווייזט ארויס אין אירע האנדלונגען און אין איר אנטשלאסנקייט דורכצוקומען אלע שוועריקייטן, און ווייל איך האב צוטרוי צו דער דינאמיק פון דער יידישער מדינה.

"איך זע אויך נישט קיין סיבה פון פעסימיזם לגבי די פינאנץ־שוועריקייטן פון דער מדינה. פאראן טויזנטער יידישע געשעפטסלייט אין אמעריקע, אינדוסטריעלער און עקספערטן אין פראדוקציע, וואס זיינען פון די גרעסטע אין דער וועלט. זיי וועלן זיין גרייט צו קומען אהער און געבן זייער הילף, אויף זייערע געביטן. סוף־כל־סוף וועלן זיי אויך אינוועסטירן זייערע קאפיטאלן און אויפשטעלן דא נייע אונטערנעמונגען. ס'איז אבער וויכטיק, אז די דאזיקע יידן זאלן פילן, אז מען וויל זיי האָבן דא אין לאנד, און נישט בלויז אז מען יאגט זיך נאך זייער געלט. מען קען קריגן א לייזונג פאר דעם פראבלעם, איינצופירן א געזונטע ווירטשאפט אין דער מדינה" — האט ד"ר ישראל גאלדשטיין דערקלערט, פרווונדיק אויך אנצייכענען א פראגראם פאר דער ווירטשאפטלעכער אנטוויקלונג פון ישראל. ער האט אויסגעפירט:

"מען קאן דעריבער זאגן: עס זיינען פאראן פראַגן אין שייכות מיט דער איצטיקער לאגע אין לאנד, מיט וועלכע מען דארף זיך אן עצה געבן. אבער עס איז נישטא קיין באזונדערע סיבה פאר פעסימיזם בנוגע די פראבלעמען, וואס זיינען פארבונדן מיט דער צוקונפט פון מדינת ישראל.

"און אין איין ענין בין איך אוודאי זיכער: אז דער גלאנץ

פונעם ליכט פון ישראל וועט נישט פארטונקלט ווערן אין די אויגן פון די יידן אין אמעריקע. איך הער דאָ פון צייט צו צייט רייד, אז עס וועט זיך אפשר ענדיקן די תקופה פון דער "אטראקציע" פון ישראל, און אז אמעריקאנער יידן — אט דער גרויסער און וויכטיקער קוואל פון מאטעריעלער און מאראלישער הילף פאר ישראל — וועלן זיך אנהויבן באציען גלייכגילטיק צו דער יידישער מדינה. איך וואַרף־אפ אנטשלאסן די דאזיקע בייזע נבואה. דערמיט רירט מען אויך אָן דעם כבוד פון די אמעריקאנער יידן. דאס ליכט פון דער פארווירקלעכונג פון דער האפענונג פון ניינצן הונדערט יאר — איז נישט מעגלעך, אז עס זאל פארבייגיין מיט אזא לייכטקייט. דער שיין פון מדינת ישראל וועט נישט פארטונקלט ווערן.

"אבער ישראל וועט דארפן זיין א מדינה, אויף וועלכער יעדער ייד וועט קאנען אנווייזן מיט שטאלץ, ווי אויף דעם בשותפות'דיקן אוצר און אייגנטום פון גאנצן יידישן פאלק אין דער וועלט".

דאנקנדיק פאר דער הארמאנישער צוזאמענארבעט מיט זיינע חברים, מיטגלידער פון דער עקזעקוטיווע פון דער יידישער אגענץ, מיט די פירער פון דער רעגירונג און מיט אלע עסקנים אין לאנד — האט ד"ר ישראל גאלדשטיין פאר־ענדיקט זיין געגעזעגנונגס־רעדע אין זיין אייגענעם נאמען און אין נאמען פון פרוי גאלדשטיין:

"מיר וועלן צוריקקומען צו אייך, ווי מיר האפן. סוף־כל־סוף וועלן מיר קומען אהער צו באזעצן זיך צווישן אייך דא, אין ירושלים!".

ד"ר ישראל גאלדשטיין האט דערפילט זיין הבטחה. אבער

אינצווישן האט ער אוועקגעגעבן צען יאר פון אנגעשטרענג־טער און וויכטיקער ארבעט אין אמעריקע — פאר ישראל, פארן ציוניזם, פאר די פראבלעמען פון אמעריקאנער יידנטום און וועלט־יידנטום און אויך פאר אלגעמיינע וועלט־ענינים.

קאפיטל איין און דרייסיק

פרעזידענט פון אמעריקאנער יידישן קאנגרעס — אין די טריט פון ד״ר סטיפען ס. ווייז

ווען ד״ר ישראל גאלדשטיין איז צוריקגעקומען אין די פאראייניקטע שטאטן נאך דעם יאר, וואס ער האט אפגעגעבן פאר דינען דער באנייטער יידישער מדינה אין איר שווערסטער צייט, האט ער געטראפן די פירערשאפט פון אמעריקאנער יידנטום א פאריתומ׳טע. יידן אין אמעריקע האבן געהאט פארלארן דעם איינפלוסרייכן מנהיג ד״ר סטיפען ס. ווייז, וועלכער ווערט באטראכט ביזן היינטיקן טאג פאר איינעם פון די פראמינענטסטע יידישע פערזענלעכקייטן און בארימטסטע אמעריקאנער פון אונדזער צייט.

ד״ר ישראל גאלדשטיין האט במשך פון א סך יארן נאענט צוזאמענגעארבעט מיט ד״ר סטיפען ס. ווייז׳ן, אלס א יינגערער קאלעגע, אויף אלע געביטן פון יידישן, ציוניסטישן און אלגעמיינעם אמעריקאנער עפענטלעכן לעבן — אין דער ציוניסטישער ארגאניזאציע פון אמעריקע; אין דעם ספעציעל געשאפענעם ציוניסטישן ראט בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה; אין דער אמעריקאנער יידישער קאנפע־רענץ; אין פאראייניקטן יידישן קאמפיין; אין אמערי־קאנער יידישן קאנגרעס און אין יידישן וועלט־קאנגרעס,

פון וועלכן ד״ר סטיפען ס. ווייז איז געווען דער גרינדער און פרעזידענט.

ביי א טרויער־פארזאמלונג, וואס איז אפגעהאלטן געווארן אין ירושלים נאכן טויט פון ד״ר סטיפען ס. ווייז, וועלכער איז געווען איינער פון די גרינדער פון דער אמעריקאנער ציוניסטישער ארגאניזאציע און א פירער פון וועלט־ציוניזם, האט ד״ר גאלדשטיין אים מספיד געווען. ער האט אנגעוויזן אויף דעם גרויסן וואונדער, וואס עס האט פארגעשטעלט מיט זיך דאס דערשיינען פון ד״ר סטיפען ס. ווייז אלס באגייסטערטער ציוניסט און אנהענגער פון הערצלען אין יאר 1897, ווען די דייטשע, אונגארישע און אנדערע יידן פון צענטראל־און מערב־אייראפע, — צו וועלכע ד״ר ווייז און זיין משפחה האבן געהערט — זיינען געווען ווייט און קעגן יעדן געדאנק פון יידישער נאציאנאלער אויפלעבונג. אויספירנדיק, אז ד״ר סטיפען ס. ווייז האט מיט זיינע דרייסטע אידייען און מיט זיין שטארקן איינפלוס ארויס־גערופן אן איבערקערעניש אין יידישן כלל־לעבן אין אמעריקע, האט ד״ר ישראל גאלדשטיין דערקלערט:

״די קריסטלעכע וועלט אין אמעריקע, וועלכע האט נישט געקענט פארשטיין דעם יידישן גלות־קאמפלעקס, האט שטארק אפגעשאצט ד״ר ווייז׳ס פירערשאפט, וואס איז געווען פריי פון דעם קאמפלעקס. ד״ר סטיפען ס. ווייז האט געהאט דעם גרויסן היסטארישן פארדינסט, וואס ער האט באפרייט די יידישע פירערשאפט אין אמעריקע פון דעם געפיל, אז יידן זאלן ווי א פאלק זיין עמיצן וואס־עס־איז שולדיג, אז זיי זאלן זיך האלטן נידעריקער פון אנדערע, און אז זיי זאלן זיך דארפן אנטשולדיקן דערפאר,

וואס דאס יידישע פאלק פאדערט זיינע פולע און גלייכע רעכט.

"איך האב געזען ד"ר סטיפען ס. וויז'ן אין דעם היסטארישן מוצאי שבת פון 29־טען נאוועמבער 1947, ווען די ארגאניזאציע פון די פאראייניקטע פעלקער האט אנגענומען דעם גורל'דיקן באשלוס צו באנייען די יידישע מדינה אין ארץ ישראל" — האט ד"ר ישראל גאלדשטיין געשילדערט אין זיין הספד — "איך האב באקומען דעם איינדרוק, אז דאס איז געווען די גליקלעכסטע שעה אין ד"ר וויז'ס לעבן. ער האט פאראויסגעזען דעם דאזיקן גרויסן מאמענט אין דער יידישער געשיכטע במשך פון דעם גאנצן לעצטן שווערן יאר, ווען עס איז אנגעגאנגען דער קאמף פאר ווידעראויפשטעלן די יידישע מדינה און ווען מיר האבן געהאט נישט איין קריזיס און נישט איין אנטוישונג. אָן צווייפל האט ד"ר סטיפען ס. וויז געפילט אין דער גרויסער שעה, אז דער חלום פון זיין לעבן איז פארווירקלעכט געווארן".

ווען ד"ר ישראל גאלדשטיין איז צוריקגעקומען פון ירושלים קיין ניו יארק און האט ווייטער אנגעפירט זיין ארבעט אלס מיטגליד פון דער אמעריקאנער סעקציע פון דער יידישער אגענץ, האט ד"ר נחום גאלדמאן, וועלכער איז צוזאמען מיט ד"ר וויז'ן געווען דער מיטגרינדער פון יידישן וועלט־קאנגרעס — אים פארגעשלאגן איבערצונעמען אויך דעם פארזיץ פון דער סעקציע פון יידישן וועלט־קאנגרעס אין דער מערב־העמיספערע. אינאיינעם מיט איבערנעמען די פירערשאפט פון יידישן וועלט־קאנגרעס אין דער נייער וועלט איז ד"ר ישראל גאלדשטיין אויך געוויילט געווארן, אין 1951, אלס פרעזידענט פון אמערי־

קאַנער ייִדישן קאָנגרעס, נאָכפאָלגנדיק אויך אויף דער דאָזיקער פּאָזיציע דעם פאַרשטאָרבענעם ד"ר סטיפען ס. ווייז, וועלכער איז געווען דער גרינדער און במשך פון אַ סך יאָרן פּרעזידענט פון דער דאָזיקער גרויסער אַמעריקאַנער ייִדישער אָרגאַניזאַציע. ביידע, סיי דער ייִדישער וועלט־קאָנגרעס און סיי דער אַמעריקאַנער ייִדישער קאָנגרעס, האָבן אין זייער פּראָגראַם די פאַרטיידיקונג פון די ייִדישע רעכט אויף דער באַזע פון ציוניזם; פון דער אַנערקענונג פון דעם פּרינציפּ פון איין ייִדיש פאָלק אין דער וועלט און פון דעם צענטראַלן אָרט, וואָס מדינת ישׂראל פאַרנעמט אינעם לעבן פונעם ייִדישן פאָלק.

"איינער פון די הויפּט־עיקרים אין די טעטיקייטן פון אַמעריקאַנער ייִדישן קאָנגרעס איז זיין נאָענטע פאַרבינדונג מיט ישׂראל" — האָט ד"ר ישׂראל גאָלדשטיין באַטאָנט אין זיין ערשטן יערלעכן באַריכט אַלס פּרעזידענט פון דער אָרגאַניזאַציע — "דער אַמעריקאַנער ייִדישער קאָנגרעס טיילט זיך אויס פון אַנדערע אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקאַנער ייִדישן לעבן מיט דעם, וואָס ער פאַרנעמט אַן אויסדריקלעכע ציוניסטישע פּאָזיציע. אונדזער אָרגאַניזאַציע איז נישט בלויז אַ פריינט פון ישׂראל, ווען עס איז אַ "גוטער וועטער". מיר שטייען צוזאַמען מיט דער ייִדישער מדינה אין יעדער סיטואַציע. מיר נעמען אויך אַ גרויסן אָנטייל אין דעם קאַמפּיין פון פאַראייניקטן ייִדישן קאַמפּיין פאַר ישׂראל, און מיר קאָאָפּערירן ענג מיט דער ישׂראל־באָנדס אָרגאַניזאַציע. אונדזער שטעלונג איז, אַז אַלץ וואָס מיר טוען פאַר ישׂראל, טוען מיר פאַר זיך אַליין".

"מיר נויטיקן זיך אין ישׂראל נישט ווייניקער, ווי די ייִדישע מדינה נויטיקט זיך אין אונדז" — האָט ד"ר

גאלדשטיין ווייטער אויסגעפירט אין זיין באריכט ביים צוזאמענפאר פון אמעריקאנער יידישן קאנגרעס אין 1953, נאכדעם, ווי ער האט שוין צוויי יאר געהאט פארנומען דעם אמט פון פרעזידענט פון דער ארגאניזאציע. "מיר פאלגן־נאך די פרינציפן פון אונדזער גרינדער ד"ר סטיפען ס. וויז. אבער נישט זייענדיק בלויז א ציוניסטישע ארגאניזאציע, און נישט אויספירנדיק בלויז דאס ציוניס־טישע פראגראם, פארנעמען מיר א ברייטערע פלאטפארם אויף דער אמעריקאנער יידישער סצענע. און אונדזער ציוניסטישע ארבעט האט דורך דעם אויך א גרעסערע באדייטונג".

אין דער דאזיקער ליניע האט ד"ר ישראל גאלדשטיין אנגעפירט במשך פון דריי טערמינען — זעקס יאר — דעם אמעריקאנער יידישן קאנגרעס, אפגעבנדיק זיך מיט די פאליטישע, סאציאלע און קולטורעלע פראבלעמען פון אמעריקאנער יידנטום, און פארמולירנדיק די שטעלונג פון די יידן אין די פאראייניקטע שטאטן לגבי די אלגעמיינע פראגן פון לאנד.

"אונדזער ראלע אין אמעריקאנער יידישן לעבן איז אַן אמעריקאנער און גלייכצייטיק א יידישע. אונדזער באטיי־ליקונג אין דעם אלגעמיינעם אמעריקאנער לעבן איז געטריי די בעסטע אמעריקאנער טראדיציעס. אונדזער ביישטייערונג צו דער אנטוויקלונג פון אמעריקאנער יידנטום באטראכטן מיר פאר נישט קיין קלענערן חוב. מיר באטאנען די פאזיטיווע יידישע ווערטן: חינוך אין גייסט פון אונדזער תורה; אנגעהעריקייט צו דער ארגאניזירטער יידישער קהילה; ציוניזם. מיר שטיצן די פארשפרייטונג פון העברעאיש און יידיש און פון דער העברעאישער און

יידישער קולטור. מיר ברענגען אריין אין אונדזערע אייגענע רייען, פון דער מיטגלידערשאפט פון אמעריקאנער יידישן קאנגרעס, א באַרייכערונג פון אינהאַלט פון יידישן לעבן. מיר וואָרענען קעגן דעם, אַז די אַזוי־גערופענע "פאַר־טיידיקונגס־אַקטיוויטעטן" — געמיינט די אַקציע קעגן אַנטיסעמיטיזם — דאַרף זיין די הויפּט־זאָרג פון אמערי־קאַנער יידן" — האַט ד"ר גאָלדשטיין באַטאַנט.

מיט דעם האָט ער אונטערגעשטראָכן, אַז אונטער זיין פירערשאַפט האָט דער אַמעריקאַנער יידישער קאָנגרעס זיך אונטערגעשיידט פון די אַנדערע אַלגעמיינע יידישע אָרגאַניזאַציעס אין די פאַראייניקטע שטאַטן דערמיט, וואָס די הויפּט־געוויכט אין די טעטיקייטן איז געלייגט געוואָרן אויף דער באַרייכערונג פון אינערלעכן גייסטיקן יידישן לעבן. גלייכצייטיק האָט ער, אַלס פּרעזידענט פון אַמעריקאַנער יידישן קאָנגרעס, אָנגעפירט אין דער יידישער סביבה א גרויסן קאַמף פאַר דער דעמאָקראַטיזירונג פון דער אַמעריקאַנער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט און פאַר שאַפן א פאַראייניקטע דעמאָקראַטישע רעפּרעזענטאַנץ פון אַמעריקאַנער יידנטום, נאָכדעם, ווי די אַמעריקאַנער יידישע קאָנפערענץ האָט דעמאָלט זיך שוין געהאַט אויפגעלייזט.

ד"ר י. גאָלדשטיין דערמאָנט מיט אַכטונג די פאַרדינסטפולע אַרבעט פאַרן אַמעריקאַנער יידישן קאָנגרעס פון דעם באַזונדעראַרטיקן דירעקטאָר ד"ר דוד פּעטעגאָרסקי ז"ל. ער באַצייכנט אויך די געבענטשטע מיטאַרבעט מיטן נאָכ־פאָלגנדיקן דירעקטאָר יצחק טובין.

אין דערזעלבער ליניע האָט ד"ר ישראל גאָלדשטיין אָנגעפירט די טעטיקייטן פון דער סעקציע פון יידישן

וועלט־קאנגרעס אין די אמעריקאנער לענדער. די דאזיקע פאזיציע האט אים אויך געבראכט צו דער פירערשאפט פון יידישן וועלט־קאנגרעס אין אינטערנאציאנאלן פארנעם, ביי דער זייט פון נחום גאלדמאן, וועלכער איז נאכן טויט פון ד״ר סטיפען וויז געוויילט געווארן אלס פרעזידענט פון יידישן וועלט־קאנגרעס. ד״ר גאלדשטיין האט געשפילט א וויכטיקע ראלע ביי די צוזאמענפארן פון יידישן וועלט־קאנגרעס. ביי דער קאנפערענץ פון אמעריקאנער יידישן קאנגרעס, וואס איז אפגעהאלטן געווארן אין 1953, האט ד״ר גאלדשטיין אויך אפגעגעבן א באריכט וועגן צוזאמענפאָר פון יידישן וועלט־קאנגרעס, וואס איז עטלעכע חדשים פריער פארגעקומען אין זשענעווע, שווייץ. ער האט באטאנט דעם שטארק רעפרעזענטאטיוון כאראקטער פון דעם צוזאמענפאר. אין וועלכן עס האבן זיך באטייליקט דעלעגאציעס פון יידישע ישובים אין מער פון פופציק לענדער. ער האט אויסגעדריקט דעם באדויערן, וואס פון די יידישע ישובים אין מזרח־אייראפע זיינען נישט געקומען קיין פארשטייער צום צוזאמענפאר. ער האט איבערגעגעבן, אז דער צוזאמענפאר האט זיך א סך באשעפטיקט מיט דעם פראבלעם פון דער טרויעריקער לאגע פון די יידן אין די קאמוניסטישע לענדער.

״אין דער קאמוניסטישער מזרח־אייראפע איז געקומען צו א טראגישער פאַרערגערונג אין דעם גורל פון די מיליאנען יידן, וועלכע זיינען דארט פארבליבען. די יידישע קולטור שטארבט־אפ, ווערנדיק אפיציעל אונטערדריקט און גע־פייניקט. די יידישע רעליגיע ווערט גערודפ׳ט, און דער ציוניזם און דער העברעאישער חינוך זיינען פארבאטן. אויך די יידישע קולטור־ארבעט ווערט דערשטיקט. אלץ,

וואס האט צו טאן מיט א פארבינדונג מיט יידן און יידישן לעבן אין דער דרויסן־וועלט איז שטרענג פאַרווערט" — האט ד"ר גאלדשטיין דערקלערט. ער האט זיך אויך באזונדערס אפגעשטעלט אויף דעם בלבול־פראצעס, וואס איז דאן געהאט פארגעקומען אין פראַג קעגן א גרופע יידן. ער האט אלארמירט וועגן דער סכנה, וואס דראָט דער צוקונפט פון די יידן אין די קאמוניסטישע לענדער.

אויף זיין פירנדיקע פאזיציע אין אמעריקאנער יידישן קאנגרעס און אין יידישן וועלט־קאנגרעס האט ד"ר ישראל גאלדשטיין געשפילט א גרויסע ראלע אין גרינדן די קאנפערענץ פאר די יידישע תביעות צו דייטשלאנד, פון וועלכער ד"ר נחום גאלדמאן איז געווען דער איניציאטאר און הויפט־ארכיטעקט. אין דער קאנפערענץ פאר די יידישע תביעות צו דייטשלאנד, וואס איז אויף דער איניציאטיוו פון ד"ר נחום גאלדמאן אפגעהאלטן געווארן אין ניו יארק מיט דער באטייליקונג פון פארשטייער פון איין און צוואנציק יידישע ארגאניזאציעס אין די פאראייניקטע שטאטן און אין די אנדערע גרעסערע יידישע ישובים אין דער פרייער וועלט, איז ד"ר גאלדשטיין געוויילט געווארן אלס מיטגליד פון פרעזידיום פון דער ניי־געשאפענער פאראייניקטער ארגאניזאציע. ער האט זיך באטייליקט אין די שווערע און קאמפליצירטע פארהאנדלונגען, וואס האבען אַ דאנק די גרויסע היסטארישע באַמיאונגן פון ד"ר נחום גאלדמאן, געפירט צו שליסן דעם אפמאך אין לוקסעמבורג מיט מערב־דייטשלאנד, אין 1952, וועגן די מאטעריעלע אנטשעדיקונגען, וואס די רעגירונג פון באָן האט זיך פארפליכטעט צו צאלן דעם וועלט־יידנטום, דורך דער

קאנפערענץ פון די יידישע ארגאניזאציעס, דער יידישער מדינה און די יידישע נאצי־קרבנות אלס יחידים.

״מיר האלטן״ — האט ד״ר גאלדשטיין דערקלערט וועגן דער דאזיקער וויכטיקער אקציע — ״אז דאס דערפאלגרייכע

אפשליסן די פארהאנדלונגען מיט׳ן אונטערשרייבן דעם לוקסעמבורגער אפמאך שטעלט פאר מיט זיך נישט בלויז א גרויסע מאטעריעלע דערגרייכונג, נאר אויך א וויכטיקן מאראלישן זיג. אָן אַן ארמיי און אָן אַ פלאַט, נאר בלויז מיט זיין מאראלישן כוח האט דאס יידישע פאלק באוויזן צו באקומען א טיילווייזע מאטעריעלע רעפּאַראַציע פון דעם דייטשן פאלק, וואס איז באגאנגען די שוידערלעכע פארברעכנס קעגן יידן, אומברייענגענדיק זעקס מיליאן זין און טעכטער פון יידישן פאלק״.

ד״ר ישראל גאלדשטיין האט גענומען א גרויסן אנטייל אין דער פארטיילונג פון די ״שילומים״־געלטער, וואס די רעגירונג פון מערב־דייטשלאנד האט אויסגעצאלט אין משך פון צוועלף יאר לויט די פארפליכטונגען, וואס זי האט גענומען אויף זיך אין לוקסעמבורגער אפמאך. ביי די יערלעכע צוזאמענפארן פון דער קאנפערענץ פון די יידישע ארגאניזאציעס, ווו די פארטיילונג פון די ״שילומים״־געלטער איז דורכגעפירט געווארן, האט ד״ר גאלדשטיין פארנומען א וויכטיקע פאזיציע. ער האט שטארק געשטיצט דעם פראגראם, אז אַ באדייטנדיקער טייל פון די געלטער זאל באשטימט געווארן פאר אויפשטעלן יידישע קהילה־צענטערס און קולטור־און דערציאונגס־אינסטיטוציעס אין די יידישע ישובים אין מערב־און צענטראל־אייראפע, וואס זיינען באנייט געווארן נאכן חורבן.

אונטערן פארזיץ פון ד״ר נחום גאלדמאן האט ד״ר ישראל

גאלדשטיין זיך אויך באטייליקט, אין יוני 1953, אין דער היסטארישער קאנפערענץ מיט דעם דעמאלטיקן קאנצלער פון עסטרייך ד״ר יוליוס ראַב און אנדערע פארשטייער פון דער עסטרייכישער רעגירונג וועגן שילומים־געלטער פאר די יידישע נאצי־קרבנות אין עסטרייך. די דאזיקע פארהאנדלונגען האבן אבער נישט געבראכט קיין באדייטנדיקע רעזולטאטן, צוליב דער אומגינסטיקער שטעלונג פון דער עסטרייכישער רעגירונג.

ד״ר ישראל גאלדשטיין איז אויך, אלס פארשטייער פון דער יידישער אגענץ און פון דער עקזעקוטיווע פון דער ציוניסטישער וועלט־ארגאניזאציע, געווען פרעזידענט און דערנאך פארזיצער פון ראט פון דער דזשואיש רעסטיטיושאן סוקסעסאר ארגאניזיישאן (״אירסא״) וועלכע האט איינגעמאנט די יורשים־לאזע יידישע פארמעגנס, וואס זיינען צוגערויבט געווארן דורך די נאצים, און האט די געלטער פארטיילט פאר נייע יידישע קולטור־אינסטיטוציעס, וואס זיינען נאך דער מלחמה אויפגעבויט געווארן אין מערב־אייראפע. די ארגאניזאציע האט אויך צונויפגעזאמלט די צוגערויבטע יידישע ביבליאטעקן, קונסט־ווערק, ספרי־תורה, רעליגיעזע חפצים און זיי איבערגעגעבן אין די ביבליאטעקן, מוזייאומס און בתי תפילה אין מדינת ישראל און אין די קהילות אין מערב־אייראפע. אין דער היסטארישער רעטונגס־אקציע פון די גייסטיקע יידישע אוצרות האט ד״ר גאלדשטיין געשפילט אַ פירנדיקע ראלע.

קאפיטל צוויי און דרייסיק

צווישן וואשינגטאן און ירושלים

אין די צען יאר, פון 1950 ביז 1960, וואס ד"ר ישראל גאלדשטיין איז פארבליבן אין די פאראייניקטע שטאטן, ביז ער האט עולה געווען מיט זיין פרוי קיין ישראל און זיי זיינען געווארן תושבים אין ירושלים — האט ער געטיילט זיין צייט און זיין ארבעט צווישן אמעריקע און דער יידישער מדינה. די גרויסע און פארצווייגטע "קעגענ־ווארטס־ארבעט" — ווי עס איז דער טערמין אין דער ציוניסטישער אידעאלאגיע — וואס ער האט אנטוויקלט אין די יארן אין די פאראייניקטע שטאטן און אין אנדערע תפוצות ישראל, האט אים לחלוטין נישט געשטערט צו ווידמען זיך ווייטער זיינע ציוניסטישע אויפגאבן און זיין איבערגעגעבענער טעטיקייט פאר מדינת ישראל. אזוי האט ער אין משך פון די מערסטע פון די יארן אנגעהאלטן זיין פאזיציע אלס פרעזידענט פון אמעריקאנער יידישן קאנגרעס און וויצע־פרעזידענט פון יידישן וועלט־קאנגרעס — אויס־פירנדיק גלייכצייטיק זיינע פליכטן אלס מיטגליד פון דער ציוניסטישער וועלט־עקזעקוטיווע און פארזיצער פון דער וועלט־קאנפעדעראציע פון די אלגעמיינע ציוניסטן, אינ־איינעם מיט דער גייסטיקער פירערשאפט פון זיין קהילה "בני ישורון".

יעדעס יאר איז אים אויסגעקומען צו באזוכן ישראל

אמווינציקסטן איין מאל, און על פי רוב עטלעכע מאל, בכדי צו באטייליקן זיך אין די זיצונגען פון דער ציוניס־טישער וועלט־עקזעקוטיווע, אין די סעסיעס פון אקציאנס־קאמיטעט און ביי ספעציעלע געלעגנהייטן, וואס זיינען געווען פארבונדן מיט זיינע ווייטערדיקע איניציאטיוועס און אונטערנעמונגען אין מדינת ישראל.

אין יאנואר 1950, קוים עטלעכע חדשים נאך זיין געזעגענען זיך מיט דעם ישוב, פארענדיקנדיק זיין יאר דינסט אלס אנפירער פון פינאנץ־דעפארטמענט פון דער יידישער אגענץ, איז ד״ר גאלדשטיין ווייטער געווען אין ירושלים און האט זיך באטייליקט אין חנוכת הבית פון דעם יוגנט־דארף אין קטמון, וואס איז אָנגערופן געווארן אויף זיין נאמען. אין אנשטאלט פון דער יוגנט־עליה איז שוין דאן געווען אריינגענומען א גרופע קינדער און יוגנטלעכע. די אינסטיטוציע, וווּ די ארבעט ביי לאנדווירטשאפט איז געווארן פארבונדן מיט א נארמאלער ישראלדיקער שולע, האט שוין אנגעהויבן וואקסן און אנטוויקלען זיך, מיט דער הילף פון ד״ר ישראל גאלדשטיין, וועלכער גיט זיך אפ זינט דעמאלט זייער א סך מיט דער זארג פאר קענען אויפהאלטן די אנשטאלט און זי פונאנדערבויען מיט נייע אפטיילונגען.

די חנוכת הבית פון דעם יוגנט־דארף איז געווען פאר אים א פייערלעכע געלעגנהייט. באגריסנדיק די גרופע ניי־אנגעקומענע קינדער פון דער יוגנט־עליה, וועלכע זיינען אריינגענומען געווארן אין דעם דארף, האט ער צו זיי געזאגט:

״אט דער דאזיקער מקום איז אונדז באזונדערס טייער,

ווייל ער איז א טייל פון ירושלים. פון ירושלים וועט דאס דאזיקע דארף באקומען שוץ און גייסטיקע דערמוטיקונג און וועט צוריקגעבן כוח דער אייביקער הויפטשטאָט פון מדינת ישראל".

אריבערגייענדיק צו אן אקטועלער פאליטישער טעמע, האט ד"ר גאלדשטיין אויסגעפירט:

"זינט איך בין דא לעצטנס געווען, איז ירושלים געווארן נאך טייערער דעם יידישן פאלק און נאך נאענטער ווי פריער — אויב דאס איז מעגלעך. ווייל די קאנספיראציע אין די "יונייטעד נײשאנס" אוועקצונעמען ירושלים פון מדינת ישראל האט נאך ענגער צונויפגעבונדן ירושלים מיט דער יידישער מדינה און האט ביי יידן אין דער גאנצער וועלט נאך א סך מער פארשטארקט זייער גייסטיקן קשר מיט דער שטאט, מיט דער אייביקער יידישער הויפשטאָט, מיט דעם געבורטס־ארט פון דער יידישער געשיכטע.

"רעדנדיק אין נאמען פון די אמעריקאנער יידן, קען איך אייך פארזיכערן, אז דער גורל פון ירושלים איז אונדזער זאָרג, פונקט ווי אייערע. ירושלים וועט זיין די הויפט־שטאט פון מדינת ישראל אין יעדן זין, אויך אין פאליטישן, און וועט גלייכצייטיק בלייבן, ווי זי איז תמיד געווען, אויך אונדזער גייסטיקע הויפטשטאָט. מיר ווילן זען ירושלים פריי און זיכער. מיר ווילן זען ירושלים באשיצט דורך די איינציקע הענט, וועלכע מען קען אנפארטרויען אין אלע צייטן און אונטער אלע באדינגונגען — די הענט פון ישראל".

אנווייזנדיק מיט צופרידנקייט אויף דעם, אז ירושלים איז

געקומען צו זיך נאך די שווערע ווונדן פון דער באלאגערונג אין 1948, האט ד״ר גאלדשטיין באמערקט, אז אויך די חנוכת הבית פון דעם יוגנט־דארף איז א באוויז פון דער כסדר׳דיגער ווידעראויפריכטונג פון דער הויפטשטאט.

ד״ר גאלדשטיין האט פארענדיקט זיין באגריסונג מיט אנווייזן אויף דער באזונדערער וויכטיקייט דערפון, וואס דאס נייע יוגנט־דארף וועט זיך קאנצענטרירן אויף לערנען אגריקולטור. ״די יוגנט, וואס וועט אויפגעצויגן ווערן פאר לאנדווירטשאפט, וועט זיין דער בעסטער מענטשלעכער מאטעריאל פאר ישראל״ — האט ער אויסגעפירט.

נישט בלויז די פראגע פון ירושלים, וועגן וואס די שונאים פון ישראל האבן דעמאלט געגרייט פארשיידענע פלענער פאר אפרייסן פון דער יידישער מדינה איר אייביקע הויפט־שטאט, האט פארשאפט א טיפע זארג דער יידישער פירערשאפט אין אמעריקע. די אפטע אגרעסיע־אקטן קעגן ישראל פון דעם נייעם רעזשים אין עגיפטן מיט גאמאל אבדעל נאסער׳ן אין דער שפיץ, וואס איז געקומען צו דער מאכט אין יולי 1952, האבן געשטעלט אין געפאר די זיכערקייט פון דער יידישער מדינה. פאר מדינת ישראל האט זיך געשטעלט דאס ערנסטע פראבלעם וועגן קריגן באלדיקע הילף פון דער רעגירונג פון די פאראייניקטע שטאטן, באזונדערס נאכדעם ווי סאוויעט־רוסלאנד האט אנגעהויבן באוואפענען עגיפטן, אויסשפרייטנדיק איר איינפלוס איבער דעם נייעם רעזשים אין קאיר. די רעגירונג פון ישראל האט פארלאנגט פאר איר פארטיידיקונג וואָפן פון וואשינגטאן, און האט זיך אָנגעשטויסן אויף גרויסע שוועריקייטן.

אין יענע טעג, אין מערץ 1955, איז צונויפגערופן געווארן

אין וואשינגטאן א דרינגגדיקע קאנפערענץ פון דער פאר־
אייניקונג פון די גרויסע יידישע ארגאניזאציעס אין
אמעריקע, וואס איז געשאפן געווארן אויף דער איניציאטיוו
פון ד״ר נחום גאלדמאן, דעמאלטיקן פארזיצער פון דער
ציוניסטישער וועלט־עקזעקוטיווע, און אין וועלכער ד״ר
ישראל גאלדשטיין האט געשפילט א פירנדיקע ראלע אלס
פרעזידענט פון אמעריקאנער יידישן קאנגרעס און מיטגליד
פון דער ציוניסטישער וועלט־עקזעקוטיווע. ד״ר ישראל
גאלדשטיין איז געווען איינער פון די פירער פון דער
דרינגנדיקער קאנפערענץ און האט פארנומען דעם אויבן־
אָן ביים פארמולירן אירע פאדערונגען צו דער אמעריקאנער
רעגירונג וועגן קומען באלד צו־הילף דער יידישער מדינה.

״אלס אמעריקאנער בירגער — האט ד״ר גאלדשטיין
דערקלערט אין זיין פראגראם־רעדע אויף דעם צוזאמענפאר
— זיינען מיר איבערגעגעבן דעם וווילזיין פון די פאר־
אייניקטע שטאטן סיי אין די אינלענדישע ענינים און סיי
אין די פראבלעמען פון דער אויסערן־פאליטיק. גלייכצייטיק
האבן מיר אבער דאס פולע רעכט, וואס עס האבן אלע
אמעריקאנער, צו קריטיקירן די פאליטיק פון אונדזער
רעגירונג, ווען עס איז נויטיק, און צו אונטערנעמען אַן
אקציע פאר געווינען די שטיצע פון אמעריקאנער פאלק
און פון דער אמעריקאנער רעגירונג פאר אונדזער שטאנד־
פונקט און פאר אונדזערע פאדערונגען.

״מיר זיינען שטאלץ דערויף, וואס מיר האבן געהאט
אונדזער טייל אין דער גרינדונג פון מדינת ישראל און
וואס מיר העלפן ווייטער דער יידישער מדינה זייענדיק טיף
איבערצייגט, אז דער קיום פון מדינת ישראל איז וויכטיק
ניט נאר פארן יידישן פאלק נאר פאר דער גאנצער

ציוויליזאציע און דעמאקראטיע פון דער וועלט. מיר זיינען דאנקבאר די פאראייניקטע שטאטן פאר האבן געשפילט די גרויסע און אנטשיידנדיקע ראלע אין דער באנייונג פון דער יידישער מדינה און אין געבן איר די עקאנאמישע הילף און מאראלישע שטיצע באלד אין אנהויב. אבער מיר זיינען שטארק צערודערט פון דער איצטיקער אמעריקאנער פאליטיק אין מיטעלן מזרח".

ארויסשטעלנדיק די פאדערונג וועגן אמעריקאנער וואָפן פאר ישראל, פאר איר פארטיידיקונג קעגן די אראבישע שונאים, באזונדערס קעגן עגיפטן, וואס ווערט שטארק באוואפנט דורך סאוויעט־רוסלאנד, — האט ד"ר ישראל גאלדשטיין אויסגעפירט:

"מיר זיינען זייער באאומרויקט און מיר האלטן, אז עס איז די העכסטע צייט, אז די אמעריקאנער רעגירונג זאל אונדז זאגן, וואס זי פלאנט צו טאן בכדי צוריקצושטעלן די זיכערקייט פון ישראל און געבן די פריינט פון דער יידישער מדינה דאס געפיל אז מען קען זיין רויק לגבי דער צוקונפט פון ישראל".

רעדנדיק אין נאמען פון דער קאנפערענץ פון זעכצן גרויסע יידישע ארגאניזאציעס אין אמעריקע, ציוניסטישע און נישט־ציוניסטישע, וועמענס פארשטייער זיינען זיך צונויפ־געקומען אין וואשינגטאן צו באהאנדלען דאס ערנסטע פראבלעם וועגן דער הילף פון דער אמעריקאנער רעגירונג פאר ישראל אין דעם שווערן מאמענט, האט ד"ר גאלדשטיין דערקלערט:

"פון דער האזיקער קאנפערענץ שיקן מיר אונדזער אויס־דרוק פון דערמוטיקונג צו ישראל און מיר דערקלערן, אז ווי גרויס עס זאל נישט זיין די געפאר פון איזאלירונג,

פאר וועלכער די יידישע מדינה קאן געשטעלט ווערן, וועלן מיר נישט דערלאזן, אז ישראל זאל איזאלירט ווערן פון דעם אינטערעס, פון דעם גוטן ווילן, פון דער זארג, פון דער מאטעריעלער און מאראלישער שטיצע פון די יידן אין אמעריקע. דער דאזיקער צוזאמענפאר דעמאנסטרירט, אז וואס שווערער עס איז די לאגע פון אונדזערע ברידער אין ישראל, אלץ שטארקער איז אונדזער פארפליכטונג צו שטיין צוזאמען מיט דער יידישער מדינה. דער גורל פון יידישן פאלק רופט ווייטער די יידן אין אמעריקע צו נייע גרויסע אנשטרענגונגען לטובת ישראל".

אין דעם נייעם קריזיס, וועלכער האט זיך דאן אנגערוקט אויף דער יידישער מדינה צוליב דער סאוויעטישער באוואפענונג פון עגיפטן און צוליב נאסער'ס נייע צו־גרייטונגען צו אַן אגרעסיע־מלחמה קעגן ישראל מיט דעם ציל, וועלכן ער האט אָפן פראקלאמירט צו פארמעסטן זיך קעגן דעם קיום פון דער יידישער מדינה — איז די יידישע פירערשאפט אין אמעריקע געשטעלט געווארן ווידעראמאל פאר דער אויפגאבע צו פאראייניקן די רייען פון אמערי־קאנער יידנטום פאר מאביליזירן די עפענטלעכע מיינונג פון די פאראייניקטע שטאטן און באקומען די מעגלעך־גרעסטע הילף, מאטעריעלע און מאראלישע, פאר ישראל. אין דער נייער אקציע איז ד"ר גאלדשטיין ווייטער געשטאנען אין דער ערשטער רייע פון דער קאמפס־ליניע. ער האט געטיילט זיין צייט און זיינע אנשטרענגונגען צווישן וואשינגטאן און ירושלים, ענטפערנדיק סיי דא און סיי דארט אויף יעדן רוף פון דער פליכט, וואס ער האט זיך געווידמעט זיין גאנץ לעבן צו דינען דעם יידישן פאלק און דער יידישער מדינה.

קאפיטל דריי און דרייסיק

300־סטער יובליי־יאר פון אמעריקאנער יידנטום

״ס׳איז בלויז א צופאל פון דער געשיכטע, וואס דער יידישער קיבוץ אין די פאראייניקטע שטאטן איז אויסגעוואקסן צו זיין דער גרעסטער און דער שטארקסטער פון אלע יידישע ישובים אין דער וועלט. די רעדער פון דער יידישער געשיכטע דרייען זיך ארום־און־ארום. דאס דארף זיין א לעקציע, אז אויב א יידישער קיבוץ איז אויף א געוויסער צייט אין א שטארקערער פאזיציע, טראגט ער אויף זיך א פאראנטווארטלעכקייט, וואס דארף אַנטשפרעכן זיינע מעגלעכקייטן צו העלפן אנדערע יידישע ישובים אין די תפוצות ישראל״. —

דעם דאזיקן כלל פון יידישער געשיכטע האט ד״ר ישראל גאלדשטיין ארויסגעבראכט אין א רעדע, וואס ער האט געהאלטן אין דער שטאט פון בראזיל, ר ע ס י פ ע, וואס ווערט באטראכט פאר דעם געבורט־ארט פון דעם יידישן ישוב אין די פאראייניקטע שטאטן. פון דער שטאט רעסיפע זיינען אין סעפטעמבער 1654 אנגעקומען די ערשטע דריי און צוואנציק יידן קיין ניו יארק (וואס האט דעמאלט נאך געטראגן דעם נאמען ניו־אמסטערדאם און איז געווען אונטער דער הערשאפט פון האלאנד). אט די גרופע פון דריי און צוואנציק יידן, וועלכע זיינען אוועקגעפארן פון בראזיל צוליב דעם געפאַר פון דער קאטוילישער אינקווי־

זיציע, האט געלייגט דעם יסוד פאר דעם איצטיקן פינף־און־א־האלב מיליאניקן יידישן ישוב אין די פאראייניקטע שטאטן. יידן האבן דאַן אויסגעוואנדערט פון בראזיל אויך אין אנדערע האלענדישע קאלאניעס אין דער מערב־העמיספערע.

ד״ר ישראל גאלדשטיין איז געקומען קיין רעסיפע אין א נייער וויכטיקער שליחות. וואס ער האט גענומען אויף זיך. סוף סעפטעמבער 1954 איז געפייערט געווארן דער דריי־הונדערט־יעריקער יובילײ פון יידישן ישוב אין די פאר־אייניקטע שטאטן. ד״ר גאלדשטיין איז געוויילט געווארן אלס איינער פון די פארזיצער פון דעם יובילײ־קאמיטעט. זייענדיק דעמאלט אויך פרעזידענט פון אמעריקאנער יידישן קאנגרעס און וויצע־פרעזידענט פון יידישן וועלט־קאנגרעס, האט ער אונטערגענומען אַ ״סענטימענטאלע רייזע״ — ווי ער האט זיך אויסגעדריקט — אוועקצולאזן זיך אויף דעם וועג, דורך וועלכן די ערשטע יידן זיינען געקומען קיין צפון־אמעריקע.

געטריי זיינע איבערצייגונגען און דעם אידעאל, וועלכן ער האט געדינט זיין גאנץ לעבן, האט ד״ר גאלדשטיין פארבונדן דעם יום־טוב פון אמעריקאנער יידנטום מיט דעם הייליקן פרינציפּ פון עם ישראל און ארץ־ישראל. שוין ביים צוגרייטן דאס פראגראם פון די פייערונגען, ביי דער ערשטער קאנפערענץ פון דעם יובילײ־קאמיטעט, אין אפריל 1953, האט ער באטאנט די ענגע פארבינדונג פון דעם גורל פון אמעריקאנער יידנטום מיט דעם גורל פון גאנצן יידישן פאלק אין דער גארער וועלט. ער האט באזונדערס אונטערגעשטראכן די ראלע פון די יידן אין די פאראייניקטע שטאטן פאר ווידעראויפשטעלן

די יידישע מדינה אין ארץ ישראל און די אחריות וואס אמעריקאנער יידן טראגן אויף זיך פאר פארזיכערן דעם קיום פון מדינת ישראל:

״די פיינסטע שעה פון אמעריקאנער יידנטום — האט ד״ר גאלדשטיין דערקלערט — איז געווען, ווען די יידן אין די פאראייניקטע שטאטן האבן געשפילט זייער גרויסע ראלע, די צווייטע נאך דעם ישוב אין ארץ ישראל, וואס שייך מאביליזירן די מאטעריעלע הילף און געווינען די פאליטישע שטיצע פון אמעריקאנער פאלק און פון דער אמעריקאנער רעגירונג פאר דער יידישער נאציאנאלער היים אין ארץ ישראל, און דערנאך פאר מדינת ישראל. אין דער לעצטער פאַזע פון דעם קאמף האבן נישט־ציוניסטן זיך פאראייניקט מיט ציוניסטן פאר דער געמיינזאמער היסטארישער אנשטרענגונג. און העלפנדיק מדינת ישראל, האט דער אמעריקאנער יידנטום געשטארקט זיך אליין״.

ד״ר גאלדשטיין האט ביי דער געלעגנהייט, בעת אמערי־קאנער יידן זיינען צוגעטראטן צו פייערן דעם 300־יעריקן יובילײ פון זייער ישוב, אויך ארויסגעהויבן די גרויסע ראלע פון ציוניזם, וועלכן ער האט באצייכנט פאר דעם דינאמישן הויפט־כוח פון יידנטום אין די פארגאנגענע פופציק יאר און אין אונדזער צייט. ער האט באטאנט די גרויסע באדייטונג פון ציוניזם אין דעם וווקס פון פרעסטיזש און פון איינפלוס פון אמעריקאנער יידנטום.

אין ד״ר ישראל גאלדשטיינ׳ס אויפפאסונג האבן דריי מקומות אין דער וועלט געהאט א באזונדערע באדייטונג אין שייכות מיט דער פייערונג פון 300־יעריקן יובילײ פון אמעריקאנער יידנטום. אויפ׳ן ערשטן ארט האט ער אויס־

גערעכנט ישראל, "ווייל זי איז די יידישע מדינה" — האט ער זיך אויסגעדריקט. דאן האט ער אנגעוויזן אויף האלאנד, ווייל פון אמאליקן דארטיקן יידישן ישוב זיינען געקומען די יידן, וועלכע האבן אויפגעשטעלט די ערשטע יידישע קהילות אין דער מערב־העמיספערע, און ווייל אויך די ערשטע יידן, וועלכע זיינען געקומען קיין צפון־אמעריקע, האבן געשטאמט פון האלאנד. דערנאך האט ער דערמאנט די היסטארישע יידישע ישובים אין דרום־און אין צענטראל־אמעריקע, וואס זיינען געווען דער מקור, פון וועלכן עס האט זיך שפעטער אנטוויקלט דאס גרויסע צפון־אמעריקאנער יידנטום.

אין דעם זין האט ער אויך באטראכט זיין אויפגאבע, אלס איינער פון די אנפירער פון דער יובליי־פייערונג פון יידישן ישוב אין די פאראייניקטע שטאטן. ער האט אנגעהויבן מיט מדינת ישראל. ביי דער סעסיע פון ציוניסטישן אקציאנס־קאמיטעט, וואס איז אפגעהאלטן געווארן אין ירושלים סוף יולי 1954, און אין וועלכער ער האט זיך באטייליקט אלס מיטגליד פון דער ציוניסטישער וועלט־עקזעקוטיווע, האט ער אין נאמען פון יובליי־קאמיטעט אין ניו יארק אפגעגעבן א דערקלערונג, אין וועלכער ער האט דעם יום־טוב פון אמעריקאנער יידנטום פארבונדן מיט דער ראלע פון דער באנייטער יידישער מדינה פאר אויפהאלטן דעם קיום פון יידן אומעטום.

"מיר, אמעריקאנער יידן, נויטיקן זיך אין דעם ליכט, וואס קומט פון ציון" — האט ד"ר גאלדשטיין אויסגעפירט — "מיר נויטיקן זיך אין דער אינספיראציע, וואס קומט פון דעם טאג־טעגלעכן קאמף אין מדינת ישראל קעגן שוועריי־

קייטן, וואס קיין שום אנדער פאלק וואלט נישט געקענט בייקומען״.

ביי דערזעלבער סעסיע פון ציוניסטישן אקציאנס־קאמיטעט איז אנגענומען געווארן, אויפן פארשלאג פון ד״ר ישראל גאלדשטיין, א רעזאלוציע צו באגריסן דאס אמעריקאנער יידנטום צו זיין 300־יעריקן יובילײ.

גלייכצייטיק האבן דער דעמאלטיקער פרעזידענט פון ישראל, **יצחק בן־צבי**; דער פרעמיער־מיניסטער **משה שרת** און רב ראשי **יצחק אייזיק הלוי הערצאג** איבערגעגעבן ד״ר גאלדשטיינ׳ען באגריסונגען צום יום־טוב פון די יידן אין די פאראייניקטע שטאטן. פרעזידענט יצחק בן־צבי האט אין זיין באגריסונג באטאנט, אז ״אמעריקאנער יידן האבן געמאכט א היסטארישע בײשטייערונג צו דער גרינדונג און באפעסטיגונג פון דער יידישער מדינה״. פרעמיער־מיניסטער משה שרת האט אונטערגעשטראכן, אז ״אָן דער גרויסער איבערגעגעבנקייט פון די מאסן אמעריקאנער יידן פאר דעם אידעאל פון אונדזער פאלק, וואלט מדינת ישראל קוים געקענט אויפגעריכט ווערן״. הרב הערצאג האט גערופן די אמעריקאנער יידן ״צו פארשטארקן זייער גייסטיקן קשר מיט ישראל און ירושלים אין דער תקופה פון אתחלתא דגאולה״.

פון ישראל איז ד״ר גאלדשטיין געפאָרן קיין האלאנד און האט אין האַג איבערגעגעבן דעם פרעמיער־מיניסטער ד״ר ווילהעלם דרעעס אַן אפיציעלע דערקלערונג וועגן דעם יובילײ פון אמעריקאנער יידנטום. ד״ר גאלדשטיין האט דערמאנט, אז דער ערשטער ייד, וועלכער איז געקומען קיין נײ־אמסטערדאם (שפעטערדיקן נײ יארק), אין אויגוסט 1654,

יעקב בר־שמעון, איז געקומען דירעקט פון האלאנד. א חודש שפעטער אין סעפטעמבער, איז געקומען די גרופע דריי און צוואנציק יידן פון רעסיפע.

ביי דער געלעגנהייט האט ד״ר גאלדשטיין אויסגעדריקט א דאנק דער האלענדישער רעגירונג פאר איר פריינטלעכער באציונג צו מדינת ישראל און האט מיטגעטיילט דעם פרעמיער־מיניסטער, אז אַ דאָרף פון דער יוגנט־עליה, וואס איז געגרינדעט געווארן אין ישראל מיט דער הילף פון די האלענדישע יידן, איז אנגערופן געווארן אויפן נאמען פון דער האלענדישער קעניגין יוליאַנאַ.

דער פרעמיער־מיניסטער האט דורך ד״ר ישראל גאלד־שטיינ׳ען איבערגעגעבן אַן אפיציעלע באגריסונג צו די יידן אין אמעריקע לכבוד זייער יובילעי, באטאנענדיק אז ״די ערשטע 23 יידן, וועלכע זיינען געקומען קיין ניו־אמסטערדאם פון בראזיל, זיינען געווען פון האלענדישער אפשטאמונג״, און אז ״זיי האבען געזוכט און געפונען אַן אטמאספערע פון רעליגיעזער טאלעראנץ אין דער האלענדישער געמיינדע פון ניו־אמסטערדאם״.

ווען דער האלענדישער פרעמיער־מיניסטער, ד״ר דרעעס, האט געהערט אז ד״ר גאלדשטיין קלייבט זיך אויך צו באזוכן אין פארבינדונג מיט דעם יובילעי פון אמעריקאנער יידנטום די האלענדישע קאלאניעס אין דער מערב־העמיספערע — סורינאַם און קוראַסאַ — האט ער, אויסדריקנדיק זיין צופרידנקייט, דערקלערט אז ער וועט שיקן אינסטרוקציעס צו די האלענדישע גובערנאטארן פון די לענדער וועגן דעם וויזיט.

א כאראקטעריסטישע באציונג צום יובילעי פון אמעריקאנער

יידנטום האט ד״ר גאלדשטיין געפונען ביי די ציוניסטישע פירער, מיט וועלכע ער האט זיך באגעגנט אין האַג. זיי האבן ארויסגעוויזן ווייניק באגייסטערונג דערפאר, אז די יידן אין אמעריקע דארפן פייערן אזא יום־טוב, ארויס־הויבנדיק דעם שטאנדפונקט פון שלילת הגלות.

פון האלאנד האט ד״ר גאלדשטיין זיך אוועקגעלאזט אויף זיין ״סענטימענטאלער רייזע״ — ווי ער האט זי אנגערופן — צו באזוכן די בראזיליאנער שטאט רעסיפע, דאס געבורט־ארט פון אמעריקאנער יידנטום, און די האלענדישע קאלאניעס סורינאם און קוראסאַ, וואו עס האבן זיך געפונען יידישע געמיינדעס א סך פריער, ווי אין צפון־אמעריקע.

זיין באזוך אין אט די אלטע און פארווארפענע קליינע יידישע קהילות אין דער מערב־העמיספערע האט ד״ר גאלדשטיין אויסגענוצט כדי צו פרובירן שטארקן דאס דארטיקע יידישע לעבן, וואס האט זיך געפונען אין א טרויעריקן צושטאנד — אין דער צייט ווען דער פיל־מיליאניקער יידישער ישוב אין די פאראייניקטע שטאטן האט זיך געגרייט צו זיין גרויסן יום־טוב.

קאפיטל פיר און דרייסיק

סענטימענטאלע רייזע איבער אלטע ייִדישע ישובים אין דער נייער וועלט

„געווען א איראָנישער מאמענט אין דעם פריינטלעכן קבלת־פנים, וואס עס האבן מיר געגעבן דער גאווערנער פון פערנאַמבוקאָ, דער בירגערמייסטער פון דער שטאט רעסיפע און די אנדערע הויכע בראזיליאנער באאמטע. אין דערזעלבער צייט, וואס איך האט באזוכט רעסיפע אין שייכות מיט דעם יום־טוב פון אמעריקאנער ייִדנטום, האט בראזיל געפייערט דעם 300־יעריקן יובילײ פון „אראפוואַרפן דעם האלענדישן יאָך". די גאַסן פון רעסיפע זיינען געווען דעקארירט מיט פענער לכבוד דער פייערונג. און עס איז דאָך געווען דאסזעלבע געשעעניש: דאס „אראפוואַרפן דעם האלענדישן יאָך", און דער פאקט אז פארטוגאל האט געהאט באהערשט בראזיל, וואס האט געבראכט דערצו, אז ייִדן זאלען אנטלויפן פון רעסיפע, מורא האבנדיק פאר דער אינקוויזיציע פון דער קאטוילישער קירך, וואס האט זיי באדראָט מיטן אנקומען פון דער פארטוגעזישער הערשאפט. און אָט די ייִדן, וועלכע זיינען דעמאלט אנטלאָפן פון רעסיפע, זיינען געווען די, וועלכע האבן מיט דריי הונדערט יאר צוריק געגרינדעט דעם ייִדישן ישוב אין די פאראייניקטע שטאטן.

„לאגיש האט עס געקענט אויסזען, אז צווישן אונדזער

יום־טוב פון דעם 300־יעריקן יובילײ פון אמעריקאנער ייִדנטום און דעם 300־יעריקן יובילײ פון דער באַפרייאונג פון בראזיל, איז פאראן א שטארקע סתירה, און אז דאס װאלט נישט געדארפט זיין קיין געלעגנהייט פאר א פריינטלעכן אויסטויש. אבער די יארהונדערטער, וואס זיינען פארלאפן צווישן די ביידע געשעענישן, האבן אפגעמעקט די דאזיקע לאגישע סתירה און איך בין אויפגענומען געווארן זייער פריינטלעך. מען האט מיר אויך געוויזן די שלאכטפעלדער, וואו "דער האלענדישער יאר איז אראפגעווארפן געווארן".

דאס איז נישט געווען דער איינציקער איראָנישער מאמענט, וועגן וועלכן ד"ר ישראל גאלדשטיין האט געהאט צו דערציילן ביים שילדערן די "סענטימענטאלע רייזע", וואס ער האט אונטערגענומען קיין דרום־און צענטראל־אמעריקע, אלס מיטפארזיצער פון דעם קאמיטעט צו פייערן דעם 300־יעריקן יובילײ פון אמעריקאנער ייִדנטום. אין דער־זעלבער אלטער בראזיליאנער שטאט רעסיפע אין ד"ר ישראל גאלדשטיינ'ס הויפט־גאסטגעבער געווען פראפעסאר גילבערטא פרעירע, איינער פון די פראמינענטסטע אינטע־לעקטואלן אין בראזיל און א בארימטער היסטאריקער. נאך דעם פייערלעכן באנקעט, וואס איז איינגעאָרדנט געווארן לכבוד ד"ר גאלדשטיינ'ען און וועלכן פראפעסאר פרעירע האט פרעזידירט, האט דער בראזיליאנער גע־לערנטער איינגעלאדן צו זיך אהיים זיין גאסט פון ניו־יארק און האט אים געוויזן א בוך וועגן בארימטע ייִדישע פאמיליעס פון האלאנד, וואס האבן מיט הונדערטער יארן צוריק זיך באזעצט אין בראזיל. דאס בוך האט זיך אנגעהויבן מיטן נאמען פון דער משפחה פ ר ע י ר ע.

ד״ר גאלדשטיין האט דאן געמאכט אויפמערקזאם דעם בראזיליאנער היסטאריקער, אז אין דער העברעאישער טראנסקריפציע קאן פון א ״פ״ ווערן א ״פ״ (״עף״), און אז עס איז זייער מעגליך, אז אויך ער אליין, פראפעסאר גילבערטא פרעירע, שטאמט פון דערזעלבער האלענדיש־יידישער פאמיליע. ד״ר גאלדשטיינ׳ס באמערקונג האט געמאכט אויף דעם בראזיליאנער היסטאריקער א שטארקן רושם. ער האט געזאגט זיין גאסט פון ניו־יארק, אז אויך דאס געהערט צו דער איראניע פון גורל — אז עס האט געדארפט קומען א פירער פון אמעריקאנער יידנטום צו אנטפלעקן אים, דעם בראזיליאנער, אז ער שטאמט פון יידן.

די אויפנאמע לכבוד ד״ר גאלדשטיינ׳ען אין רעסיפע, איז געווען זייער א הארציקע. דער גאווערנער פון דעם שטאַט פערנאמבוקא און דער בירגערמייסטער פון דער שטאָט רעסיפע האבן ביי אפיציעלע אוידיענצן אים איבערגעגעבן שריפטלעכע באגריסונגען צום אמעריקאנער יידנטום לכבוד דעם יובילייִ. ביי דער געלעגנהייט האבן זיי אויך איבער־געשיקט זייערע ווונטשן צום גאווערנער פון שטאַט ניו־יארק און צום מעיאר פון דער שטאָט ניו יארק. ביים פייערלעכן באנקעט, וואס איז איינגעארדנט געווארן לכבוד ד״ר גאלדשטיינע׳ן, און אין וועלכן עס האבן, אינאיינעם מיט דער יידישער קהילה אין רעסיפע, זיך באטייליקט די אפיציעלע בראזיליאנער פערזענלעכקייטן, האט דער פארזיצער — פראפעסאר גילבערטא פרעירע — דערקלערט, אז ״די שטאט רעסיפע וואלט אפשר געדארפט באטראכט ווערן אלס איינער פון די ערשטע צענטערס פון דער אמעריקאנער ציוויליזאציע, סיי פון דער דרום־אמעריקאנער

און סיי פון דער צפון־אַמעריקאַנער. אין דער שטאָט רעסיפע איז די ייִדישע אינטעלעקטועלע אַקטיוויטעט צום ערשטן מאָל געקומען צום אויסדרוק אין דער מערב־העמיספּערע אין די שריפטן, אין דער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט און אין דעם דענקען פון אַ זייער פּראָמינענטער גרופּע פון געלערנטע".

אַלס ביישפּיל האָט פּראָפעסאָר פרעירע אָנגעוויזן אויף דעם גרינדער פון דער בראַזיליאַנער ליטעראַטור, **בענטאַ טעקסעירא,** וועלכער האָט געשטאַמט פון האָלענדישע ייִדן און האָט געוווינט אין דעם שטאַט פּערנאַמבוקאָ, נישט ווייט פון רעסיפע.

זייַך באַזוך אין רעסיפע האָט ד״ר גאָלדשטיין פאַרענדיקט מיט אַ קבלת פּנים, וואָס עס האָט אים געגעבן די לאָקאַלע ייִדישע קהילה, וועלכע האָט דורך אים איבערגעשיקט אַ באַגריסונג אין ייִדיש צום יובֿילײ פון אַמעריקאַנער ייִדנטום.

אויפן וועג פון רעסיפע קיין סורינאַם האָט ד״ר גאָלדשטיין זיך אָפּגעשטעלט אין דער בראַזיליאַנער שטאָט בעלעם (אַ פאַרקירצונג פון בית־לחם), וואו עס געפינט זיך אַן אַלטע קהילה פון ספרדישע ייִדן. פון ביידע ייִדישע קהילות, סיי אין רעסיפע און סיי אין בעלעם, האָט ער נישט אַרויסגעטראָגן קיין גוטן איינדרוק, צוליב דער פאַר־נאַכלעסיקונג פון דער ייִדישער דערציונג און צוליב דעם שוואַכן גייסטיקן ייִדישן לעבן.

אין סורינאַם האָט ד״ר גאָלדשטיין געפונען דעם עלטסטן פּערמאַנענטן ייִדישן ישוב אין דער מערב־העמיספּערע. די ערשטע ייִדן, וועלכע זיינען אַהין אָנגעקומען פון האָלאַנד

און איטאַליע, האָבן זיך דאָרט באַזעצט נאָך אין יאָר 1639. זיי האָבן זיך דאָרט איינגעאָרדנט אין אַ באַזונדערער געגנט, וואו זיי האָבן באַקומען די פולע פרייהייט צו פירן זייער רעליגיעזן יידישן לעבן. זיי האָבן זיך דאָרט פאַרנומען מיט לאַנדווירטשאַפט, באַזונדערט מיט פלאַנצן צוקער־בוראַקעס, און זיינען געוואָרן רייך.

ד״ר גאָלדשטיין האָט געהאַט אַן אָפיציעלע אויפנאַמע ביים האָלענדישן גאָווערנער פון סורינאַם, וועלכער האָט פריער באַקומען אַ מיטטיילונג פון האָלענדישן פרעמיער־מיניסטער אין האַג וועגן דעם באַזוך פון אַמעריקאַנער יידישן פירער. אין דעם קבלת פנים פון דער יידישער קהילה, וועלכע האָט דאַן געציילט אַרום פיר הונדערט נפשות, האָבן זיך אויך באַטייליקט די אָפיציעלע פערזענלעכקייטן פון לאַנד. דער האָלענדישער גאָווערנער פון סורינאַם האָט איבערגעשיקט אַ שריפטלעכע באַגריסונג צום אַמעריקאַנער יידנטום, באַדאַנקנדיק ד״ר גאָלדשטיינ׳ען פאַר ״אַריינגענומען סורינאַם אין זיין סימבאָלישער רייזע איבער דרום־אַמעריקע״. און דער פרעמיער־מיניסטער פון סורינאַם האָט אין זיין באַגריסונג געשריבן:

״מיר באַטראַכטן ד״ר ישראל גאָלדשטיינ׳ס וויזיט אין סורינאַם, אין שייכות מיט דעם 300־יעריקן יובילײ פון יידישן ישוב אין צפון־אַמעריקע, ווי אַ באַשטעטיקונג פון דער היסטאָרישער באַדייטונג פון דער יידישער געמיינדע אין סורינאַם, נישט נאָר ווייל זי איז די עלטסטע פער־מאַנענטע יידישע קהילה אין דער מערב־העמיספערע, נאָר ווייל די דאָזיקע גרופע יידן האָט אויך אין משך פון אַ סך דורות זייער פיל ביי געשטייערט פאַרן וווילזיין און אויפבוי פון דעם לאַנד״. אין דער באַגריסונג האָט דער פרעמיער־

מיניסטער פון סורינאם אויך דערמאנט די באנייטע יידישע מדינה און האט באטאנט, אז "סורינאם פאלגט־נאָך מיט ווארימען אינטערעס און מיט סימפאטיע די אנטוויקלונג פון דער יונגער מדינת ישראל".

פון דעם לעבן פון דער יידישער געמיינדע אין סורינאם האט ד"ר ישראל גאלדשטיין געווונען דעם איינדרוק, אז "זי לעבט מער מיט איר פארגאנגנהייט, ווי מיט דער קעגנווארט", און אז די "יידישע צוקונפט איז דארט פראבלעמאטיש". אין זיינע באגעגענישן מיט יידישע און נישט־יידישע פירער אין דער הויפטשטאט פון סורינאם, פאראַמאַריבא, האט ער זיך אינטערעסירט מיט זייער מיינונג וועגן דעם פלאן, מיט וועלכן די יידישע "פריילאנד"־ליגע איז ארויסגעקומען מיט א צייט פריער צו גרינדן א "יידישע טעריטאריע" אין דער האלענדישער גוויאנע. אלע האבן זיי דערקלערט, אז דער דאזיגער פלאן וואלט זיך נישט איינגעגעבן. "א הויכער רעגירונגס־באאמטער" — האט ד"ר גאלדשטיין שפעטער געשריבן אין זיין באריכט — "האט אויף מיר געמאכט א רושם, בעת ער האט מיר געזאגט: "יידישע לאנדווירטשאפט אין ארץ ישראל איז אנדערש, ווייל דארט ארבעטן יידן פאר א נאציאנאלן אידעאל".

פארן אוועקפארן פון סורינאם האט ד"ר גאלדשטיין באזוכט די געגנט "יאָדען סאַוואַנע", וואו די ערשטע יידן אין דער קאלאניע האבן געהאט זייער ישוב, און וווּ זיי האבן אויפגעבויט זייער ערשטן בית התפילה, אין 1685. יידן האבן דארט געוווינט ביז 1832, בעת דער בית תפילה איז צעשטערט געווארן. די יידישע קהילה האט זיך שפעטער אריבערגעקליבן אין דער הויפטשטאט פאַראַמאַ־

ריבא. פון דעם אמאליקן בנין זיינען איצט פארבליבן בלויז טיילן פון די ווענט אין די טרעפ, ווו די מתפללים פלעגן זאגען "מה טובו" פארן ארייננגיין אין שול. אין די טעג פאר די ימים נוראים און ביי אנדערע געלעגנהייטן קומען אהין די יידן פון דער הויפטשטאט אפריכטן תפילות. ד"ר גאלדשטיין און זיינע באגלייטער האבן אויף איינער פון די פארבליבענע ווענט פון דעם בית התפילה צוגעקלאפט א טאוול צום אנדענק פון די פיאנערן פון יידישן ישוב אין סורינאם. דערנאך האבן זיי באזוכט דעם אלטן בית עלמין און אפגעריכט א הזכרה. צווישן די וועלכע זיינען געבראכט געווארן צו קבר ישראל אויף דעם בית עולם איז אויך געווען דוד נשיא, פירער פון א גרופע וואס האט אין 1666 אויסגעוואנדערט פון דער בריטישער גוויאנע און האט געשטאמט פון בראזיל.

פון סורינאם איז ד"ר ישראל גאלדשטיין געפארן אין דער האלענדישער קאלאניע קוראַסאָ, וואס די האלענדער האבן פארנומען אין 1634 פון די שפאניער. די ערשטע יידן זיינען געשיקט געווארן פון האלאנד קיין קוראסא אין 1650 צו אנטוויקלען די לאנדווירטשאפט אויף דעם אינדזעל. ווען בראזיל איז אין 1654 פארנומען געווארן דורך פאר־טוגאל, איז א גרופע יידן פון דארט אנטלאפן קיין קוראסא. אין 1656 איז דארט געגרינדעט געווארן די ערשטע יידישע קהילה. אין דער געשיכטע פון יידן אין דער מערב־העמיספערע איז קוראַסאָ באקאנט מיט דעם פאקט, אז אויף דעם אינדזעל האבן יידן צום ערשטן מאל אין דער נייער וועלט באקומען, אין אַן אפיציעלן דאקומענט, פולע רעליגיעזע פרייהייט. אין דעם דאקומענט איז יידען פאר־זיכערט געווארן דאס רעכט פון שבת־רו.

אויך אין דער הויפטשטאט פון קוראסא, ווילעמסטאד, איז ד״ר גאלדשטיין באגריסט געווארן דורך דעם האלענדישן גאווערנער און דעם פרעמיער־מיניסטער. ער איז ארויס־געטראטן אויף א פארזאמלונג פון דער דארטיקער יידישער קהילה, צו וועלכער עס זיינען אויך געקומען דער האלענדי־שער גאווערנער, דער פרעמיער־מיניסטער און דער בירגער־מייסטער פון דער שטאט. די פארזאמלונג איז אפגעהאלטן געווארן דרויסן פון דער שוהל, וואס איז דער עלטסטער בית התפילה אין דער מערב־העמיספערע, ווו עס ווערן אויך איצט אפגעריכט תפילות. ווי אין סורינאם, האט ד״ר גאלדשטיין אויך ביי די רעגירונגס־פירער אין קוראסא געפונען א ווארימע באציונג צו מדינת ישראל.

אין זיין רעדע אויף דער פארזאמלונג פון דער יידישער געמיינדע אין דער הויפשטאט פון קוראסא האט ד״ר גאלדשטיין דערמאנט, אז אין דער געשיכטע פון זיין אייגענער קהילה ״בני ישורון״ אין ניו יארק איז פאר־שריבן, אז אין די ערשטע יארן נאך דער גרינדונג, אין 1825, האט די קהילה זיך געווענדעט נאך הילף צו די יידן אין קוראסא. ״איך בין געקומען אהער אייך אפצאלן דעם חוב, אויב נישט פינאנציעל, איז מאראליש״ — האט ד״ר גאלדשטיין געזאגט צו די יידן אין ווילעמסטאד.

דער האלענדישער גאווערנער און דער פרעמיער־מיניסטער פון קוראסא האבן דורך ד״ר גאלדשטיינ׳ען איבערגעשיקט באגריסונגען צום יובילייי פון אמעריקאנער יידנטום.

זיין ״סענטימענטאלע רייזע״ איבער די ערשטע יידישע ישובים אין דער מערב־העמיספערע האט ד״ר גאלדשטיין פארענדיקט מיט א באזוך אין דזשאמייקע, בריטיש־אינדיע;

אין סעינט טאמאס, אויף די ווירדזשין־אינזלען; און אין דער יידישער קאלאניע סאָסואַ, אין דער דאמיניקאנער רעפובליק.

אין דער הויפּשטאט פון דזשאמאיקא, אין קינגסטאן, איז ד״ר גאלדשטיין ארויסגעטראטן פרייטיג־צו־נאכטס ביי קבלת שבת אין דער דארטיקער סינאגאגע מיט א רעדע וועגן יובילעי פון יידישן ישוב אין די פאראייניקטע שטאטן. אויך אויף די ווירדזשין־אינזלען, וואס געהערן זינט 1917 צו די פאראייניקטע שטאטן, איז ד״ר גאלדשטיין איינגע־לאדן געווארן צו האלטן א רעדע אין דער סינאגאגע אין דער הויפּטשטאט סעינט טאמאס. ער איז פארגעשטעלט געווארן דורך דעם אמעריקאנער גאווערנער מאריס די קאַסטרא, א ייד, וועלכער האט אליין אויך דערמאנט דעם 300־יעריקן יובילעי פון אמעריקאנער יידנטום. דער גאווערנער די קאסטרא איז אויך געווען א מיטגליד פון יובילעי־קאמיטעט.

די ערשטע יידן זיינען געקומען אויף די אינדזלען אין 1781, און דער ערשטער בית התפילה איז אויפגעשטעלט געווארן אין סעינט טאמאס אין 1796. פון דער אמאליקער גרעסערער קהילה, וועלכע האט זיך דארט געפונען און איז באשטאנען על פי רוב פון ספרדים, האט ד״ר גאלדשטיין געפונען בלויז פופצן יידישע משפחות, וואס זיינען דארט געווען שטענדיקע איינוווינער.

דער באזוך אין דער יידישער קאלאניע סאָסואַ, אין דער דאמיניקאנער רעפובליק, האט געהאט א באזונדערן אינטערעס פאר ד״ר גאלדשטיינ׳ען. די קאלאניע סאסוא איז געגרינדעט געווארן א דאנק דעם, וואס דער פרעזידענט

פון דער דאָמיניקאַנער רעפּובליק גענעראַליסימאַ ראַפאַעל ל. טרוכיאָ האָט אין 1940 געמאַכט אַ פאָרשלאַג, אַז ער וועט ערייַנלאָזן אַ גרופּע ייִדישע פּליטים וואָס זאָלן זיך איינאָרדענען ביי לאַנדווירטשאַפט. דער פאָרשלאַג איז אָנגענומען געוואָרן דורך אַן אַמעריקאַנער גרופּע, וואָס האָט באַקומען די פינאַנציעלע הילף פון אַמעריקאַנער "דזשאָינט". אַ גרופּע פון ייִדישע פּליטים, וואָס איז באַשטאַנען על פּי רוב פון דייטשע און עסטרייכישע ייִדן, האָט זיך באַזעצט אין דער קאָלאָניע סאָסואַ. אין 1945 האָבן דאָרט געוווינט אַרום זעקס הונדערט קאָלאָניסטן.

אַרום דעם דאָזיקן פּראָיעקט איז אָנגעגאַנגען אַ שאַרפע דיסקוסיע אין דער ייִדישער עפנטלעכקייט. ציוניסטן האָבן געהאַלטן, אַז די גרופּע פּליטים דאַרף איינגעאָרדנט ווערן אין ארץ ישראל, ווייל די אונטערנעמונג אין סאָסואַ וועט סיי־ווי־סיי דורכפאַלן — ווי דאָס איז געשען מיט ענלעכע פּרוון, וואָס זיינען געמאַכט פריער געוואָרן אין אַנדערע ערטער צו גרינדן ייִדישע לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניעס.

ד"ר גאָלדשטיין האָט געפונען אין סאָסואַ אַ גרויסע ירידה. צוויי דריטל פון די ייִדישע קאָלאָניסטן האָבן שוין געהאַט פאַרלאָזן סאָסואַ. און צווישן די פאַרבליבענע צוויי הונדערט האָט ער באַגעגנט זייער ווייניקע, וועלכע האָבן געגלויבט, אַז זיי האָבן דאָרט פאַר זיך אַ צוקונפט. אַזוי האָט אויסגעזען דער יינגסטער ייִדישער ישוב אין דער מערב־העמיספערע אין דעם יאָר, ווען די ייִדן אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן געפייערט זייער 300־יעריקן יובילײ.

אויף א פארזאמלונג פון דער עקזעקוטיווע פון יידישן וועלט־קאנגרעס, אין אקטאבער 1954, האט ד״ר גאלד־שטיין אפגעגעבן אן אויספירלעכן באריכט וועגן זיין רייזע אין שייכות מיט דעם יובילײ פון אמעריקאנער יידנטום. אין זיין באריכט וואס איז א ווערטפולער און אינהאלט־רייכער דאקומענט וועגן דער געשיכטע פון די ערשטע יידישע ישובים אין דער מערב־העמיספערע, וועגן זייער גרינדונג, אנטוויקלונג און ירידה — האט ד״ר גאלדשטיין אויסגעפירט, אז אויף די יידן אין די פאראייניקטע שטאטן ליגט דער חוב צו העלפן די יידישע געמיינדעס אין די ערטער אויפצוהאלטן דאס יידישע לעבן, וואס איז דארט אין געפאר פון אונטערגאנג. דערביי האט ד״ר גאלדשטיין באטאנט די גרויסע באדייטונג פון דעם קיום פון מדינת ישראל פאר אט די פארווארפענע און איינזאמע יידישע געמיינדעס.

״די ראלע פון ישראל אין אָנהאַלטן דעם פרעסטיזש פון די דארטיקע יידישע ישובים פילט זיך שטארק אומעטום״ — האט ד״ר גאלדשטיין דערקלערט — ״אויך א גרויסן טייל פון מיין אייגענעם סטאַטוס אין די אויגן פון די נישט־יידישע פירער פון די לענדער האב איך געהאט צו פאר־דאנקען דעם פאקט, וואס איך בין באקאנט אלס א ציוניסט, וועלכער איז פארבונדן מיט ישראל. עס איז נישט אָפּצושאצן די באדייטונג פון ישראל פאר דעם זעלבסט־געפיל און פאר דער זיכערקייט פון אַט די קליינע און איזאלירטע, פארווארפענע יידישע ישובים״.

מיט די אויספירן איז ד״ר גאלדשטיין צוריקגעקומען פון זיין באזוך אין די יידישע קיבוצים אין דער מערב־

העמיספערע, וואס זיינען פארבונדן מיט דער געשיכטע פון דער אנטשטייונג פון אמעריקאנער יידנטום. זיינע באאבאַכ־טונגען און אויספירן האבן געבראכט וויכטיקע רעזולטאטן ביי די יובליי־פייערונגען, וואס האבן זיך גלייך אנגעהויבן אין ניו יארק און איבערן גאנצן לאנד.

קאפיטל פינף און דרייסיק

ביים פייערן דעם יובליי
פון אמעריקאנער יידנטום

"איצט, ביי דער פייערונג פון 300־יעריקן יובליי פון אמעריקאנער יידנטום זיינען אונדזערע אויגן געווענדעט צו דער צוקונפט. מיר פרעגן זיך, צי די גאלדענע קייט פון דער יידישער געשיכטע וועט האבן א המשך אין דעם טייל פון דער וועלט; צי עס איז זיכער, אויב עס וועט נאר נישט זיין קיין גלאבאלע קאטאסטראפע, אז מיר וועלן דא האבן אן אקטיוון יידישן ישוב, וואס וועט אין יאר 2054 פייערן זיין 400־יעריקן יובליי.

"און אפשר איז עס צו־ווייט פאראויסצוזען, וואס עס וועט זיין אין הונדערט יאר ארום אין אונדזער וועלט, וועלכע ענדערט זיך אזוי גיך, אננעמענדיק אפילו אז מיר גייען צו א תקופה פון שלום און סטאביליטעט. עס וועט דעריבער זיין מער פארנונפטיק צו ריידן וועגן דעם, ווי אזוי אונדזער ישוב וועט אויסזען אין פופציק יאר ארום, ווען אונדזערע יונגע קינדער וועלן שוין זיין אליין עלטערן פון דערוואקסענע קינדער, און ווען זיי וועלן פאָרשטעלן מיט זיך דעם יידישן ישוב אין אמעריקע, אזוי ווי אונדזער דור שטעלט אים איצט פאר" —

די דאזיגע באאומרויקנדיקע פראגע האט ד"ר ישראל גאלדשטיין אויפגעהויבן אין א רעדע, וואס ער האט

געהאלטן ביי א יובליי־פייערונג אין ניו יארק אין נאוועמבער 1954, ווען ער האט זיך צוריקגעקערט פון זיין סענטימענטאלער רייזע איבער די עלטסטע און ערשטע יידישע ישובים אויפן אמעריקאנער קאנטינענט. אין דער־זעלבער רעדע האט ער אויך אפגעגעבן א קורצן באריכט פון זיין באזוך אין די דאזיקע יידישע קיבוצים און האט געמאלן אזא אומעטיק בילד:

"איך האב געהאט די געלעגנהייט צו באזוכן א ריי פון די יידישע ישובים אין צענטראל־און דרום־אמעריקע, וועלכע זיינען נישט בלויז עלטער פון אונדזער ישוב אין די פאר־אייניקטע שטאטן, נאר האבן אויך אין די ערשטע צייטן געשטיצט אונדזער קיבוץ דא סיי פינאנציעל און גייסטיק. זיי האבן אונדז געהאָלפן אויפשטעלן די ערשטע יידישע קהילות אין די פאראייניקטע שטאטן, אויפבויען די ערשטע בתי תפילה און האבן אונדז אפילו צוגעשיקט רבנים. ווי אנדערש איז זייער לאגע היינט־צו־טאג! די דאזיקע קהילות זיינען געפאַלן אין זייער גרויס, אין זייער ווילזיין און אין זייער יידישן לעבן. זייער צוקונפט ווי יידישע געמיינדעס איז שטארק צווייפלהאפט. א טייל פון זיי גוסס'ן שוין איצט. זיי גייען־אויס נישט דערפאר, ווייל זיי ווילן נישט עקזיסטירן, נאר ווייל מיר פארנאכלעסיקן זיי. זיי בעטן, אז מיר זאלן זיי פארזארגן מיט לערער און מיט רבנים, וועלכע זיי זיינען גרייט אליין אויסצוהאלטן. איך האב געזען יידישע געמיינדעס, וו די אנוועזנהייט פון א דערפאַרענעם רב און גוטן לערער באדייט נישט מער און נישט ווייניקער ווי אַן אונטערשייד צווישען דעם ווייטערדיקן קיום אדער אונטערגאנג פון די דאזיקע ישובים".

ד״ר גאלדשטיין האט, געטריי זייענדיק זיין גאנצן דרך, געזוכט באלד צו פארוואנדלען אין פראקטישע מעשים די מחשבות, מיט וועלכע ער איז צוריקגעקומען פון זיין רייזע. וועגן דער צוקונפט פון יידישן ישוב אין די פאראייניקטע שטאטן האט ער געזאגט, אז די אמעריקאנער יידן דארפן זען זיך אויסצוצייכענען נישט בלויז מיט זייער פילאנטראפיע, נאר מיט זייער רייכן גייסטיקן לעבן און מיט דער קולטורעלער הילף, וואס זיי וועלן קענען געבען די אנדערע, קלענערע יידישע ישובים.

און דאס הויפט־געוויכט האט ער געלייגט אויף דעם גייסטיקן קשר צווישן אמעריקאנער יידנטום און ישראל:

״ס׳איז נישט קיין פאנטאזיע צו גלויבן, אז ישראל וועט אין די קומנדיקע צענדליקער יארן, האבנדיק געלייזט אירע דרינגנדיקע פראבלעמען און נאכן דערגרייכן שלום מיט אירע אראבישע שכנים, ווידער אנהויבן שאפן גרויסע קולטורעלע און גייסטיקע ווערטן. ישראל׳ס נייע שאפונגען וועלן סטימולירן דאס יידישע קולטור־לעבן אין אמעריקע. עס וועט זיין א קעגנזייטיקע ווירקונג און א קולטור־אויסטויש צווישן אמעריקאנער יידנטום און ישראל, און דאס אמעריקאנער יידנטום וועט וואקסן פון זיינע אייגענע קולטור־שאפונגען״.

דאס איז געווען די הויפט־טעמע פון ד״ר גאלדשטיינ׳ס דערקלערונגען און רופן אין זיינע ארויסטריטן ביי אלע פייערונגען אין דעם יובליי־יאר פון אמעריקאנער יידנטום. ער האט געזען די צוקונפט פון די יידן אין די פאראייניקטע שטאטן נאר אין ענגער שייכות מיט ישראל. ער האט אוועקגעשטעלט די פאדערונג, אז אמעריקאנער יידן דארפן

אליין באררייכערן זייער גייסטיק יידיש לעבן, בכדי צו קענען זיין ווירדיגע שותפים פון ישראל.

ביי איינער פון די פייערונגען האט ער דערקלערט און געווארנט :

״איך האלט זיך נישט אָפּ פון אויסדריקן מיין מיינונג, אז בעת מיר האבן גוט דערפילט אונדזערע אמעריקאנער פליכטן, האבען מיר אבער אונדזער חוב אלס יידן מקיים געווען בלויז אויף א העלפט״.

ביי אן אנדערער יובליי־פייערונג, האט ד״ר גאלדשטיין באטאנט :

״איך בין זיכער, אז ישראל וועט זיך נאך נויטיקן א לאנגע צייט אין דער מאטעריעלער און פאליטישער הילף פון די אמעריקאנער יידן. אבער פונקט אזוי בין איך זיכער, אז אמעריקאנער יידן וועלן זיך נויטיקן א סך לענגער אין ישראל׳ס הילף. ישראל׳ס אינספיראציע און אירע קולטור־שאפונגען וועלן באררייכערן דאס גייסטיקע לעבן און הויבן דעם אָנזען פון יידן אומעטום״.

אויסנוצנדיק די געלעגנהייט פון די יובליי־פייערונגען, האט ד״ר ישראל גאלדשטיין אויך דערקלערט אפן און אָן רעזערוואציעס :

״נאר אין ישראל אליין איז מעגלעך פאר אַ יידן צו פירן א פולקאם לעבן, ווי א ייד. דאס רעפלעקטירט נישט אויף דער אמעריקאנער דעמאקראטיע. דאס הייסט, פעסט־צושטעלען דעם אמת, אז אומעטום, וווּ דער ייד איז אין א מינדערהייט — און יידן זיינען א מינדערהייט אומעטום, א חוץ אין מדינת ישראל — איז ער אונטער א פסיכא־

לאגישן דרוק. יעדע מינדערהייט געפינט זיך אונטער א פסיכאלאגישן דרוק, און בעיקר יידן".

אינאיינעם מיט די דאזיקע דערקלערונגען און ווארענונגען האט ד"ר גאלדשטיין פארלאנגט פון אמעריקאנער יידנטום פראקטישע מעשים צו פארזיכערן דעם המשך. עד האט געפאדערט צו פארשטארקן דעם חינוך און אויפשטעלן א נעץ פון טאג־שולעס. ער איז געווען דער ערשטער, וועלכער איז ארויסגעקומען מיט דעם פארשלאג, אז רבנים וואס באקומען סמיכות אין אמעריקע זאלן פארן אויף א יאר קיין ישראל, כדי צו דערגאנצן דארט זייערע לימודים איידער זיי נעמען איבער פאסטנס אלס גייסטיקע פירער פון קהילות אין די פאראייניקטע שטאטן. ער האט גע־פאדערט מער אויסצושפרייטן און פארטיפן דעם איינפלוס פון ציוניזם אין אמעריקאנער יידישן לעבן. ער האט געבראכט אלס ביישפיל דעם פאקט, אז זיין אייגענע קהילה "בני ישורון" האט מיט אלע אירע מיטגלידער זיך אנגעשלאסן אין דער ציוניסטישער ארגאניזאציע פון אמעריקע. און צו א גרופע יידישע סאלדאטן און אפיצירן פון דער אמעריקאנער ארמיי, פאר וועלכע עס איז איינגע־ארדנט געווארן א פייערונג לכבוד דעם יובילײ פון אמעריקאנער יידנטום, האט ער געזאגט: "איר דארפט וויסן, אז אמעריקע רעספעקטירט די יידן מער דערפאר, ווייל מיר האבן איצט די יידישע מדינה".

ביי א באזוך אין דער אלטער יידישער קהילה אין ריטשמאנד, ווירדזשיניא, אין שייכות מיט די יובילײ־פייערונגען האט ער דערמאנט די דארטיקע יידן, אז די אמאליקע פירער פון זייערער געמיינדע זיינען באגאנגען

דעם שווערן חטא צו באקעמפן שארף דעם ציוניזם. "זיי האבן מורא געהאט, אז די יידישע מדינה קאן אנרירן זייערן סטאטוס אלס יידן אין אמעריקע" — האט ד"ר גאלדשטיין זיי פארגעוואהפן און דערקלערט: "היינט־צו־טאג קענט איר שוין מער נישט פירן קיין דיסקוסיעס וועגן דער בארעכטיקונג פונעם קיום פון דער מדינת ישראל. די יידישע מדינה איז דא און הויבט דעם אָנזען פון יידן אין יעדן לאנד".

ביי דער שלוס־פייערונג פון דעם יובליי־יאר, דעם 1־טען יוני 1955, האט ד"ר ישראל גאלדשטיין, וועלכער איז אלס מיטפארזיצער פון יובליי־קאמיטעט געווען איינער פון די הויפט־רעדנער — דערקלערט:

"דאס אמעריקאנער יידנטום האט, ווי א יידישער ישוב, די אינערלעכע פאראַנטווארטלעכקייט אויפצוהאלטן און פארשפרייטן די גייסטיקע יידישע ירושה. און עס קאן זיין, אז דער דאזיקער חוב איז נישט גענוג אונטערגעשטראכן געווארן בעת אונדזערע פייערונגען". ביים אפשליסן דאס יובליי־יאר האט ד"ר גאלדשטיין אויך אפגעגעבן זיין אייגענעם "אני מאמין" אלס אמעריקאנער ייד, און ער האט אויסגעפירט:

"דער ייד אין מיר גיט־צו א ספעציעלע דימענזיע צו זיין אמעריקאניזם. נעמענדיק אין באטראכט זיין שווערע אבער אומפארמיידלעכע ראלע, האט דער ייד, זייענדיק אומעטום א מינדערהייט, תמיד פארטיידיקט די אנשטענדיקייט, דעם ליבעראליזם און די ציוויליזאציע אין יעדער געזעלשאפט אין וועלכער ער האט געלעבט".

און ד״ר גאלדשטיין האט דערביי אונטערגעשטראכען:

״איך גלויב, אז מדינת ישראל האט א ספעציעלן גורל ווי די נאטירלעכע היים פון המשך פון יידישן קיום; ווי א ליכט פאר די פעלקער פון דער וועלט; ווי א יונגע, באגאבטע שוועסטער־דעמאקראטיע פון די פאראייניקטע שטאטן און ווי די קאלעקטיווע דעמאנסטראציע פון דער יידישער פעיקייט צו שרייבן א נייע ווירדיק קאפיטל צו אונדזער אלטן תנ״ך, א נייע קאפיטל וואס וועט האבן א באלעבענדיקן איינפלוס אויפן יידישן קיום אומעטום״.
אזוי האט ד״ר גאלדשטיין, געטריי די אידייען וועלכע ער האט געווידמעט זיין גאנץ לעבן און אלע זיינע טעטיקייטן, געזען אויך דעם דריי הונדערט יעריקן יובילייע פון אמעריקאנער יידנטום אין דעם ליכט פון דער באנייטער יידישער מדינה.

קאפיטל זעקס און דרייסיק

אין דעם קריזיס נאך ישראל'ס סיני — אקציע

"אין דעם ליכט פון די פאקטן, ביי די אומאויפהערלעכע אגרעסיע־אקטן אויף דער יבשה, אין דער לופט, אויפן ים; ביי די כסדר'דיגע אראבישע מלחמה־דראונגען; ביי די אנ־פאלן און רציחות פון די "פאדאיונס"; ביי דער עגיפטישער קאנצענטרירונג פון איר ארמיי און ביי דער אראבישער צוגרייטונג צו א נייער פולער מלחמה קעגן ישראל מיט די אנגעזאמלטע נייע סאוויעטישע וואפן; ביי די זייער שוואכע אויסזיכטן, אז אין פאל פון א נייער אראבישער אגרעסיע־מלחמה זאל קומען וועלכע־עס־איז הילף פון די "יונייטעד ניישנס", און אז אמעריקע זאל קומען באצייטנס מיט איר הילף צו פארהיטן די יידישע מדינה פון א חורבן, — וואס האט ישראל געזאלט טאן?

"מיר זאגן מיט דעם ריינסטן געוויסן, אז ישראל האט געהאט דאס פולסטע מאראלישע רעכט און די אומפאר־מיידלעכע פליכט צו פארניכטן די אגרעסיע־באזעס פון די "פאדאיונס"; צו מאכן אוממעגלעך דעם שונא צו אטאקירן און צו ראטעווען די באפעלקערונג פון דער יידישער מדינה פון חורבן און אומקום" —

מיט די דאזיקע הויפט־אויספירן איז ד"ר ישראל גאלד־שטיין ארויסגעקומען אין א שארפער דערקלערונג, וואס ער האט געמאכט ביי דער דרינגנדיקער קאנפערענץ פון

די אמעריקאנער יידישע ארגאניזאציעס, וואס איז צונויפ־גערופן געווארן אין ניו יארק סוף נאוועמבער 1956, קורץ נאך ישראל׳ס סיני־פארטיידיגונגס־אקציע. קעגן דער יידישער מדינה זיינען דאן געמאכט געווארן באשולדיקונגען פון אלע זייטן. אין דער ארגאניזאציע פון די פאראייניקטע פעלקער האבן די שונאים פון ישראל אויפגעהויבן א שטורעם קעגן דער רעגירונג פון דער יידישער מדינה, וואס איז אנגעקלאגט געווארן אין אגרעסיע און וועלכע איז באדראט געווארן מיט סאנקציעס. דאס ארגאניזירטע אמעריקאנער יידנטום איז ווידער מאביליזירט געווארן, קומען צו־הילף מדינת ישראל אין דעם שווערן פאליטישן קריזיס. ס׳איז געווען נויטיק אויפצוקלערן דער עפנטלעכער מיינונג פון אמעריקע דעם אמת פון דער געשאפענער לאגע, און דורך דער עפנטלעכער מיינונג — ווירקן אויף דער רעגירונג אין וואשינגטאן. ד״ר ישראל גאלדשטיין האט פארגעזעצט זיין טעטיקייט פאר דער אקציע. ער האט מיטגעארבעט אין א ריי פון וויכטיקע אינטערוועניצן ביי די אמעריקאנער פאָליטישע פירער, און איז געווען איינער פון די הויפט־ארגאניזאטארן און רעדנער ביי דער דרינג־גענדיקער קאנפערענץ פון אלע גרויסע אמעריקאנער יידישע ארגאניזאציעס:

״וואס וואלט די רעגירונג פון די פאראייניקטע שטאטן געטאן אין נאוועמבער 1941, ווען זי וואלט געוווסט, אז אין דעצעמבער וועט יאפאן דורכפירן די איבערראשנדיקע אטאקע אין פערל הארבאר?״ — האט ד״ר גאלדשטיין אונטערגעשטראכן ווייטער אין זיין דערקלערונג.

״יעדעס אנדערע פאלק וואָלט ביי די געשאפענע באדינגונגען

אונטערגענומען דיזעלבע פארטיידיקונגס־אקציע, וואס ישראל האט דורכגעפירט. עס זיינען פארביי די טעג פון פאגראם־פאניק, ווען יידן פלעגן זיין נאר מארטירער און פלעגן געפירט ווערן ווי שאָף צו דער שחיטה, אדער ווען די איינציקע רעטונג איז געווען צו אנטלויפן און באהאלטן זיך, און פון זייערע באהעלטענעשן קוקן מאכטלאז, ווי זייערע אייגענע ווערן אויסגעהרגעט. בעת עס איז ארגא־ניזירט געווארן די יידישע זעלבסטשוץ נאכן פאגראם אין קישיניעוו, האט עס געהויבן דעם מאראלישן אָנזען פון יידן, און עס איז געווען א ווארענונג פאר אלע שונאים, אז יידיש לעבן איז שוין נישט מער הפקר. די מיטגלידער פון די יידישע זעלבסטשוץ־גרופעס זיינען געווען די יורשים פון דעם גייסט פון די מאקאבייער און די פארלויפער פון דער "הגנה" אין דער מאדערנער ארץ ישראל און פון די קעמפער אין אויפשטאנד פון ווארשעווער געטא.

"ישראל׳ס מאראליש אָנזען איז איצט גרעסער אין דער וועלט, נאך די געשעענעשן אין די לעצטע וואכן. ס׳איז אן איבערחזרונג פון דער העלדישער געשיכטע פון חנוכה, ווען דאס יידישע פאלק האט זיך אפגעזאגט צו שטארבן און אומקומען" — האט ד״ר ישראל גאלדשטיין באטאנט. אריבערגייענדיק אויספירלעכער צו די באשולדיקונגען, וואס זיינען דאן געמאכט געווארן קעגן מדינת ישראל, האט ער דערקלערט:

"מיט וואס פאר א מאראלישן רעכט קען סאוויעט־רוסלאנד, וואס אירע אגרעסיעס אין אונגארן שרייען צום הימל, נעמען משפט׳ען די יידישע מדינה?

"פארוואס זיינען געווען צוויי מאָסן אין די "יונייטעד

ניישנס" און ביי די גרויסע מלוכות לגבי דער באהאנדלונג פון מדינת ישראל און פון די אראבישע מלוכות זינט 1948? פארוואס האט די ארגאניזאציע פון די פאראייניקטע פעלקער ביים ארויסטראגן אירע באשלוסן און מאכן פאראורפן דער יידישער מדינה איגנארירט די פאקטן וועגן דעם, ווער עס האט דער ערשטער געבראכן דעם וואפנשטילשטאנד; ווער עס איז געווען דער שולדיקער אין די פראוואקאציעס? פארוואס האט די אונא נישט גערופן קיין דרינגנדיקע זיצונג וועגן אָננעמען סאנקציעס קעגן עגיפטן, וועלכע האט פארגוואלדיקט די אינטער־נאציאנאלע רעכט און פארפליכטונגען מיט דער בלאקאדע קעגן ישראל אין סועץ־קאנאל, אפילו נאכדעם ווי דער זיכערקייטס־ראט פון דער אונא האט אין דער רעזאלוציע, וואס איז אנגענומען געווארן אין 1951, פעסטגעשטעלט, אז עגיפטן איז שולדיק אינעם פארברעכן? פארוואס זיינען נישט אנגענומען געווארן קיין מיטלען קעגן די מלחמה־דראונגען פון די אראבישע מלוכות? פארוואס איז נישט אויסגעאיבט געווארן קיין דרוק אויף די אראבישע מלוכות, אז זיי זאלן זיך אוועקזעצן צו פארהאנדלען וועגן שלום מיט מדינת ישראל?".

ד"ר ישראל גאלדשטיין האט פארענדיקט זיין דראמאטישע רעדע מיט דער באהויפטונג, אז די אמעריקאנער יידן וועלן אין דעם קריזיס פארטאפלען זייערע מאראלישע, פאליטישע און מאטעריעלע הילף פאר ישראל: "אין א גוטן, צי אין א שלעכטן וועטער שטייען מיר צוזאמען מיט דער יידישער מדינה. מיר זיינען שטאלץ מיט אירע דער־גרייכונגען און מיר וועלן ענטפערן אויף יעדן רוף פון ישראל!".

נאך דער דרינגנדיקער קאנפערענץ פון די גרויסע יידישע ארגאניזאציעס אין אמעריקע איז געקומען א אינטענסיווע פאליטישע אקציע, וואס ד״ר ישראל גאלדשטיין איז געווען איינער פון אירע אָנפירער. צוזאמען מיט די אנדערע פארטרעטער פון אמעריקאנער יידנטום, וואס איז געווען רעפרעזענטירט דורך דער פאראייניקונג פון די יידישע ארגאניזאציעס, האט ד״ר ישראל גאלדשטיין אינטער־ווענירט ביי פרעזידענט דווייט ד. אייזענהאוער׳ן און ביים שטאַטס־סעקרעטאר פאסטער דאלעס, אויסדריקנדיק פאר זיי די טיפע באאומרויקונג פון די יידן אין די פאראייניקטע שטאטן וועגן דער לאגע, אין וועלכער די יידישע מדינה איז געשטעלט געווארן, און ווארנענדיק די אמעריקאנער רעגירונג, אז די אינטריגעס פון עגיפטישן דיקטאטאר, גאמאל אבדול נאסער, וועלן סוף־כל־סוף באדראען נישט בלויז מדינת ישראל נאר אויך די פאראייניקטע שטאטן און די גאנצע פרייע וועלט.

שפעטער, ווען די רעגירונג פון ישראל האט, אויף די פאר־זיכערונגען פון די ״יונייטעד ניישנס״ און פון דער אמערי־קאנער רעגירונג אז די רעכט פון דער יידישער מדינה וועלן אפגעהיטן ווערן, צוריקגעצויגען איר ארמיי פון עזה־ראיאן און פון שארם־א־שייך און עס איז אויס־געבראכן א נייער קריזיס, האט ד״ר גאלדשטיין גענומען א פירנדיקן אנטייל אין א נייער פאליטישער אקציע צו פארהיטן פון ווייטערדיקע געפאַרן. דאס ארגאניזירטע אמעריקאנער יידנטום, אונטער דער אנפירונג פון די פירנ־דיקע פערזענלעכקייטן און פארשטייער פון דער קאנפערענץ פון די יידישע ארגאניזאציעס, האט ווידער אלארמירט די עפענטלעכע מיינונג פון לאנד און ארויסגעשטעלט פאדע־

רונגען צו דער רעגירונג אין וואשינגטאן. ד״ר גאלדשטיין איז דאן, סוף מערץ 1957, ארויסגעקומען מיט א נייער שארפער דערקלערונג:

״יעדער איינער, וועלכער איז לעצטנס געווען אין ישראל, ווייסט, אז א גרויסער טייל פון דער באפעלקערונג איז געווען שארף קעגן דעם, אז די ארמיי זאל זיך צוריקציען פון עזה־ראיאן און פון שארם־א־שייך. נאר דוד בן־גוריון מיט זיין גרויסן פרעסטיזש און מיט זיין מאראלישער אויטאריטעט האט געקענט בייקומען די קעגנערשאפט. ליידער האבן די לעצטע אנטוויקלונגען דערוועקט אן ערנסטן צווייפל וועגן דעם, וואס פאר א האנדלונג עס וואלט געווען ריכטיקער: צוריקציען זיך, אדער נישט צוריקציען זיך פון עזה־ראיאן און שארם־א־שייך — האט ד״ר גאלדשטיין דערקלערט. ער האט ווייטער באטאנט:

״אמעריקאנער בירגער האבן דאס רעכט צו פאדערן פון זייער רעגירונג, אז זי זאל דערפילן אירע מאראלישע פארפליכטונגען, וואס אויף דעם גרונט האט ישראל זיך צוריקגעצויגן פון עזה־ראיאן און פון שארם־א־שייך, פון די פאזיציעס, וואס האבן א לעבנס־באדייטונג פאר דער זיכערקייט פון דער יידישער מדינה.

״פארוואס האט מען דערלויבט נאסער׳ן אריינצושיקן צוריק זיין ארמיי אין עזה־ראיאן, פון וואנען ער זאל קענען ווייטער דורכפירן אנפאלן אויף ישראל? פארוואס ווערט דערלאזט, אז נאסער צוזאמען מיט דעם הערשער פון סאודי־אראביע זאל ווייטער נישט דורכלאזן ישראל־שיפען אין די אקאבא־וואסערן, דורך שארם־א־שייך און אין סועץ־קאנאל? פארוואס זאל דער פארשטייער פון דער

אמעריקאנער רעגירונג, וועלכער האט זיך נישט געוואַקלט צו זאגן שארפע ווערטער אויפן אדרעס פון ישראל, נישט זאגן נאסער'ן און קעניג סאאוד'ן דאס וואס מען דארף אים זאגן? פארוואס ווערט עגיפטן נישט אויפגעפאדערט דורך דער אמעריקאנער רעגירונג און דורך דעם גענעראל־סעקרעטאר פון דער ארגאניזאציע פון די פאראייניקטע פעלקער, אז זי זאל אויפגעבן איר פאליטיק פון קריגס־צושטאנד מיט ישראל, די האנדלונג וואס איז א פאר־גוואלדיקונג פון דעם וואפנשטילשטאנד־אפמאך און פון דעם טשארטער פון דער אונא? א עגיפטען, וואס איז אין קריגס־צושטאנד מיט ישראל, האט נישט קיין רעכט צו הערשן אין עזה־ראיאן".

ד"ר ישראל גאלדשטיין האט אויסגעפירט, אז דער פרעזי־דענט פון די פאראייניקטע שטאטן, וועלכער ווערט טיף געשעצט אין דער גאנצער וועלט ווי א מאן, וועלכער איז מקיים זיינע פארזיכערונגען, דארף אונטערנעמען שריט צו באפרייען מדינת ישראל פון איר נייער זארג און באאומרויקונג פאר איר זיכערקייט. ד"ר גאלדשטיין האט דערביי אנגעוויזן, אז די לאגע, וואס איז ווידער פארשארפט געווארן, קען פירן צו א נייער מלחמה אין מיטעלן מזרח.

מיט צופרידנקייט און מיט בארעכטיגטן שטאלץ האט ד"ר גאלדשטיין פעסטגעשטעלט אין דערזעלבער דערקלערונג, אז "אינמיטען פון די נייע געפאַרן זיינען די טויערן פון מדינת ישראל ווייטער אָפן, און אז אין 1957 ווערן דערוואַרט ארום הונדערט טויזנט נייע עולים, די גרעסטע צאל זינט א סך יארן. דאס אליין איז א העראישע אנשטרענגונג, וואס האט נישט קיין גלייכן אין דער געשיכטע פון פעלקער און לענדער".

ליידער זיינען ד״ר גאלדשטיינ׳ס פאראויסזאגונגען וועגן דער פאליטישער און מיליטערישער לאגע מקויים געווארן. פרעזידענט אייזענהאוער מיט דעם שטאַטס־סעקרעטאר פאסטער דאלעס האבן שפעטער אליין צוגעגעבן, אז עס איז געווען א טעות צו באוועגן ישראל צוריקצוציען זיך פון עזה־ראיאן און שארם־א־שייך אין 1957, מיט אזעלכע שוואכע גאראנטיעס און אָן גענוגנדיקע מיטלען פאר ישראל׳ס זיכערקייט — בעת אין עגיפטען און אין די אנדערע אראבישע מלוכות זיינען געווען ביי דער מאכט פירער, וועלכע האבן געבראַכן אלע פארפליכטונגען, וואס זיי האבן גענומען אויף זיך.

קאפיטל זיבן און דרייסיק

א מתנה פאר ירושלים
פון ד״ר גאלדשטיינ׳ס קהילה

אינמיטן פון אלע פליכטן און פאראנטווארטלעכקייטן, וואס ד״ר ישראל גאלדשטיין האט גענומען אויף זיך אין די צען יאר פון זיינע אינטענסיווע כלל־ישראל טעטיקייטן אין אמעריקע פון 1950 ביז 1960 — פון געזעגענען זיך ציטווייליק מיט ירושלים, ביז ער איז געווארן א תושב פון ישראל׳ס הויפטשטאט — איז זיין הויפט־אויפ־מערקזאמקייט געווען קאנצענטרירט אויף דער יידישער מדינה. אלס א מיטגליד פון דער אמעריקאנער סעקציע פון דער יידישער אגענץ און פון דער עקזעקוטיווע פון דער ציוניסטישער וועלט־ארגאניזאציע, האט ער זיך א סך אפגעגעבן מיט די ענינים פון מדינת ישראל. און אין יידישן פאליטישן לעבן אין אמעריקע האט ער זיך קאנצענטרירט אויף דער זארג פאר ישראל.

אין אויגוסט 1957 האט די קהילה ״בני ישורון״ צוגעטיילט איר גייסטיקן מנהיג ד״ר ישראל גאלדשטיין דעם גרויסן און שיינעם כבוד מיט אויפבויען אין ירושלים, ביים העברעאישען אוניווערסיטעט, א בית הכנסת אויף זיין נאמען. דאס איז געווען א מתנה פון ״בני ישורון״ פאר ד״ר גאלדשטיינ׳ען, צו זיין זעכציקסטן געבוירנטאג. די

חנוכת הבית פון דער שול, וואס איז איינער פון די שענסטע און ארכיטעקטאניש־אריגינעלסטע בנינים אין דעם קאמ־פלעקס פון די געביידעס פון ירושלים׳ער אוניווערסיטעט, איז דורכגעפירט געווארן דעם 7־טן אויגוסט 1957 (י׳ מנחם־אב, תשי״ז) און איז פארוואנדלט געווארן אין א וויכטיקע געשעענעש, וואס איז באערט געווארן מיט דער אנוועזנהייט פון דעם נשיא פון דער יידישעד מדינה, יצחק בן־צבי ז״ל, און א גרעסערער גרופע פראמינענטע פערזענלעכקייטן אין לאנד.

״די שול, פון וועלכער מיר פייערן היינט די חנוכת הבית, איז אויפגעבויט געווארן אין הסכם מיט דער טראדיציע אין אונדזער לאנד זינט אלטע צייטן״ — האט געזאגט דער פרעזידענט פון ירושלים׳ער אוניווערסיטעט, פראפעסאר ב. מאזאר, אין זיין באגריסונגס־רעדע ביים עפענען דעם איינדרוקספולן צערעמאניאל — ״דער בנין וועט דינען סיי ווי א בית התפילה און סיי ווי א הויז פאר לערנען און וועט זיין אפן פאר די לערער, סטודענטן און געסט פון אוניווערסיטעט״.

״מיר זיינען באזונדערס צופרידן דערפון, וואס ראביי ישראל גאלדשטיין איז דא צוזאמען מיט אונדז ביי דער וויכטיקער פייערונג, אינאיינעם מיט פרוי גאלדשטיין. איך נוץ־אויס די געלעגנהייט אויסצודריקן אים אונדזער דאנק און פארערונג. מיר שעצן ד״ר י. גאלדשטיין אלס א מאן פון גייסט און אקציע, אלס איינעם פון די פירער פון גרויסן יידישן ישוב אין די פאראייניקטע שטאטן, וועלכער האט געווידמעט זיין לעבן דעם יידישן פאלק און דער יידישער מדינה. ער איז אקטיוו אומדערמידלעך אויף אלע געביטן

פון זיינע טעטיקייטן — אלס פרעזידענט פון אמעריקאנער יידישן קאנגרעס, אלס א מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע פון דער ציוניסטישער וועלט־ארגאניזאציע און פון דער יידישער אגענץ, און אלס א רב וועלכער דינט געטריי זיין קהילה. ער איז נישט נאר אליין אקטיוו, נאר ער באוועגט און דערמוטיקט אויך אנדערע צו העלפן דער יידישער מדינה. איך וויל דערמאנען באזונדערס זיין וויכטיקע ארבעט פארן ירושלים׳ער אוניווערסיטעט, אלס א מיטגליד פון דעם ראט און פון דער ארגאניזאציע פון פריינט פון העברעאישן אוניווערסיטעט.

״איך וויל אויך צוגעבן״ — האט פראפעסאר ב. מאזאר באטאנט — ״אז עס איז פאראן א וויכטיקע סיבה דערפאר, וואס ד״ר גאלדשטיינ׳ס פיל פריינט און פארערער אין אמעריקע, באזונדערס די מיטגלידער פון דער קהילה ״בני ישורון״ אין ניו יארק, האבן באשלאסן צו באערן אים צו זיין זעכציקסטן געבוירנטאג מיטן אויפשטעלן אויפן קאמפוס פון ירושלים׳ער אוניווערסיטעט א בית כנסת, וואס זאל טראגן זיין נאמען. זינט פערציק יאר איז ראביי גאלדשטיין דער גייסטיקער פירער פון דער קהילה, וואס איז איינע פון די וויכטיקסטע אין די פאראייניקטע שטאטען. אבער עס איז גוט באקאנט, אז אין דערזעלבער צייט, ווען ד״ר גאלדשטיין ווידמעט זיך צו זיין קהילה אין ניו יארק, איז זיין הארץ געווענדעט קיין מזרח, צו ארץ ישראל. דערפאר איז אט דער בית תפילה אויפגעבויט געווארן לכבוד אים אין ירושלים. דער בית כנסת איז אויפגעשטעלט געווארן מיט די ביישטייערונגען פון די מיטגלידער פון דער קהילה ״בני ישורון״ אונטער דער פירערשאפט פון דעם פרעזידענט טשארלז סילווער. און

איך וויל אויסנוצן די געלעגנהייט, כדי אויסדריקן זיי אונדזער אויפריכטיקסטן דאנק" — האט פראפ. מאזאר אויסגעפירט.

מיט א ווארימער באגריסונגס־רעדע איז ארויסגעטראטן דער רעליגיעס־מיניסטער משה שאפירא. "ס'איז אמת — אז א סך בתי תפילה זיינען לעצטנס אויפגעבויט געווארן אין אונדזער לאנד, סיי אין די אלטע ישובים און סיי אין די נייע אנטוויקלונגס־געגנטן. אבער איצט פייערן מיר די חנוכת הבית פון א שול אין העברעישן אוניווערסיטעט, אין דער צענטער פון וויסענשאפט און קולטור אין ירושלים. איך זע אין דעם א גרויסע דערמוטיקונג פאר די אלע אין ישראל און אין חוץ לארץ, וועלכע קוקן ארויס אויף דעם "אור חדש" פון ציון".

דער רעליגיעס־מיניסטער משה שאפירא האט צוגעגעבן: "ביי דער פייערלעכער געלעגנהייט וויל איך אויסדריקן אנערקענונג ד"ר ישראל גאלדשטיין'ען, א דאנק וועמען דער בית תפילה אין ירושלים'ער אוניווערסיטעט איז אויפגעבויט געווארן".

דער ראש העיר פון ירושלים, גרשון אגרון, האט־אויס־דריקנדיק די גרויסע צופרידנקייט פון דער שטאט־פאר־וואלטונג מיט דעם, וואס עס קומט־צו אין דער הויפשטאט אזא הערלעכע אנשטאלט — באטאנט: "איך בין באזונדערס צופרידן, וואס אט דער בית תפילה איז אויפגעבויט געווארן לכבוד מיין פריינט פון די קינדער־יארן, ד"ר ישראל גאלדשטיין".

גרשון אגרון־אגראנסקי ז"ל און ד"ר ישראל גאלדשטיין זיינען געווען חברים פון די יינגלשע יארן אין פילאדעלפיע,

און זיי האָבן צוזאַמען געגרינדעט אין דער שטאָט דעם ציוניסטישן יוגנט־פאַריין: ״התקוה״.

ד״ר ישׂראל גאָלדשטיין האָט געענטפערט מיט אַ דאַנק־רעדע, וועלכע ער האָט אָנגעהויבן מיט דער ברכה פון ״שהחיינו״, און ער האָט באַמערקט: ״נישט דאָס געפיל פון באַשיידנקייט, נאָר פון רעאַליזם באַוועגט מיך צו זאָגן, אַז איך בין נישט ראוי פאַר דעם כבוד. איך זע אין דעם אַ כבוד, וואָס ווערט צוגעטיילט נישט אַזוי פיל פאַר מיין פּערזאָן, ווי פאַר אַ גרופּע אַמעריקאַנער יידן, וועמענס הערצער זיינען געווענדעט צו ישׂראל, צו ירושלים, צום העברעישן אוניווערסיטעט און צו דעם בית תפילה, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן ביים אוניווערסיטעט.

״מיינע פריינט אין די פּאַראייניקטע שטאַטן האָבן געהאַלטן — און איך מיין, אַז דאָס איז אויך געווען דאָס געפיל פון אַ סך אין ישׂראל — אַז אַן אוניווערסיטעט, און באַזונדערס דער העברעישער אוניווערסיטעט, איז נישט שלימות׳דיק אָן אַ בית תפילה. ווען אַמעריקאַנער יידן טראַכטן וועגן ישׂראל, און בפרט וועגן ירושלים עיר הקודש, פאַרבינדן זיי זייער מחשבה הויפּטזאַכלעך מיט דער רעליגיעז־היסטאָרישער באַדייטונג פון יידישן היימלאַנד. דעריבער גיט־צו דער דאָזיקער בנין, לויט דער מיינונג פון די וועלכע האָבן אים געהאָלפן אויפשטעלן, אַ נויטיקע דימענזיע צו דעם קאָמפּלעקס פון די בנינים אויף דעם הויכן באַרג פון וויסענשאַפט, פון די לעקציע־זאַלן און לאַבאָראַטאָריעס״.

געטריי זיין נוסח און זיין אידייע אין אַלע אַקטיוויטעטן לטובת הכלל, האָט ד״ר ישׂראל גאָלדשטיין צוגעגעבן:

״יעדער בנין פון דעם מין דאַרף האָבן סיי אַ פּראַקטישע

באדייטונג און סיי א סימבאלישן ווערט. ס'איז נישט נויטיק צו זאגן, אז דער סימבאלישער ווערט איז מער פערמאנענט און מער אוניווערסאל. אבער אָן א לעבעדיקער, לאקאלער און כסדר'דיגער פונקציע ווערט דער סימבאל נישט מער ווי אַ מאנומענט.

״מען דארף האפן, אז אט דער בית תפילה וועט האבן א פונקציאנעלן ווערט אין דעם לעבן פון דער אוניווערסיטעט־געמיינדע, פון די לערער און סטודענטן. עס איז געווען פארנונפטיק אויפצושטעלן דעם בית תפילה נאענט צו די וווין־הייזער פון די סטודענטן. מען דארף האפן, אז די אויפגאבע, וואס דער בית תפילה וועט דערפילן, וועט זיין א גייסטרייכע און א אינהאלטסרייכע און וועט זיך דער־נענטערן צו דער דעה, וואס חז״ל האבן געהאט וועגן דעם מהות פון בית הכנסת״.

ווייטער האט ד״ר ישראל גאלדשטיין געזאגט צו דעם פארזאמלטן עולם, צווישן וועלכן עס האבן זיך געפונען אנגעזעענע פראפעסארן און א סך סטודענטן פון ירושלימ'ער אוניווערסיטעט:

״זאל דער דאזיקער בית תפילה ביים העברעישען אוני־ווערסיטעט, וואס איז אויסגעוואקסן פון דער ציוניסטישער באוועגונג, זיין א דערמאנונג פאר דער אויפגאבע, וואס דער בית כנסת האט דערפילט אלס דער גייסטיקער פאטער פון ציוניזם. אכצן הונדערט יאר פאַרן אויפשטיין פון מאדערנעם ציוניזם זיינען שוין געווען ציוניסטן אין די בתי תפילה. אמת, אז מיט געפילן אליין וואלט מען נישט געקענט ווידעראויפריכטן די יידישע מדינה. אבער אָן דער אמונה אין דער בשורה פון גאולה, וואס איז געקומען פון

בית הכנסת, וואלטן אלע פראקטישע פלענער און פראג־ראמען פארבליבן אָן די וועלכע זאלן זיי פארווירקלעכן. די אמונה אין דער גאולה האט באשאפן דעם ווילן, וואס האט פארוואנדלט דעם משיח׳ישן חלום אין ווירקלעכ־קייט״.

ד״ר ישראל גאלדשטיין האט אויסגעדריקט נאך א ווונטש, אין וועלכן ער האט ארויסגעבראכט א אידייע, וואס איז אים באזונדערס נאענט:

״זאל דער דאזיקער בית תפילה, וואס שטייט בשכנות פון די בנינים פון ירושלימ׳ער אוניווערסיטעט, וועלכע זיינען געווידמעט וויסנשאפט און קולטור, זיין א סימבאל פון דעם אמת, אז וויסנשאפט און קולטור אָן ד ת, אָן אמונה, איז עלול צו דערפירן דעם מענטשן צו שלעכטע מעשים. דאס איז דער אונטערשייד צווישן תורה און חכמה.

״ציון פארנעמט איר ארט אין דער געשיכטע פון ציוויליזאציע נישט דערפאר, ווייל זי זאל האבן געווען א צענטער פון אלגעמיינער וויסנשאפט און קולטור. דאס איז געווען די ראלע פון אלטן גריכנלאנד, נישט פון ציון. עס איז נישט געזאגט געווארן: ״כי מציון תצא חכמה״, נאר ״כי מציון תצא תורה״, וואס מיינט די אייביקע פרינציפן און ווערטן פון עטיק און מאראל, די אינספיראציע פארן לעבן פון מענטש און די לערע ווי אזוי ער זאל זיך נוהג זיין״.

צו דער דאזיקער אידייע וועגן דער באזונדערער שליחות, וואס דער העברעישער אוניווערסיטעט אין ירושלים דארף אויף זיך נעמען — צו לערנען און פארשפרייטן די אייביקע

עטישע און מאראלישע ווערטן פון יידנטום — האט ד״ר ישראל גאלדשטיין זיך צוריקגעקערט אויך מיט יאָרן שפעטער, ווען דער העברעישער אוניווערסיטעט אין ירושלים האט אים צוגעטיילט אן ערן־דאָקטאָראַט לכבוד זיין פינף־און־זיבעציקסטן געבוירנטאג.

קאפיטל אכט און דרייסיק

א וועלט־רייזע צו ברידער יידן

אינמיטן פון זיינע פארצווייגטע ציוניסטישע און כלל־ישראל טעטיקייטן איז ד״ר ישראל גאלדשטיין אין יאר 1959 ארויסגעפארן אויף א רייזע פון אכט חדשים קיין אזיע, אויסטראליע און אפריקע און האט דארט באזוכט יידישע ישובים אין צוועלף לענדער. ער האט געהאלטן פאר זיין פליכט, אלס מיטגליד פון דער ציוניסטישער וועלט־עקזעקוטיווע און אלס וויצע־פרעזידענט פון יידישן וועלט־קאנגרעס ארויסצולאזן זיך פון צייט צו צייט אויף נסיעות צו ברידער־יידן אין נאענטע און ווייטע מקומות און אליין באקענען זיך מיט זייער לאגע און מיט זייערע פראבלעמען.

דאסמאל האט ד״ר ישראל גאלדשטיין אונטערגענומען א באזונדערס לאנגע און עקסטענסיווע רייזע, און ער האט זיך פארקליבן אויך אין פארווארפענע ערטער, וווהין עס זיינען פארוואגלט געווארן קליינע גרופעס יידן, צו וועלכע יידישע פירער זיינען זעלטן־ווען געקומען. זיי אלעמען האט ער געבראכט א ברידערלעכן גרוס פון דערמוטיקונג פון ארגאניזירטן יידנטום אין דער וועלט, גאר באזונדערס פון די ברידער־יידן אין דער באנייטער מדינת ישראל, און האט אויסגעפארשט זייערע נויטן פאר צושטעלן פארשלאָגן דער ציוניסטישער וועלט־ארגאניזאציע און דעם יידישן וועלט־

קאנגרעס וועגן דער הילף, וואס דארף געגעבן ווערן די פארוואַרפענע יידישע ישובים.

ד״ר ישראל גאלדשטיין האט באזוכט די יידישע ישובים אין ראָדעזיע, אין בעלגישן קאנגא, אין קעניא, אנהויבנדיק זיין רייזע איבערן אפריקאנער קאנטינענט מיט א לענגערן וויזיט אין דרום־אפריקע, ביים דארטיקן גרויסן און אקטיוון ישוב פון איבער הונדערט צען טויזנט יידן. ער איז געווען אין אינדיע, פאקיסטאן, יאפאן, האנג קאנג, טאילאנד, איראן, סינגאפור, בורמא, אפשטעלנדיק זיך אין די וייטסטע ווינקלען פון אזיע. ער האט באזוכט אויסטראליע און ניי־זעלאנד מיט די יידישע ישובים, וואס זיינען דארט אויסגעוואַקסן באזונדערס נאכן צווייטן וועלט־קריג. דארט האט ער געווײלט צוויי וואכן צייט אין א ספעציעלער שליחות פון ״קרן היסוד״. אין א טייל פון די לענדער האט ד״ר ישראל גאלדשטיין אויך געהאט אפיציעלע באגעגענישן און געשפרעכן מיט די פירער פון די דארטיקע רעגירונגען.

״מדינת ישראל האט אריינגעבראכט א נייעם רוח החיים, א באנייטן שטאלץ און א רייכן גייסטיקן אינהאלט אין דעם לעבן פון די יידן אין די לענדער״ — האט ד״ר ישראל גאלדשטיין אויסגעפירט אין זיין באריכט, וואס ער האט אפגעגעבן פאר דער פירערשאפט פון דער ציוניסטישער וועלט־ארגאניזאציע און פון יידישן וועלט־קאנגרעס. ער האט אויך געהאלטן פאר נויטיק ארויסצוטרעטן אויף עפענטלעכע יידישע פארזאמלונגען אין א רייע שטעט פון די פאראייניקטע שטאטן און קאנאדע, בכדי איבערצוגעבן א גרוס פון די יידן אין די לענדער, וועלכע ער האט באזוכט.

ד״ר גאלדשטיין האט אין זיין באריכט געשילדערט די

שווערע לאגע פון די מערסטע פון די יידישע ישובים און דעם ביטערן קאמף, וועלכן זיי פירן פאר אנהאלטן זייער קיום אלס יידן. ער האט באזונדערס אנגעוויזן אויף דער דרינגנדיקער נויטווענדיקייט צו שיקן לערער און גייסטיקע מנהיגים אין די קלענערע ישובים. ער האט פארגעשלאגן, אז די ציוניסטישע וועלט־ארגאניזאציע און דער יידישער וועלט־קאנגרעס זאלן נעמען די איניציאטיוו פאר גרינדן יידישע לערער־סעמינארן, וועלכע זאלן צוגרייטן דערציער פאר די פארוואַרפענע יידישע ישובים אין אזיע און אין אפריקע.

ד״ר ישראל גאלדשטיין האט זיך אויך אפגעשטעלט אויף א וויכטיקן פראבלעם, וואס ווערט כמעט אינגאנצן פארזען, און וואס האט א גרויסע באדייטונג פאר דער אנטוויקלונג פון די אלגעמיינע באציונגען אין די לענדער צו יידן און צו דער יידישער מדינה. דאס פראבלעם באשטייט אין דעם, וואס א סך פעלקער אין אזיע און אין אפריקע האבן זייער א שוואַכן און פאַרנעפּעלטן באגריף וועגן דער יידישער אמונה און וועגן יידן. אין א סך פון די לענדער ווייסט מען בכלל נישט, וואס אזעלכעס עס שטעלט מיט זיך פאר דאס יידנטום. און דארט, וו מען ווייסט עפעס, ווערן יידן באטראַכט אלס פארגענגער פון קריסטנטום און מען קוקט אויף יידן ווי אויף א מין קריסטלעכער סעקטע. יידישקייט אלס א גרויסע רעליגיע מיט א אוניווערסאלן אויסקוק און עיקרים און מיט א געשיכטע פון פיר טויזנט יאר פון וווּקס און אנטוויקלונג איז אינגאנצן אומבאקאנט אפילו פאר א סך אינטעלעקטואלן אין אזיע און אפריקע — האט ד״ר ישראל גאלדשטיין דערקלערט אויפ׳ן יסוד פון זיינע באגעגענישן און פארשונגען אין די לענדער, וועלכע

ער האט באזוכט. ער האט געמאכט דעם אויספיר, אז עס איז נויטיק און וויכטיק, אז יידישע רעליגיעזע קערפער־שאפטן אין מדינת ישראל, אין אמעריקע, אין ענגלאנד און פראנקרייך זאלן אונטערנעמען א ספעציעלע אויפ־קלערונגס־אקציע וועגן דער יידישער אמונה און וועגן דער געשיכטע פון יידנטום אין די לענדער פון אזיע און אפריקע. אזא אקציע — האט ד״ר גאלדשטיין אנגעוויזן — וועט ברענגען וויכטיקע רעזולטאטן פאר שאפן געהעריקע באציונגען פון די פעלקער אין די דאזיקע מדינות צו יידן און וועט אויך האבן א פאזיטיוון איינפלוס אויף דער שטעלונג פון די לענדער לגבי דער יידישער מדינה.

ד״ר ישראל גאלדשטיין האט אויך באריכטעט וועגן זיינע געשפרעכן מיט פרינץ מיקאַסאַ פון יאפאן; מיט דעם דעמאלטיקן פירער פון בורמא, או נו; מיט דעם פרעמיער־מיניסטער פון אינדיע, נערו און מיט דעם שאַך פון איראן. ער האט דערקלערט, אז אלע האבן זיי אויסגעדריקט זייער טיפע פאַרערונג פארן יידישן פאלק און זייער רעספעקט פאר דער יידישער מדינה. נערו האט אין דעם געשפרעך באמערקט, אז ער האפט צו קענען העלפן פאר דערפירן צו פרידלעכע באציונגען צווישן ישראל און אירע אראבישע שכנים. דער שאַך פון איראן האט מיטגעטיילט ד״ר גאלד־שטיינ׳ען, אז ער גרייט זיך צו פייערן דעם יובילייר פון 2,500 יאר, זינט קעניג כורש האט געגרינדעט די פערסישע מלוכה. אין נאמען פון יידישן וועלט־קאנגרעס האט ד״ר גאלדשטיין אויסגעדריקט דעם אינטערעס פון יידישן פאלק אין דעם היסטארישן יובילייר פון דעם ליבעראלן הערשער אין אַלטערטום, וועלכער האט זיך בארימט געמאכט אין דער יידישער געשיכטע מיט זיין דערלויבעניש, וואס ער

האט געגעבן די יידן צוריקצוקערן זיך פון גלות בבל קיין ארץ ישראל.

"איך האב געפונען א סך אנערקענונג פאר ישראל אין פיל לענדער פון אזיע און אפריקע" — האט ד"ר ישראל גאלדשטיין באטאנט אין זיין באריכט — "דאס איז צו פארדאנקען ישראל'ס דערפאלג אין אראפווארפן דעם קאלאניאלן יאך; ישראל'ס מיליטערישן נצחון, אנטקעגנ־איבער די פיל גרעסערע שונאים; ישראל'ס לאנדווירט־שאפטלעכן און אינדוסטריעלן פראגרעס ביי אזעלכע שווערע באדינגונגען — וואס עס האט געמאכט אויף מיר א שטארקן רושם, באזונדיק די יידישע קהילות אין אזיע און אין אפריקע, איז דער אופן, אויף וועלכן זיי בּאערן אונדזערע קדושים פון די היטלער־יאָרן אין אייראפע" — האט ד"ר ישראל גאלדשטיין באמערקט — "אין אלע שולן און געזעלשאפטלעכע יידישע געביידעס געפינען זיך אנדענק־טאוולען נאָך די אומגעקומענע זעקס מיליאן יידישע קרבנות פון נאציזם, און אויף די יידישע בית עולמ'ס זיינען אויפ־געשטעלט מאנומענטן. די דאזיקע דענקמאלן דערמאנען וועגן די שרעקלעכע אבידות, וועלכע דאס יידישע פאלק האט געליטן, און וועגן דעם חוב וואס מיר זיינען שולדיק פארן אנדענק פון אונדזערע קדושים. איך וואלט שטארק אויפגעפאדערט די יידישע געמיינדעס אין אמעריקע, אז זיי זאלן נאכטאן דעם דאזיקן ביישפיל און ארויסהענגען אין יעדער שול אן אנדענק־טאוול נאך די אומגעקומענע און אויפשטעלן אויף די בית־עולמ'ס מצבות, וואס זאלן דער־מאָנען די לעבעדיקע וועגן די קרבנות פון די אויסגעהרגעטע זעקס מיליאן יידן".

ד"ר גאלדשטיין האט אין זיין באריכט זיך אפגעשטעלט

באזונדערס אויף דער געפאר, וואס באדראט דעם ווייטער־דיקן קיום פון די מערסטע פון די יידישע ישובים, וועלכע ער האט באזוכט אין אזיע און אפריקע. ער האט אנגעוויזן אויף דעם וואקסנדיקן פראצעס פון אויסמישונג פון א גרויסן טייל יידן אין די לענדער מיט דער ארומיקער באפעלקערונג און אויף דער סכנה פון זייער גייסטיקן אונטערגאנג. און ער האט אויסגעפירט:

״ס׳איז נויטיק א וועלט־סטראטעגיע כדי צו פארזיכערן דעם המשך פון יידישן קיום. מען דארף שאפן א וועלט־ארגאניזאציע פון די יידישע ארגאניזאציעס אין די באזונדערע לענדער. די וועלט־ארגאניזאציע דארף ארייננעמען אלע באזונדערע רעליגיעזע און נישט־רעליגיעזע ארגאניזאציעס, ציוניסטישע און נישט־ציוניסטישע, פילאנטראפישע און קולטורעלע, וועלכע זאלן אלע אינאיינעם זארגן פאר דער צוקונפט פון יידישן פאלק, האבן אויפן אויג די לאגע פון די יידן אומעטום און ברענגען הילף און גייסטיקע פירערשאפט ווו עס איז נאר נויטיק״.

ד״ר גאלדשטיין האט אנגעוויזן, אז עס איז געשאפן געווארן א ברייטערע באזע פאר אזא וועלט־ארגאניזאציע דורך אויפשטעלן די וועלט־קאנפערענץ פון די גרויסע יידישע ארגאניזאציעס, אויף דער איניציאטיוו פון ד״ר נחום גאלדמאן. ״אבער דאס איז בלויז א באראטונגס־פארום״ — האט ד״ר גאלדשטיין אונטערגעשטראכן — ״ס׳איז נויטיק צו שאפן א פונקציאנירנדיקע יידישע וועלט־קערפערשאפט אויף דער ברייטסטער באזע, וואס זאל אננעמען און דורכפירן באשלוסן. דאס וואלט געווען דער ערשטער שריט פאר א וועלט־סטראטעגיע צו פארזיכערן דעם המשך פון קיום פון יידישן פאלק״.

מיט דער דאזיקער פאדערונג צו די יידישע פירער און צו די יידישע ארגאניזאציעס איז ד״ר ישראל גאלדשטיין צוריקגעקומען פון זיין לאנגער און ווייטער נסיעה צו די יידישע ישובים אין אזיע, אויסטראליע און אפריקע — די רייזע, וועלכע ער האט אויך אונטערגענומען פאר דעם היילִיקסטן און העכסטן ציל פון נ צ ח י ש ר א ל.

אין דער דאזיגער נסיעה זיינער אין די ווייטע מקומות האט ד״ר גאלדשטיין אויך דורכגעפירט א גאנץ באזונדערע שליחות, וואס איז געווען פארבונדן מיט דער אידייע פון יידישער אחדות איבער דער גארער וועלט. ער האט מיט זיך מיטגעבראכט א ספעציעלע באגריסונגס־שריפט פון דעם ״ניו יארק באארד אָף ראבאיס״ — די ארגאניזאציע, וואס נעמט ארום די גייסטיקע מנהיגים פון אלע דריי ריכטונגען, קאנסערוואטיוון, רעפארמער און ארטאדאקסישע יידן — צו די רבנים אין די לענדער וועלכע ער האט באזוכט. אין דער באגריסונגס־שריפט איז אויך מיטגעטיילט געווארן וועגן דעם פראיעקט צו גרינדן אן ״אינטער־נאציאנאלע סינאגאגע״ביים אינטערנאציאנאלן לופט־פעלד אין ניו יארק, איינעם פון די גרעסטע אין דער וועלט. דער דאזיקער אינטערעסאנטער און וויכטיקער פלאן איז דורכגעפירט געווארן, און ד״ר ישראל גאלדשטיין איז ערן־פארזיצער פון דעם קאמיטעט פון דעם פרעכטיקן בית התפילה, וואס איז איצט באקאנט צווישן יידן אין דער גאנצער וועלט.

אין זיינע קאנפערענצן, בעת דער רייזע, מיט די פירער פון אינדיע און בורמא א. א., האט ד״ר גאלדשטיין באהאנדלט זיין פראיעקט וועגן גרינדן א וועלט־אקאדעמיע פאר שלום.

זייענדיק אין אינדיע, האט ד״ר גאלדשטיין געמאכט א ספעציעלע רייזע קיין קאטשין, וווּ עס געפינט זיך איינע פון די עלטסטע און מערקווירדיקסטע יידישע געמיינדעס אין דער וועלט. די יידן פון קאטשין זאגן, אז זיי ציען זייער יחוס פון די מאטראסן פון שלמה המלכ׳ס שיפן, וועלכע זיינען געפארן קיין אינדיע. זיי היטן־אפ ביז׳ן היינטיקן טאג אין זייער שול א טאוול מיט דער שריפט וועגן די רעכט, וואס זיי האבן באקומען מיט פיל הונדערטער יארן צוריק — א מין יידישע אויטאנאמיע. ד״ר גאלדשטיין האט שפעטער א סך פון די יידן געהאלפן עולה צו זיין קיין ישראל.

קאפיטל ניין און דרייסיק

א וועלט־אקאדעמיע פאר שלום

„דערלויבט מיר צו מאכן א פארשלאג וועגן פאַרהיטן דעם וועלט־שלום. איינפירן און פארשטארקן דעם שלום אין דער וועלט איז אזוי דרינגנדיק נויטיק, אז יעדער פראיעקט דארף באטראכט ווערן מיט דער אויסזיכט, אז ער קאן אנווייזן אויף א וועג וואס זאל פירן צום ציל. ריזיקע געלט־סומעס זיינען אויסגעגעבן געווארן און ווערן ווייטער אויסגעגעבן דורך פארשיידענע פאנדן אויף פארשונגען און פלענער ווי צו פארקלענערן און אויב מעגלעך צו עלימינירן די געפאר פון מלחמה. דעריבער דארפן אויפגענומען ווערן און באגריסט ווערן פארשלאגן, פון וואנען זיי זאלן נישט קומען" —

די דאזיקע דערקלערונג האט ד"ר ישראל גאלדשטיין געמאכט, ווען ער איז אין א שווערן מאמענט פארן וועלט־שלום ארויסגעקומען מיט זיינעם אן אייגענעם פארשלאג וועגן אפשוואַכן, און אויב מעגלעך באזייטיקן די געפאר פון מלחמה. דאס איז געווען א געוואגטער שריט, אבער א גוט־פארשטענדלעכער. וועלט־שלום איז שוין טויזנטער יאָרן א יידישער אידעאל, ווי ער איז מיט אזא שטארקער קראפט פראקלאמירט און אויסגעדריקט געווארן דורך אונדזערע נביאים. ד"ר ישראל גאלדשטיין האט דערמיט

אנגעהויבן, ציטירנדיק ישעיה הנביא און מיכה הנביא, ביים ארויפברייננגען זיין פארשלאג:

"וואס עס איז נויטיק אין אונדזער צייט" — האט ער באטאנט — "איז די קאלעקטיווע שטים פון נביאות, די שטים פון א מאראלישער און עטישער אויטאריטעט. מען דארף אננעמען, אז די נביאי ישראל אין די אלטער־טימלעכע צייטן זיינען אויך געווען די קלוגסטע שטאטס־מענער. אזא מאראלישע שטאטסמאנשאפט איז דרינגנדיק נויטיק אויך אין אונדזער צייט".

ד"ר ישראל גאלדשטיין איז ארויסגעקומען מיט זיין פראיעקט אין א רירנדיקער רעדע, וועלכע ער האט געהאלטן אויף א מאסן־פארזאמלונג, וואס איז פאר־געקומען אין ניו יארק, אין יארטאג פון היראשימא, דעם 6־טן אויגוסט 1960. ער האט זיין פלאן אויך פאר־עפענטלעכט און אים פונאנדערגעשיקט צו די פירנדיקע שטאטסמענער פון דער וועלט. די מאסן־פארזאמלונג אין ניו יארק איז אפגעהאלטן געווארן אונטער'ן אפענעם הימעל, אויף דעם פלאץ אין פראנט פון די געביידעס פון דער ארגאניזאציע פון די פאראייניקטע פעלקער. דער טאג און דאס ארט פון דער מאסן־פארזאמלונג האבן געהאט זייער סימבאלישע באדייטונג.

"עס איז נישט גענוג אפצושאפן פארבאטן וואפן, וואס קענען חרוב מאכן א וועלט" — האט ד"ר גאלדשטיין אויסגעפירט אין זיין רעדע אין דעם יארטאג פון היראשימא — "עס איז נויטיק אין דערזעלבער צייט צו שאפן די קאנצעפציעס און צוזאמענשטעלן די מכשירים פאר באפעס־טיקן דעם שלום, פאר געפינען די וועגן אז אינטער־

נאציאנאלע קאנפליקטן זאלן געלייזט ווערן מיט פרידלעכע מיטלען״.

און וועגן דער ארגאניזאציע פון די פאראייניקטע פעלקער, האט ער געזאגט:

״נישט געקוקט אויף אירע באגרענעצטע מעגלעכקייטן, שפילט די ארגאניזאציע פון די פאראייניקטע פעלקער א וויכטיקע ראלע אין דער אויפגאבע צו פארהיטן פון מלחמות. די אונא איז לכל הפחות אַ פאָרום פאר א ווערטער־שלאכט, וואס קען אפשטופן און אפילו פארהיטן פון א שלאכט מיט באמבעס. דער פאָרום פון דער אונא גיט אויך די געלעגנהייט פאר קליינע פעלקער צו אינטער־ווענירן אין גרויסע וועלט־פראבלעמען. די שטימען פון קליינע פעלקער קענען ווערן א פאקטאר פון א באדייטנ־דיקער מאראלישער וויכטיקייט״.

געוויס באציט זיך ד״ר גאלדשטיינ׳ס דאזיקער אויספיר קודם־כל צו דער קליינער יידישער מדינה, וואס איז אין די אלטע צייטן ארויסגעקומען מיט דעם גרויסן אידעאל פון וועלט־שלום.

״אבער די ארגאניזאציע פון די פאראייניקטע פעלקער — האט ד״ר גאלדשטיין אנגעוויזן — באשטייט פון פאליטישע מלוכות, וועלכע האנדלען מיט דער אויטאריטעט פון זייערע רעגירונגען. דאס איז א קוואל פון שטארקייט און שוואכקייט גלייכצייטיק״. דעריבער איז ד״ר גאלדשטיין ארויסגעקומען מיט זיין פלאן, וואס האט זיך געשטיצט אויף דעם פרינציפ פון פרייוויליקער אקציע פאר שלום מחוץ דעם ראמען פון די ״יונייטעד ניישנס״.

ד״ר ישראל גאלדשטיינ׳ס פראיעקט איז געווען צו גרינדן

א פרייוויליקע אגענטור, וואס זאל אגיטירן פאר'ן וועלט־שלום דורך דערציען און פירן די עפנטלעכע מיינונג פון דער וועלט. די פראיעקטירטע אגענטור האט געדארפט טראגן אן אייגנאַרטיקן כאראקטער און האט געזאָלט נעמען אויף זיך גאנץ באזונדערע אויפגאבן. די נייע אגענטור האט געדארפט אננעמען די פארם פון א וועלט־אקאדעמיע פאר שלום.

די וועלט־אקאדעמיע פאר שלום האט געדארפט צונויפ־ברענגען פון צוואנציק ביז פינף און צוואנציק פראמי־נענטסטע גייסטיקע און מאראלישע פערזענלעכקייטן פון דער וועלט, וועלכע זאלן נישט זיין געבונדן מיט דער פאליטיק פון זייערע לענדער און זאלן זיך ווידמען די אידעאלן פון שלום און ווילזיין פון דער מענטשהייט. ד"ר גאלדשטיין האט אנגערופן עטלעכע אזעלכע פער־זענלעכקייטן, וואס קענען גענומען ווערן אין באטראכט אלס מיטגלידער פון אזא אקאדעמיע פאר וועלט־שלום. ארויסטרעטנדיק מיט זיין פלאן אין יאר 1960, האט ער נאך געקענט אויסרעכענען די נעמען פון: **מארטין בובער, עלינאר רוזוועלט, אלבערט שווייצער, עדלי סטיוועסאן.** ער האט אויך דערמאנט: **פראפעסאר ראבערט אפענהיימער, ד"ר נחום גאלדמאן, זשאק מאריטען, פראַנסוא מאריאַק, בערטראנד ראסעל, פיליפ נאעל־בייקער, געלבערטא פרעירע** (פון בראזיל). און ד"ר גאלדשטיין האט באמערקט: "דער פלאן וועגן דער אקאדעמיע פאר וועלט־שלום איז נישט אפהענגיק פון וועלכער־עס־איז אינדיווידועלער פערזענ־לעכקייט. יעדער דור גיט ארויס זיינע אייגענע מאראלישע און עטישע פירער. עס וועט שטענדיג זיין א רעזערוו, פון

וואנען צו נעמען מיטגלידער פאר אזא וועלט־אקאדעמיע פאר שלום״.

לויט ד״ר גאלדשטיינ׳ס פראיעקט האט די וועלט־אקאדעמיע פאר שלום זיך געדארפט צונויפקומען איין מאל אין יאר, אויף א מאנאט צייט, אין א נייטראלן לאנד, אין אַן אטמאספער וואס זאל זיין ״פריי פון פאליטישען דרוק״. די גרופע פון פערזענלעכקייטן, מיטגלידער פון דער אקאדעמיע, דארף זיין נישט קיין גרויסע, בכדי צו קענען דורכפירן אַן אינטימן אויסטויש פון מיינונגען וועגן די בעסטע מיטלען פאר שטארקן דעם וועלט־שלום. אין דער צווישנצייט פון די יערלעכע פארזאמלונגען וואלטן די מיטגלידער פון דער אקאדעמיע זיך פארשטענדיקט איינער מיטן אנדערן וועגן די פארשיידענע פראגן, וואס זיינען אויפגעשווומען. איין מאל א יאר וואלט די אקאדעמיע פארעפנטלעכט די רעזולטאטן פון אירע פארהאנדלונגען און באטראכטונגען וועגן פארהיטן דעם וועלט־שלום. אזעלכע דערקלערונגען פון דער וועלט־אקאדעמיע פאר שלום וואלטן געקענט האבן א ברייטן אפקלאנג און א שטארקע איינפלוס. אירע רעקאמענדאציעס וואלטן געקענט פירן צו דיסקוסיעס און צו באשלוסן פון די רעגירונגן וועגן שטארקן דעם פרידן אין דער וועלט — האט ד״ר גאלדשטיין אויסגעפירט אין זיין פלאן.

איין טאג אין יאר וואלט באשטימט געווארן אלס א טאג פון תפילות און באטראכטונגען פאר אלע פעלקער, אמונות און ראסן פון דער וועלט פאר שלום און וווילזיין פון דער גאנצער מענטשהייט. ד״ר גאלדשטיין האט פארגעשלאגן, אז דער דאזיקער טאג זאל זיין דעם 2־טן סעפטעמבער, דער יארטאג פון דעם סוף פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

אין דעם טאג וואלט די וועלט־אקאדעמיע פארעפענטלעכט אירע דערקלערונגען און באריכטן וועגן די באמיונגען "אז פעלקער זאלען מער נישט לערנען קיין מלחמה", ווי עס ווערט געזאגט אין דער נבואה פון נביא ישעיהו.

און וועגן דעם אלגעמיינעם כאראקטער פון דער פראיעקטירטער וועלט־אקאדעמיע פאר שלום, האט ד"ר גאלדשטיין אונטערגעשטראכן:

"אין קעגענזאץ צו דעם נאבעל־פרייז פאר שלום, וואס ציימנט־אויס און באלוינט יחידים, וועלכע האבן געבראכט וויכטיקע בייטשטייערונגען פאר דעם אידעאל פון שלום, וועט די וועלט־אקאדעמיע פאר שלום אנפירן מיט א קאלעקטיווער כסדר'דיקער אקציע, מיט'ן אנטייל פון די פראמינענטסטע מוחות און גייסטער פון אונדזער צייט, וועלכע זוכען צו ראטעווען די מענטשן און די וועלט פון חורבן. פאר די, וועלכע ווידמען זיך די אידעאלן פון שלום און וווילזיין פון דער מענטשהייט, זיינען נישט נויטיק קיין פרייזן, בכדי זיי צוצורעדן צו פירן אזא אקציע. זיי וועלן אוועקגעבען דערפאר זייערע כוחות אויס ליבע פאר דער מענטשהייט".

ד"ר ישראל גאלדשטיינ'ס פלאן האט ארויסגערופן א ווארימן און שטארקן אינטערעס. פירנדיקע פערזענלעכקייטן פון דער וועלט האבן זיך אפגערופן מיט באגייסטערונג פאר דעם פלאן. עלינאר רוזוועלט האט געשריבן צו ד"ר ישראל גאלדשטיינ'ען: "אייער אידייע איז אן אינספירירנדיקע". דער ענגלישער שטאטסמאן פיליפ נאעל בייקער האט געמאכט א לענגערע און וויכטיקע דערקלערונג: "אויב די וועלט־אקאדעמיע פאר שלום וועט געשאפן ווערן, וועט זי — ווי איך מיין — דינען אן

אומגעהויער וויכטיקן צוועק. וואס שייך מיר, בין איך גרייט צו העלפן מיט אלץ, וואס איך קען. געוויס וועל איך זיין גרייט, זיך צונויפקומען מיט די אנדערע מיטגלידער פון דער אקאדעמיע פאר פארהאנדלונגען און באראטונגען״. א צווייטער פראמינענטער ענגלענדער, לאיד אָר, האט אין א בריוו צו ד״ר גאלדשטיין׳ען זיך אויסגעדריקט: ״די פראיעקטירטע אקאדעמיע פאר וועלט־שלום וואלט געווען א ווערטפולעביישטייערונג צו דער באוועגונג פאר וועלט־שלום. איך ווינטש אייך גרויס הצלחה אין אייערע באמיונגען, צו שאפן די אקאדעמיע פאר וועלט־שלום״.

אבער ד״ר גאלדשטיינ׳ס אלע אנשטרענגונגען פאר דער פארווירקלעכונג פון זיין פלאן, וואס האט געהאט אזא ווארימען אפקלאנג, האבן זיך נישט איינגעגעבן. אין זיין פראיעקט האט ער פאראויסגעזען, אז ״עס דארף נישט זיין אוממשכל׳דיג צו האפן, אז איינע פון די גרויסע פילאנט־ראפישע פאָנדאציעס, וואס אינטערעסירן זיך מיט דער שטרעבונג פאר וועלט־שלום, זאל ביישטייערן די נויטיקע פינאנציעלע מיטלען פאר דער אקאדעמיע פאר וועלט־שלום״. די דאזיקע האפענונג איז נישט מקויים געווארן.

אזוי איז עס געשען, אז ד״ר ישראל גאלדשטיינ׳ס פלאן, וואס איז געווען געווידמעט איינעם פון די וויכטיקסטע צילן פון דער מענטשהייט, דעם אידעאל פון וועלט־שלום, וועלכן דאס יידישע פאלק האט דורך די נביאי ישראל פראקלאמירט אין די עלטסטע צייטן, ביים אנהויב פון דער מענטשלעכער ציוויליזאציע — איז נישט פארווירקלעכט געווארן.

* * *

אין יענער צייט, בעת ער איז ארומגעגאנגען מיט אַ פּלאַן וועגן אן אקאדעמיע פאר שלום, האט ד״ר גאלדשטיין געוואלט וויסן וואס עס טראכטן וועגן דעם אַ זעלכע פערזענלעכקייטן ווי: נערו, ראדא קרישנאן, דער דעמאל־טיקער פרעזידענט פון אינדיע; או־נו, וועלכער איז אַנגעגאנגען ווי אן איינפלוסרייכע פערזענלעכקייט — הגם נישט פארנומען דעמאלט קיין אפיציעלן אמט. אין איראן — ווי עס איז שוין דערמאנט געווארן — האט ער זיך געטראפן מיטן שאך און ארומגערעדט מיט אים וועלט־ענינים. ער האט זיך דעמאלט געגרייט צום יובליי פון 2500 זינט כורש האט געגרינדעט די פערסישע מלוכה. ער האט געפרעגט די עצה פון ד״ר ישראל גאלדשטיין, שאצנדיק גאר הויך די דערפארונג פון יידן אין אַ זעלכע ענינים. זייענדיק אין איראן האט ד״ר גאלדשטיין געהאט אַ געלעגנהייט, צו זען די אמתע איבערגעגעבנקייט פון די פערסישע יידן צום שאך. ער איז געווען איבערצייגט, אז זייערע תפילות פארן געזונט פונעם שאך, וואס ווערן געזאגט יעדן שבת אין די שולן, ווערן זייער ערנסט געמיינט. ער איז געווען זייער באהאווונט אין די רעליגיעס פון דער וועלט, איינשליסלעך יודאיזם.

ד״ר גאלדשטיין האט באזוכט אין יאפאן, דארט האט ער זיך געטראפן מיטן פרינץ מיקאסא, דער ברודער פון יאפאנישן קייזער. פון דער גאנצער קייזערלעכער משפחה איז ער געווען דער וואס איז געווען אממערסטן אינטערע־סירט אין קולטורעלע און רעליגיעזע דערשיינונגען אין דער וועלט. ער האט זיך גערעכנט פארן ליבעראל אין דער קייזערלעכער פאמיליע. ער איז געווען גאנץ באהאוונט אין דער געשיכטע פון קריסטנטום ווי אויך פון יידנטום. ער

האט אויך געלייענט העברעיש. ד"ר גאלדשטיין האט אים געפרעגט, פונוואנען קומט זיין אינטערעס אין יידנטום. האט ער אים געענטפערט, אז צוויי טעמעס פון אונדזער צייט אויסערהאלב יאפאן וואס אינטערעסירן אים זיינען די טעמעס פון קאמוניזם און קריסטנטום. פארטיפנדיק זיך אין קריסטנטום איז ער געקומען צום אויספיר, אז עס לאזט זיך נישט פארשטיין דעם קריסטנטום — נישט פאר־שטייענדיק דעם יידנטום. דערפון נעמט זיך — האט ער געזאגט — זיין אינטערעס אין יודאיסטיק. צוויי זאכן האבן אים אימפאנירט אין יידנטום — האט באטאנט דער פרינץ מיקאסא: א) די פארבינדונג צווישן לאנד און דער רעליגיע.

דאס האט אים גאר באזונדערס אינטערעסירט צוליב דער אנאלאגיע מיט דעם יאפאנישן קולט וואס איז ענג פאר־בונדן מיטן לאנד; ב) דער גרויסער רעספעקט צו די אבות, ווייל דער דאזיקער מאטיוו פארנעמט אַ גרויס ארט אין דעם יאפאנישן קולט.

ד"ר גאלדשטיין האט געהאט דעם איינדרוק, אז דער פרינץ איז געווען אַ פריינד פון ישראל: ווען ער פלעגט זיך אנשטויסן אין אַ שווערן העברעישן טעקסט, פלעג ער טעלעפאנירן דער ישראל־אמבאסאדע און בעטן ארויס־העלפן אים אין דעם. ער האט אונטערשטיצט דעם פלאן פון אן אקאדעמיע פאר שלום, פונקט ווי עס האבן אים דערמוטיקט דערצו עלינאר רוזוועלט און ראלף באנטש פון די פאראייניקטע שטאטן, פיליפ נאעל בייקער פון ענגלאנד און אנדערע.

קאפיטל פערציק

א געזעגענונגסבליק אויפ'ן יידישן מצב אין דער וועלט

"עס איז קלאר, אז די צוויי הויפט־זיילן, אויף וועלכע עס וועט זיך שטיצן דער בנין פון דער יידישער צוקונפט, וועלן זיין ישראל און דאס אמעריקאנער יידנטום. די שטארקייט און די פעסטקייט פון די צוויי זיילן זיינען דעריבער לעבענסוויכטיק פאר דעם המשך פון קיום פון גאנצן יידישן פאלק" —

מיט דעם דאזיקן אויספיר האט ד"ר ישראל גאלדשטיין זיך געזעגנט, ווען ער האט אין מאי 1958 זיך צוריקגעצויגן פון זיין אמט אלס פרעזידענט פון אמעריקאנער יידישן קאנגרעס. כמעט זיבן יאר איז ער געשטאנען אין שפיץ פון דער גרויסער אמעריקאנער יידישער ארגאניזאציע, וואס איז געגרינדעט געווארן דורך סטיפען ס. וויז און ריכטער לואי בראנדייס. אין זייער גייסט האט ד"ר גאלדשטיין אנגעפירט במשך פון די זיבן יאר מיט דעם אמעריקאנער יידישן קאנגרעס און מיט זיינע אקטיוויטעטן פאר די אינטערעסן פון אמעריקאנער יידנטום און וועלט־יידנטום, און פאר די באדערפענישן פון דער באנייטער יידישער מדינה. ווען ער האט געהאלטן זיין געזעגענונגס־רעדע ביים צוזאמענפאר פון אמעריקאנער יידישן קאנגרעס אין מאי 1958, אין מיאַמי, פארלאזנדיק די פרעזידענט־

שאפט, האט ער זיך קאנצענטרירט אויף די צוויי הויפט־פראבלעמען: די זארג פארן גורל פון די תפוצות ישראל, בעיקר פונעם גרויסן יידישן ישוב אין אמעריקע; און די אויפגאבן און פליכטן פאר פארזיכערן דעם קיום פון דער באנייטער ידישער מדינה.

ד״ר גאלדשטיין האט אנגעהויבן מיט שילדערן די פאר־צווייפלטע לאגע פון די יידן אין סאוויעט־רוסלאנד. אנווייזנדיק אויף דער געפאר פון גייסטיקן אונטערגאנג פון די דריי מיליאן סאוויעטישע יידן, האט ער אויסגעפירט אז די איינציקע רעטונג פאר זיי איז צו קריגען די פרייע מעגלעכקייט עולה צו זיין קיין ישראל. ער האט באטאנט די נויטווענדיקייט צו פארשטארקן די פאדערונג צו דער סאוויעט־רעגירונג, אז זי זאל דערלויבן ארויסצופארן פון לאנד די יידן, וועלכע ווילן פארבינדן זייער צוקונפט, און די צוקונפט פון זייערע קינדער, מיט דער באנייטער מדינת ישראל.

ד״ר גאלדשטיין האט אויך באהאנדלט דאס ערנסטע פראבלעם פון די נאך פארבליבענע יידן אין די לענדער פון סאוויעטישן בלאק: אין פוילן, רומעניע און אונגארן. באמערקנדיק, אז די יידן אין די לענדער האבן לייכטערע באדינגונגען, ווי אין סאוויעט־רוסלאנד, פאר אָנגיין מיט זייער רעליגיעזן און יידיש־קולטורעל לעבן, האט ד״ר גאלדשטיין געפאדערט אויך פאר זיי דאס פרייע רעכט פון עליה קיין ישראל.

אַריבערגייענדיק צו די פראבלעמען פון ישראל, האט ער זיך אפגעשטעלט באזונדערס אויף דער סיני־אקציע אין 1956 און אויף די פאליטישע שריט, וואס דער אמעריקאנער

יידישער קאנגרעס האט צוזאמען מיט די אנדערע יידישע ארגאניזאציעס אונטערגענומען פאר דער יידישער מדינה אין דער קריטישער צייט. ער האט דערמאנט די באמיונגען וועגן עקאנאמישער און מיליטערישער הילף פון דער אמעריקאנער רעגירונג פאר ישראל און די אויפקלערונגס־ארבעט אין דער אמעריקאנער עפנטלעכער מיינונג וועגן די אגרעסיע־אקטן פון נאסער׳ס עגיפטן, וואס האבן דערפירט צו ישראל׳ס פארטיידיגונגס־אקציע אין 1956. דערביי האט ד״ר גאלדשטיין זיך אויסגעדריקט, אז ״אין וואשינגטאן באדענקט מען זיך שוין אודאי וועגן דעם, צי עס וואלט נישט געווען בעסער פאר דער גאנצער פרייער וועלט ווען מען וואלט צוגעלאזט נאסער׳ן צו טראָגן די קאנסעקווענצן פון זיינע מעשים, אנשטאט געבן אים די מעגלעכקייט צו פארוואנדלען א מיליטערישע מפלה אין א פאליטישן זיג, וואס באדראט איצט די גאנצע פאזיציע פון די מערב־מלוכות אין מיטעלן מזרח״. גלייכצייטיק האט ער געווארנט פאר דער ווייטערדיקער אריינדרינגונג פון סאוויעט־רוסלאנד אין מיטעלען מזרח, ״האבנדיק שוין אריינגעשטעלט א פוס אין נאסער׳ס עגיפטן״.

ד״ר גאלדשטיין האט אויך דערמאנט די קריטישע לאגע פון די אלטע יידישע ישובים אין צפון־אפריקע, אין טוניס, מאראקא און אלזשיר, נאכדעם ווי די דאזיקע לענדער זיינען געווארן זעלבסטשטענדיק און האבן אנגענומען די פאליטישע ליניע פון די אראבישע שונאים פון ישראל.

אויסרעכענענדיק די טעטיקייטן פון אמעריקאנער יידישן קאנגרעס אויף דער אמעריקאנער יידישער און אלגעמיינער סצענע, האט ד״ר גאלדשטיין אנגעוויזן באזונדערס אויף

דעם קאמף קעגן אראבישן עקאנאמישן באיקאט. די באמיונגען פון אמעריקאנער יידישן קאנגרעס האבן דער־פירט צו דער ספעציעלער רעזאלוציע, וואס דער סענאט פון די פאראייניקטע שטאטן האט אנגענומען קעגן אראבישן באיקאט אויף אמעריקאנער יידן.

ביים צוריקציען זיך פון דער פרעזידענטנשאפט פון אמערי־קאנער יידישן קאנגרעס האט ד"ר גאלדשטיין גערופן די ארגאניזאציע צו פארשטארקן די קאאפעראציע מיטן יידישן וועלט־קאנגרעס. ער האט באריכטעט וועגן די פארצווייגטע טעטיקייטן פון יידישן וועלט־קאנגרעס און האט דערמאנט די אקציע פאר די עגיפטישע יידן, קעגן וועלכע נאסער האט ארויסגעגעבן פינצטערע גזירות נאך דעם סיני־פארמעסט אין 1956. ער האט זיך אויך אפגע־שטעלט אויף דער פארטיידיקונג פון די באדראטע רעכט פון א ריי יידישע ישובים אין דרום־אמעריקע. די פראב־לעמען פון די יידן אין לאטיין־אמעריקע זיינען אים געווען באזונדערס נאענט, אלס פארזיצער פון דער סעקציע פון יידישן וועלט־קאנגרעס פאר די יידישע ישובים אין די אמעריקאנער לענדער. ער האט געווארנט פאר דער אראבישער העצע, וואס ווערט פארשפרייט אין לאטיין־אמעריקע קעגן מדינת ישראל און אין אלגעמיין קעגן יידן.

געזעגענענדיק זיך מיט דער פירערשאפט פון אמעריקאנער יידישן קאנגרעס, האט ער אנגעצייכנט די הויפט־ליניעס פון א פראגראם פאר זיינע נאכפאלגער אויף דעם פרעזי־דענט־אמט, רופנדיק זיי אפצוהיטן דעם גייסט פון די גרינדער פון דער ארגאניזאציע. אין זיינע אויספירען, האט ער דערקלערט :

״די פראבלעמען פון דער צוקונפט פון יידישן פאלק איבער דער גארער וועלט דארפן ווייטער זיך געפינען אויבען־אָן אויף אונדזערער טאג־ארדענונג, סיי פון יידישן וועלט־קאנגרעס און סיי פון אמעריקאנער יידישן קאנגרעס. מיר דארפן מאכן די גרעסטע אנשטרענגונגען צו העלפן דארט, ווו אונדזער הילף וועט זיין נויטיק.

״מיר דארפן ווייטער פירן דעם קאמף פאר די רעכט פון אונדזערע ברידער און שוועסטער אין סאוויעט־רוסלאנד און אין אלע לענדער פון קאמוניסטישן בלאק, און קודם־כל פאר זייער רעכט עולה צו זיין קיין ישראל.

״עס וועט נאך דויערן א לענגערע צייט, ביז די פאזיציע פון ישראל אין מיטעלן מזרח וועט זיין זיכער. דער אמעריקאנער יידישער קאנגרעס וועט אין דער צוקונפט, אזוי ווי אין דער פארגאנגנהייט, דארפן אויפפאדערן דאס אמעריקאנער פאלק און די אמעריקאנער רעגירונג אפ־צוהיטן און שטארקן ישראל׳ס זיכערקייט. מיט אונדזער גאנצן הארץ און מוח גלויבן מיר, אז דאס איז נישט בלויז אין דעם אינטערעס פון מדינת ישראל און פון יידישן פאלק, נאר אויך אין דעם אינטערעס פון די פאראייניקטע שטאטן.

״ישראל׳ס פראבלעמען זיינען נישט בלויז אויסערלעכע, נאר אויך אינערלעכע. עס וועט זיך שאפן א שווערע עקאנאמישע לאגע אין ישראל, ווען די דייטשע צאלונגען וועלן אויפהערן (לויט דעם לוקסעמבורגער אפמאך פון 1952 וועגן די ״שילומים״). אמעריקאנער יידן וועלן דארפן קומען מער צו־הילף, סיי אין די געלד־זאמלונגען און סיי מיט אינוועסטירונגען.

„ישראל׳ס פראבלעמען וועלן אויך זיין נישט בלויז עקאנאָמישע, נאר אויך סאציאלע און קולטורעלע. די נויטווענדיקייט פון מיזוג גלויות איז אין צענטער פון די פראבלעמען. פאר אמעריקאנער יידן וועט שטיין די פראגע וועגן שאַפן דעם גייסטיקן קשר מיט מדינת ישראל. וואס שטארקער און וואס מער אינערלעך קאנסאלידירט די יידישע מדינה וועט זיין, אלץ מער וועט זי זיין דער קוואל פון קולטורעלער און גייסטיקער אויפלעבונג פון כלל ישראל.

„דאס גרויסע פראבלעם פאר די יידן אין די תפוצות איז דער קאמף קעגן אסימילאציע, קעגן דער געפאר אז יידישע ישובים זאלן פארשווינדן אלס טיילן פון יידישן וועלטפאלק; זאלן זיך אויסמישן מיט דער ארומיקער סביבה און אויפגעבן זייער יידישע אידענטיטעט. די יידישע רעליגיעזע כוחות קענען דערפילן א הויפט־אויפגאבע אין אָט דעם קאמף. און ישראל האט א באזונדערס וויכטיקע ראלע, וואס זי דארף שפילן אין דעם קאמף קעגן דער אסימילאציע אין די תפוצות. אין דער דערציונג פון די יידישע קינדער דארפן אריינגענומען ווערן די קענטענישן וועגן דער יידישער מדינה און דער גייסט פון ישראל. א יידיש קינד דארף זיין שטארק באהאווּנט אין דעם, וואס עס קומט פאר אין ישראל און אין דער באדייטונג פון דער יידישער מדינה פאר אלע יידן. דער לימוד פון העברעאיש דארף אין די תפוצות איינגעפירט ווערן אלס צווייטע לערן־שפראך״.

אין ווייטערדיקן טייל פון זיין געזעגענונגס־רעדע האט ד״ר ישראל גאלדשטיין שארף געווארנט דעם אמעריקאנער יידנטום:

״דער יידישער ישוב אין אמעריקע, וואס באטרעפט מער ווי א העלפט פון יידישן פאלק מחוץ מדינת ישראל, און צוויי דריטל פון יידישן פאלק אין דער פרייער וועלט מחוץ דער יידישער מדינה — האט נאך אלץ נישט אויפגענומען מיט דער פולער ערנסטקייט און פאראנטווארטלעכקייט דאס פראבלעם וועגן זיין המשך. די נויטיקע סטראטעגיע דערפאר איז נאך נישט אויסגעארבעט געווארן. דאס בילד און דער גייסטיקער מצב פון אמעריקאנער יידנטום אין פופציג יאר ארום איז אפהענגיק פון זיינע פירער, און פון דעם וואס זיי וועלן טאן כדי צו פארזיכערן דעם המשך שוין היינט־צו־טאג. איך גלויב, אז צען טויזנט יידישע עסקנים אין אמעריקע, וועלכע זאלן שטיין אויף דער געהעריקער הויך, קענען באשטימען די גייסטיק־קולטורעלע צוקונפט פון מיליאנען אמעריקאנער יידן אין א דור אדער צוויי דורות שפעטער. כדי אויסצוארבייטן די סטראטעגיע ווי צו פארזיכערן דעם גייסטיק־קולטורעלן המשך פון אמעריקאנער יידנטום דארף געשאפן ווערן א גרויסע פאראייניקונג פון יידישע ארגאניזאציעס, צווישן וועלכע דער אמעריקאנער יידישער קאנגרעס קאן שפילן א וויכטיקע ראלע.

״אין אלגעמיין האלט איך — האט ד״ר גאלדשטיין ווייטער דערקלערט — אז מיר זיינען דערגאנגען צו א ווענד־פונקט אין אונדזער ארגאניזאציאנעלער געשיכטע — און בכלל אין דער יידישער געשיכטע — בעת מיר דארפן פונדאסניי באטראכטן און אפשאצן א סך פון אונדזערע יידישע פראבלעמען. דער אומקום פון די זעקס מיליאן יידן אין אייראפע, וואס איז געווען די שוידערלעכסטע גייסטיקע קאטאסטראפע פארן גאנצן יידישן פאלק; די פאקטישע

גייסטיקע סטעריליזירונג פון די דריי מיליאן יידן אין סאוויעט־רוסלאנד צוליב דער גרויזאמער אונטערדריקונג פון יידישן רעליגיעזן און קולטורעלן לעבן; פון דער אנדערער זייט — די ווידערגעבורט פון מדינת ישראל, וואס רירט־אָן די קעגנווארט און די צוקונפט פון גאנצן יידישן פאלק, האבן געשאפן אַ נייע לאגע. דער יידישער ישוב אין אמעריקע, און אין אלע לענדער, האט איצט נייע גרויסע מעגלעכקייטן און פאראנטווארטלעכקייטן א דאנק און דורך דער באגייונג פון דער יידישער מדינה. אלע יידישע ישובים אין די תפוצות, און גאר באזונדערס דער גרויסער יידישער ישוב אין די פאראייניקטע שטאטן, דארפן פאר־שטיין ווי אזוי אפצושאצן די ניי־געשאפענע לאגע, און באשטימען אין הסכם דערמיט די נייע אויפגאבן און פליכטן.

"מיר דארפן מאכן די גרעסטע אנשטרענגונגען אויסצו־ברייטערן, פארטיפן און באפרייכערן דעם יידישן אינהאלט אין אונדזער לעבן און אים איבערגעבן צו די קומענדיקע יידישע דורות אין אמעריקע. מיר דארפן און קענען געפינען א נייע אינספיראציע פאר אונדזער גייסטיקן לעבן אין דער ווידעראויפגעלעבטער צ י ו ן. אזוי לאנג ווי מיר וועלן זיך באטראכטן און פילן אלס יידן, געבונדן מיטן גאנצן יידישן פאלק אין דער וועלט און מיט מדינת ישראל; אזוי לאנג ווי מיר וועלן לעבן ווי יידן, וועלן מיר קענען אפהיטן דעם המשך פון דעם קיום פון יידישן פאלק" — האט ד"ר גאלדשטיין אויסגעפירט ביים פארלאזן דעם פרעזידענט־אמט פון אמעריקאנער יידישן קאנגרעס.

מיט'ן אמעריקאנער יידנטום ערב זיין באשלוס עולה צו דאס איז שוין געווען די התחלה פון זיין געזעגענען זיך

זיין קיין ישראל און ווערן א תושב אין ירושלים, ווו ער האט אנגעהויבן א ניי קאפיטל פון זיין ארבעט פאר דער יידישער מדינה און פאר די לעבנס־פראבלעמען פון כלל ישראל.

קאפיטל איין און פערציק

אויף דער אנדערער זייט בריק — צוריק אין ירושלים

״ווען איך האב זיך געזעגנט מיט ירושלים, א יאר עלף צוריק, נאכדעם ווי איך האב דארט פארבראכט א יאר צייט, האב איך געזאגט: ״מיין פרוי און איך וועלן צוריק־קומען קיין ירושלים נאכאמאל און ווידעראמאל, ביז מיר וועלן ווערן תושבים פון דער הייליקער שטאט. איצט דערפילן מיר אונדזער צוזאג״ —

אין דעצעמבער 1960 האט ד״ר ישראל גאלדשטיין אנגע־נומען דעם באשלוס, עולה צו זיין קיין ישראל. זינט ער איז צוריקגעקומען פון ירושלים, נאכדעם ווי ער האט דארט פארנומען דעם אמט פון פארזיצער פון דער פינאנץ־אפטיילונג פון דער יידישער אגענץ און מיטגליד פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע — אין דער שווערסטער און קריטישער צייט פאר מדינת ישראל, האט ד״ר גאלדשטיין געהאט הינטער זיך מער פון צען יאר פון אינטענסיווער כלל־ישראל־ארבייט אין די פאראייניקטע שטאטן. נישט געווען קיין איין געזעלשאפטלעכע אויפגאבע און פליכט, וואס זאל ווערט זיין איר ציל, אין יידישן לעבן אין אמעריקע, מיט וועלכער ער זאל זיך נישט האבן אפגעגעבן. ער האט אנגענומען די איינלאדונג צו שטעלן זיך אין שפיץ פון אמעריקאנער יידישן קאנגרעס און צו זיין דער

פאָרזיצער פון דער סעקציע פון יידישן וועלט־קאָנגרעס אין דער מערב־העמיספּערע. ער האָט ווייטער גענומען אַן אַקטיוון אַנטייל אין דער אַרבעט פון דער רבנים־אָרגאַניזאַציע פון דער קאָנסערוואַטיווער באַוועגונג, אין וועלכער זיין אייגענע קהילה "בני ישורון" האָט פאַרנומען דאָס ערשטע אָרט אין לאַנד. ער איז אַרויסגעטראָטן מיט עטלעכע געוואָגטע איניציאַטיוועס אין אַלגעמיינעם לעבן אין אַמעריקע, אַרויסרופנדיק מיט זיי אַ גרויסן אינטערעס, ווי מיט דעם פאָרשלאָג וועגן גרינדן אַ וועלט־אַקאַדעמיע פאַר שלום.

ער האָט אין משך פון דער גאַנצער צייט פאַרנומען מיט גרויס אחריות דעם אַמט פון מיטגליד פון דער אַמעריקאַנער סעקציע פון דער ציוניסטישער וועלט־עקזעקוטיווע אין ניו יאָרק, שטייענדיק אין פיל קריטישע מאָמענטן אין שפּיץ פון דער פּאָליטישער אַקציע פאַר ישראל און אָנפירנדיק מיט די קאַמפּיינען פאַר מאַטעריעלער הילף לטובת דער יידישער מדינה. אין משך פון דער גאַנצער צייט האָט ער געזאָרגט און האָט אַ סך געטאָן דערפאַר, אַז עס זאָל פאַרשטאַרקט ווערן דער קשר צווישן אַמעריקאַנער יידנטום און מדינת ישראל און אַז די יידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן זאָלן דערפילן זייער היסטאָרישע פליכט צו זיין פולע שותפים אין דעם אויפבוי פון דער יידישער מדינה און אין פאַרזיכערן איר קיום.

איצט, האָט ד"ר גאָלדשטיין געפילט, איז געקומען די צייט פאַר אים מקיים צו זיין די ציוניסטישע מצווה פון ה ג ש מ ה און עולה זיין קיין ישראל.

"נאָכדעם ווי איך האָב אַוועקגעגעבן אַ סך יאָרן פון מיין לעבן פאַר בויען די בריק פון פאַרשטענדיקונג צווישן

ישראל און די פּאראייניקטע שטאטן אין מיינע טעטיקייטן אויף דער אמעריקאנער זייט פון דער בריק, פאַר איך איצט קיין ישראל צו העלפן בויען דיזעלבע בריק אויף דער אנדערער זייט" — האט ד"ר ישראל גאָלדשטיין דערקלערט ביים געזעגענען זיך מיט זיין קהילה און מיט דעם ברייטן אמעריקאנער יידישן עולם.

דאס איז געווען א סענטימענטאלע געזעגענונג מיט צוריק־קוקן אויף מער פון פערציק יאר פון אַן ענגן צוזאמענבונד מיטן אמעריקאנער יידנטום אויפן גאנצן וועג פון זיין וואוקס און אנטוויקלונג; פון זיין דעצידירנדיקער ראלע אין דעם קאמף פאר דער באנייאונג פון דער יידישער מדינה און פון זיין פירנדיקער פּאזיציע אין וועלט־יידנטום אין אט דער גרויסער און קריטישער תקופה. דאס האט אויך באדייט דער אפשלוס פון א לאנגן קאפּיטל אין זיין פערזענלעכן לעבן און אין דינסט פאר זיין קהילה "בני ישורון" אין ניו יארק.

"עס זעט אויס, ווי דאס וואלט געשען ערשט נעכטן, ווען איך בין געשטאנען מיט מיין כלה אונטער דער חופּה אין אט דער שיינער שול אומדזערער, נאכדעם ווי איך בין עטלעכע וואכן פריער געווילט געווארן אלס רב פון דער קהילה. אבער דאס איז געווען מער ווי מיט צוויי און פערציק יאר צוריק" — האט ד"ר ישראל גאָלדשטיין דערמאנט מיט א געפיל פון נאָסטאַלגיע אין זיין געזעגענונגס־רעדע ביי דער פייערלעכער סעודה, וואס זיין קהילה "בני ישורון" האט איינגעאָרדנט לכבוד אים צו זיין עליה קיין ישראל. ער האט געדאנקט זיין קהילה און איר פּרעזידענט, דעם פּראמינענטן אמעריקאנער יידישן כלל־טוער טשארלז ה. סילווער, פאר דער מעגלעכקייט, וואס עס איז אים

געגעבן געווארן צו דינען דער יידישער מדינה און דעם וועלט־יידנטום, און דערפילן גלייכצייטיק זיינע פליכטן אלס גייסטיקער מנהיג פון ״בני ישורון״.

״מיין פרוי און איך זיינען עולה קיין ישראל, ווייל מיר ווילן פארווירקלעכן דעם חלום, וואס איז אונדז געווען טייער במשך פון לאנגע יארן, צו פארברענגען דעם שבת פון אונדזער לעבן אין יידישן היימלאנד. מיר האבן זיך ארומגעטראגן מיט דער דאזיקער האפענונג זינט איך האב מיט עלף יאר צוריק, נאכ׳ן פארענדיקן דעם טערמין פון א יאר — ווען איך בין געווען גזבר פון דער יידישער אגענץ, געקויפט אַ פלאַץ אין ירושלים וווּ מיר ווען איצט אויפבויען אונדזער היים.

ד״ר ישראל גאלדשטיין האט ביי דער געלעגנהייט געדאנקט זיין נאכפאלגער ראביי וויליאַם בערקאוויטש, וועלכער האט דורכגעמאכט מיט דערפאלג זיין קאריערע ביי דער זייט פון ד״ר גאלדשטיין, צו ערשט אלס זיין אסיסטענט און דאן אלס מיטגעהילף־ראביי, ביז ער איז אנטגילטיק דערוויילט געווארן אלס ראביי־נאכפאלגער פון ד״ר גאלדשטיין אין דער גייסטיקער פירערשאפט פון דער קאנגרעגאציע ״בני ישורון״.

״אונדזער באגייסטערונג פאר ישראל״ — האט ד״ר גאלדשטיין ווייטער באטאנט אין זיין געזעגענונגס־רעדע פאר זיין קהילה — ״מיינט בשום אופן נישט, אז מיר זאלן זיין אנטוישט אין אמעריקע, וווּ מיר זיינען געבוירן און וואס מיר האבן ליב און וואס איז ווייטער בארעכטיקט צו ווערן אנגערופן אלס דער לייכט־טורעם פון פרייהייט און דעמאקראטיע אין דער וועלט. אבער דער ייד אין מיר איז עלטער פון דעם אמעריקאנער, און אין ארץ ישראל

איז געשטאַנען דאָס וויגעלע פון מיין אמונה און פון מיין פאָלק. ישראל איז דאָס לאַנד, וווּ מען קען זיך אויסלעבן אַלס ייד אַ סך מער און אַ סך פולער, ווי אין וועלכן עס איז אַנדערן אָרט אין דער וועלט, אַפילו אין אַמעריקע".

"מיין פרוי און איך זיינען עולה קיין ישראל, ווייל מיר האָבן דאָרט אַ ראַנדעוווּ מיט די אבות פון דער יידישער אומה. מיר זיינען עולה קיין ישראל; ווייל געהערנדיק צו דעם דור, וואָס האָט געזען ווי עס איז פאַרווירקלעכט געוואָרן דער נייִנצן הונדערט־יעריקער חלום פון אונדזער פאָלק, קענען מיר נישט מאַכן שלום מיט זיך אַליין, אויב מיר וועלן אַליין זיך נישט באַטייליקן אין דער פאַר־ווירקלעכונג פון דעם חלום" — האָט ד"ר ישראל גאָלד־שטיין צוגעגעבן.

ער האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט פון געזעגענען זיך, כדי פאָרצושטעלן פאַר די מיטגלידער פון זיין קהילה די געפאַרן פאַר דעם גייסטיקן המשך פון יידישן פאָלק: "וואָס זיינען די סכנות פאַר אָנהאַלטן דעם קיום פון יידישן פאָלק? פאַראַן נישט בלויז די געפאַר פון פיזישער פאַרטיליקונג, ווי היטלער האָט זיך געהאַט פאַרמאָסטן צו טאָן. ס'איז אויך דאָ די געפאַר אין סאָוויעט־רוסלאַנד, וווּ דער קיום פון די דריי מיליאָן יידן איז אונטער אַ גרויסן פראַגע־צייכן. עס זעט אויס, אַז דער סאָוויעטישער רעזשים האָט די אויסגערעכנטע פּאָליטישע ליניע צו דערפירן צום אונטערגאַנג פון יידישן לעבן, דורך אַפּשניידן אַלע קוואַלן פון יידישן חינוך און אינספּיראַציע און אויסראָטן דאָס געפיל פון דער צוגעהעריקייט צום יידישן פאָלק. עקאָנאָמישע געפאַרן באַדראָען יידן אין אַ סך לענדער פון דער וועלט, באַזונדערס איצט אין צפון־אַפריקע.

עס זיינען אבער אויך פאראן גרויסע און ערנסטע סכנות פאר די יידן אין די פרייע לענדער פון דער וועלט איבער די שטארקע אסימילאציע־פראצעסן".

ער האט גערופן די מיטגלידער פון זיין קהילה און אלע אמעריקאנער יידן "אפצוהיטן די אינסטרומענטן פארן המשך פון יידישן קיום": פירן א יידישע היים, באטייליקן זיך אין לעבן פון די קהילות, גיין אין שול, געבן די קינדער א יידישן חינוך, און איבער אלץ אנהאלטן אן ענגע פארבינדונג מיט ישראל.

"מיר קענען בויען א שיינע און זיכערע צוקונפט פארן אמעריקאנער יידנטום דורך שאפן און אנהאלטן דעם גייסטיקן קשר מיט ישראל; ווייל פון דער שותפות צווישן ישראל און אמעריקאנער יידנטום וועט ארויסקומען א גרויסע ברכה פאר ביידע" — האט ד"ר ישראל גאלדשטיין אויסגעפירט אין זיין געזעגענונגס־ווארט צו די יידן אין די פאראייניקטע שטאטן.

אויף דער פראגע, וואס איז אים געשטעלט געווארן, וואס ער האט בדעה צו טאן אין ישראל, האט ד"ר גאלדשטיין געענטפערט, אז פאר אים "איז גענוג מקיים צו זיין די מצווה פון ישוב ארץ ישראל און צו לעבן אין דער יידישער מדינה". אבער נאך איידער ער האט עולה געווען קיין ישראל, האט אויף אים שוין געוואַרט אין ירושלים אַן אויפגאבע פון גרויסער פאראנטווארטלעכקייט, וואס איז געווען פארבונדן מיט נייע פארצווייגטע אנשטרענגונגען און מיט אנהאלטן אן ענגן קאנטאקט נישט בלויז מיטן אמעריקאנער יידנטום נאר אויך מיט יידישע ישובים איבער דער גארער וועלט.

כאראקטעריסטיש, און ווי סימבאליש, פאר דער נייער

אויפגאבע, וואס ער האט גענומען אויף זיך אין ירושלים, ווען ער איז געווארן א תושב אין ישראל׳ס הויפטשטאט איז געווען — אז עטלעכע שעה, איידער ד״ר ישראל גאלדשטיין און זיין פרוי האבן זיך אריינגעזעצט אין דעם עראפלאן פאר זייער עליה קיין ישראל, איז ער ארויס־געטראטן אויף א מאסן־פייערונג אין ניו יארק, וואס איז איינגעארדנט געווארן לטובת דער פינאנציעלער הילף פאר ישראל. עס איז געווען א חנוכה־פייערונג, ביי וועלכער איבער צוואנציק טויזנט ניו יארקער יידן האבן געקויפט די אקציעס, די "באנדס" פון דער פאלקס־הלוואה פאר ישראל.

"אין עטלעכע שעה ארום וועלן מיין פרוי און איך זיך אריינזעצן אין דעם עראפלאן צו פליען קיין ישראל. א סך מאל פריער האבן מיר געמאכט פלי־רייזעס קיין ישראל. אבער דאסמאל איז עס אנדערש, ווייל מיר זיינען עולה אין דער יידישער מדינה, און ישראל ווערט אונדזער היים, צו וואס מיר האבן געשטרעבט לאנגע יארן" — האט ד״ר ישראל גאלדשטיין געזאגט אין זיינע געזעגנונגס־ווערטער צו די איבער צוואנציק טויזנט יידן, וועלכע האבן אנגעפילט דעם זאל. און ער האט צוגעגעבן:

"איך פיל זיך באזונדערס גוט דערפון, וואס איך זאג מיין געזעגנונגס־"שלום" צו אייך, וואס איר האט אזויפיל געטאן פאר שטארקן מדינת ישראל. גייט־אָן ווייטער מיט דער דאזיקער וויכטיקער ארבייט אייערער און פאר־שטארקט און פארברייטערט די הילף פאר ישראל!".

באלד האט ד״ר גאלדשטיין גענומען אויף זיך אין ירושלים די אויפגאבע, צו ווענדן זיך מיט דעם דאזיקן רוף און צו פירן דערפאר אן אנגעשטרענגטע און פארצווייגטע אקציע צווישן יידן אין דער גארער וועלט.

קאפיטל צוויי און פערציק

אין צוויי וועלטן

"קאן זיין, אז עס איז פאראן א צוגאב־באדייטונג פאר די מיינונגען פון אזא איינעם, ווי איך, וועלכער האט דעם גרעסטן טייל פון זיין לעבן פארבראכט אין די פאר־אייניקטע שטאטן און האט אויך פארזוכט דעם טעם פון לעבן און ארבעטן אין ישראל אין די פארגאנגענע פינף און א האלב יאר, און ער פארשטייט דעריבער אויך עפעס וועגן דער ישראל־זייט פון דעם דיאלאג צווישן די יידן אין אמעריקע און דער יידישער מדינה" —

מיט דער איינלייטונג האט ד"ר ישראל גאלדשטיין אנגע־הויבן זיין לענגערע דערקלערונג, ווען ער האט זיך באטיי־ליקט אין דעם דיאלאג, וואס פריער פון אמעריקאנער יידישן קאנגרעס האבן אפגעהאלטן אין יולי 1966 מיט אינטעלעקטואלן פון ישראל. דער דיאלאג, וואס איז איינגעארדנט געווארן אין וויצמאן־אינסטיטוט אין רחובות, האט באצוועקט בעיקר צו פארשטארקן דעם גייסטיקן קשר צווישן אמעריקאנער יידנטום און ישראל און אויפצוקלערן די קעגנזייטיקע פליכטן פון די יידן אין אמעריקע און אין דער יידישער מדינה פאר דער־נענטערן די פארשטענדיקונג און באאיינפלוסן איינע די אנדערע.

ד"ר גאלדשטיין האט אין אזעלכע דיאלאגן זיך געפונען

פאקטיש אין ״צווי וועלטן״. אין משך פון אלע זיינע יארן, ווען ער איז געווען אקטיוו אין אמעריקע, איז א גרויסער טייל פון זיינע טעטיקייטן געווען קאנצענטרירט אין ארץ ישראל. און ווען ער איז געווארן א תושב פון דער יידישער מדינה, האבן אים כסדר אויך באשעפטיקט די פראבלעמען פון די יידן אין די פאראייניקטע שטאטן, באזונדערס דער גייסטיקער מצב פון אמעריקאנער יידנטום. ער פלעג קומען קיין ניו יארק צו די וויכטיקסטע אונטער־נעמונגען און אַקציעס פאר ישראל, פילנדיק אז דאס איז זיין פליכט. ער האט זיך באטייליקט אין ישראל אין יעדער פאראנשטאלטונג, וווּ עס איז באהאנדלט געווארן דער גורל פון אמעריקאנער יידנטום, און ווען עס איז נויטיק געווען צו מאכן וועלכע־עס־איז שריט צו שטארקן דעם גייסטיקן המשך פון די יידן אין די פאראייניקטע שטאטן.

ד״ר ישראל גאלדשטיינ׳ס לעבן און ארבעט אין די ״ביידע וועלטן״ האט זיך שטארק אפגעשפיגלט אין זיין ארויס־טריט בעת דעם דערמאנטן דיאלאג:

״וואס האט ישראל דאס רעכט צו דערווארטן פון אמערי־קאנער יידנטום?״ — האט ד״ר גאלדשטיין אוועק־געשטעלט די פראגע, און זיין ענטפער איז געווען:

״ישראל האט דאס רעכט צו דערווארטן, אז די יידן אין די פאראייניקטע שטאטן זאלן אנערקענען זייער פאר־אנטווארטלעכקייט פאר פארזיכערן א יידישע צוקונפט אין אמעריקע, וואס זאל זיין סיי ברייט און סיי טיף, מיט א געפיל פון קרובה׳שאפט און שותפות מיטן גאנצן יידישן פאלק און מיט ישראל פאר דער טובה פון דעם קיום פון גאנצן עם ישראל״.

״און וואס האט דאס אמעריקאנער יידנטום דאס רעכט צו דערוואַרטן פון ישראל?״ — איז ד״ר גאלדשטיין איבערגעגאנגען צו דער צווייטער זייט פון דעם פראבלעם. און ער האט דערקלערט:

״יידן אין די פאראייניקטע שטאטן האבן דאס רעכט צו דערוואַרטן, אז ישראל זאל אנערקענען, אז עס איז נישט גענוג צו פירן אין דער יידישער מדינה דאס נארמאלע לעבן פון א קליין פאלק. ישראל דארף זיך מאכן דעם חשבון הנפש, אז זי איז א סך מער, ווי ״נאך א קליינע מדינה״; אז דאס גאנצע יידישע פאלק נויטיקט זיך אין דער יידישער מדינה, וועלכע זאל שטיין אויף א הויכער גייסטיקער מדרגה; און אז אויך די ברייטע וועלט דערווארט פון ישראל צו זיין א ביישפיל און א מוסטער.

״ווען ביידע, סיי דאס אמעריקאנער יידנטום און סיי ישראל, וועלן זיך אפגעבן א רעכענונג דערפון, וואס איינער דערוואַרט פון אנדערן, וועט דאס אליין שוין זיין א וויכטיקער פאקטאר צו באוועגן ביידע ״צדדים״ צו מאכן די גרעסטע אנשטרענגונגען, אז די קעגנזייטיקע דער־ווארטונגען זאלן מקוים ווערן״ — האט ד״ר ישראל גאלדשטיין אויסגעפירט.

ער האט אין דער רעדע גענוי און גרינטלעך אנאליזירט די לאגע פון די יידן אין אמעריקע און האט באזונדערס געווארנט קעגן דער אפשוואכונג פון דעם גייסטיקן יידישן לעבן, רופנדיק צו פארשטארקן און פארטיפן די יידישע דערציונג, אין וועלכער דאס לערנען די העברעישע שפראך און דאס פראגראם פון קעגנזייטיקן פון ישראל דארפן פארנעמען א צענטראלן ארט. ער האט אנגעוויזן אויף

דער גרויסער פארשפרייטונג פון די אסימילאטארישע טענדענצן צווישן דער אמעריקאנער יידישער יוגנט, באזונדערס אין די אוניווערסיטעטן, און אויף דער אלגע־מיינער אפשוואכונג פון יידישן פאלקס־באוווסטזיין אין דעם אמעריקאנער יידישן ישוב, אויך אלס רעזולטאט פון דער פארקלענערונג פון אנטיסעמיטיזם. "די אלע דער־שיינונגען האבן שוין אנגעהויבן שטארק צו אלארמירן די אמעריקאנער יידישע פירערשאפט, וואס איז באאומרויקט וועגן דער צוקונפט פון דעם יידישן קיבוץ אין די פאר־אייניקטע שטאטן" — האט ד"ר גאלדשטיין באטאנט אין זיין ארויסטריט, אויפן יסוד פון זיין גרינטלעכער באהאַוונטקייט אין אמעריקאנער יידישן לעבן און פון זיינע נאענטע קאנטאקטן, וואס ער האט אנגעהאלטן מיטן אמעריקאנער יידנטום, אויך זייענדיק א תושב אין ישראל.

זייענדיק אין דעם דיאלאג פאקטיש דער איינציקער, וועלכער האט געקענט רעדן אין נאמען פון ביידע צדדים, האט ד"ר גאלדשטיין אויך אנגעוויזן אויף א רייע ענינים, וואס דארפן נאך אויסגעבעסערט ווערן אין דער יידישער מדינה. ער האט אויסגעפירט, אז דער יחיד אין ישראל "טראָגט אין זיך די איינגעבוירענע גאראנטיע פון יידישער אידענטיטעט און יידישן המשך. אבער דער כלל האט פאר זיך דאס פראבלעם צו שאפן א געהעריקן דער־הויבענעם נוסח פון יידישן לעבן, אנהאלטנדיק דעם אידעאליזם, וואס דארף בלייבן די כאראקטעריסטיק פון דעם פאלק אין ישראל. דאס איז די פליכט פון ישראל'ס דערציונגס־אינסטיטוציעס און אויך פון פאליטישע פאר־טייען און גרופעס, וואס האבן די השפעה אין לאנד".

ד״ר גאלדשטיין האט זיך אויך אפגעשטעלט אויף דער נויטווענדיקייט, אז ישראל זאל זארגן וועגן איר גייסטיקן ״אימאַזש״ אין דער ברייטער וועלט און וועגן דעם באלערנדיקן און פירנדיקן ביישפיל, וואס זי דארף געבן פאר דעם גייסטיקן לעבן פון וועלט־יידנטום.

אט די שליחות צו זיין וואַכזאם און אקטיוו אין ״ביידע וועלטן״; צו זיין וואַכזאם לגבי דעם, וואס עס פאדערט זיך סיי דא און סיי דארט; און צו פארשטארקן דעם גייסטיקן קשר צווישן אמעריקאנער יידן און ישראל — האט ד״ר ישראל גאלדשטיין גענומען אויף זיך, באזונדערס זינט ער איז געווארן א תושב אין דער יידישער מדינה. די דאזיקע אויסנאם־ראלע זיינע צווישן יידישע מנהיגים האט זיך אפגעשפיגלט גאר בולט, ווען ער האט, אין יולי 1968, זיך באטייליקט אין א פייערלעכער אסיפה פון אמעריקאנער רבנים אין דער ווידער־אויפגעריכטער רמב״ן־שול אין דער באפרייטער אלט־ירושלים. ווענדנדיק זיך צו זיינע חברים און פריינד פון דער פאראייניקטער רבנים־ארגאניזאציע אין ניו יארק, פון וועלכער ער איז אליין געווען מיט יארן צוריק דער פרעזידענט, האט ד״ר ישראל גאלדשטיין געזאגט:

״דער הויפט־פונקט, אויף וועלכן איך וויל אנווייזן ביי דער געלעגנהייט און אויפן דאזיקן ארט, איז — אויף דעם ענין פון עלייה קיין ישראל, וואס האט געהאט א באזונדערע באדייטונג אין דעם דרך פון רמב״נ׳ס לעבען, ווען ער האט עולה געווען קיין ארץ ישראל מיט זיבן הונדערט יאר צוריק. דאס איז געווען דאס העכסטע אין זיינע גרויסע מעשים. דער רמב״ן האט באטראכט דעם

ענין פון ישוב ארץ ישראל ווי א מצוות עשה פאר אלע דורות, וואס פארפליכטעט יעדן איינעם".

און ד"ר ישראל גאלדשטיין האט ווייטער אויסגעפירט: "די מצווה פון עולה זיין קיין ישראל איז חל אויף אלע יידן אין די תפוצות, און איצט נאך מער ווי ווען־עס־איז. דאס איז ניט דערפאר, ווייל יידן אין אונדזער צייט זאלן ליידן פון די צרות, וועלכע אונדזער פאלק האט אזוי שטארק געליטן אמאל. דאס איז דערפאר, ווייל מיר האבן זוכה געווען אין אונדזער דור צו דער באנייונג פון מדינת ישראל, און אירע טויערן זיינען אָפן פאר אלע שבי ציון. און די רבנים אין די פאראייניקטע שטאטן, וועמענס ווערטער דערגייען צו א סך יידן, קענען האבן א גרויסע השפעה אויף פארשטארקן די עליה קיין ארץ ישראל".

און ווי עס איז ד"ר גאלדשטיינ'ס דרך אין יעדן פראבלעם און ביי יעדער געלעגנהייט, האט ער אויך אין דער דאזיקער ווענדונג צו זיינע חברים, רבנים פון ניו יארק, וועלכע האבן זיך פארזאמלט ביי דער פייערלעכער מסיבה אין ירושלים אין דער רמב"ן־שול, געמאכט עטלעכע פראקטישע פארשלאגן. ער האט אויסגעדריקט דעם ווונטש, אז די וועלכע לערנען אין בית מדרש לרבנים אין ניו יארק, זאלן לכל הפחות א יאר צייט פון זייערע לימודים זיך געפינען אין ישראל, לערנען אין ירושלים און איינזאַפן אין זיך דעם גייסט פון דער יידישער מדינה. ער האט אויך פארגעשלאגן, אז אמעריקאנער רבנים זאלן זייער יאר־אפרו, וואס זיי באקומען נאך א באשטימטער צייט פון דינען זייערע קהילות, פארברענגען מיט זייערע משפחות אין מדינת ישראל. ער האט געעצה'ט די עלטערע

רבנים, וועלכע ציען זיך צוריק פון זייערע פאסטנס, אז זיי זאלן ווערן שטענדיגע תושבים אין דער יידישער מדינה און זיך אפרוען אין ישראל אין דעם „שבת פון זייער לעבן".

„דאס אלץ וואלט מען געדארפט טאן נישט בלויז פאר דער טובה פון ישראל, נאר אויך — און בעיקר — פאר דער טובה פון די רבנים אליין, אזוי ווי דער רמב"ן האט דאס געטאן מיט זיין עליה קיין ארץ ישראל, מיט זיבן הונדערט יאר צוריק" — האט ד"ר ישראל גאלדשטיין אויסגעפירט. ער האט נאך צוגעגעבן:

„בכדי צו באנוצן זיך מיט דעם ביישפיל פון רמב"ן, קען אויך געזאגט ווערן, אז דערמיט וואס רבנים פון אמעריקע און פון אנדערע לענדער, וועלן זיך באזעצן דא, אין ישראל, וועלן זיי אויך העלפן צו שאפן די „לעבעדיקע בריק" צווישן זיי און דער יידישער מדינה מיט זייערע קהילות אין די תפוצות, אזוי ווי דער רמב"ן האט געהאלטן, אז זיין וווינען אין ארץ ישראל וועט אים געבן די מעגלעכקייט צו שאפן די פארבינדונג צווישן הייליקן לאנד און די קהילות ישראל אין שפאניע אין יענע צייטן".

פאר אָט דער „לעבעדיקער בריק" האט ד"ר ישראל גאלד־שטיין געזארגט אלע זיינע יארן, סיי אין אמעריקע און סיי אין מדינת ישראל, לעבנדיק און אויסשפרייטנדיק זיינע כלל־ישראל־טעטיקייטן אין „ביידע וועלטן".

און די הויפט־אויפגאבע, וואס ער האט גענומען אויף זיך נאכן ווערן א תושב אין ירושלים, איז געווען — ארייג־צוציען אלע תפוצות ישראל אין דער פראקטישער זארג פאר דער יידישער מדינה, פאר העלפן ישראל צו קענען

אויפנעמען און איינאָרדענען דעם כסדר'דיקן שטראָם פון נייע עולים, פאַר אויפשטעלן נייע לאַנדווירטשאַפטלעכע ישובים אין דער מדינה; פאַר אויסברייטערן דעם חינוך לטובת די קינדער פון די אָרימערע שיכטן פון דער באַפעלקערונג. ער האָט דאָס געטאָן דורך איבערנעמען די פירערשאַפט פון דער צענטראַלע פון דער וועלט־אָרגאַניזאַציע פון קרן היסוד אין ירושלים. במשך פון מער פון צען יאָר האָט ד"ר ישראל גאָלדשטיין זייער אָפט פאַרלאָזן זיין היים אין ירושלים און איז אַרומגעפאָרן איבער דער גאַנצער יידישער וועלט צו רופן יידן, אַז זיי זאָלן דערפילן זייער ברידערלעכן חוב פאַר די נויטן און באַדערפעניש פון דער יידישער מדינה. און ער האָט אין דער הייליקער שליחות שטאַרק מצליח געווען.

אין די דאָזיקע נסיעות, וואָס ער האָט אונטערגענומען פון זיין וווין־אָרט אין ירושלים, האָט ער נישט בלויז געזוכט מאַטעריעלע הילף פאַר ישראל. ער האָט אויך געבראַכט צו יידן איבער דער גאָרער וועלט דאָס וואָרט פון דער־מוטיקונג און שטאָלץ פון דער באַנייטער יידישער מדינה. אַ טייל פון די נסיעות האָבן געהאַט אַ גאַנץ באַזונדערן כאַראַקטער פון יידישער ברידערלעכקייט, איינאיינעם מיט פאָליטישע צילן פון גאָר גרויסער וויכטיקייט.

קאַפּיטל דריי און פערציק

אין א שליחות צו די ברידער פון מזרח־אייראפע

אין זומער 1963 האט ד״ר ישראל גאלדשטיין געמאכט א לענגערן באזוך אין מזרח־אייראפע, ארומפאָרנדיק זעכצן טעג איבער די גרעסטע יידישע ישובים אין סאוויעט־רוסלאנד און אפשטעלנדיק זיך אויף א וואך צייט אין פוילן, און אויף נאך א וואך אין רומעניע און אין אונגארן. פון די ציוניסטישע פירער, מיטגלידער פון דער ציוניסטישער וועלט־עקזעקוטיווע, איז ד״ר גאלדשטיין געווען דער איינציקער, וועלכער האט אין יענער צייט זיך ארויס־געלאזט אויף אזא רייזע. זיין באזוך אין מאסקווע, מיט די פארהאנדלונגען און געשפרעכן, וואס ער האט געהאט מיט די פארשטייער פון דער סאוויעטישער מאכט, האבן געהאט א גרויסע באדייטונג. דער באריכט, מיט זיינע אויספירן, וואס ער האט אפגעגעבן פאר דער עקזעקוטיווע פון דער יידישער אגענץ, פאר דער פירערשאפט פון יידישן וועלט־קאנגרעס און אויך פאר דער עפנטלעכער מיינונג אין ישראל און אין די פאראייניקטע שטאטן, האָבן געהאט אַ השפעה אויף ווייטערדיקע שריט, וואס זיינען אונטערגענומען געווארן דורך די צענטראלע יידישע ארגאני־זאציעס אין דער אקציע לטובת די יידן אין סאוויעט־רוסלאנד און אין די אנדערע קאמוניסטישע לענדער.

ד״ר ישראל גאלדשטיינ׳ס רייזע האט געהאט א גרויסע פאליטישע באדייטונג און איז גלייכצייטיק אויך געווען א ברידערלעכער באזוך ביי די יידן, וועלכע האבן אין די קאמוניסטישע לענדער, באזונדערס אין סאוויעט־רוסלאנד, זיך דעמאלט געפילט אינגאנצן איזאָלירט, אפגעריסן, און — פון זייער שטאנדפונקט — כמעט ווי פארגעסן און פארנאכלעסיקט פון וועלט־יידנטום.

״מיינע קאנטאקטן מיט די סאוויעטישע יידן״ — האט ד״ר ישראל גאלדשטיין איבערגעגעבן אין זיין באריכט — ״האב איך געמאכט אויף דער גאס און אין די עפנטלעכע פארקן, אין די שולן און אויף די יידישע בית עולמ׳ס, ווו איך האב געטראפן יידן גיין אויף קבר אבות.

״די קהילות זיינען אונטער דער אויפזיכט פון די ״גבאים״, וועלכע מוזן, ווי עס ווייזט אויס, זיין פארטרויונגס־מענטשען פון דעם סאוויעטישן רעזשים און וועלכע זארגן דערפאר, אז אויסלענדישע יידן זאלן נישט קומען אין קיין פארבינדונג מיט די מתפללים. דערפאר האט מען מיך אויך תמיד, ווען איך בין געקומען אין א שול שבת צו די תפילות, אריינגעפירט אין א ספעציעל־אפגעצוימטער ״לאָזשע״, וואס איז באשטימט פאר אויסלענדישע באזוכער. פונדעסטוועגן האב איך באוויזן צו קומען עטלעכע מאל אין די וואכעדיקע טעג צו א פריען ״מנין״, נאך איידער דער ״גבאי״ איז דארט געווען. אזוי־ארום האב איך געהאט א געלעגנהייט צו פירן שמועסן מיט א צאל פון די מתפללים. איך האב ארויסגעטראגן דעם איינדרוק, אז די יידן, וועלכע קומען דאווענען אין די שולן, פילן א שטארקן פחד און ציטערן פאר רעדן מיט א גאסט פון אויסלאנד״.

ד״ר ישראל גאלדשטיין האט דערציילט וועגן א כאראקטעריסטישער און טיף־ריירנדיקער באגעגעניש, וואס ער האט געהאט אויפן בית עולם אין אָדעס.

״בעת מיין באזוך אין אָדעס בין איך אוועקגעפארן אויפן בית עולם צו גיין אויפן קבר פון מענדעלע מוכר ספרים. ביים אריינגאנג אין בית עולם איז געשטאנען א ייד, א קריפל, מיט איין פוס, וועלכער האט מיר פארגעשלאגן, אז ער וועט מיך באגלייטן און מאכן א ״אל מלא רחמים״. ער האט געזאגט די תפילה און, ווי דער מנהג איז, מתפלל געווען אז די מתים זאלן אויף יענער וועלט מלמד זכות זיין פאר די לעבעדיקע. דערביי האט דער ייד וואס האט געהאלטן אז ד״ר גאלדשטיין איז אַ יידישער שרייבער ברום געטאן, ווי אונטער דער נאז: ״ר׳ מענדעלע, זייט א מליץ יושר פאר דעם שרייבער וואס שטייט ביי, אז ער זאָל נישט וויסען פון קיין קראנקהייטען און פון קיין טורמע״.

אין אלגעמיין האט ד״ר ישראל גאלדשטיין ארומגענומען אין דעם באריכט פון זיין באזוך אין די קאמוניסטישע לענדער אלע אספעקטן פון יידישן לעבן מיט זיין דער־פאַרענעם אויג פון א גרינטלעכן קענער פון יידישע ישובים און מיט דער אלזייטיקער און טיפער פארשטענדעניש פון א יידישן פאליטישן פירער. זיין רעפארט וועגן דער לאגע און וועגן די פראבלעמען פון די יידן אין די קאמוניסטישע לענדער אין די ערשטע זעכציקער יארן איז א וויכטיקער דאקומענט פאר זיך אליין.

ד״ר ישראל גאלדשטיין האט דערציילט וועגן צוויי כאראקטעריסטישע געשפרעכן, וואס ער האט געהאט מיט

דעם דעמאָלטיקן מאסקווער רב, הרב לעווין, מיט וועמען ער האט באהאנדלט א רייע קאנקרעטע פראבלעמען פון די יידן אין סאוויעט־רוסלאנד.

די ערשטע פראגע איז געווען: פארוואס זאלן יידן אין סאוויעט־רוסלאנד, אין זייער רעליגיעזן לעבן, נישט האבן קיין צענטראלע ארגאניזאציע, ווי עס האבן די אנגעהעריקע פון די אנדערע גלויבנס אין ראטן־פארבאנד? אויף דער דאזיקער פראגע האט הרב לעווין נישט געגעבן קיין ענטפער — האט ד״ר ישראל גאלדשטיין פעסטגעשטעלט אין זיין באריכט.

די צווייטע פראגע איז געווען, פארוואס עס ווערט נישט געגעבן די יידישע רעליגיעזע פירער אין סאוויעט־רוסלאנד דאס רעכט צו באטייליקן זיך אין יידישע רעליגיעזע צוזאמענפאָרן אין אויסלאנד, בעת עס איז באקאנט, אז רעליגיעזע פירער פון אנדערע גלויבנס האבן דאס דאזיקע רעכט און באנוצן זיך דערמיט. הרב לעווינ׳ס ענטפער איז געווען, אז ער האט געהאט באקומען פון דער מאכט די דערלויבענעש אנטיילצונעמען אין א יידישער רעליגיעזער קאנפערענץ, וואס איז א קורצע צייט פריער אפגעהאלטן געווארן אין דער שווייץ, אבער ער האט נישט געקענט פארן צוליב זיין שלעכטן געזונט־צושטאנד.

ד״ר גאלדשטיין האט אין אנהויב געהאט דעם חשד, אז דאס איז געווען א ״דיפלאמאטישע קראנקהייט״. אבער ער האט נאכקאנטראלירט הרב לעווינ׳ס דערקלערונג און האט אויסגעפונען, אז דער מאסקווער רב איז באמת געווען קראנק אין דער צייט פון דעם צוזאמענפאר אין דער שווייץ.ביים צווייטן געשפרעך האט ד״ר גאלדשטיין

אויפגעפאדערט הרב לעווינ׳ען, אז דאס נאענטסטע מאל, ווען עס וועט זיך שאפן אזא געלעגנהייט, און באזונדערס ווען א רעליגיעזע יידישע קאנפערענץ וועט צונויפגערופן ווערן אין א נייטראלן לאנד, נישט ווייט פון רוסלאנד, זאל ער פארן אהין און זיך באטייליקן, און נישט בלויז דערפאר ווייל דאס וועט זיין גוט פאר זיין אייגענעם פרעסטיזש און וועט אויך זיין א דערמוטיקונג פאר די יידן אין סאוויעט־רוסלאנד, ווי בכלל פארן וועלט־יידנטום. אזא האנדלונג פון דעם מאסקווער רב — האט ד״ר גאלדשטיין מיט אים איינגעטענה׳ט — וועט סוף־כל־סוף אויך זיין גינסטיק פאר דעם סאוויעטישן רעזשים, ווייל דאס וועט באדייטן, אז די רעגירונג פון ״קרעמל״ האט פארט געמאכט עפעס א קאנצעסיע פאר די יידן.

דערנאך האט ד״ר ישראל גאלדשטיין באריורט מיט דעם מאסקווער רב דעם ענין, וואס די מתפללים אין די שולן האבן נישט קיין סידורים, ווייל די רעגירונג דערלויבט נישט צו דרוקן. הרב לעווין האט געענטפערט, אז ער פארנעמט זיך דערמיט. אייגענטלעך האט עס געהייסן, אז ער דרייט זיך ארויס פון געבן א קלארע תשובה.

די ווייטערדיקע פראגע איז געווען זייער אַן אנגעווייטיקטע: פארוואס זארגט נישט דער מאסקווער רב דערפאר, אז יידן אין דער הויפטשטאט זאלן האבן אן אייגענעם בית־עולם, נאכדעם ווי דער אלטער יידישער בית־עלמין איז שוין איבערפולט און פארמאכט? אויך אויף דעם האט הרב לעווין געגעבן א ״דיפלאמאטישן״ ענטפער, אז ״ער שטייט וועגן דעם אין קאנטאקט מיט דער מאכט״.

און ענלעכן ענטפער האט הרב לעווין געגעבן אויף ד״ר

גאלדשטיינ׳ס ווייטערדיקער פראגע וועגן דעם, ווי עס האלט מיט עפענען א נייע יאטקע פון כשר פלייש, נאכדעם ווי די אלטע יאטקע איז פארמאכט געווארן מיט דער טענה, אז זי איז נישט געווען ״היגיעניש״. דער רב האט געזאגט, אז ער ״פארנעמט זיך מיט דעם״.

ד״ר גאלדשטיין איז צוגעקומען צו דעם ענין וועגן דער ישיבה ביי דער גרויסער שול אין מאסקווע, וואס דארף צוגרייטן רבנים. פארוואס איז די ישיבה געבליבן בלויז מיט פיר תלמידים, בעת מיט עטלעכע יאר פריער האבן נאך געלערנט צוואנציק יונגעלייט צו קריגן סמיכה אויף רבנות? אויף דעם האט הרב לעווין געגעבן א תירוץ, אז אזוי ווי מאסקווע איז איבערפולט מיט איינוווינער, קענען יידישע בחורים פון אנדערע געגענטן פון לאנד נישט קריגן קיין דערלויבענעשן צו קומען אין דער הויפט־שטאט פאר לערנען אין דער ישיבה.

אויך אויף דער פראגע וועגן א מעגלעכקייט צו באקן מצות אויף פסח אין עפענטלעכע בעקערייען האט הרב לעווין געענטפערט, אז ער ״פארנעמט זיך מיט דעם״.

אזוי זיינען צוגעגאנגען די צוויי געשפרעכן, וואס ד״ר גאלדשטיין האט געהאט מיט הרב לעווינ׳ען אין מאסקווע. אויך אין דעם, וואס ער האט געדארפט צוויי מאל זיך באגעגענען מיט דעם מאסקווער רב, איז געלעגען א כאראקטעריסטישע סיבה. אינמיטן פון דעם ערשטן געשפרעך איז אריינגעקומען דער ״גבאי״ פון דער שול, נישט אנקלאפנדיק פריער אין דער טיר פון דעם רב׳ס חדר, וואס איז געווען פארמאכט און נישט פרעגנדיק קיין דערלויבענעש צי ער קאן בייוווינען דעם שמועס. דער

״גבאי״ האט זיך פשוט אוועקגעזעצט און זיך צוגעהערט שטארק אויפמערקזאם. הרב לעווין האט דאן געענדערט דעם גאנצן טאן פון דעם געשפרעך. ד״ר גאלדשטיין האט דערפילט, אז עס האט נישט קיין זין צו רעדן מיט דעם רב אין אזעלכע באדינגונגען, און ער איז געקומען צו אים א צווייט מאל צו באהאנדלען די פראגן אויף וועלכע ער האט געוואלט קריגן אן ענטפער.

וועגן דעם אלגעמיינעם איינדרוק, וואס ער האט ארויס־געטראגן פון די צוויי געשפרעכן מיט דעם מאסקווער רב, האט ד״ר גאלדשטיין אויסגעפירט אין זיין באריכט:

״מיט דעם גאנצן איינזען פאר די שוועריקייטן פון זיין פאזיציע האב איך באקומען דעם איינדרוק, אז ער וואלט געקענט ארויסקריגן א סך מער פון דער רעגירונג לטובת די יידן, ווען ער וואלט געהאט מער מוט אין האנדלען מיט די פארשטייער פון דער מאכט. דאס ארויסשטעלן די פאדערונגען אין א שארפערער פארם אין די צייטן פון (דעמאלטיקן) כרושטשאוו־רעזשים וואלט נישט געווען פארבונדן פאר דעם מאסקווער רב מיט אזא ריזיקע, ווי דאס איז געווען אונטער סטאלינען. איך האב הרב לעווינ׳ען געזאגט וועגן דעם אפן, אבער עס האט נישט געהאלפן״.

ד״ר גאלדשטיין איז אויך געפארן קיין לענינגראד, צו פארשן די לאגע פון דער דארטיקער יידישער קהילה און באגעגענען זיך מיט אירע פירער. דער אלטער און קראנקער רב פון דער גרויסער שול אין לענינגראד איז גראד נישט געווען אין שטאט. ד״ר גאלדשטיין האט געהערט וועגן דעם רב, אז מען באציט זיך צו אים מיט גרויס דרך ארץ. אנשטאט דעם רב האט ער געזען דעם ״גבאי״ פון דער שול,

װעלכער האט געמאכט אויף אים אַ זייער מאדנעם איינ־דרוק. דער דאזיקער גבאי איז דאן געװען דער נאכפאלגער פון דעם פריערדיקן פארזיצער פון דער יידישער קהילה אין לענינגראד, פעטשערסקי, װעמען די סאװיעטישע מאכט האט געהאט אריינגעזעצט אין טורמע (איצט געפינט ער זיך שוין אין ישראל). דער גבאי, צו װעמענס רייד מען האט אין אלגעמיין זיך געדארפט באציען מיט גרויס חשד, האט געזאגט ד״ר גאלדשטיינען, אז ״שוין ניין און פערציק יאר, װי ער גיט אװעק זיין צייט און זיינע כוחות פאר די באדערפענעשען פון דער יידישער קהילה אין לענינ־גראד״.

מיט דעם ״גבאי״ אין לענינגראד האט ד״ר גאלדשטיין אויפגענומען דיזעלבע פראגן, װעגן װעלכע ער האט גערעדט מיט הרב לעװינען אין מאסקװע. אבער דער ״גבאי״ פון דער לענינגראדער שול האט אנשטאט ענטפערס געגעבן בלויז פוילע תירוצים.

אויף דער פראגע, פארװאס עס איז נישט פאראן קיין צענטראלע פאראייניקונג פון די יידישע רעליגיעזע קהילות אין סאװיעט־רוסלאנד, האט ער דערציילט א מעשה, אז ביי דער לװיה פון פריערדיקן רב פון מאסקװע, שלייפער, האבן די פארטרעטער פון די קהילות איבערן לאנד, װאס האבן זיך דעמאלט פארזאמלט אין דער הויפטשטאט, באהאנדלט דעם ענין װעגן גרינדן אזא צענטראלע רעלי־גיעזע פאראייניקונג. דער פארשטייער פון דער קהילה אין לענינגראד האט פארלאנגט, אז די געפלאנטע צענט־ראלע קערפערשאפט זאל זיך געפינען אין לענינגראד און נישט אין מאסקװע. און װייל מען האט נישט געקענט

דורכקומען וועגן דער פאדערונג, איז פון דעם גאנצן ענין גארנישט געווארן.

ווען ד"ר גאלדשטיין האט אויסגעהערט די מעשה, האט ער זיך אויסגעדריקט, אז עס איז געווען נאַריש מצד דער לענינגראדער קהילה צו צעשטערן אזא וויכטיגן ענין, ווי שאפן א צענטראלע יידישע פאראייניקונג, צוליב א קליינער עגאאיסטישער פאדערונג. ער האט אויך באמערקט, אז די לענינגראדער קהילה איז נישט געווען גערעכט מיט איר פאדערונג, ווייל די צענטראלע פאראייניקונגען פון די אנדערע רעליגיעזע גרופעס אין סאוויעט־רוסלאנד געפינען זיך אין דער הויפטשטאט, אין מאסקווע. דער "גבאי" פון דער לענינגראדער קהילה האט דאן אראפגעלאזן פון טאן און האט געזאגט, אז ווען די פראגע וועט נאכאמאל אויפגענומען ווערן וועט די לענינגראדער קהילה שוין נאכגעבן דער מאסקווער קהילה.

אויף דער פראגע, פארוואס די לענינגראדער קהילה באמיט זיך נישט, אז די מאכט זאל דערלויבן דרוקן נייע סידורים, האט דער "גבאי" זיך ארויסגעדרייט פון א קלארן ענטפער מיט אַן אנדערער מעשה. ער האט דערציילט, אז אין 1960 איז דערלאנגט געווארן צו דער רעגירונג א ביטע וועגן דרוקן נייע סידורים. דערביי איז צוגעשטעלט געווארן דער טעקסט פון א סידור מיטן נוסח ספרד. דאס איז געטאן געווארן לויטן פארלאנג פון א גרויסן טייל פון די מתפללים, וועלכע האבן ביז דעמאלט זיך באנוצט מיט סידורים מיטן נוסח אשכנז. די רעגירונג האט פארלאנגט א רוסישע איבערזעצונג — "נישט דערפאר, אז די איבערזעצונג זאל זיין געדרוקט צוזאמען מיט דעם העבראישן טעקסט,

נאר פאר אינפארמאציע־צוועקן" — האט דערקלערט דער "גבאי" פון דער לענינגראדער שול. אזא איבערזעצונג איז צוגעשטעלט געווארן. אבער דאן האט זיך געפונען א רעגירונגס־באאמטער, וועלכער האט דערקלערט, אז "דער טעקסט פון סידור, וואס איז פארגעשלאגן געווארן צום דרוקן, איז נישט דערזעלבער וואס אין אריגינאל". דעריבער איז אויך פון דעם ענין גארנישט געווארן.

אזוי האט געקלונגען די מעשה, וואס דער "גבאי" פון דער לענינגראדער שול האט דערציילט. ער האט צוגעגעבן, אז "ער באדויערט, וואס עס איז געשען, און די לענינגראדער שול וועט שוין מוותר זיין אויפן נוסח ספרד, וואס איז געווען א שטערונג". ער האט דערקלערט, אז די קהילה פארהאנדלט וועגן דעם מיט דער רעגירונג. דערביי האט ער געוויזן ד"ר גאלדשטיינ'ען דעם לוח, וואס די לענינ־גראדער קהילה האט איבערגעדרוקט.

אויך וועגן דער פראגע פון דער ישיבה פאר צוגרייטן רבנים האט דער "גבאי" פון דער לענינגראדער קהילה געהאט אן אויסגעקליגעלטן תירוץ. ערשטנס, האט ער געזאגט, איז די לענינגראדער קהילה נישט צופרידן מיט דעם אופן, ווי אזוי הרב לעווין פירט די ישיבה. ער גיט זיך אפ מער מיט צוגרייטן חזנים און שוחטים און זארגט נישט גענוג פאר צוגרייטן רבנים. צווייטנס, פארלאנגט די לענינ־גראדער קהילה פון הרב לעווין, אז ער זאל זאמלען א פאנד פאר אויסברייטערן דעם בנין פון דער ישיבה, בכדי מער תלמידים זאלן דארט קענען וווינען און אויפ־האלטן זיך. דאס וואס עס איז נישט פאראן גענוג ארט פאר תלמידים פון אנדערע שטעט, איז די אמת'ע סיבה,

פאַרוואָס בחורים פון איבערן לאַנד קריגן נישט קיין דערלויבענעשן צו קומען קיין מאָסקווע, בכדי צו לערנען אין דער ישיבה — האָט דער "גבאי" פון דער לענינגראַדער שול פאַרענטפערט די רעגירונג. ער האָט באַמערקט, אַז די לענינגראַדער קהילה העלפט אַרויס פינאַנציעל די ישיבה אין מאָסקווע און אַז דער בודזשעט פון דער ישיבה באַטרעפט פערציק טויזנט רובל אַ יאָר.

אויסהערנדיק די דאָזיקע תירוצים, האָט ד"ר גאָלדשטיין געשטעלט דעם "גבאי" אין לענינגראַד אַ פראַגע, וועלכע ער האָט נישט באַרירט אין זיין געשפרעך מיט הרב לעווינ׳ען: פאַרוואָס זעט נישט די קהילה, אַז מען זאָל דערלויבן די יידן אין סאָוועט־רוסלאַנד עולה־רגל זיין קיין ירושלים, בעת מוסולמענער האָבן די מעגלעכקייט צו פאָרן קיין מעקאַ. דעם "גבאי"ס ענטפער איז געווען, אַז אַ נסיעה קיין ירושלים און צוריק קאָסט אַ סך געלט, און אַז "קיין איין ייד, ווען אַפילו ער פאַרמאָגט אויף די הוצאות, וועט נישט וועלן זיך מודה זיין אין דעם". לויט זיין מיינונג איז די לאַגע ביי די מוסולמענער אַן אַנדערע. ביי זיי דעקן זייערע געמיינדעס די קאָסטן פון די רייזעס קיין מעקאַ.

מיט אַזעלכע תירוצים האָט דער "גבאי" פון דער לענינ־גראַדער שול געזוכט אָפּצופטר׳ן די ערנסטע פראַגן, וואָס ד"ר ישראל גאָלדשטיין האָט אים געשטעלט.

די באַזוכן אין די צוויי קהילות, אין מאָסקווע און אין לענינגראַד, האָבן געגעבן ד"ר גאָלדשטיינ׳ען אַ שאַרף בילד פון דער לאַגע און פון די באַדינגונגען, אין וועלכע עס האָט זיך געפונען דאָס ביסל פון דעם רעליגיעזן לעבן,

וואס איז אין די ערשטע זעכציקער יארן נאך אויפגעהאלטן געווארן ביי די יידן אין סאוויעט־רוסלאנד. ער האט בעת דער אינטענסיווער רייזע, וועלכע ער האט דעמאלט געמאכט איבער סאוויעט־רוסלאנד, און ביים פארשען דעם אלגעמיינעם צושטאנד פון די סאוויעטישע יידן, געהאט נאך אנדערע שווערע דערפארונגען.

קאפיטל פיר און פערציק

אינטערווענץ ביי באאמטע פון דער סאוויעט־רעגירונג

גלייכצייטיק מיט די באגעגענעשן און געשפרעכן, וואס ד"ר ישראל גאלדשטיין האט בעת זיין רייזע איבער סאוויעט־רוסלאנד געהאט מיט יידישע טוער און מיט סתם־יידן, האט ער אונטערגענומען די געהעריקע שריט צו פארהאנדלען מיט די פארשטייער פון דער סאוויעטישער מאכט וועגן רעכט פאר די יידן אין לאנד. באנוצנדיק זיך מיט דעם, וואס ער איז בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה געווען וויצע־פארזיצער פון דער הילפס־ארגאניזאציע פאר רוסלאנד אין די פאראייניקטע שטאטן, איז ער געגאנגען באזוכן אין מאסקווע דאס ביוראָ פון דעם קאמיטעט פאר סאוויעטיש־אמעריקאנער פריינטשאפט. ער האט דערקלערט די פירער פון דעם קאמיטעט, אז ער איז פאראינטערעסירט אין דער פארבעסערונג פון די באציונגען צווישן די פאראייניקטע שטאטן און סאוויעט רוסלאנד. אבער אמעריקאנער יידן, וועלכע שפילן א גרויסע ראלע אין דער עפנטלעכער מיינונג אין די פאראייניקטע שטאטן, האבן א שארפע טענה צו דער סאוויעט־רעגירונג לגבי די דיסקרימינאציעס און גזירות קעגן דער יידישער באפעל־קערונג אין לאנד. ד"ר גאלדשטיין האט אויסגעפירט, אז עס איז נויטיק פאר דעם סאוויעטישן רעזשים צו

מאכן א סוף מיט דער אויסנאם־באהאנדלונג פון יידן, בכדי צו באזייטיקן די שטערונג פאר איינשטעלן בעסערע באציונגען מיט אמעריקע.

ווייזט אויס, אז ד״ר גאלדשטיינ׳ס ארגומענטן האבן פונדעסטוועגן געהאט א ווירקונג. די פירער פון דעם קאמיטעט פאר סאוויעטיש־אמעריקאנער פרייגטשאפט האבן געראטן ד״ר גאלדשטיינ׳ען, אז ער זאל האבן א קאנפערענץ אין דעם רעגירונגס־אמט פאר רעליגיעזע פראבלעמען. ער איז אוועקגעגאנגען אין דעם אמט און האט דארט געהאט א לענגערן געשפרעך מיט דעם וויצע־דירעקטאר בוכארין, ווייל דער דירעקטאר פוזין איז נישט געווען אין ביורא צוליב זיין קראנקהייט. ביי דעם געשפרעך, וואס האט אנגענומען א משונה׳דיקן כאראקטער, איז געווען אנוועזנדיק נאך א פערזאן, אין צוגאב צו דעם איבערזעצער.

ד״ר גאלדשטיין האט אנגעהויבן מיט דער פראגע, פארוואס יידן אין סאוויעט־רוסלאנד האבן נישט די מעגלעכקייט צו שאפן א פארבאנד פון די רעליגיעזע קהילות לויטן מוסטער, ווי עס עקזיסטירט אזא הויפט־צענטראלע פון דער רוסישער פראוואסלאווער קירך און פון אנדערע רעליגיעס. דערויף האט דער סאוויעטישער באאמטער געענטפערט, אז די פראוואסלאווע קירך האט אזא צענטראלע רעפרעזענטאנץ דערפאר, ווייל עס איז שוין געווען אזא קערפערשאפט אונטערן צארישן רעזשים. ווען ד״ר גאלדשטיין האט באמערקט, אז די באפטיסטען האבן אזא פארטרעטערשאפט איצט, הגם זיי האבן נישט געהאט אזא צענטראלע רעפרעזענטאנץ אונטערן צארישן רעזשים, האט דער סאוויעטישער באאמטער באנוצט אן

אנדערן תירוץ. ער איז ארויסגעקומען מיט דעם מאטיוו, אז די סאוויעטישע מאכט־אינסטאנצן האבן גענומען באזונדערס אין באטראכט די פאדערונג פון די באפטיסטן וועגן א צענטראלער רעליגיעזער פאראייניקונג דערפאר, ווייל זיי האבן שטארק געליטן אונטער די צאַרן. ווען ד״ר גאלדשטיין האט דאן צוגעשטופט צו דער וואנט דעם סאוויעטישן באאמטן, זאגנדיק אים אז אויך די יידן האבן אַ סך געליטן אונטערן צארישן רעזשים, האט דער באאמטער צוגעגעבן, אז די יידן דארפן אויך האבן א צענטראלע רעליגיעזע פאראייניקונג און אז זיי דארפן פארלאנגען די דערלויבעניש זי צו שאפן.

די צווייטע פראגע איז געווען וועגן דער מעגלעכקייט פאר די רבנים צו באטייליקן זיך אין רעליגיעזע יידישע קאנפע־רענצן אין אויסלאנד. דא האט דער באאמטער זיך ארויס־געדרייט מיט דעם תירוץ, אז דער מאסקווער רב, הרב לעווין, האט באקומען די מעגלעכקייט צו פאָרן צו אזא קאנפערענץ אין דער שווייץ, אבער צוליב א הארץ־אטאק איז ער גאר אוועקגעפירט געווארן אין שפיטאל.

ד״ר גאלדשטיין האט דאן בארירט די פראגע וועגן מצות אויף פסח. דער ענטפער פון סאוויעטישן באאמטן איז געווען, אז אין די עפענטלעכע בעקערייען וועלן געמאכט ווערן די געהעריקע איינריכטונגען צו קענען באקן מצות. ווען ד״ר גאלדשטיין האט געפרעגט, צי די בעקערייען וועלן שוין קענען באקן מצות פאר דעם נאענטסטן פסח — דאס געשפרעך איז געפירט געווארן סוף זומער — האט דער באאמטער זיך ארויסגעדרייט מיט דעם ענטפער, אז ער איז אין דעם נישט זיכער. ער האט, ווייזט אויס, נישט געוואלט נעמען אויף זיך קיין קלארע פארפליכטונג.

וועגען סידורים האט דער באאמטער געגעבן אן ענטפער, אז ער זעט נישט איין פארוואס עס זאלן נישט איבערגעדרוקט ווערן נייע סידורים, וויבאלד "די רעגירונג האט געגעבן דערויף א דערלויבענעש נאך מיט עטלעכע יאר צוריק".

ווייטער האט ער איינגעשטימט, אז עס דארף דערלויבט ווערן צו עפענען א נייע יאטקע פון כשר פלייש.

וועגן דער ישיבה פאר רבנים ביי דער מאסקווער שול האט ער געענטפערט, אז די שוועריקייטן באשטייען אין דעם, וואס עס זיינען נישט פאראן גענוג ערטער פאר תלמידים פון אנדערע שטעט.

וועגן דעם, פארוואס יידן קריגן נישט קיין דערלויבענעש עולה רגל צו זיין קיין ירושלים, בעת מוסולמענער קענען פארן קיין מעקאַ, האט דער באאמטער געזאגט, אז יידן דארפן טאקע קריגן די מעגלעכקייט צו באזוכן ירושלים.

דאן האט ד"ר גאלדשטיין פארגעשלאגן דעם וויצע־דירעקטאר פון סאוויעטישן אמט פאר רעליגיעזע אנגעלעגענהייטן, אז ער זאל זיינע דערקלערונגען אים איבערגעבן שריפטלעך, בכדי ער, ד"ר גאלדשטיין, זאל אים ריכטיק ציטירן פאר דער אמעריקאנער יידישער און אלגעמיינער עפענטלעכער מיינונג. אבער דער באאמטער האט קאטעגאריש זיך אפגעזאגט דאָס צו טאן מיט דעם תירוץ, אז א שריפטלעכע דערקלערונג קאן געבן נאר דער דירעקטאר פון דעם בירוא.

"מיר איז געווארן קלאר" — האט ד"ר גאלדשטיין אויסגעפירט אין זיין באריכט וועגן דעם געשפרעך — "אז אדער דער דאזיקער באאמטער האט נישט אנגעהויבן צו

וויסן וועגן דער לאגע פון די סאוויעטישע יידן, אדער ער האט בכיוון געזאגט ליגנס. ווען איך בין צוריקגעקומען קיין ניו יארק, האב איך געשריבן א בריוו צו דעם וויצע־דירעקטאר בוכארין און האב אים ציטירט אונדזער געשפרעך, בעטנדיק אים, אז ער זאל באשטעטיקן זיינע דערקלערונגען. עס איז אבער א גרויסער ספק, צי איך וועל ווען־עס־איז קריגן פון אים אַן ענטפער״.

ד״ר גאלדשטיין האט טאקע קיינמאל נישט דערהאלטען קיין ענטפער.

די סיבה פארוואס ער האט אין זיינע געשפרעכן זיך קאנצענטרירט על פי רוב אויף די רעליגיעזע פראבלעמען, האט ד״ר גאלדשטיין דערקלערט מיט דעם, אז די רעליגיעזע דיסקרימינאציעס אילוסטרירן אמשטארקסטן די אויסנאַם־באהאנדלונג פון יידן אין סאוויעט־רוסלאנד און האבן אויך א גרעסערן אפקלאנג אין דער עפענטלעכער מיינונג אין אויסלאנד, וואס גיט די מעגלעכקייט צו פירן א מער עפעקטיווע אקציע לטובת די סאוויעטישע יידן. פונדעסטוועגן האט ד״ר גאלדשטיין אויך אינטערווענירט וועגן די באגרענצונגען קעגן יידן אויפן קולטור־געביט. אבער קיין סך האט ער מיט זיינע באמיונגען וועגן דעם נישט געקענט דערגרייכן.

וועגן העברעאישן חינוך האט ער געקראגן אן ענטפער, אז לערנען העברעאיש איז פארבאטן און אז דער פארבאט וועט נישט אנולירט ווערן. וועגן לערנען די יידישע שפראך מיט קינדער, האט מען אים געזאגט, או דאס וואלט געווען מעגלעך, ווען עס וואלט זיך צונויפגעקליבן א גרופע פון צען עלטערן וועלכע וואלטן עס פארלאנגט.

אבער יידן — האט ד״ר גאלדשטיין איבערגעגעבען — האבן נאך אלץ מורא צו קומען מיט אזא פאדערונג צו דער מאכט. מען געדענקט נאך אלץ די שרעקלעכע צייטן פון סטאלינען, וועלכער האט ליקווידירט די יידישע שרייבער און קינסטלער.

ד״ר גאלדשטיין האט זיך באגעגנט מיט די רעדאקציע־מיטארבייטער פון דער צייטשריפט אויף אידיש ״סאוועטיש היימלאנד״. זיי האבן זיך געפראַלט, אז זייער זשורנאל האט שוין אנטדעקט נייע טאלאנטן פון דער יידישער ליטעראטור. באזונדערס האבן זיי דערמאָנט א 25־יעריקן יידן אין סיביר, וועלכער האט זיי אריינגעשיקט זיינע אויסגעצייכנטע שריפטן צום פארעפנטלעכן. וועגן יידישן טעאטער האבן זיי געזאגט, אז עס פאָרן־ארום עטלעכע טרופעס פון יידישע אקטיארן איבער דער פראווינץ; אבער אט די ארטיסטן וואלטן נישט געקענט צונויפשטעלן קיין גוטן אנסאמבל פאר א יידישן טעאטער אין מאסקווע. די רעדאקציע־מיטארבעטער פון ״סאוועטיש היימלאנד״ האבן דאן אנגעוויזן אויף דער דערשיינונג פון דעם רוסיש־העברעאישען ווערטער־בוך ווי אויף א ״נייער דערגרייכונג״.

ד״ר גאלדשטיין האט זיי געפרעגט, וויפיל זיי שפיגלען־אפ דאס לעבן אין ישראל אין זייער צייטשריפט. זייער ענטפער איז געווען, אז ״געוויס אינטערעסירן זיי זיך מיט ישראל״. זיי האבן זיך ארויסגעכאפט מיט דעם ״וויץ״, אז זיי פארצייכענען יעדן פאַל פון א שטרייק אין ישראל. זיי האבן אויך געשטעלט ד״ר גאלדשטיינ׳ען א פראגע: פארוואס דער יידישער וועלט־קאנגרעס נעמט זיך דאס רעכט צו רעדן אין נאמען פון סאוויעטישן יידנטום. עס איז זיי שטארק נישט געפעלן געווארן דער ענטפער,

וואס ד״ר גאלדשטיין האט זיי געגעבן, אז דער יידישער וועלט־קאנגרעס טוט דאס מיט דעמזעלבן רעכט, מיט וועלכן די יידישע ארגאניזאציעס האבן זיך באשעפטיקט, אַ שטייגער, מיט דעם גורל פון די דייטשע יידן אין דער היטלער־עפאכע.

זייענדיק אין מאסקווע, האט ד״ר גאלדשטיין אויך געמאכט א באזוך ביי איליא ערנבורג׳ן. דאס געשפרעך איז געפירט געווארן מיט הילף פון אן איבערזעצער. ווען ד״ר גאלדשטיין האט אנגעהויבן דאס געשפרעך אויף יידיש, האט ערנבורג געזאגט, אז ער האט טאקע געהערט יידיש אלס א קינד אין דער היים פון זיינע עלטערן, אבער ער פארשטייט קוים די שפראך. וועגן ״סאוויעטיש היימלאנד״ האט ערנבורג זיך אויסגעדריקט גינסטיק.

ער האט באטראכט דאס ארויסגעבן די צייטשריפט פאר ״א וויכטיקן שריט, וואס קאן פירן צו אנטדעקן נייע טאלאנטן אין דער יידישער ליטעראטור״. וועגן שאפן א יידישן טעאטער האט ערנבורג געגעבן דעמזעלבן ענטפער, וואס די רעדאקציע־מיטארבעטער פון ״סאוויעטיש היימלאנד״: ״אויב מען זאל ברענגען די אקטיארן פון דער פראווינץ קיין מאסקווע, קענען זיי האבן א דורכפאל, און דאס וועט זיין א קלאַפּ פארן פרעסטיזש פון יידן און פון דער יידישער שפראך״.

״מיר האבן שוין איצט נישט אזעלכע טאלאנטן ווי מיכאָעלס און זיסקינד״ — האט איליא ערנבורג זיך אויסגעדריקט.

ד״ר גאלדשטיין האט מיט אים פארפירט א געשפרעך

וועגן יעווטושענקא'ן. איליא ערנבורג האט זיך ארויס־געזאגט קריטיש געגן דעם, וואס יעווטושענקא האט געענדערט עטלעכע שורות אין זיין פאעמע וועגן באבי־יאר, בכדי צו "געפינען חסד אין די אויגן פון דער מאכט".

"ווען ער וואלט זיך אפגעזאגט דאס צו טאן, איז אלץ, וואס וואלט געקאנט פאסירן מיט יעווטושענקא'ן, אז ער וואלט געוועז דארפן ווארטן נאך א פאר מאנאטן מיט פארעפנטלעכען זיין נייעם בוך" — האט איליא ערנבורג געמאכט א באמערקונג, וואס האט אילוסטרירט די באדינגונגען, ביי וועלכע סאוויעטישע שריפטשטעלער איז אויסגעקומען צו לעבן און צו שאפן אויך אונטערן רעזשים פון כרושטשאוו'ן.

פון זיינע אלגעמיינע אבסערוואציעס בעת דער רייזע איבער סאוויעט־רוסלאנד האט ד"ר גאלדשטיין ארויסגעטראגן דעם איינדרוק, אז דער אנטיסעמיטיזם איז ווייטער שטארק פארשפרייט צווישן די מאסן אין סאוויעט־רוסלאנד. אינאיינעם מיט דעם פילט זיך א שטארקע רוסישע נאציאנאליסטישע שטימונג. דאס ברענגט דערצו, אז די יידישע יוגנטלעכע זעען—איין, אז זיי ווערן באטראכט ווי "דרויסנדיקע", ווי פרעמדע. דאס געפיל פון זייער צוגעהעריקייט צום יידישן פאלק וואכט־אויף אין זיי מיט א שטארקער קראפט, און זיי זיינען פול מיט באוואונדערונג פאר מדינת ישראל.

דעם אנהויב פון דער דאזיקער יידישער און ציוניסטישער דערוואכונג ביי א גרויסן טייל פון דער יידישער יוגנט אין סאוויעט־רוסלאנד, האט ד"ר גאלדשטיין איינגעזען שוין אין 1963, ווען ער האט באזוכט סאוויעט־רוסלאנד.

אגב האט ער איבערגעגעבן, אז אין סאוויעט־רוסלאנד איז שטארק פארשפרייט א קלאנג, אז אין ישראל איז אנטדעקט געווארן א מיטל צו היילן די ראַק־קראנקייט. דאס אילוסטרירט די הויכע מיינונג, וואס אויך נישט־יידן האבן וועגן דער יידישער מדינה.

אין זיינע געשפרעכן און באגעגענישן האט ד״ר גאלדשטיין געמאכט גרויסע באמיונגען צו דערגיין, צי דאס עפענטלעכע קריטיקירן דעם סאוויעטישן רעזשים פאר זיינע האנדלונגען קעגן יידן העלפט צו פארבעסערן די לאגע. דער אויספיר, צו וועלכן ער איז געקומען, איז געווען, אז עפענטלעכע פראטעסט־מאניפעסטאציעס קענען העלפן, בעת דאס פאר־שווייגן די גזירות און רדיפות קען בלויז ארייננשפילן אין די הענט פון די רעגירער פון סאוויעט־רוסלאנד.

אויך האט ד״ר גאלדשטיין פעסטגעשטעלט, אז די פראגן וועגן דער באהאנדלונג פון די יידן ווערן באשלאסן אין די ״העכסטע פענסטער״, אין פרעזידיום פון דער קאמוניס־טישער פארטיי אין סאוויעט־רוסלאנד.

קאפיטל פינף און פערציק

באזוכן אין די פארניכטונגסלאגערן און ביי די געראטעוועטע

אין רומעניע, אונגארן און פוילן, ווו ד״ר ישראל גאלדשטיין איז סוף זומער 1963 געווען צוויי וואכן, האט ער געזען פאר זיך אן אנדער בילד פון דעם לעבן פון די יידן, וועלכע זיינען פארבליבן אין די לענדער נאך דעם מורא׳דיקן חורבן און נאך דעם גרויסן עליה־שטראם פון דער שארית הפליטה קיין ישראל. אויך מיט זיין באזוך ביי די יידן אין די דאזיקע קאמוניסטישע לענדער איז ער געווען איינער פון די געציילטע ציוניסטישע פירער, מיטגלידער פון דער עקזעקוטיווע פון דער ציוניסטישער וועלט־ארגאניזאציע, וועלכע האבן געמאכט אזא נסיעה. זיין באריכט וועגן דער לאגע פון די יידישע ישובים אין רומעניע, אונגארן און פוילן אין די ערשטע זעכציגער יארן איז א וויכטיקער דאקומענט.

אין רומעניע האט אויף אים געמאכט א שטארקן איינדרוק דער אופן, ווי אזוי די ישראל־אמבאסאדע אין בוקארעסט האט דורכגעפירט די ענינים פון דער עליה פון די יידן, וועלכע האבן באקומען די דערלויבענעש ארויסצופארן. די עולים האבן זיך גענויטיקט אין יעדן מין פון מאראַ־לישער און מאטעריעלער הילף. א טייל פון זיי האבן אויך געדארפט האבן א מעדיצינישע באהאנדלונג. די ישראל־

אמבאסאדע האט געזארגט וועגן דעם אלץ פאר דעם גרויסן שטראם עולים, וואס איז דעמאלט געגאנגען פון רומעניע קיין ישראל.

ד״ר גאלדשטיין האט דערמאנט מיט אנערקענונג דעם רב הכולל פון רומעניע, הרב משה ראזען, פאר די קאנצעסיעס, וואס ער האט אויסגעפועלט ביי דער קאמוניסטישער רעגירונג צו קענען איינפירן א רעליגיעזן חינוך פאר יידישע קינדער. אבער בדרך כלל האט ד״ר גאלדשטיין ארויסגעטראגן א שווערן איינדרוק פון דער אנגעשטרענגטער אטמאספער, וואס האט דעמאלט געהערשט צווישן די יידן אין רומעניע.

אין אונגארן האט ער געפונען א לייכטערע אטמאספער צווישן דער יידישער באפעלקערונג. די צאל פארבליבענע יידן אין אונגארן איז דאן אנגעגעבן געווארן אויף ארום נײַנציק טויזנט. פון זיי האבן אכציק טויזנט געוווינט אין דער הויפטשטאט בודאפעסט, און צען טויזנט אין דער פראווינץ. ד״ר גאלדשטיין האט געהאט א לענגערן געשפרעך מיט דעם דעמאלטיקן פירער פון דער יידישער געמיינדע אין בודאפעסט, סאַס, צו וועמענס דערקלערונגען און אינפארמאציעס מען האט זיך געדארפט באציען מיט א געוויסער צוריקגעהאלטנקייט — ווי מען האט איבער־געגעבן פון אַנדערע קוועלן.

אין בודאפעסט האט ד״ר גאלדשטיין געפונען א רייע יידישע אינסטיטוציעס: א גרויסע און שיינע סינאגאגע, א רבנים־סעמינאר, א יידישן מוזייאום פון דער היטלער־עפאכע; א מושב זקנים און א יידישן שפיטאל ווו עס איז אפגעהיטן געווארן כשרות. דער פירער פון דער יידישער

געמיינדע האט געזאגט, אז די אויסזיכטן פאר דער צוקונפט פון יידישן ישוב אין אונגארן זיינען בעסערע, ווי אין רומעניע און אין פוילן, ווייל פון רומעניע פאָרן אוועק א סך יידן, און אין פוילן זיינען אין אלגעמיין פארבליבן זייער ווייניק יידן. לויט די רייד פון דעם הויפט פון דער יידישער געמיינדע האבן דעמאלט ארום פופצן הונדערט יינגלעך געפייערט יעדעס יאר זייער בר־מצווה, און אזא צאל מיידלעך האבן געפייערט זייער "בת מצווה". ער האט אויך געזאגט, אז די צאל געמישטע חתונות ביי יידן אין אונגארן איז נישט קיין גרויסע.

ד"ר גאלדשטיין איז געווען צופרידן, געפינענדיק אן אָנדענק־טאוול נאך ד"ר בנימין זאב הערצל אין דער געביידע פון דער יידישער געמיינדע, וואס געפינט זיך אויפן ארט פון דעם הויז, וווּ דער גרינדער פון דער ציוניסטישער וועלט־ארגאניזאציע און פאטער פון דער באנייטער יידישער מדינה איז געבוירן געווארן. ווי מען האט איבערגעגעבן ד"ר גאלדשטיינ'ען, ווערט אפגעהיטן דער מנהג צו לייגן א קראנץ ביי דעם אנדענק־טאוול יעדעס יאר, אין הערצל'ס געבורטס־טאג, דעם 2־טן מאי. געוויינלעך לייגן דעם קראנץ דער פירער פון דער יידישער געמיינדע אין בודאפעסט און דער ישראל־אמבאסאדאר אין אונגארן.

די עמיגראציע פון אונגארן איז געווען פריי, ווען ד"ר גאלדשטיין איז דארט געווען. די סיבה פון אַ קליינער עלייה פון דארט איז צו דערקלערן דערמיט, וואס ארום א העלפט יידן אין לאנד האבן געלעבט פון רעגירונגס־פענסיעס, און זיי האבן זיך געוואקלט אויסצוטוישן זייער באשיידענע מאטעריעלע עקזיסטענץ אין אונגארן אויף אן

"אומזיכערער צוקונפט" אין ישראל — ווי זיי האבן געמיינט.

פון די צווייי וואכן, וואס ד"ר ישראל גאלדשטיין האט פארבראכט אין די סאוויעטישע סאטעליטן־לענדער, איז ער א וואך צייט ארומגעפארן איבער פוילן און האט באזוכט ווארשע, קראקע, אוישוויץ און טרעבלינקע· ווי אין די אנדערע קאמוניסטישע לענדער, האט ער זיך אינטערעסירט מיט דעם רעליגיעזן לעבן פון די פארבליבענע יידן אין פוילן. ער האט אויסגעפונען, אז די פירערשאפט פון דעם יידישן רעליגיעזן לעבן ליגט אין דריט־ראנגיקע הענט. זיין איינדרוק איז געווען, אז צוליב דעם וואס די דעמאלטיקע גאמולקא־רעגירונג האט צוגעלאזט, אז די קאטוילישע קירך זאל זיין שטארק, וואלט מען געקאנט אויספועל'ן א גינסטיקע באציאונג אויך צו די יידישע רעליגיעזע אינסטיטוציעס. אבער די שטערונג איז באשטאנען אין דעם, וואס די יידישע קאמוניסטן האבן געהאט די גאנצע קאנטראל איבערן יידישן כלל־לעבן.

די ארגאניזאציע פון די יידישע קאמוניסטן: דער „יידישער קולטור־פארבאנד", האט דעמאלט געהאט זיבן יידישע שולן, וואס זיינען געשטיצט געווארן דורך דער רעגירונג; האט ארויסגעגעבן א יידישע צייטונג: די "פאלקס־צייטונג"; האט פארעפענטליכט יידישע ביכער; האט אנגעפירט מיט זומער־קאלאניעס פאר קינדער און האט געהאט די אויפזיכט איבער קאאפעראטיווע ווארשטאטן, וווּ עס האבן געארבעט ארום זיבעצן הונדערט יידן.

דער "ארט" האט אויסגעהאלטן שולן פאר פאך־בילדונג. דער אמעריקאנער "דזשאינט" האט געשטיצט די אקטיווי־

טעטן פון דעם קולטור־פאַרבאַנד און זיינע אינסטיטוציעס. ד״ר גאָלדשטיין האָט איבערגעגעבן אין זיין באַריכט, אַז ער האָט געהערט פון יידן אין וואַרשע אַ מיינונג, אַז עס איז אַ גרויסער פּראָגע־צייכן, צי די טעטיקייט פון ״דזשאָינט״ ברענגט אַ טובה. די ספּעציעלע הילף, וואָס דער ״דזשאָינט״ האָט דעמאָלט געגעבן די יידישע קאָאָפּע־ראַטיוון האָט — לויט דער דאָזיגער מיינונג — געקענט אַרויסרופן אַן אַנטיסעמיטישע רעאַקציע פון די פירער פון די פּוילישע קאָאָפּעראַטיוון. אומדירעקט האָט דער ״דזשאָינט״ געשטיצט די צייטונג פון דעם קולטור־פאַרבאַנד, די ״פאָלקס־צייטונג״, וווּ ישראל איז געשילדערט געוואָרן אין אַ נעגאַטיוון ליכט, בעת די פּוילישע קאָמוניסטישע צייטונגען האָבן זיך דאַן באַצויגן גינסטיק צו דער יידישער מדינה.

ד״ר גאָלדשטיין האָט באַזוכט אין וואַרשע דעם יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט און האָט דאָרט געהאַט אַ באַגעגעניש מיט דעם דירעקטאָר, פּראָפעסאָר בערל מאַרק (ז״ל). ער האָט זיך באַקענט מיט דער רייכער זאַמלונג פון דאָקומענטן און מאַטעריאַלן וועגן חורבן פון פּוילישן יידנטום. ער האָט זיך אויך פאַראינטערעסירט מיט דער קאָלעקציע פון קונסטבילדער, וואָס ער האָט דאָרט געפונען, און פון וועלכער די מערסטע האָבן אָפּגעשפּיגלט דאָס אַמאָליקע לעבן אין שטעטל. ד״ר גאָלדשטיין האָט איבער־געגעבן, אַז ווי פּראָפעסאָר בערל מאַרק האָט אים געזאָגט, וואָלט מען געקענט איינאָרדענען אַן אויסשטעלונג פון די בילדער אין ישראל, אויב עס וואָלט געקומען אַ ווענדונג וועגן דעם מצד מדינת ישראל.

אין קראָקע האָט ד״ר גאָלדשטיין באַזוכט די רמ״א־שול,

וועלכע איז געבליבן גאנץ, ווייל די נאציס האבן דעם בנין פון דער שול געהאט פארוואנדלט אין א מאגאזין פאר דעם האב און גוטס, וואס זיי האבן אנגערויבט אין דער געגנט.

דער פירער פון דער יידישער געמיינדע אין קראקע האט געזאגט ד״ר גאלדשטיינ׳ען, אז זיין הויפט־עובדה באשטייט אין צונויפזאמלען פון די ארומיקע וועלדער די ביינער פון די יידן, וואס זיינען דארט אויסגעהרג׳עט געווארן דורך די נאציס אין מאסן־רציחות. די קערפערס פון די קדושים זיינען דארט געבליבן ליגן, און דער פארזיצער פון דער קהילה האט זיך פארנומען מיט ברענגען זיי צו קבר ישראל אויפן בית עולם אין קראקע.

ד״ר גאלדשטיין איז געפארן קיין טרעבלינקע און האט געזען די צוגרייטונגען, וואס זיינען דארט געמאכט געווארן פאר אויפשטעלן דעם מאנומענט נאך די נאצי־קרבנות אין דעם פארניכטונגס־לאגער. נעבן דעם מאנומענט זיינען אוועקגעלייגט געווארן שטיינער מיט אויסגעקריצטע נעמען פון די לענדער און שטעט, פון וואנען עס האבן געשטאמט די נאצי־קרבנות. אויף דעם מאנומענט איז געווען אויסגעקריצט א מנורה, אבער אויף די שטיינער האט זיך נישט געפונען קיין שום יידישער עמבלעם. נישט ווייט פון דעם אָרט איז אפגעזונדערט געווארן א קריסטלעכער טייל פון די מאסן־קברים מיט קרייצן אויף די מצבות. אבער אויף די קברים פון די אומגעבראכטע יידן זיינען נישט געווען קיין מגן־דוד׳ס. ד״ר גאלדשטיין האט איבערגעגעבן אין זיין באריכט, אז ער האט וועגן דעם זיך געווענדעט צום אמעריקאנער ״דזשאינט״, וועלכער האט סובסידירט דאס אויפשטעלן די מצבות און האט זיך אויך באטייליקט

פינאנציעל אין אויפהאלטן דעם זכרון נאך די קרבנות אין דעם פארניכטונגס־לאגער פון טרעבלינקע.

בעת זיין באזוך אין אוישוויץ איז ד״ר ישראל גאלדשטיין נאך מער איבערגעבראכט געווארן דערפון, וואס דארט ווערט איגנאנצן פארלייקנט דער אנדענק פון די יידישע נאצי־קרבנות. ער האט דארט געזען אויפגעשטעלטע פאוויליאנען פון פארשיידענע פעלקער און לענדער, ווי אונגארן, טשעכאסלאוואקיע און אפילו מזרח־דייטשלאנד. אבער אַן אנדענק־פאוויליאן נאך די אויסגעהרגעטע יידן איז נישט געווען. ער האט וועגן דעם גערעדט מיט די אנפירער פון די דענקמאלן, וואס זיינען אוועקגעשטעלט געווארן אין אוישוויץ, און האט פראטעסטירט קעגן דעם, וואס עס איז נישטא קיין פאוויליאן פון ישראל, וווּ עס זאל אפגעגעבן ווערן כבוד דעם הייליקן אנדענק פון די מער פון א מיליאן יידן, וועלכע זיינען אומגעבראכט געווארן דורך די נאציס אין אוישוויץ, און וווּ עס זאל אויך געשילדערט ווערן די ראלע פון דער יידישער מדינה אין ראטעווען די שארית הפליטה פון אייראפעאישן יידנטום. דער תירוץ, וואס מען האט געגעבן ד״ר גאלד־שטיינ׳ען, איז געווען, אז דער פלאן וועגן אויפשטעלן א ישראל־פאוויליאן איז אפגעווארפן געווארן דורך דער פוילישער רעגירונג מיט דעם מאטיוו, אז מדינת ישראל האט נאך נישט עקזיסטירט בעת די נאצישע מאסן־רציחות אין דעם לאגער פון אוישוויץ.

אין זיין באריכט פאר דער עקזעקוטיווע פון דער יידישער אגענץ האט ד״ר גאלדשטיין אונטערגעשטראכן די נויט־ווענדיקייט אויסצואיבן א דרוק אויף דער פוילישער רעגירונג, אז עס זאל אויפגעשטעלט ווערן א ישראל־

פאַוויליאָן אין אוישוויץ. ער האָט איבערגעגעבן, אַז ער האָט אויף דעם געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון די פירער פון די יידישע אָרגאַניזאַציעס, באַזונדערס פון יידישן וועלט־קאָנגרעס. ער האָט פאָרגעשלאָגן צו אינטערווענירן ביי די רעגירונגען פון די מערב־מלוכות, אַז די פּוילישע רעגירונג זאָל איינשטימען אויפצושטעלן אַ ישראל־פאַוויליאָן אין אוישוויץ.

די אַלע באַמיונגען זיינען אָבער געבליבן אָן רעזולטאַט. און אין אוישוויץ, ווי אין באַבי יאַר — ווו ד״ר גאָלדשטיין איז אויך געווען בעת זיין באַזוך אין קיעוו — איז נישטאָ קיין מאָנומענט צום אָנדענק פון די יידישע קדושים.

קאפיטל זעקס און פערציק

א פסח־באזוך ביי די פאלאשא־יידן

ד״ר ישראל גאלדשטיין, געבוירן אין אמעריקע און אויפ־געצויגן אין גייסט און אין די טראדיציעס פון דער אמעריקאנער ציוויליזאציע פון אונדזער צייט, איז פון זיינע יונגע יארן, א דאנק דעם טיפן יידישן חינוך, וואס ער האט באקומען און דעם שטארקן אינטערעס, וואס ער האט ארויסגעוויזן פאר יידן און יידישע ענינים אין דער ברייטער וועלט — אויסגעוואקסן מיט דעם געפיל און מיט דעם באוווסטזיין פון יידישן אוניווערסאליזם. ער איז נישט נאר דורכגעדרונגען מיט דעם גייסט פון יידישן אוניווערסאליזם, נאר ער פארווירקלעכט אים אויך אין זיין לעבן און אין זיינע פארצווייגטע טעטיקייטן. עס וועט זיין שווער צו געפינען נאך עטלעכע יידישע עסקנים, וועלכע זאלן, אזוי ווי ד״ר ישראל גאלדשטיין, האבן אויסגעטראטן די גאנצע יידישע וועלט. ער איז געפאָרן באזוכן און באקענען זיך מיט יידישע ישובים אויף אלע קאנטינענטן, נישט אלס א טוריסט, פאר רייזע־לוסט, נאר ווייל יעדע נסיעה זיינע איז געווען פארבונדן מיט א כלל־ישראל־שליחות, וואס ער האט גענומען אויף זיך פרייוויליק.

פאר די ענינים פון ישראל איז ד״ר גאלדשטיין במשך פון פיל יארן ארומגעפארן איבער די פארשיידנסטע יידישע

ישובים, פון די גרעסטע ביז די קלענסטע, אנשפּאַרנדיק אויך צו די יידן אין די אַטלאַס־בערג, אין מאראקא, וועלכע האבן געלעבט אין היילן און וועלכע ער האט געהאָלפן אריבערברענגען אין דער יידישער מדינה. פאר דער פאר־טיידיקונג פון יידישע רעכט האט ער, אלס איינער פון די פירער פון יידישן וועלט־קאנגרעס, באזוכט יידישע ישובים אין אייראפּע און אין לאטיין־אמעריקע, וועלכע האבן זיך געגנויטיקט אין פאליטישער הילף, אין זייער שווערער לאגע. אזוי האט ער תמיד זיך געאיילט צו פארן אומעטום, ווו יידן האבן געווארט אויף הילף און דערמוטיקונג פון די ברידער אין אמעריקע. ווי עס איז שוין געווען געשילדערט אין די פריערדיקע קאפּיטלען, איז ער געווען פון די ערשטע צו פארן זען די שארית הפליטה פון אייראפּעישן יידנטום אין די באפרייטע לאגערן אין דייטשלאנד, עסטרייך און איטאליע, באלד נאכן סוף פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. זיינע נסיעות, אין דעם גייסט פון זען און דערמוטיקן פארוואגלטע יידן, האבן אים געפירט אזוי ווייט, ווי קיין קאָטשין, אין אינדיע, ווו עס איז פארשפּרייט א טראדיציע — וואס ווערט באשטעטיקט מיט היסטארישע מאטעריאלן — אז דארט האט מיט הונדערטער יארן צוריק עקזיסטירט א מין זעלבסטשטענדיקע יידישע מדינה.

לוי אשכול ז״ל האט אין אַן אפּשאצונג וועגן ד״ר ישראל גאלדשטיינ׳ען געשריבן: ״איך האב אים תמיד געקענט ווי א מענטשען מיט אן אומגעהויערער ארבעטספּעיקייט. זיין צוגאַנג צו פּראבלעמען איז שטענדיק: ״לאָמיר זען, וועגן וואס מיר ריידן״. אזוי, צום בייטשפּיל, האבן מיר איין טאג באקומען ידיעות וועגן יידישע קהילות, וואס

זיינען אנטדעקט געווארן אין פארווארפענע געגנטן פון מאראקא, צווישן זיי אין א ראיאן, וואס איז פול מיט באנדיטן, הונדערטער מייל ווייט פון א שטאט, אָן וועגן אויף וועלכע מען זאל קענען צוקומען צו די יידן. ווען איך האב געוואלט וויסען מער וועגן זיי, האט מען מיר געזאגט: „ד״ר ישראל גאלדשטיין קען אייך דערציילן אלצדינג וועגן זיי. ער איז געווען פון די ערשטע, וועלכע זיינען געפארן באזוכן די יידן״.

דערזעלבער איבערגעגעבענער און וואַרימער אינטערעס לויט דער שיטה פון „לאמיר זען, וועגן וואס מיר רעדן״ — האט געבראכט ד״ר גאלדשטיינ׳ען אונטערצונעמען אין 1969 א רייזע צו די פאלאשא־יידן אין עטיאפיע. שוין מיט א סך יארן פריער האט ער זיך אפגעגעבן מיט דעם גורל פון אט דעם פארוואגלטן יידישן שבט אין אביסיניע, וואס איז אנטדעקט געווארן מיט מער פון הונדערט יאר צוריק דורך דעם באוווסטן פראנצויזיש־יידישן וויסנ־שאפטלער, ד״ר יוסף הלוי, פראפעסאר פאר אריענטא־ליסטיק אין פאריזער סאָרבאָן־אוניווערסיטעט. ד״ר יוסף הלוי׳ס א תלמיד, ד״ר יעקב (זשאַק) פייטלאוויטש — א ייד פון לאדזש, פוילן — האט איבערגענומען פון זיין פראפעסאר אין סאָרבאָן דעם אינטערעס און די זארג פאר די אנטדעקטע פאלאשא־יידן אין עטיאפיע. ד״ר פייטלאוויטש האט געזוכט הילף פאר דער אויפגאבע, וואס ער האט גענומען אויף זיך — און וואס איז געווארן זיין לעבנס־ציל — צו שטארקן דאס יידישע באוווסטזיין, די יידישע דערציונג און אין אלגעמיין דאס יידישע לעבן פון דעם פאַרוואגלטן שבט. ווען ד״ר פייטלאוויטש איז געקומען קיין אמעריקע צו זוכן די הילף, האט ד״ר

גאלדשטיין דער ערשטער זיך אפגערופן צו זיין רוף. שוין אין אנהויב פון די צוואנציקער יארן האט ד״ר גאלדשטיין ארגאניזירט אין ניו יארק א פרא־פאַלאַשאַ־קאמיטעט, פון וועלכן ער איז געווארן דער פארזיצער. זיין ערשטע אויפגאבע אלס פירער פון דעם קאמיטעט איז געווען צו שאפן די נויטיקע געלטער פאר אויפבויען א רעליגיעזע שולע פאר די פאלאשא־קינדער אויף א פלאַץ, וואס דער אימפעראטאר פון עטיאפיע, היילע סעלאסיע דער ערשטער, האט געשאנקען פאר דעם צוועק. ד״ר גאלדשטיין האט אנגעהאלטן א לאנגע צייט דעם קאנטאקט מיט די פאלאשא־יידן דורך דער פארמיטלונג פון ד״ר זשאַק פייטלאוויטש, וועלכער פלעגט קומען אפט קיין ניו יארק וועגן הילף פאר דעם שבט.

נאך ד״ר פייטלאוויטש׳ס טויט — ער איז געשטארבען אין תל־אביב אין 1954 — איז אפגעשוואכט געווארן דער אינטערעס אין דער יידישער וועלט פאר די פאלאשא־יידן. אינמיטן פון אלע אנדערע זיינע כלל־ישראל־טעטיקייטן האט ד״ר גאלדשטיין פון צייט צו צייט זיך נאך אפגעגעבן מיט דער לאגע פון די פאלאשא־יידן, וועמענס פארשטייער עס איז דאַן געווארן פראפעסאר טאַמראט עמאנועל, א תלמיד פון ד״ר פייטלאוויטשן. טאמראט עמאנועל, דער פאלאשא־ייד, פאר וועמענס דערציונג און אויסבילדונג ד״ר פייטלאוויטש האט געזארגט, האט שפעטער פארנומען א הויכן אמט אין דער רעגירונג פון עטיאפיע.

אין 1969 האט ד״ר גאלדשטיין פארווירקלעכט אן אַלטן חלום זיינעם צו פארן באזוכן די פאלאשא־יידן אין עטיאפיע און זען, ווי זיי לעבן און אין וואס זיי נויטיקן

זיך. צוזאמען מיט פרוי גאלדשטיין האט ער געמאכט די רייזע אויף פסח אין דעם יאר און האט פארבראכט דעם יום־טוב פון יציאת מצרים און זמן חרותנו צווישן דעם שבט פון די פארוואגלטע און פארגעסענע יידן.

ערב פסח זיינען ד״ר גאלדשטיין און זיין פרוי אנגעקומען אין דעם שטעטל אמבאבער, אין דער געגנט פון גאנדאר, וואס איז דער צענטער פון די פאלאשא־יידן אין עטיאפיע. עס איז געווען א שווערע רייזע, אויף א מהלך פון דרייסיק קילאמעטער פון דער שטאט גאנדאר, אָן א שאסיי. גלייך ווי זיי זיינען אריינגעפארן אין דעם שטעטל, האט מען דארט דערקענט דעם ערב פסח. זיי האבן געטראפן מאנסבילן, וועלכע זיינען צוריקגעקומען פון דער טבילה אין א שכנות׳דיקן טייך. פרויען האבן געהאַלטן ביים פארענדיקן דאס אויפרוימען זייערע כאטעס לכבוד פסח. א טייל פרויען זיינען נאך געווען פארנומען מיט באקן מצות אויף זייער פרימיטיוון שטייגער, אין קליינע אויוונס אין דרויסן.

״מען האט אונדז אוועקגעפירט אין דער געביידע פון דער שולע״ — האט ד״ר גאלדשטיין דערציילט — ״און צוויי הונדערט קינדערלעך האבן אונדז דארט באגריסט מיט זינגען ציון־לידער אויף העברעיש. מיט א באזונדערער התלהבות האבן זיי געזונגען : ״דוד מלך ישראל חי וקיים״. עטלעכע פון זייערע לערער, וועלכע האבן אונדז באגעגנט, האבן דורכגעמאכט קורסן אין ישראל, ווו זיי האבן זיך צוגעגרייט צו זייער פראפעסיע״.

ווען די נאכט פון סדר של פסח איז צוגעפאלן, האבן די פאלאשן פונעם שטעטל זיך פארזאמלט אין בית הכנסת.

ארום צוויי הונדערט מתפללים זיינען זיך צונויפגעקומען אין דער שול, וואס איז געננוג גרויס זיי אלעמען ארייני צונעמען און וואס איז געבויט מער מאסיוו ווי די געוויינ־לעכע כאַטעס. אויפן דאַך פון דעם בנין איז אויפגעשטעלט א מגן דוד. אין ארון קודש געפינט זיך א חומש, איבער־זעצט אויף דער הייליקער שפראך פון די עטיאפיער, ג י ז. נעבן דעם חומש איז אוועקגעשטעלט א ספר תורה, וואס דער פירער פון די פאלאשא־יידן, יונה באגאלע, האט געבראכט פון ירושלים.

די תפילות זיינען אנגעפירט געווארן דורך די כהנים פון די פאלאשן, אין דער גיז־שפראך. זיי האבן געזונגען די תפילות אונטער דער באגלייטונג פון א פויק און צימבאַלן, מיט דעם פנים געווענדעט צו ירושלים.

נאך די תפילות, וואס האבן געדויערט ארום א שעה צייט, האבן אלע זיך פארזאמלט אין דרויסן, פאר דער שול, און די קינדער האבן געזונגען די פיר קשיות פון דער הגדה של פסח אויף העברעיש. דער כהן גדול פון די פאלאשן האט דאן דערקלערט אין דער אַמהאַריק־שפראך — די אומגאנגס־שפראך פון די עטיאפיער — די באדייטונג פון יום־טוב פסח, און מען האט פארטיילט מצות און וויין, וואס זיינען צו זיי געשיקט געווארן פון דער ישראל־אַמבאסאדע אין אדיס אבעבא. אמאל האבן די פאלאשא־יידן געהאט די טראדיציע מקריב צו זיין אין דער נאכט דעם קרבן פסח, אבער ד״ר זשאק פייטלאוויטש האט זיי דערפון שטארק אָפגערעדט און זיי האבן אפגעלאזן דעם מנהג.

״דאס פארברענגען פסח מיט די פאלאשן״ — האט ד״ר

ישראל גאלדשטיין געשריבן שפעטער אין זיין באריכט — "איז געווען א עקזאטישע איבערלעבעניש. אבער מיין הויפט־ציל איז, זעלבסטפארשטענדלעך, געווען צו באקענען זיך מיט זייער לאגע און אויספארשן, ווי עס האלט מיט זייער צוקונפט".

"איך האב אויסגעפונען, אז די צוקונפט פון די פאלאשא־יידן אין דעם ראיאן פון גאנדאר, וווּ די מערסטע פון זיי זיינען צעווארפן אין קליינע שטעטלעך, ווייט איינע פון די אנדערע — איז זייער אן אומזיכערע. די ערד־באזיצער, ביי וועלכע זיי ארבעטן, האבן זיי געגעבן צו וויסן, אז זיי וועלן דארפן אוועקגיין. איינער נאכן אנדערן זאגן די גוט־באזיצער צו זייערע ארבעטער, די פאלאשן, אז זיי דארפן אליין האבן דעם גאנצן באדן פאר זייערע אויס־געוואקסענע פאמיליעס".

ער האט ווייטער איבערגעגעבן, אז עס איז פארגעשלאגן געווארן די פאלאשא־יידן אריבערצוקלייבן זיך אין אן אנדערער געגנט, וווּ זייער סאציאלע און עקאנאמישע לאגע וואלט באדייטנדיק זיך פארבעסערט. אנשטאט צו זיין ארבעטער, פאקטיש שקלאפן, ביי די ערד־באזיצער, וואלטן די פאלאשא־יידן אליין געקאנט דארט ווערן אייגנטימער פון קליינע פארמעס. די דאזיגע געגנט געפינט זיך אין צפון־מזרח־טייל פון גאנדאר־ראיאן און נעמט ארום אן ערך פופציק טויזנט אקער לאנד, וווּ עס וואלטן זיך געקענט איינארדענען פון טויזנט ביז פופצן הונדערט פאמיליעס. די שוועריקייט באשטייט אבער אין דעם, וואס די געגנט ליגט אויף דער גרענעץ פון סודאַן, מיט וועלכער עטיאָפּיע האט אן אלטן קאנפליקט וועגן דער אנגעהעריקייט פון דעם ראיאן. פאראן מעגלעכקייטן פון גרענעץ־אינצידענטן

צווישן עטיאפיע און סודאן, און די פאלאשן האבן מורא, אז זיי וועלן דארט נישט קענען לעבן זיכער.

באטראכטנדיק זיין רייזע צו די פאלאשא־יידן אלס א שליחות צו זען וואס עס קען געטאן ווערן צו פארבעסערן זייער לאגע, האט ד״ר גאלדשטיין אויסגעפארשט אן אנדערן פלאן פאר איינארדענען זיי. עס איז געמאכט געווארן א פארשלאג צו באזעצן די פאלאשא־יידן אין א צווייטער געגנט, הונדערט פופציק קילאמעטער ווייטער אין דער מזרח־זייט, וואס איז אומצווייפעלהאפטע עטיאפישע טערי־טאריע. ד״ר גאלדשטיין האט אויסגעפונען, אז אויב עס וואלטן געמאכט געווארן די געהעריקע אראנזשירונגען, מיט דער צושטימונג פון דער רעגירונג, וואלט מען דארט געקאנט באזעצן א גרויסן טייל פון די פאלאשא־יידן.

דער פלאן איז געווען, אז אין דער געגנט זאלן אין צוגאב צו די פארמעס, וואס וועלן דארט אפגעקויפט ווערן פאר די פאלאשא־יידן, אויפגעשטעלט ווערן שולן פאר די קינדער, אויך פאך־שולן און אינסטיטוציעס פאר רעליגי־עזער דערציונג; סאציאלע אנשטאלטן, קליניקעס און אלע נויטיקע אינסטיטוציעס פאר א מאדערניזירטן לעבן. די פאלאשא־יידן וואלטן, אין אזא פלאן, זיך גענויטיקט אממייסטן אין מאשינען פאר דער לאנדווירטשאפט און אין אגריקולטור־אויסבילדונג. און אזעלכע אידישע ארגאני־זאציעס, ווי די י.ק.א. (באראן הירש׳ס ״דזשואיש קאלאניזיישן אסאסיאיישן״), דער אמעריקאנער ״דזשאינט״ דער ״ארט״ (ארגאניזאציע פאר פארשפרייטן פראפעסיאנעלע בילדונג צווישן יידן), די ״אזע״ (יידישע געזעלשאפט פאר פארהיטן דאס געזונט), דער יידישער וועלט־קאנגרעס און די חינוך־אפטיילונג פון דער יידישער אגענץ — וואלטן

צוזאמען געקאנט אויסארבייטן א קאארדינירטן פלאן פאר איינארדענען א גרויסן טייל פון די פאלאשא־יידן אין דער געגנט.

ד"ר גאלדשטיין האט אויך אויסגעפארשט דאס פראבלעם וועגן די מעגלעכקייטן, אז אַ באדייטנדיקע צאל פון די פאלאשא־משפחות זאלן עולה זיין קיין ישראל. אבער עס האט זיך באלד ארויסגעשטעלט, אז דאס וואלט געווען פארבונדן מיט שווערע קאמפליקאציעס. די רבנות ראשית אין ישראל האט געשטעלט אין ספק, צי די פאלאשן זיינען יידן על פי הלכה, און עס וואלט געקאנט זיין א פראגע, אז זיי זאלן זיך דארפן מגייר זיין. אין אלגעמיין וואלטן זיי געהאט שוועריקייטן זיך צוצופאסן צו די באדינגונגען אין ישראל. עס קען אויך זיין א פראגע וועגן דער שטעלונג פון דער עטיאפישער רעגירונג. ד"ר גאלדשטיין האט באקומען דעם איינדרוק, אז דער קייסער היילע סעלאסיע וואלט זיך נישט באצויגן גינסטיק צו דעם פלאן פון דער אויסוואנדערונג פון א גרעסערער צאל פון זיינע בירגער, די פאלאשא־יידן.

ד"ר גאלדשטיין איז אויפגענומען געווארן אויף א אודיענץ ביים אימפעראטאר פון עטיאפיע און האט געהאט מיט אים א לענגערן געשפרעך וועגן דעם פראבלעם פון די פאלאשא־יידן. ער איז אוועקגעגאנגען פון דעם געשפרעך אונטערן איינדרוק, אז קייסער היילע סעלאסיע האט א טענה, אז יידישע ארגאניזאציעס טוען זייער ווייניק פאר די פאלאשא־יידן. דער קייסער וואלט זיך באצויגן גינסטיק צו דעם פארשלאג, אז די פאלאשא יידן זאלן זיך אריבער־קלייבן און איינגעאדרנט ווערן אין אן אנדערער גרויסער געגנט. ער האט זיך אויסגעדריקט, אז די יידישע ארגאני־

זאציעס, וואס וואלטן זיך פארנומען מיט העלפן אייגאר־דענען די פאלאשא־יידן אין דער נייער געגנט וואלטן אויך געדארפט געבן הילף דער שכנות'דיקער עטיאפישער באפעלקערונג, בכדי נישט צו מאכן קיין אונטערשייד וואס קאן פירען צו אומגעווונטשענע אנטוויקלונגען.

מיט אן אויספירלעכן באריכט וועגן זיין באזוך ביי די פאלאשא־יידן און וועגן זיינע פארהאנדלונגען צו פאר־בעסערן זייער לאגע איז ד"ר גאלדשטיין ארויסגעטראטן אויפן יארלעכן צוזאמענפאר פון דער קאנפערענץ פון די גרויסע יידישע ארגאניזאציעס, וואס איז אפגעהאלטן געווארן אין זשענעווע, אין יולי 1969.

אין זיין באריכט האט ד"ר גאלדשטיין איבערגעגעבן, אז אין צוגאב צו זיין אודיענץ ביים אימפעראטאר הייל-סעלאסיע האט ער אויך געהאט א לענגערען געשפרעך מיט דעם פאלאשא־פארשטייער טעדאסע יעקב — ד"ר פייטלאוויטש'ס א תלמיד — וועלכער פארנעמט א מיניסטער־אמט אין עטיאפיע. ער האט אויך באהאנדלט דאס פראבלעם פון די פאלאשא־יידן מיט דעם ישראל־אמבאסאדאר אין אדיס אבעבא און האט זיך בעראטן מיט אים וועגן דער הילפס־אקציע, וואס דארף אונטער־גענומען ווערן פאר זיי.

א טרויעריקער ענין איז די סטאטיסטיק פון די פאלאשא־יידן — האט ד"ר גאלדשטיין באטאנט: ווען ד"ר פייטלאוויטש האט מיט איבער פופציק יאר צוריק אנגעהויבן זיין רעטונגס־ארבעט פאר די פאלאשא־יידן, איז זייער צאל אפגעשאצט געווארן אויף פופציק ביז זיבעציק טויזנט. היינט־צו־טאג ווערט אנגענומען, אז עס

זיינען נישט פאַראַן מער ווי פינף און צוואַנציק טויזנט פאַלאַשאַ־יידן, וועלכע אידענטיפיצירן זיך מיט דער יידישער אמונה. זייער צאָל האָט אין משך פון די יאָרן זיך פאַרקלענערט אויף אַזאַ מאַסנהאַפטן אופן דערפאַר, ווייל די קריסטלעכע מיסיאָנערן האָבן אַנגעפירט צווישן זיי אַן אַקציע, און מיט דערפאָלג, און ווייל די פאַלאַשאַ־יידן, וועלכע האָבן זיך אַריבערגעקליבן אין די שטעט, אָדער האָבן זיך אַנגעשלאָסן אין דער אַרמיי, האָבן זיך אַסימילירט מיט די עטיאָפּיער.

„די דראַסטישע פאַרקלענערונג פון דער צאָל פאַלאַשאַ־יידן איז אַן אָנקלאַגע קעגן דער פאַרנאַכלעסיקונג אין דער האַנדלונג פון יידישן פאָלק, וואָס אינטערעסירט זיך אַזוי ווייניק מיט זיי" — האָט ד"ר גאָלדשטיין אויסגעפירט אין זיין באַריכט. ער האָט געוואָרנט:

„עס קען לייכט געשען, אַז די יידן אין דער גרויסער וועלט זאָלן ווייטער האַלטן פאַרמאַכט זייערע אויגן לגבי דער לאַגע פון די פאַלאַשאַ־יידן און נישט וויסן וועגן זייערע פּראָבלעמען. דאָס וואָלט געווען אומווירדיק פאַרן יידישן פאָלק. מיר טאָרן נישט פאַרמאַכן אונדזערע אויגן לגבי דעם פאַקט, אַז אין משך פון אַ סך יאָרהונדערטער האָט דער דאָזיקער עקזאָטישער יידישער שבט אָפּגעהיטן זיין געטריישאַפט צו תורת משה אין אַ פיינטלעכער אַטמאָספער, און נישט געקוקט אויף דעם דרוק פון די קריסטלעכע מיסיאָנערן. די פאַלאַשאַ־יידן זיינען פאַרבליבן אַ קליינע גרופּע פון דעם עם קשה־עורף, אַ אינדזעל אין אַ ים פון אַ פיינטלעכער אומגעבונג, און זיי האָבן אפילו נישט געוווּסט, אַז עס זיינען פאַראַן מיליאָנען יידן אין אַנדערע טיילן פון דער וועלט. דאָס געוויסן פון יידישן

פאלק, פון זיינע ארגאניזאציעס און פון זייערע פירער טאר נישט בלייבן גלייכגילטיק צו דער לאגע און צו די פראבלעמען פון דעם פארוואגלטן שבט פון די פאלאשא־יידן" — האט ד"ר גאלדשטיין באטאנט און אפעלירט.
ער האט ציטירט דעם רוף, וואס דער פארשטארבענער רב ראשי פון ארץ ישראל, הרב אברהם יצחק קוק זצ"ל, האט מיט מער פון פופציק יאר צוריק ארויסגעגעבן לטובת די פאלאשא־יידן:

"אין עטיאפיע, ווייט פון די צענטערס פון יידישן לעבן" — האט הרב קוק זצ"ל געשריבן אין זיין רוף — "געפינען זיך צענדליקער טויזנטער יידן, וועלכע לעבן שוין דארט מער פון צוויי טויזנט יאר. בייקומענדיק אלע שווערע נסיונות און דורכמאכנדיק גרויסע מאטערנעשן, זיינען זיי פארבליבן געטריי זייער אמונה און זייער פאלק. אבער זייער פארבינדונג מיט דער גרויסער יידישער וועלט איז איבערגעריסן געווארן, און דורך דעם פארקלענערט זיך כסדר זייער צאל. די שמד־מגיפה פארשפרייט זיך שטארק צווישן זיי. די וועלכע זיינען פארבליבן אין מחנה ישראל, געפינען זיך אין שלעכטע גייסטיקע און מאטעריעלע באדינגונגען און זיי זיינען אויסגעשטעלט אויף א מאטעריעלן און גייסטיקן חורבן".

הרב קוק זצ"ל האט דאן גערופן צו העלפן ד"ר יעקב פייטלאוויטש'ן אין "זיין הייליקער ארבעט צווישן די פאלאשא־יידן אין עטיאפיע; צו ברענגען זייערע קינדער אין יידישע צענטערס אין גלות און אין ארץ ישראל כדי צו דערציען זיי אין יידישקייט און זיי פארבינדן מיטן יידישן פאלק".

"אחינו בני ישראל, ראטעוועט אונדזערע ברידער, די

פאלאשן, פון אונטערגאנג! ״ — האט הרב קוק זצ״ל פארענדיקט זיין רוף.

און ד״ר ישראל גאלדשטיין האט צוגעגעבן אין דעם אויספיר פון זיין באריכט:

״נאך דעם האלבן יארהונדערט, וואס איז פארביי זינט דעם רוף פון הרב קוק זצ״ל, בעת די צאל פון די פאלאשא־יידן האט זיך פארקלענערט אויף א העלפט, איז אונדזער מאראלישע פליכט לגבי דעם פארוואגלטן און פארנאכ־לעסיקטן יידישן שבט נאך גרעסער און נאך דרינגנדיקער״.

קאפיטל זיבן און פערציק

אין קאמף פאר אן אומפארטייאישן ציוניזם

״פונקט אזוי, ווי מיר שטייען איצט אין ציוניזם פאר גרויסע און זייער פאראנטווארטלעכע אויפגאבן, אזוי דארף מען אויך דערווארטן, אז די שוועריקייטן צו פאר־ווירקלעכן דאס פראגראם, וועלן זיין גרויסע און עס וועט זיך פאדערן די פאראייניקטע האנדלונג פון אלע ציוניס־טישע כוחות. דעריבער איז עס איבערדריסיק צו זען, ווי ציוניסטישע גרופעס אין די תפוצות נוצן די פארעלטערטע און באאומרויקנדיקע מעטאדן צו פארבינדן זיך מיט פאליטישע פארטייען אין ישראל. עס איז אן אבנארמאלע דערשיינונג אין דער איצטיקער לאגע פון ציוניזם. אבנארמאל דערפאר, וואס עס לענקט־אפ די אויפמערק־זאמקייט פון די הויפט־צילן פון ציוניזם הייגט־צו־טאג.

״בעת מיר האבן געחלומט וועגן דער יידישער מדינה און געקעמפט פאר איר אנטשטיינג, זיינען אין דער אלגעמיינער אידענטיפיצירונג מיט דער ציוניסטישער באוועגונג געווען סובאידענטיפיצירונגען, אין פארם פון אָנגעהעריקייט צו די פארשיידענע ציוניסטישע פארטייען וואס יעדע איינע פון זיי האט געהאט איר פארבילד וועגן דעם אימאַזש פון דעם קינפטיקן יידן־שטאט. דאָס אַלץ איז געקומען צום אויסדרוק אין די מיינונגס־פאַרשיידנהייטן אין דער

ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וואָס איז באַצייכנט געוואָרן דורך הערצלען ווי די "מדינה אונטערוועגס".

אָבער מיט דער אַנטשטייונג פון מדינת ישראל האָבן די פּאָליטישע מיינונגס־פאַרשיידנהייטן געדאַרפט זיין באַגרע־נעצט לגבי דער מדינה אַליין; דאַקעגן, די ציוניסטן אין די תפוצות האָבן געדאַרפט זיין פאַראייניקט אַרום מדינת ישראל נישט זייענדיק צעשפּליטערט וועגן די אינערלעכע פּאַרטייאישע שיטות אינערהאַלב דער מדינה".

דעם דאָזיקן עיקר אין דעם פּראָגראַם פון דער וועלט־קאָנפעדעראַציע פון די אַלגעמיינע ציוניסטן באַטאַנט כסדר ד"ר ישראל גאָלדשטיין, זייענדיק איינער פון די אידעאָלאָגן און הויפּט־פירער פון דער דאָזיקער איינפלוס־רייכער גרופּע אין דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג. זיין גאַנץ ציוניסטיש לעבן איז פאַרבונדן מיט דער ריכטונג פונעם אַלגעמיינעם ציוניזם אין דער וועלט־אָרגאַניזאַציע. אין די פאַראייניקטע שטאַטן איז עס פון די פריִע יאָרן פון דער באַוועגונג געווען די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע פון אַמעריקע, וועלכע האָט תמיד רעפּרעזענטירט די ריכטונג פון דעם אַלגעמיינעם ציוניזם. און ווען ד"ר גאָלדשטיין איז געווען פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע פון אַמעריקע — פון 1943 ביז 1945 — האָט ער אַ טייל פון זיינע אַקטיוויטעטן קאָנצענטרירט אויף דער פאַרשטאַרקונג פון דער גרופּע פון אַלגעמיינעם ציוניזם נישט בלויז אין די פאַראייניקטע שטאַטן, נאָר אויך אין דער וועלט־באַוועגונג. ביים פאַרענדיקן זיין צוויי־יעריקן טערמין אַלס פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע פון אַמעריקע האָט ער אויף דעם צוזאַמענפאָר פון דער אָרגאַניזאַציע, אין נאָוועמבער 1945, אָנגעוויזן

באַזונדערס אויף דער נויטווענדיקייט צו שאַפן אַ וועלט־קאָנפעדעראַציע פון די אַלגעמיינע ציוניסטן, וועלכע זאָל אויפשטעלן אירע אינסטיטוציעס פאַר אָנפירן אין ארץ ישראל און אין די תפוצות טעטיקייטן אין הסכם מיט דער אידעאָלאָגיע פון דער דאָזיקער גרופּע.

אַ יאָר שפּעטער, סוף 1946, איז געגרינדעט געוואָרן די וועלט־קאָנפעדעראַציע פון די אַלגעמיינע ציוניסטן אויף אַ קאָנפערענץ, וואָס איז צונויפגערופן געוואָרן בעת דעם ציוניסטישן קאָנגרעס, וועלכער איז דעמאָלט אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין באַזעל, שווייץ. אין דער שווערער און טראַגישער אַטמאָספער פון אַט דעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס, וואָס איז זיך צונויפגעקומען נאָך דעם חורבן פון אייראָפּעישן יידנטום בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, און אין דער לעצטער קריטישער תקופה פון דעם קאַמף פאַר דער באַנייונג פון מדינת ישראל — האָבן זיך פאַר־זאַמלט די אַלגעמיינע ציוניסטן פון פאַרשיידענע לענדער און געגרינדעט די וועלט־קאָנפעדעראַציע, וועלכע האָט גענומען אויף זיך איר גרויסן טייל פון די אויפגאַבן און פליכטן אין דער גורל'דיקער צייט פאַר דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג און פאַרן יידישן היימלאַנד. ד"ר ישראל גאָלדשטיין איז געוויילט געוואָרן אַלס פּרעזידענט פון דער נייגעשאַפענער וועלט־קאָנפעדעראַציע פון די אַלגעמיינע ציוניסטן. אים צו הילף איז געשטאַנען דער ענערגישער עקזעקוטיוו־דירעקטאָר, יצחק קאַרפּמאַן. וועגן ד"ר גאָלד־שטיינ'ס טעטיקייטן און אויפטוען אויף דער נייער הויכער ציוניסטישער פּאָזיציע, וואָס איז אים אָנפאַרטרויט געוואָרן, האָט שפּעטער געשריבן **משה קול**, איינער פון די הויפּט־אָנפירער פון דער גרופּע אין ישראל און איר פאַרטרעטער

אין דער ישראל־רעגירונג כמעט אין אלע מיניסטארן־קאבינעטן פון דער מדינה:

„ווען ד״ר ישראל גאלדשטיין איז אין דעצעמבער 1946, אין באזעל, געוויילט געווארן אלס פרעזידענט פון דער וועלט־קאנפעדעראציע פון די אלגעמיינע ציוניסטן, איז עס געווען דער אנהויב פון צען יאר פון פרוכטבארער אקטיוויטעט. אין די צען יאר פון די שטורמישע אינערלעכע קאמפן און פון די גרויסע דערגרייכונגען אין דער ציוניס־טישער וועלט־ארגאניזאציע; אין דעם ישוב אין ארץ־ישראל, שפעטער אין מדינת ישראל און אין דער ציוניס־טישער באוועגונג אין די תפוצות — איז ד״ר ישראל גאלדשטיין געווען דער טיף־געאַכטעטער און אנערקענטער פירער פון אלגעמיינעם ציוניזם. מיט זיין כאראקטעריס־טישער איבערגעגעבנקייט און גרויסער איניציאטיוו און ענערגיע האט ער אויפגעלעבט דעם אלגעמיינעם ציוניזם פאר דער טובה פון דער ציוניסטישער וועלט־באוועגונג און פאר דעם גרויסן נוצן פון דעם אויפבוי פון מדינת ישראל״.

איינער פון ד״ר גאלדשטיינ׳ס ערשטע אויפטוען אויף דער הויכער פאזיציע, וואס ער האט פארנומען אין די קריטישע צען יאר פון 1946 ביז 1956, איז געווען די גרינדונג פון דעם קאנסטרוקטיוון פאנד פון די אלגעמיינע ציוניסטן און דאס דורכפירן אז דער פאנד זאל באקומען די נויטיקע אנערקענונג פון דער ציוניסטישער וועלט־ארגאניזאציע פאר אנגיין מיט זיינע טעטיקייטן. אין פארשטענדיקונג מיט דער אמעריקאנער ציוניסטישער פרויען־ארגאניזאציע „הדסה״ — איינע פון די הויפט־גרופעס אין דער וועלט־קאנפעדעראציע פון די אלגעמיינע ציוניסטן — האט דער

קאנסטרוקטיווער פאנד סובסידירט די קיבוצים און מושבים פון דער חלוצ׳ישער יוגנט פון די אלגעמיינע ציוניסטען און האט געהאָלפן גרינדן יוגנט־דערפער און דערציונגס—אינסטיטוציעס אין גייסט פון אלגעמיינעם ציוניזם.

גלייכצייטיק האבן די אלגעמיינע ציוניסטן אנגעפירט מיט א וויכטיקער און פארצווייגטער ארבעט אין די תפוצות, אין דער שווערער תקופה ערב דער באנייונג פון מדינת ישראל און נאך דער פראקלאמירונג פון דער מדינה. די אלגעמיינע ציוניסטן האבן געשפילט א גרויסע ראלע אין דער אזוי־גערופענער ״אומלעגאלער״ עליה, אין גרינדן די הכשרה־פונקטן פאר צוגרייטן די עולים, און אויך אין אויפשטעלן היימען פאר קינדער, וווּ זיי זיינען געהאלטן געווארן ביז עס איז געווען די מעגלעכקייט אריבערצופירן זיי קיין ישראל. צוויי אזעלכע קינדער־היימען זיינען געגרינדעט געווארן דורך די אלגעמיינע ציוניסטן אין פראנקרייך, וועלכע איז דאן געווען דאס טראנזיט־לאנד פאר א באדייטנדיקן טייל פון דער שארית הפליטה פון מזרח־אייראפעישן יידנטום, וואס האט זיך געריסן עולה זיין קיין ישראל. איינע פון די היימען, אין ליאן, איז אנגערופן געווארן אויפן נאמען פון ד״ר ישראל גאלדשטיין אלס אנערקענונג פאר זיין גרויסן אנטייל אין דער אקציע, צו ראטעווען די יידישע יתומים אין אייראפע נאכן צווייטן וועלט־קריג און חורבן און צוגרייטן זיי פאר זייער נייעם לעבן אין יידישן היימלאנד.

אין אלע לענדער זיינען געשטארקט און פארגרעסערט געווארן די ארגאניזאציעס פון די אלגעמיינע ציוניסטן, און די וועלט־קאנפעדעראציע האט באקומען א באדיי־

טנדיקן, אפט אויך דעציזירנדיקן, איינפלוס אין דער ציוניסטישער וועלט־באוועגונג. בעת דעם אנטשיידנדיקן פאליטישן קאמף פאר דער באנייונג פון מדינת ישראל זיינען די אלגעמיינע ציוניסטן געשטאנען אין די פראנט־רייען, איבערנעמענדיק גאר וויכטיקע פונקציעס.

אויף דער ערשטער סעסיע פון ציוניסטישן אקציאנס־קאמיטעט, וואס איז זיך צונויפגעקומען אין ירושלים קורץ נאך דער ווידעראויפריכטונג פון מדינת ישראל, איז ד״ר גאלדשטיין, אלס פרעזידענט פון דער וועלט־קאנפע־דעראציע פון די אלגעמיינע ציוניסטן, געבעטן געווארן איבערצונעמען אויף א יאר צייט די פאראנטווארטלעכע פאזיציע פון אנפירער פון דער פינאנץ־אפטיילונג, גזבר פון דער ציוניסטישער וועלט־ארגאניזאציע און פון דער יידישער אגענץ. זיינע טעטיקייטן אויף דעם דאזיקן אַמט אין דעם קריטישן יאר פאר מדינת ישראל, און אויך פאר דער ציוניסטישער וועלט־ארגאניזאציע, זיינען גע־שילדערט געווארן אין א פריערדיקן קאפיטל. די באוועגונג פון אלגעמיינעם ציוניזם האט א דאנק ד״ר גאלדשטיינ׳ס אומדערמידלעכער ארבעט און וויכטיקע איניציאטיוועס אין דעם יאר אין ירושלים א סך געוווּנען אין פרעסטיזש און אין איינפלוס אין דער ציוניסטישער וועלט־ארגאני־זאציע.

די וועלט־ארגאניזאציע פון די אלגעמיינע ציוניסטן, אונטער דער פירערשאפט פון ד״ר ישראל גאלדשטיין און ראָז האלפרין, אלס פארשטייערין פון ״הדסה״, איז געווען די הויפט־שטיצע פון ד״ר נחום גאלדמאן, דעמאלט פאר־זיצער פון דער ציוניסטישער וועלט־עקזעקוטיווע, פאר דורכפירן אין דער כנסת דאס געזעץ וועגן דער שותפות

צווישן דער ציוניסטישער וועלט־ארגאניזאציע און מדינת ישראל און וועגן דער אנערקענונג פון דער ציוניסטישער וועלט־ארגאניזאציע אלס די רעפּרעזענטאנץ פון יידישן פאלק אין די תפוצות אין דעם אויפבוי פון דער יידישער מדינה.

אַ דאנק ד״ר גאלדשטיינ׳ען איז אויך ארגאניזירט געווארן דער אלגעמיינער ציוניזם אין די יידישע ישובים פון לאטיין־אמעריקע. ער האט זיך אליין באטייליקט אין א רייע צוזאמענפארן פון די אלגעמיינע ציוניסטן אין די לאטיין־אמעריקאנער לענדער.

״ווען ד״ר ישראל גאלדשטיין האט אין מאי 1956, אויף דער וועלט־קאנפערענץ פון די אלגעמיינע ציוניסטן אין ירושלים, וואס איז זיך צונויפגעקומען באלד נאכן 24־טן ציוניסטישן קאנגרעס, פארענדיקט זיין צען־יעריקן טערמין אלס פרעזידענט פון דער וועלט־קאנפעדעראציע, איז אים איינשטימיק אויסגעדריקט געווארן דער ווארימסטער דאנק און די שטארקסטע אנערקענונג פאר זיינע אויפטוען און דערגרייכונגען״ — האט מיניסטער משה קול באטאנט אין זיין שוין דערמאנטער אפהאנדלונג. משה קול האט פארגעזעצט: ״אין נאמען פון דער פראגרעסיווער פארטיי אין ישראל האב איך געזאגט, אז ער רעפּרעזענטירט מיט זיין פערזענלעכקייט און מיט זיינע מעשים אלץ, וואס איז פאזיטיוו אין דער באוועגונג פון אלגעמיינעם ציוניזם. איך גלויב, אז איך בין גערעכט. ער ווייזט שטענדיג ארויס דעם גרעסטן אינטערעס פאר דעם חלוצ׳יזם אין אונדזער באוועגונג. ער באטאנט כסדר די וויכטיקייט פון דער עליה, נישט בלויז פון דער ״אלטער וועלט״, פון אייראפּע, אפריקע און אזיע, נאר אויך פון דער ״נייער וועלט״,

פון די פאראייניקטע שטאטן און פון אלע אמעריקאנער לענדער. ער האט א באזונדערס ווארימע באציאונג צו די קיבוצים און מושבים. גלייכצייטיק שטיצט ער אויך די פריוואטע איניציאטיוו אין דער ישראל׳דיקער לאנד־ווירטשאפט, און די ארגאניזאציע פון די פריוואטע לאנד־ווירטן באטראכט אים פאר זייער גרויסן פריינד. נישט קיין קלענערן אינטערעס ווייזט ער ארויס פאר די אנדערע געביטן פון ישראל׳דיקן ווירטשאפטלעכן און קולטורעלן לעבן; פאר דער אינדוסטריע; פארן אויפבוי פון וווין־הייזער פאר נייע עולים; פאר די דערציונגס־פראבלעמען פון דער מדינה; פאר די הויך־שולן״.

״ד״ר גאלדשטיין איז א הויפט־ארכיטעקט פון אלגעמיינעם ציוניזם, און ער באטראכט די דאזיקע ארבעט זיינע אלס א גרויסע שליחות לטובת דער ציוניסטישער באוועגונג און פאר מדינת ישראל. זיין וועג אלס פרעזידענט פון דער וועלט־קאנפעדעראציע פון די אלגעמיינע ציוניסטן איז נישט תמיד געווען לייכט. אבער זיינע אויפטוען אויף דער דאזיקער פאזיציע זיינען זיכער איינע פון די וויכטיקסטע שאפערישע דערגרייכונגען אין זיין לעבן און ארבעט פאר דער יידישער מדינה און פאר די תפוצות ישראל״ — האט מיניסטער משה קול אויסגעפירט.

ד״ר גאלדשטיין איז אויך שפעטער, אין משך פון א רייע יארן, געשטאנען ביי דער פירערשאפט פון דער וועלט־קאנפעדעראציע פון די אלגעמיינע ציוניסטן, אלס איר מיטפארזיצער, וועלכער האט געגאסן פון דער ענערגישער און ווירקזאמער מיטארבעט פון עקזעקוטיוו־דירעקטאר קלמן סולטאניק. ד״ר גאלדשטיין האט כסדר באטאנט

דעם אידעאלאגישן עיקר, אויף וועלכן עס באזירט זיך די דאזיקע גרופע, אז פראקציעס פון דער ציוניסטישער וועלט־באוועגונג אין די תפוצות דארפן זיך נישט אידענטיפיצירן מיט די פאליטישע פארטייען אין מדינת ישראל. נאכדעם ווי ד״ר ישראל גאלדשטיין האט אין יוני 1971 זיך צוריקגעצויגן פרייוויליק פון זיין אמט אלס מיטגליד פון דער ציוניסטישער וועלט־עקזעקוטיווע און פרעזידענט פון דער וועלט־ארגאניזאציע פון ״קרן היסוד״ — פאראייניקטן ישראל־קאמפיין — האט ער נאכן 28־טן ציוניסטישן קאנגרעס אין ירושלים, אין יאנואר 1972, זיך אויך צוריקגעצויגן פון זיינע אקטיוויטעטן אלס מיט־פארזיצער פון דער וועלט־קאנפעדעראציע פון די אלגעמיינע ציוניסטן.

ד״ר גאלדשטיין און ראז האלפערין האבן איבערגעלאזן זייער פריינט און נאכפאלגער עזרא שאפירא, וועלכער איז אויך ד״ר גאלדשטיינ׳ס נאכפאלגער אין קרן היסוד, א פיל פארשטארקטע און אויסגעברייטערטע וועלט־קאנפעדעראציע פון אלגעמיינע ציוניסטן, וואס איז ביזן 28־טן ציוניסטישן קאנגרעס אין ירושלים געווען די צווייט־גרעסטע פראקציע — נאך דער פאראייניקטער ארבעטער־פארטיי ״עבודה״ — און די גרעסטע גרופע, וואס איז געוויילט געווארן צום קאנגרעס דורך די ציוניסטן אין די תפוצות ישראל.

קאפיטל אכט און פערציק

פאר כלל ישראל און ר׳ ישראל: יידישער פארמיטלונגסגעריכט

„א טייל פון מיינע פריינט האבן מיך געפרעגט אין משך פון די אכט און דרייסיק יאר, וואס איך בין פארבונדן מיט דעם יידישן פארמיטלונגס־געריכט: „ווי אזוי קומט עס, וואס אינמיטן פון אייער באשעפטיקן זיך מיט אזויפיל דרינגנדיקע פראבלעמען פון אמעריקאנער יידנטום און פון ארץ ישראל גיט איר אוועק אייער צייט און אייער ענערגיע פאר אזא רעלאטיוו־באשיידענעם צוועק?" מיין ענטפער איז תמיד געווען, אז איך טו דאס צוליב ריין־עגאאיסטישע טעמים. איך זאג נאכאמאל: ריין־עגאאיס־טישע טעמים. איך מיין, אז א סך פון אונדז טוען דאס וואס זיי טוען פאר אלטרואיסטישע צוועקן, טאקע דער־פאר ווייל זיי ווערן דערצו באוויגן דורך עגאאיסטישע טעמים. דאס מיינט צו זאָגן, אז דערפאר, ווייל מיר פילן זיך בעסער ווען מיר טוען עס.

„און וואס שייך מיין פארבינדונג מיט דעם יידישן פאר־מיטלונגס־געריכט אין ניו יארק, האב איך געפילט אז ביי מיין פארנעמען זיך מיט כלל ישראל לאז איך דורך א וויכטיקן ענין וואס איך בין שולדיק דעם ר׳ ישראל. איך בין שולדיק דעם יידן, דעם יחיד און זיין משפחה א ביסל הילף ביים לייזן זיינע אייגענע פראבלעמען. איך

רעקאמענדיר דעם דאזיקן דרך פאר אנדערע עסקנים, נישט געקוקט דערויף, ווי שטארק באלעסטיקט זיי זאלן נישט זיין מיט זייערע זארגן און מיט זייער ארבעט פאר כלל ישראל״ —

די דאזיקע דערקלערונג האט ד״ר ישראל גאלדשטיין געמאכט אין זיין רעדע, וואס ער האט געהאלטן אין אקטאבער 1970 ביי דער פייערונג פון פערציק־יעריקן יובילײ פון יידישן פארמיטלונגס־געריכט. פון די פערציק יאר איז ער אכט און דרייסיק יאר געווען דער פרעזידענט פון דער אינסטיטוציע, וואס טראגט א גאנץ אייגנאַרטיקן כאראקטער, איז זייער פאפולער צווישן די פאלקס־מאסן פון דער גרויסער יידישער קהילה אין ניו יארק און איז אן אויסנאם אין יידישן געזעלשאפטלעכן לעבן אין די פאראייניקטע שטאטן. ד״ר ישראל גאלדשטיין האט אין משך פון די פיל יארן, וואס ער איז געשטאנען אין שפיץ פון דעם יידישן פארמיטלונגס־געריכט אין ניו יארק, אים פארוואנדלט אין א מוסטערהאפטער אנשטאלט, וואס איז דערהויבן געווארן צו דער הויך פון אַן אויטאנאמן יידישן בית־דין, ווו די משפטים שפילן זיך אפ אין א מאדערניזירטער פארם אין גייסט פון דער טראדיציע פון בוררות אין יידישן לעבן. די פארהאנדלונגען פון יידישן בוררות־געריכט אין ניו יארק, אין משך פון די צענדליקער יארן, ווערן שוין איצט אפילו געפאָרשט דורך היסטא־ריקער.

וואס עס שטעלט מיט זיך פאר די דאזיקע אויסנאם־אינסטיטוציע אין ניו יארק, און פארוואס ד״ר גאלדשטיין האט באמת, אינמיטן פון זיין פארצווייגטער כלל־ישראל־

ארבעט, אוועקגעגעבן פאר דעם יידישן בוררות־געריכט אזויפיל צייט און ענערגיע — האט ער אליין דערקלערט אין דערזעלבער רעדע, אויסרעכענענדיק נאך עטלעכע וויכטיקע צוגאב־מאטיוון:

״ווען איך בין מיט אכט און דרייסיק יאר צוריק ארייַנגעצויגן געווארן אין דער ארבעט פאר אט דער אינסטיטוציע, האב איך געזען אין דעם פיר הויפט־טעמים פון א באזונדערער באדייטונג: ערשטנס, אז אזא פארמיטלונגס־געריכט היט־אפ דעם כבוד און דעם גוטן נאמען פון אונדזער יידישער קהילה אין ניו יארק און באשיצט אונדז פון דעם חילול השם צו דארפן ארויסטראגן אונדזערע אינערלעכע פאמיליען־סכסוכים אין דרויסן, אויף דער גאס; צווייטנס, העלפט מען דערמיט יידן, וועלכע פילן זיך נישט באַקוועם אין נישט־יידישע געריכטן און ווילן אויסגלייכן קאנפליקטן, וואס טראָגן אן אייגנארטיקן יידישן כאראקטער, ווי סכסוכים אין לאנדסמאנשאפטן, חברה׳ס און קריגערייען אין יידישע משפחות; דריטנס, גלויב איך אין דעם, אז דאס אנווענדן יידישן יושר קאן אין א סך פאלן זיין מער הילפבאר ווי די ווערדיקטן פון די אפיציעלע געריכטן; און פערטנס, ווייל אזא פארמיטלונגס־געריכט דערמוטיקט און פארשטארקט דעם יידישן אינהאלט און כבוד פון דער יידישער געמיינשאַפט״.

דאס יידישע פארמיטלונגס־געריכט אין ניו יארק — וואס ווערט אויך אנגערופן: יידיש פאמיליען־געריכט — איז געגרינדעט געווארן לויט דער איניציאטיוו פון א גרופע רבנים, יידישע ריכטער, יוריסטן און געשעפטס־לייט. דאס

געריכט ווערט געפירט אויף דעם פשוט׳סטן אופן, אָן באַזונדערע ביוראָקראַטישע און יורידישע פּראָצעדורן. די וועלכע ווענדן זיך צו דעם געריכט, דאַרפן אפילו נישט צושטעלן קיין שריפטלעכע אַנקלאַגעס. ס׳איז גענוג, ווען זיי קומען אין ביוראָ פון געריכט און דערציילן דעם מהות פון זייער אַנקלאַגע. אין עטלעכע טעג אַרום ווערן די צדדים פון דעם קאָנפליקט איינגעלאַדן, כדי אויסצוהערן זייערע טענות. זיי זיינען נישט פאַרפליכטעט צו קומען, און קענען אויסגלייכן זייערע סכסוכים צווישן זיך. אָבער פיל טויזנטער ניו יאָרקער יידן זיינען שוין דערשינען פאַר דעם געריכט, וואָס האָט שלום געמאַכט צווישן די צדדים. דאָס איבערגעבן אַ קאָנפליקט צו דעם אורטייל פון געריכט איז נישט פאַרבונדן מיט קיין שום קאָסטן. געוויינלעך ווערט יעדע אַנקלאַגע געמשפט דורך דריי ריכטער: אַ רב, אַ יוריסט און אַ געשעפטסמאַן, וועלכע נעמען אויף זיך פרייוויליק די אויפגאַבע צו זיין די בוררים. די ביוראָ־קאָסטן פון דעם אינסטיטוציע ווערן געדעקט דורך פיל־אַנטראָפּישע ביישטייערונגען.

די פאַרהאַנדלונגען ווערן געפירט אויף יידיש און ענגליש, אָבער מייסטנס אין דער היימישער יידישער שפּראַך, אויף מאַמע־לשון. און די ריכטער באַגנוגענען זיך נישט מיט דעם, וואָס זיי טראָגן אַרויס אַ פּסק־דין. זייער הויפּט־זאָרג איז, אַז נאָך דעם משפט זאָלן די צדדים נישט אוועקגיין, ווי איינער וואָס האָט געוווּנען, און דער אַנדערער וואָס האָט פאַרשפּילט — נאָר אויסגעגלייכט און איבערצייגט, אַז דער באַשלוס פון די ריכטער איז אַ גערעכטער פאַר ביידן. די ריכטער פּרוּוון מאַכן שלום צווישן די צדדים. דערפאַר געשעט נישט, אַז עס זאָלן זיין

שווערקייטען מיט אויספירן דעם פסק־דין. לויטן געזעץ פון שטאַט קען דער אורטייל פון די בוררים אויסגעפירט ווערן גאַנץ אָפיציעל — אין נויטיקן פאַל. אבער פאַר אלע צענדליקער יאָרן זיינען געשען בלויז געציילטע פאַלן, ווען דער באַשלוס פון די בוררים איז נישט אַנגענומען געוואָרן דורך די צדדים. נישט איינמאָל געשעט, אַז די רעגירונגס־געריכטן אין ניו יאָרק רעקאָמענדירן די יידישע צדדים אין אַ קאָנפליקט, צו ווענדן זיך בעסער צום יידישן בוררים־געריכט.

ווען ד״ר גאָלדשטיין איז געוואָרן פּרעזידענט פון דער דאָזיקער אינסטיטוציע, האָט ער צוגעצויגן פּראָמינענטע יידישע עסקנים פון די פאַרשיידענע טיילן פון דער יידישער באַפעלקערונג פון ניו יאָרק און האָט אויסגעברייטערט די פונקציעס פון דעם געריכט. מיט זיין דרך אין יעדער געזעלשאַפטלעכער אויפגאַבע, וואָס ער האָט גענומען אויף זיך, האָט ער געזוכט אריינצוברענגען מער תכלית אין דער ארבעט פון דער פאָלקס־אינסטיטוציע. ער האָט געשאַפן אַ באַזונדערע אָפּטיילונג פון פּרויען־טוערנס, וועלכע זאָלן זיך אָפּגעבן מיט די פּראָבלעמען פון די צדדים אויך נאָכדעם, ווי דאָס געריכט האָט זיי אויסגעגליכן, צו פאַר־לייכטערן זיי דאָס דורכפירן דעם פסק־דין. פאַר דער דאָזיקער וויכטיקער אויפגאַבע האָט ד״ר גאָלדשטיין אין אָנהויב צוגעצויגן די פּרויען־אָרגאַניזאַציע פון זיין קהילה ״בני ישורון״, און שפּעטער באַשטימט אַ ספּעציעלן באַאַמטן פאַר סאָציאַלער ארבעט. די פונקציעס פון דער אָפּטיילונג זיינען באַזונדערס וויכטיק אין פאַמיליען־קריגערייען, וואָס שטעלן פאַר מיט זיך אַ גרויסן טייל פון די קאָנפליקטן וועלכע ווערן באַהאַנדלט דורך דעם

געריכט. ד״ר גאלדשטיין האט אין אַט דער גאנצער דעליקאטער ארבעט פון דעם בוררות־געריכט אריינגעגעבן א סך היימישקייט, פשטות, פאלקסטימלעכקייט, פירנדיק זיך לויט די עיקרים פון יידישן יושר און גערעכטיקייט.

זיינע באמיאונגען צו שאפן און אנהאלטן דעם באזונדערן כאראקטער פון יידישן פארמיטלונגס־געריכט אין ניו יארק האבן געבראכט די געוואונטשענע רעזולטאטן און האבן אויך געפונען א סך אנערקענונג אין די הויכע אמעריקאנער יורידישע קרייזן. די דאזיקע אנערקענונג איז אויסגעדריקט דורך דעם ריכטער פון העכסטן געריכט פון די פאר־אייניקטע שטאטן, **וויליאם א. דאגלעס** — איינעם פון די גרעסטע אמעריקאנער יוריסטן פון אונדזער צייט — וועלכער האט ביי דער פייערונג לכבוד דעם 25־יעריקן יובילײ פון ד״ר גאלדשטיינ׳ס פרעזידענטשאפט פון דעם געריכט, אין 1954, דערקלערט:

״דאס וואס האט מיך אממייסטן פאראינטערעסירט אין דעם יידישן פארמיטלונגס־געריכט אין ניו יארק, איז דער פאקט, אז די אינסטיטוציע איז מער אריינגעטאן אין גערעכטיקייט ווי אין געזעץ. געזעץ און גערעכטיקייט זיינען נישט תמיד דאסזעלבע. אין אלע צייטן האט דאס געזעץ געזוכט נאכצוקומען די פאדערונגען פון גערעכטיקייט. אבער דאס האט זיך נישט תמיד איינגעגעבן. דאס איז איינער פון די גרעסטע און אייביקע גראנגלען פון מענטש״.

ד״ר גאלדשטיין דערמאנט מיט אנערקענונג דעם פריצייטיק־פארשטארבענעם אדוואקאט לואיס ריטשמאן, איינער פון די גרינדער פונעם פארמיטלונגסגעריכט, וועלכער האט,

אלס עקזעקוטיוו־דירעקטאר, א סך מיטגעהאלפן — אונטער דער פירערשאפט פון ד״ר גאלדשטיין — צו דער אנטוויקלונג פון דער דאזיקער אינסטיטוציע. נאך זיין טויט איז זיין פרוי **רות ריטשמאן** אָנגעגאנגען מיט דער ארבעט.

ד״ר גאלדשטיין איז פארבליבן פרעזידענט פון יידישן פארמיטלונגס־געריכט אין ניו יארק אויך אין די ערשטע יארן, זינט ער איז געווארן א תושב אין ירושלים. ער פלעגט פון ירושלים נאכפאלגן די פונקציאנירונג פון דער אינסטיטוציע און האט אויך געזאָרגט צו דעקן אירע בודזשעט־הוצאות. און ווען ער איז געקומען אויף זיינע באזוכן אין ניו יארק, האט ער זיך אויך אליין באטייליקט אלס איינער פון די ריכטער.

ווען ער האט זיך צוריקגעצויגן פון זיין אקטיווער ארבעט אין ירושלים — נאך זיין פינף און זיבעציקסטן געבורטסטאג — איז ער צוגעטראָטן אנצושרייבן א ווערק וועגן דעם יידישן פארמיטלונגס־געריכט אין ניו יארק, אין דער טראדיציע פון די אמאליקע אויטאנאמע יידישע געריכטן, די בתי דין און בתי משפט, אין די גרויסע יידישע קיבוצים אין מזרח־אייראפע און אין אנדערע קהילות, וואס האבן אנטוויקלט און אפגעהיטן דעם אייגענעם יידישן שטייגער פון לעבן אויף די יסודות פון די אויטענטישע יידישע טראדיציעס און מנהגים.

קאפיטל ניין און פערציק

אין שליחות פון קרן היסוד איבער דער גארער יידישער וועלט

״זאל מיר זיין דערלויבט צו רעדן אין א פערזענלעכן טאן און אויסדריקן מיין דאנקבארקייט דערפאר, וואס עס איז מיר באשערט געווען, אז דאס זיבעטע יאר, זינט איך בין פארזיצער פון קרן היסוד — פאראייניקטער ישראל־קאמפיין, האט זיך צונויפגעטראפן מיט דעם גרויסן נס פון דער זעקס־טאגיקער מלחמה אין דער געשיכטע פון מדינת ישראל און מיט דער ווונדערלעכער דערשיינונג פון סאלידאריטעט פון גאנצן יידישן פאלק ארום דער יידישער מדינה, וואס האט געפירט צו דעם שענסטן און הערליכסטן קאפיטל אין דער ארבעט פארן קרן היסוד און אין די רעזולטאטן פון די געלט־זאמלונגען פאר ישראל״ —

אין דער דאזיקער קורצער און בצמצום׳דיקער דערקלערונג, וואס ד״ר ישראל גאלדשטיין האט געמאכט אויף א פרעסע־קאנפערענץ אין תל־אביב, אין מאי 1968, איז אויסגעדריקט זיין אינטימע צוגעבונדנקייט און אומבא־גרענעצט־איבערגעגעבענע באציאונג צו דער זייער שווערער און נישט אפט דאנקבארער אויפגאבע, וואס ער האט גענומען אויף זיך, ווען ער האט אנהויב 1961 באשלאסן אריבערצופירן זיין היים אין ישראל און איז געווארן א תושב אין ירושלים. במשך פון צען יאר, ביז יוני 1971,

איז ד״ר ישראל גאלדשטיין געשטאנען בראש פון דער וועלט־ארגאניזאציע פון קרן היסוד־פאראייניקטער ישראל־קאמפיין און האט אנגעפירט מיט די געלט־זאמלונגען פאר ישראל אין יעדן לאנד און אין יעדן ווינקל פון דער גארער יידישער וועלט (מיטן אויסנאם פון די פאראייניקטע שטאטן, הגם אויך דארט האט ער זייער אפט זיך באטייליקט אין דער ארבעט לטובת דעם פאראייניקטן יידישן קאמפיין, קומענדיק ספּעציעל פון ישראל כדי צו העלפן אין די קאמפּיינס).

נישט פאראן קיין איין גרעסערער אדער קלענערער יידישער ישוב אין דער וועלט, אפילו דער קלענסטער; נישטא קיין איין יידישער קיבוץ, ווייט צי נאענט, אפילו אין די פארוואָרפענסטע ווינקלען פון דער ערד — וואו ד״ר גאלדשטיין זאל אין משך פון די צען יאר נישט האבן אליין געווען און גערופן יידן צו דערפילן זייער הייליקן חוב פאר ישראל. און מיט זיין לעבענסלאנגער ליבע און איבערגעגעבנקייט צום יידישן היימלאנד, ווי אויך מיט זיין גרויסן ארגאניזאטארישן טאלאנט, וואס ער האט באוויזן אין די צענדליקער יארן פון זיין אומדערמידלעכער ארבעט פאר ארץ ישראל און פון זיינע אנדערע פיל־פארצווייגטע יידישע געזעלשאפטלעכע טעטיקייטן אין אמעריקע — האט ער אויפגעשטעלט א גרויסן מאדערנעם אפּאראט, וואס האט געזארגט פאר דעם מעגלעך־גרעסטן דערפאלג פון די געלט־זאמלונגען אומעטום, וווּ יידן געפינען זיך נאר.

די צען־יעריקע פירערשאפט פון קרן היסוד קען באטראכט ווערן אלס דאס קרוין־ווערק אין ד״ר גאלדשטיינ׳ס דינסט פאר זיין פאלק אין משך פון מער, ווי א האלבן יאר־

הונדערט. ווען ער האט עולה געווען קיין ישראל און איז געווארן א תושב אין ירושלים, האט מען אים פארגעשלאגן אַ סך אַ לייכטערע אויפגאבע, וואס וואלט אים און באזונדערס גרויסע אנשטרענגונגען אפשר געגעבן מער מאכט און מער פראמינענץ אין דער וועלט פון ציוניזם. אבער ער האט קיינמאל נישט אויסגעקליבן דעם לייכטן וועג אין זיין כלל־ישראל־ארבעט. ד״ר נחום גאלדמאן, דעמאלט פרעזידענט פון דער ציוניסטישער וועלט־ארגאני־זאציע, האט פארגעשלאגן ד״ר גאלדשטיינ׳ען צו ווערן פארזיצער פון דער ציוניסטישער וועלט־עקזעקוטיווע אין ירושלים, וואס איז אין דער חשיבות דער צווייטער אמט נאך דעם פרעזידענט פון דער באוועגונג. ד״ר גאלדמאן האט דערקלערט ד״ר גאלדשטיינ׳ען, אז ער האט פאר זיין פארשלאג דעם הסכם פון אלע ציוניסטישע פארטייען. אויך דאס האט געהאט א באזונדערע באדייטונג און האט עדות געזאגט וועגן ד״ר גאלדשטיינ׳ס באזונדערער פאזיציע אין דער ציוניסטישער וועלט, זייענדיק געשעצט דורך דער גאנצער באוועגונג. ווייל געווינלעך האט דער אמט פון פארזיצער פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע געהערט צו א פארשטייער פון דער ארבעטער־פארטיי. דאך האט ד״ר גאלדשטיין נישט אנגענומען דעם דאזיקן אימפאני־רנדיקן פארשלאג. ער האט אויסגעקליבן, זיך איינצושפאַנען אין דער שווערער ארבעט פאר זאמלען ביי יידן די לעבענס־נויטיקע מיטלען פאר ישראל. און ער האט פרייוויליק זיך געשטעלט אין שפיץ פון קרן היסוד — פאראייניקטער ישראל־קאמפיין.

דאס איז געווען א לאנגער פארמאטערנדיגער וועג בארג־ארויף. ווען ד״ר גאלדשטיין האט איבערגענומען די פירער־

שאפט פון קרן היסוד אנהויב 1961, האט די גאנצע הכנסה פון אלע זאמלונגען באטראפן ווייניקער פון צוועלף מיליאן דאלאר, וואס זיינען מיט גרויסע שוועריקייטן צונויפגעקליבן געווארן פון זיבן און פערציק יידישע ישובים איבער דער גארער וועלט (מיטן אויסנאם פון די פאראייניקטע שטאטן). די וויכטיקסטע פון די לענדער, ווו דער קרן היסוד האט דעמאלט אנגעפירט זיין ארבעט, זיינען געווען: ענגלאנד, פראנקרייך, קאנאדע, דרום־אפריקע, אויסטראליע, מערב־אייראפע, לאטיין־אמערי־קאנער לענדער און עטלעכע מדינות אין וויטן מזרח.

ווען ד״ר גאלדשטיין האט זיך צוריקגעצויגן פון דער פירער־שאפט פון קרן היסוד, דעם 1־טן אויגוסט 1971, האט די ארבעט פאר געלד־זאמלונגען ארומגענומען יידישע ישובים אין ניין און זעכציק לענדער, און די הכנסה האט באטראפן אין דעם יאר די סומע פון הונדערט צוואנציק מיליאן דאלאר — צען מאל אזוי פיל, ווי בעת ער איז געווארן פרעזידענט פון דעם פאנד. און אין דעם קריטישן יאר פון 1967 — אין דעם יאר פון דער זעקס־טאגיקער מלחמה — האט דער קרן היסוד, אויך א דאנק דער פערזענלעכער מי פון ד״ר גאלדשטיין, געשאפן מער פון הונדערט פופציק מיליאן דאלער.

די גאנצע אקציע פאר דורכפירן געלט־זאמלונגען ביי יידן לטובת די באדערפענישן פון ישראל האט אונטער ד״ר גאלדשטיינ׳ס פירערשאפט באקומען אן אנדערן כאראקטער — דעם כאראקטער פון א גרויסער פאלקס־ביישטייערונג מיט דעם געפיל פון א הייליקער פליכט. א דאנק דעם גייסט, וואס ד״ר גאלדשטיין האט ארייננעבראכט אין דער ארבעט פארן קרן היסוד, האבן יידן איבער דער גארער

וועלט אנגעהויבן פילן, אז זיי דארפן באצאלן א חוב דער יידישער מדינה, און נישט אז זיי קענען יוצא זיין מיט געבן צדקה. דאס האט דערהויבן די חשיבות פון די זאמלונגען און האט געבראכט באדייטנדיק־בעסערע רעזולטאטן.

מיטגעווירקט דערצו האבן אויך די נייע רעפארמעס און די מעטאדן, וואס ד״ר גאלדשטיין האט איינגעפירט אין דער ארבעט פארן קרן היסוד, אויף דער באזע פון זיינע גרויסע דערפארונגען אין אמעריקע, ווען ער איז במשך פון צען יאר געווען פרעזידענט פון יידישן נאציאנאל פאנד און איז א סך יארן אויך געווען אין דער פירערשאפט פון פאראייניקטן ישראל־קאמפיין און פאראייניקטן יידישן קאמפיין. ער האט פארלייגט א סך מי אריינצוציען אומעטום דעם יינגערן יידישן דור אין דער ארבעט פארן קרן היסוד. ער איז געווען דער איניציאטאר פון גרינדן פרויען־סעקציעס ביי די קאמפיין־ארגאניזאציעס, לויטן ביישפיל פון די פאראייניקטע שטאטן. ער האט איינגעפירט דעם ״יום העסקן״, בכדי צו דערמוטיקן די איבערגעגעבענע טוער פארן קרן היסוד און צוטיילן זיי דעם פארדינטן כבוד. דער ״יום העסקן״ איז באשטימט געווארן אויפ׳ן 29־טן נאוועמבער, אין דעם יארטאג פון היסטארישן באשלוס פון דער ארגאניזאציע פון די פאראייניקטע פעלקער וועגן דער באנייונג פון דער יידישער מדינה. דער ״יום העסקן״ איז אויך ד״ר גאלדשטיינ׳ס איניציאטיוו געווארן א יערלעכער מנהג, וואס העלפט א סך פאר דער אויסברייטערונג פון די קאמפיינען און פאר צוציען נייע איבערגעגעבענע טוער אין דער ארבעט פאר ישראל.

ד״ר גאלדשטיין האט אויך אריינגעבראכט א נייעם פארנעם

און מער חשיבות אין דער טעכנישער אנפירונג פון די קאמפיינען אין די פארשיידענע יידישע ישובים. אויף זיין פארשלאג האבן באוווסטע און פאפולערע פערזענלעכקייטן פון מדינת ישראל, מיטגלידער פון דער רעגירונג און גענעראלן פון דער ארמיי גענומען אויף זיך די שליחות צו באזוכן יידישע ישובים איבער דער גארער וועלט און העלפן אין די זאמלונגען פון געלט־מיטלען לטובת ישראל. די אלע און נאך אנדערע וויכטיקע רעפארמעס און איניציאטיוועס האבן פארוואנדלט די קאמפיינען פאר ישראל אין וויכטיקע נאציאנאלע געשעענישן פאר די ארטיקע יידישע ישובים גופא, שטארקנדיק און באררייכע־רנדיק דאס לאקאלע יידישע לעבן און שאפנדיק אן ענגערן קשר צווישן מדינת ישראל און די תפוצות.

אין דער צען־יעריקער געשיכטע פון ד״ר גאלדשטיינ׳ס דערפאלגרייכער פירערשאפט פון קרן היסוד זיינען געווען צוויי באזונדערס גרויסע און שיינע קאפיטלען: די באגייסטערטע סאלידאריטעט־אקציע אין דער גאנצער יידישער וועלט פאר ישראל אין דעם קריטישן יאר 1967, און די פייערונג פון פופציק־יעריקן יובליי פון קרן היסוד אין 1970, וואס איז פראקלאמירט געווארן אלס יובליי־יאר.

סוף מאי און אנהויב יוני 1967, ווען עס האט זיך אנגערוקט די געפאר פון א נייעם אוישוויץ, וועלכען די בלוטיגע אראבישע שונאים האבן זיך געגרייט דורכצופירן אין ישראל, איז ד״ר גאלדשטיין, אינאיינעם מיט דעם פארזיצער פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע, אריה ל. פינקוס ז״ל, מיט ישראל׳ס פינאנץ־מיניסטער פנחס סאפיר, מיטן גזבר פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע אריה ל. דולצין, און נאך אנדערע פירער פון ציוניזם און פון דער

יידישער מדינה ארויסגעפארן אלארמירן די יידישע וועלט אויף דער דרינגנדיקער נויטווענדיקייט צו שאפן די געהעריקע גרויסע געלט־מיטלען פאר ישראל. ד״ר גאלדשטיין אליין האט אנגעהויבן זיין שליחות פריער אין קאנאדע און דערנאך אין א צאל לענדער אין לאטיין־אמעריקע. ער האט אליין זיך באטייליקט אין דורכפירן די זאמלונגען און האט באוויזן די לאקאלע יידישע עסקנים צו מאכן די גרעסטע אנשטרענגונגען. דער אפרוף איז גלייך געווען א שטארקער, און די קאמפיינען האבן געבראכט אומפאר־גלייכלעך גרויסע רעזולטאטן. אזוי איז ער כמעט דאס גאנצע יאר ארומגעפארן איבער דער יידישער וועלט און האט באוויזן יידן צו דערפילן אויף א מאקסימאלן אופן זייער פליכט פאר ישראל אין דער קריטישער תקופה.

צום סוף פון 1967 האט ד״ר גאלדשטיין געקענט מיט צופרידנקייט באריכטן, אז די זאמלונגען פאר ישראל האבן אין דעם יאר איינגעבראכט דעם קרן היסוד א סומע, וואס איז געווען צוועלף מאל גרעסער, ווי אין די נארמאלע יארן, און אז אין עטלעכע לענדער האבן די ביישטייערונגען זיך פארגרעסערט פון זיבעצן ביז 45 מאל אזוי פיל, ווי אין די פריערדיקע יארן. ער האט אויך געקאנט פעסטשטעלן מיט א שטארקער סאטיספאקציע, אז די צאל ביישטייערער האט זיך פארמערט אויף צען מאל אזוי פיל און האט אין דעם יאר איבערגעשטיגן פיר הונדערט טויזנט. דאס האט אין א סך יידישע קיבוצים געמיינט, אז כמעט יעדע יידישע משפחה האט דערפילט איר חוב צו באטייליקן זיך אין די געלד־זאמלונגען פאר ישראל. עס זיינען אויך דערהאלטן געווארן באדייטנדיקע ביישטייערונגען פון נישט־יידן, און אין א טייל ישובים

האבן אויך די יידישע קהילות אסיגנירט גרעסערע סומעס, אין צוגאב צו דעם אנטייל פון די יחידים. אין האלאנד האבן די קהילות אוועקגעגעבן פאר ישראל אַ סך פון די "שילומים"-געלטער, וואס זיי האבן באקומען פון דייטשלאנד.

אין 1967 האט ד"ר גאלדשטיין געארבעט אומשוועריסטן פערזענלעך, דערפילנדיק זיין גרויסע פאראנטווארטלעכקייט פאר ישראל אין דעם קריטישן יאר. ער איז געווען צופרידן צו קענען באריכטן וועגן די דערגרייכטע רעזולטאטן. אין שפעטערדיקן יאר, 1968, ווען דער אלארם איז אריבער, זיינען די רעזולטאטן פון די קרן היסוד-זאמלונגען געווען שוואכערע. אבער אין 1969 איז די איינקונפט פון קרן היסוד ווידער באדייטנדיק געשטיגן, און אין 1970 האט ד"ר גאלדשטיין פונדאסניי זיך ארויסגעלאזט איבער דער יידישער וועלט, באזוכנדיק צענדליקער נאענטע און ווייטע ישובים, אויפצופאדערן יידן צו געבן פיל גרעסערעביישטייערונגען פאר ישראל אין דעם יובליי-יאר פון קרן היסוד.

אויף זיין איניציאטיוו זיינען אין משך פון יאר 1970 דורכגעפירט געווארן אין מדינת ישראל און אין א גאנצער רייע יידישע ישובים איבער דער גארער וועלט אימפאזאנטע פייערונגען לכבוד דעם פופציק-יעריקן יובליי פון קרן היסוד, מיט באדייטנדיקע רעזולטאטען אויך צו פארגרעסערן די געלד-זאמלונגען. די כנסת האט אפגעהאלטן א פייערלעכע זיצונג, געווידמעט דעם יובל פון קרן היסוד. די ספעציעל איינגעארדענטע קרן היסוד יובליי-אויס-שטעלונג אין תל אביב האט צוגעצויגן הונדערטער טויזנטער באזוכער פון גאנץ מדינת ישראל. איבערן לאנד זיינען פארגעקומען פיל פייערלעכע פארזאמלונגען. אין די שטעט

און אין די קלענערע ישובים זיינען אנגערופן געווארן גאסן אויפן נאמען פון קרן היסוד. די פירער פון דער מדינה און עסקנים פארן קרן היסוד, אין ישראל און אין די תפוצות, זיינען באערט געווארן מיט דעם ספעציעלן יובילייר־מעדאל.

ד״ר ישראל גאלדשטיין באצייכנט מיט גרויסע באפרידיקונג, אז אזוי ווי אין זיינע פריערדיקע געזעלשאפטלעכע טעטי־קייטן האט ער אויך אין קרן היסוד געהאט דעם זכות צו ארבעטן מיט אַ גוטן און איבערגעגעבענעם אנסאמבל.

אין די ערשטע יארן פון זיין אמטירן אלס פארזיצער פון קרן היסוד איז געווען **משה אוסאסקין** דער גענעראל־דירעקטאר און גזבר פון הויפטביורא פון קרן היסוד, און אין די לעצטע זיבן יאר פון ד״ר גאלדשטיינ׳ס קרן היסוד־פרעזידענטשאפט, האט ער מיטגעארבעט מיטן גענעראל־דירעקטאר **ש״י קרויטנער**, וועלכער האט מיט זיין גרויסער ענערגיע און זיינע ארגאניזאטארישע פעיקייטן געשפילט אַ גרויסע ראלע אין אויפשוווּנג פונעם קרן היסוד — אַ ראלע וואס ער זעצט פאר דערפאלגרייך אויך איצט, מיטארבעטנדיק מיטן פארזיצער **עזרא שאפירא**.

ד״ר גאלדשטיין האלט עס אויך פאר זיין זכות, וואס בעת זיין קאדענץ אלס פארזיצער פון קרן היסוד האָט זיך אין ישראל גופא קאנסטיטוירט אַ געמיינזאמער ישראל־קאמפיין, אין וועלכן עס באטייליקט זיך דער קרן היסוד צוזאמען מיטן קרן קיימת, אונטער דער פירערשאפט פון ד״ר ערנסט לעהמאן, פון די הויפט־דירעקטארן פון באנק לאומי לישראל. צו זיין זייט זיינען געשטאנען ד״ר ישראל גאלד־שטיין, דער פארזיצער פון קרן היסוד און יעקב צור —

דער באקאנטער ציוניסטישער פירער און אנערקענטער דיפלאמאט, וועלכער איז אויך איצט פארזיצער פון קרן קיימת לישראל.
פארענדיקנדיק דאס יובליי־יאר פון קרן היסוד מיט א פינאנציעלן און מאראלישן דערפאלג, אויף וועלכן ער האט מיט רעכט געקענט זיין שטאלץ, האט ד״ר גאלדשטיין זיך גענומען גרייטן צו א וויכטיקן ווענד־פונקט אין זיין לעבן און ארבעט. ער האט אליין זיך דערנענטערט צו א פערזענלעכן יום־טוב, צו זיין 75־טן געבורטסטאג. און ער האט אין שייכות מיט דעם אנגענומען באשלוסן, וועגן וועלכע נאר ער אליין האט געקענט דעצידירן.

קאפיטל פופציק

צום 75־טן געבורטסטאג

״לאמיר אלע זיין דאנקבאר דערפאר, וואס אויף אונדזער גורל איז אויסגעפאלן צו זיין, ווי חיים נחמן ביאליק, אונדזער נאציאנאלער פאעט, האט זיך אויסגעדריקט אין זיין אומשטערבלעכער פאעמע: ״דור אחרון לשעבוד וראשון לגאולה״ —

מיט די ווערטער פון דעם גרויסן דיכטער פון דער יידישער נאציאנאלער אויפלעבונג האט ד״ר ישראל גאלדשטיין פארענדיקט זיין געזעגענונגס־רעדע, ווען ער האט ביי דער גרינדונגס־פארזאמלונג פון דער אויסגעברייטערטער יידישער אגענץ, אין יוני 1971, זיך צוריקגעצויגען פון זיין הויכן אמט אלס וועלט־פרעזידענט פון קרן היסוד — פאר־אייניקטער ישראל־קאמפיין און פון דער עקזעקוטיווע פון דער ציוניסטישער וועלט־ארגאניזאציע.

דער מאמענט איז געווען א פייערלעכער. דערגרייכנדיק זיין 75־טן געבורטס־טאג, האט ד״ר גאלדשטיין אנגענומען דעם פריווילעגיע באשלוס צו פארלאזן זיין וויכטיקע פאזיציע און די אקטיווע פירערשאפט פון דער ציוניסטישער וועלט־באוועגונג, ביי וועלכער ער איז געשטאנען מיט א מוסטערהאפטער געטריישאפט און איבערגעגעבנקייט צענדליקער יארן. און געזעגנט האט ער זיך ביי דער קאנפערענץ, צו וועלכער עס זיינען זיך צוזאמענגעקומען

יידישע פירער פון דער גארער וועלט, די פראמינענטסטע יידישע פערזענלעכקייטן, פאר דעם צוועק פון פאראייניקן אלע כוחות לטובת דער הייליקער ארבעט צו העלפן אין דער אנטוויקלונג און פארשטארקונג פון דער באנייטער יידישער מדינה. ביי דער קאנפערענץ איז געשאפן געווארן די נייע אויסגעברייטערטע יידישע אגענץ פאר מדינת ישראל — די גרויסע פאראייניקונג פון וועלט־יידנטום, פאר וועלכער ד״ר גאלדשטיין האט געמאכט זייער שטארקע אנשטרענגונגען במשך פון אלע זיינע יארן, אז זי זאל צושטאנדקומען, אז עס זאל געשאפן ווערן די אחדות ישראל ארום מדינת ישראל. זיין ארבעט און די באמיונגען פון אנדערע ציוניסטישע פירער מיט דעם פארזיצער פון דער יידישער אגענץ, אריה ל. פינקוס ז״ל, בראש, פאר דעם הייליקן צוועק זיינען געקרוינט געווארן מיט דערפאלג. און איצט, ווען די אויסגעברייטערטע יידישע אגענץ איז געגרינדעט געווארן און האט איבער־גענומען אויף זיך די אחריות צו העלפן דער יידישער מדינה צו קענען דערפילן אירע שטארק אויסגעוואקסענע פליכטן פאר קיבוץ גלויות — האט ד״ר גאלדשטיין מיט א רויקן געוויסן געקאנט צוריקציען זיך און איבערגעבן זיינע אמטן צו זיין פריינד פון לאנגע יארן עזרא שאפירא, איינעם פון די חשוב׳סטע און פארדינסטפולסטע פירער פון אמעריקאנער ציוניזם, וועלכער איז ביי דער קאנפערענץ אויסגעוויילט געווארן אלס זיין נאכפאלגער.

באדאנקנדיק פאר דעם כבוד, וואס איז אים צוגעטיילט געווארן אויף דער גרויסער יידישער וועלט־אסיפה, אין די רעדעס פון אריה ל. פינקוס און פון פרוי ראז האלפרין, מיטפארזיצערין פון דער וועלט־קאנפעדעראציע פון די

אלגעמיינע ציוניסטן; און פאר דער אנערקענונג, וואס איז אים אויסגעדריקט געווארן אין דער ספעציעלער רעזא־לוציע, וואס די קאנפערענץ האט אנגענומען מיט גרויסער פייערלעכקייט — האט ד״ר גאלדשטיין דערקלערט, אז ער באטראכט דאס נישט אין דעם זין, אז ער זאל האבן פארענדיקט זיין ארבעט.

״ניין, איך צי זיך איצט צוריק, בכדי דורכצופירן עטלעכע אויפגאבן וואס איך האב נאך נישט באוויזן צו פארענדיקן. איך וויל האבן צייט פאר מער שטודירן און פאר מער שרייבן — וואס איך האב נישט געקאנט טאן, ווען איך האב געדארפט כסדר דערפילן מיינע פליכטן. איך שליס איצט אפ דאס דאזיקע קאפיטל פון מיין לעבן מיט דעם, וואס איך האב אנגעהויבן מיט פופציק יאר צוריק — מיטן קרן היסוד״.

ער האט קורץ דערמאנט די דריי אויפגאבן, וועלכע ער האט אין דעם האלבן יארהונדערט גענומען אויף זיך און וועלכע ער באטראכט פאר די וויכטיקסטע אין זיין ארבעט פארן ציוניזם און פארן יידישן היימלאנד: די צען יאר, ווען ער איז געווען פרעזידענט פון יידישן נאצי־אנאל פאנד אין אמעריקע און האט זיך באטייליקט אין דער גרינדונג פון פאראייניקטן יידישן קאמפיין, ווערנדיק איינער פון די מיטפארזיצער אין דעם דראמאטישן יאר 1948; בעת דער גרינדונג פון מדינת ישראל; דאן דאס יאר באלד דערנאך, ווען ער איז געווען גזבר פון דער יידישער אגענץ אין ירושלים, אין דעם ערשטן יאר, ווען עס זיינען געלייגט געווארן די יסודות פאר דער אנטוויקלונג פון דער יידישער מדינה; און די צען יאר, ווען ער האט אנגעפירט מיט דער וועלט־ארגאניזאציע פון ״קרן היסוד״

אין ירושלים, נאכדעם ווי ער האט אין 1960 עולה געווען מיט בערט זיין געטרייע לעבנס־באגלייטערין — אליין א פראמינענטע ציוניסטישע פירערין — קיין ישראל. דערמיט האט ער אפגעשלאסן דעם ציקל פון די פופציק יאר פון זיין ארבעט, זינט ער האט אין 1921, ווען ד״ר חיים ווייצמאן איז געקומען צום ערשטן מאל קיין אמעריקע כדי צו פראקלאמירן דעם ערשטן קאמפיין פארן קרן היסוד —, זיך ארייגעווארפען אין דער אקציע פאר ארץ ישראל אלס א יונגער רב פון דער אלטער קהילה ״בני ישורון״ אין ניו יארק.

״מיין גוטער גורל האט תמיד איבערגעשטיגן מיינע פאר־דינסטן״ — האט ד״ר גאלדשטיין מיט זיין באשיידנקייט און איידעלן טאָן זיך אויסגעדריקט אין זיין געזעגנונגס־רעדע — ״מיין גוטער גורל באגלייט מיך אויך איצט, ווען עס ווערט מיר צוגעטיילט אזא גרויסער כבוד אויף אזא וועלט־אסיפה, ווי די גרינדונגס־פארזאמלונג פון דער אויסגעברייטערטער יידישער אגענץ, אין וועלכער עס באטייליקן זיך די אנגעזעענסטע עסקנים פון ישראל, פון די פאראייניקטע שטאטן און פון אלע אנדערע יידישע ישובים אין דער פרייער וועלט״.

ד״ר גאלדשטיין האט ביי א פריערדיקער זיצונג פון דער וועלט־קאנפערענץ באגריסט אין נאמען פון קרן היסוד די גרינדונג פון דער אויסגעברייטערטער יידישער אגענץ. ער האט דערמאנט, אז ער האט געהאט די זכיה צו זיין ביי דער גרינדונגס־פארזאמלונג פון דער ערשטער יידישער אגענץ פאר ארץ ישראל, אין ציריך אין יאר 1929, ווען ד״ר חיים ווייצמאן און לואי מארשאל האבן געמאכט דעם ערשטן פרווו צו שאפן די פאראייניקונג פון וועלט־

יידנטום פאר דעם אויפבוי פון יידישן היימלאנד. דער־קלערנדיק, ווי אזוי ער זעט דעם אונטערשייד צווישן די וועלט־צוזאמענפארן אין 1929 און אין 1971 — צווישן וועלכע עס זיינען פארביי נישט בלויז איבער פערציק יאר, נאר גאנצע אייביקייטן מיט אויפטרייסלנדיקע היסטארישע געשעענישן אין יידישן לעבן — האט ד״ר גאלדשטיין אויסגעפירט:

״אין 1929 זיינען די נישט־ציוניסטן, וועלכע זיינען אריינ־געקומען אין דער אויסגעברייטערטער יידישער אגענץ, געווען זייער אנגעזעענע יידישע פערזענלעכקייטן, פון וועלכע יעדער איינער האט זיך אויסגעצייכנט מיט זיינע אייגענע פארדינסטן. די פראמינענטע יידן, וועלכע קומען איצט אריין אין דער נייער אויסגעברייטערטער יידישער אגענץ, זיינען אין צוגאב צו דעם, וואס זיי פארנעמען א חשובן ארט אין יידישן לעבן אלס יחידים, אויך פירער און פארטרעטער פון די גרויסע יידישע ארגאניזאציעס, וואס זיינען אקטיוו אין דער הילפס־ארבעט פאר ישראל און פארן יידישן פאלק. זיי, צוזאמען מיט זייערע ארגאני־זאציעס, נעמען איצט איבער די געמיינזאמע פאראנטווארטלעכקייט מיט דער ציוניסטישער וועלט־באוועגונג צו געבן דער יידישער מדינה די גרויסע הילף, אין וועלכער זי נויטיקט זיך. דאס פארזיכערט אריכות ימים דער נייער אויסגע־ברייטערטער יידישער אגענץ, וועלכע מיר גרינדן איצט״.

ד״ר גאלדשטיין האט דערביי דערמאנט די עסקנים, וועלכע שטייען־צו צו דער אויסגעברייטערטער יידישער אגענץ, אז דאס זאמלען פאנדן פאר ישראל איז קיינמאל נישט באטראכט געווארן נאר אלס פילאנטראפישע אקציע, נאר אלס אידענטיפיקאציע מיטן יידישן היימלאנד און מיט

דער שליחות פון דער יידישער מדינה פאר פארזיכערן דעם קיום פון יידישן פאלק.

באגריסנדיק די גרינדונגס־פארזאמלונג פון דער אויסגע־ברייטערטער יידישער אגענץ אין נאמען פון די יידישע ישובים אין ניין און זעכציק לענדער, וועלכע זיינען באטייליקט אין קרן היסוד־קאמפיין, וואס מיינט לטובת דער אנטוויקלונג און באפעסטיקונג פון דער יידישער מדינה — האט ד״ר גאלדשטיין באטאנט די היסטארישע וויכטיקייט פון דער אחדות פון יידישן פאלק, וואס קומט צום אויסדרוק ביי דער וועלט־אסיפה. ער האט דערמאנט די ציוניסטן און נישט־ציוניסטן, וועלכע האבן זיך פאר־אייניקט ביי דעם צוזאמענפאר לטובת דער ארבעט פאר ישראל, דאס גרויסע ווארט, וואס הערצל האט געזאגט ביים עפענען דעם ערשטן ציוניסטישן קאנגרעס אין באזעל, אין 1897 : ״מיר זיינען א פאלק, א יין פאלק ! ״.

אין דער ערן־שריפט, וואס איז ביי דער היסטארישער פארזאמלונג איבערגעגעבן געווארן ד״ר גאלדשטיינ׳ען — דורך דעם פארזיצער פון דער עקזעקוטיווע פון דער יידישער אגענץ, אריה ל. פינקוס ז״ל, איז אויסגעדריקט געווארן א דאנק און אנערקענונג דעם בעל־יובל, אלס א ״ציוניס־טישן פירער און גייסטיקן מורה דרך״. עס איז באטאנט געווארן, אז שוין מער פון א האלבן יארהונדערט, ווי ד״ר גאלדשטיינ׳ס פערזענלעכקייט ״שפיגלט זיך אפ אויף אלע געביטן פון לעבן אין ישראל און אין אנדערע לענדער״. באזונדערס איז אונטערגעשטראכן געווארן, אז אלס וועלט־פארזיצער פון קרן היסוד — פאראייניקטער ישראל־קאמפיין אין די פארגאנגענע צען יאר האט ד״ר גאלדשטיין ״זייער א סך בייגעשטייערט צו פארשטארקן די היסטארישע

שותפות צווישן די יידן אין די תפוצות און מדינת ישראל״.
עס איז דערקלערט געווארן, אז ״אלס רב און שריפט־שטעלער; אלס גרינדער פון בראנדייס אוניווערסיטעט; אלס מיטגליד פון דירעקטארן־ראט פון די הויך־שולן אין ישראל — האט ד״ר גאלדשטיין זיך געווידמעט בעיקר דער ארבעט צו פארשפרייטן און פארטיפן דעם יידישן חינוך און האט פארדינט די אלגעמיינע אנערקענונג און פארערונג״.

צו די אויסדרוקן פון דאנק און אנערקענונג פאר ד״ר גאלדשטיינ׳ען צו זיין 75־טן געבורטסטאג האט זיך פאר־אייניקט דער העברעישער אוניווערסיטעט אין ירושלים, וועלכער האט אין יולי 1971 צוגעטיילט דעם בעל יובל, ביי א פייערלעכער צערעמאניע, אן ערן־דאקטאראט. אין זיין ענטפער־רעדע ביי דעם פייערלעכן אקט אויפן הר הצופים האט ד״ר גאלדשטיין דערמאנט זיין ערשטן באזוך אין ירושלימ׳ער אוניווערסיטעט אין 1928, ווען ד״ר יהודה לייב מאגנעס איז געווען פרעזידענט, און האט זיך אפגעשטעלט אויף דער באזונדערער באדייטונג פון דער ערשטן אוניווערסיטעט אין יידישן היימלאנד. ער האט גערופן דעם ירושלימ׳ער אוניווערסיטעט צו בלייבן געטריי די אידייען פון זיינע גרינדער, פון פראפעסאר הערמאן שאפירא ביז ד״ר חיים וויצמאן, און זיין ״א וועגווייזער פאר סטודענטן אויך אין זייער מאראלישן און קולטור־לעבן און אין דעם גייסטיקן לעבן פון דער מדינה אין אלגעמיין. דער ירושלימער אוניווערסיטעט דארף סימבאליזירן דעם פולן אינהאלט פון ״כי מציון תצא תורה״.

״אין ישראל דארף געמאכט ווערן דער עקספערימענט צו באווייזן דער גאנצער וועלט, אז אויך אין די צייטן פון

דער הערשאפט פון טעכנאקראטיע קאן מען איינשפאנען די וויסענשאפט און די קולטור אין דינסט פון א געזעל־שאפט, וואס זאל זיך פירן מיט הויכער מאראל״ — האט ד״ר גאלדשטיין אויסגעפירט, רופנדיק דעם ירושלימער אוניווערסיטעט צו נעמען אויף זיך די דאזיקע אויפגאבע, פאר וועלכער ער איז באשטימט געווארן דורך זיינע גרינדער, די גרויסע יידישע פירער און ליכטיקע מאראלישע פערזענלעכקייטן.

ד״ר גאלדשטיינ׳ס דערקלערונגען ביי דער פייערלעכער געלעגנהייט האבן געהאט א שטארקן אפקלאנג אין ישראל און אין די יידישע אינטעלעקטועלע קרייזן אין דער ברייטער וועלט.

אויף דעם מאטיוו וועגן דעם עיקר פון גייסטיקן יידישן לעבן האט ער אויך אנגעוויזן אויף א אינטימער פאר־זאמלונג, ביי וועלכער די מיטארבייטער פון קרן היסוד האבן אים באערט צו זיין 75־טן געבורטסטאג. דער־קלערנדיק, אז ער קלייבט זיך צוריקציען זיך פון דער פירערשאפט פון קרן היסוד, האט ער געזאגט, אז ער וויל ווידמען זיינע איצטיקע יארן פאר לערנען, פארשן און שרייבן. ״און איך טו דאס פאר מיר אליין, פאר מיין אייגענעם פארגעניגן, ווייל ״דרכיה דרכי נועם״. בכדי דאס לעבן זאל זיין אנגענעמער און ווערטפולער, דארף עס אויך אריינגעמען אין זיך דאס ווידמען זיך צו תורה אין א פיל גרעסערער מאָס, ווי איך האב דאס געקענט טאן ביז איצט, אינמיטן פון מיין געזעלשאפטלעכער ארבעט״.

א שיינעם און ווירדיקן זשעסט האט געמאכט די מוניצי־פאליטעט פון איינער פון די יינגסטע שטעט אין ישראל, כרמיאל, אין גליל, וועלכע האט צוגעטיילט ד״ר

גאלדשטיינ׳ען די ערן־בירגערשאפט לכבוד זיין 75־טן געבורטסטאג. ״דאס איז פאר מיר א זייער טייערע מתנה״ — האט דער בעל־יובל געזאגט אין זיין דאנק־רעדע צו די מיטגלידער פון דער שטאט־פארוואלטונג. — ״איך ווייס, אז איר זענט די יינגסטע שטאט אין ישראל און איר פארמעסט זיך צו אזא גרויסן ציל, ווי צו דערגרייכן א באפעלקערונג פון פופציק טויזנט נפשות. דערווייל האף איך צו זיין צוזאמען מיט אייך אין דריי יאר ארום, וואס איר דערווארט צו האבן אין אייער שטאט די ערשטע צען טויזנט נפשות״.

״און פאר מיר״ — האט ד״ר גאלדשטיין אויסגעפירט אין א טיף־רירנדיקער שטים — ״האט איר היינט פארענדיקט א צירקל. איך האב זוכה געווען צו מיין 70־טן געבורטסטאג — דער ערן־בירגערשאפט פון א י ל ת, טיף אין דרום פון לאנד. איצט האט איר, אין צפון, מיר פארשאפט דעם כבוד. איך וועל קענען זאגען ווענן מיר: ״פון כרמיאל אין צפון ביז אילת אין דרום״.

קאפיטל איין און פופציק

10 מינוט פאר 12

אויך נאכדעם, ווי ד״ר ישראל גאלדשטיין האט זיך צוריק־געצויגן פון דער אקטיווער פירערשאפט אין דער עקזעקו־טיווע פון דער ציוניסטישער וועלט־ארגאניזאציע און אלס פרעזידענט פון ״קרן היסוד״, האט ער אנגעהאלטן זיין שטארקן און ווארימן אינטערעס פאר די יידישע ישובים אין דער גארער וועלט, איבער וועלכע ער פלעגט ארומפארן אין שליחות פון דער באנייטער יידישער מדינה און מיט וועמענס גורל ער האט זיך אפגעגעבן זיין גאנץ לעבן. גאר באזונדערס זיינען אים געווען נאענט צום הארצן די קליינע פארווארפענע יידישע ישובים און זייערע פראב־לעמען. איינעם פון די מערקווירדיקסטע באזוכן, אין משך פון אלע זיינע נסיעות, האט ער געמאכט אין דער שטאָט סוראבאיא, אין אינדאנעזיע, ווען ער איז געווען אויף א רייזע אין יענעם טייל פון דער וועלט.

ער איז געקומען אויפן געדאנק אוועקצולאזן זיך אין דער ווייטער אינדאנעזישער שטאט נאכדעם ווי א נאענטער פריינט זיינער, דער רעדאקטאר פון ״דזשערוזאלעם פאסט״, טעד לוריא, האט זיך צופעליק אנגעשטויסן אין די לעצטע פארבליבענע יידן אין סוראבאיא, ווען ער איז דארט געווען אויף אן אינטערנאציאנאלער פרעסע־קאנפערענץ.

אזוי איז ד״ר גאלדשטיין איין טאג אנגעקומען אין אן עראפלאן קיין סוראבאיא, א שטאט פון פיר מיליאן איינוווינער, ווו ער האט געפונען קוים א מנין יידישע משפחות. זיי זיינען פארבליבן פון אן עדה פון בערך הונדערט יידישע פאמיליעס, וועלכע האבן דארט געוווינט, פריער, ווען אינדאנעזיע איז געווען אן האלענדישע קאלאניע. די מערסטע פון זיי האבן געשטאמט פון באגדאד. עס זיינען אויך געווען אין דער שטאט א צאל אייראפעאישע יידן, פליטים פון היטלער׳ס דריטן רייך.

ד״ר גאלדשטיין האט דורכן טעלעפאן אויסגעזוכט א פראמינענטע משפחה פון דער קהילה, מוסרי, וועלכע שטאמט פון באגדאד. דער פאטער פון דער משפחה, דוד מוסרי, איז ביז זיין פריצייטיקן טויט, אין 1971, געווען דער ראש הקהל און איינער פון די לעצטע יידן אין סוראבאיא, וועלכער האט געקענט מתפלל זיין פארן עמוד און זאגן די תפילות אויף לשון קודש. זיין אלמנה און די קינדער האלטן נאך אָן דאס וואס עס איז נאך פארבליבן פון דעם יידישן קהל׳שן לעבן אין שטאט, און די אנדערע יידן קומען זיך צונויף ביי זיי אין שטוב. אגב האט די פרוי, פאר דער חתונה, זיך מגייר געווען ביי אן ארטאדאקסישן רב אין סינגאפור. איר פאר־שטארבענער מאן, דוד מוסרי, איז געווען א קעמפערישער ציוניסט, וועלכער איז אפט אטאקירט געווארן פאר זיין ציוניזם און האט תמיד רעאגירט מיט כבוד.

ד״ר גאלדשטיין האט שפעטער דערציילט, אז ער האט איבערגעלעבט א רירנדיקן מאמענט אין הויז פון דער משפחה מוסרי, ווען ער האט צוזאמען מיט דער פרוי און מיט די קינדער געזאגט ״שמע ישראל״ און געזונגען

״לכה דודי״ און דעם שבת׳דיגען ״קידוש״. אזוי האט דער ציוניסטישער מנהיג, איינער פון די פירער פון וועלט־יידנטום, דער געוועזענער רב פון דער עלטסטער און גרעסטער אשכנז׳ישער קהילה אין ניו יארק, זיך אוועק־געשטעלט זאגן תפילות מיט איין פאר׳יתומ׳טער יידישער משפחה אין א פארווארפענעם ווינקל פון דער וועלט.

אויף דער בקשה פון ד״ר ישראל גאלדשטיין איז זיך צונויפגעקומען די גאנצע קהילה פון סוראבאיא. די אסיפה איז אפגעהאלטן געווארן אין הויז פון דער אלמנה מוסרי. בסך הכל האבן זיך פארזאמלט אכט מענער און זעקס פרויען. זיי האבן דערציילט, אז נאכן טויט פון דוד מוסרי און פון א צווייטן יידן פון דער קהילה, סעיערס, איז טאקע נישט פארבליבן קיינער, וואס זאל קענען ריכטיק עברית און זאגן ווי געהעריק די תפילות פון סידור. זיי האבן געבעטן ד״ר גאלדשטיינ׳ען צו שיקן זיי סידורים מיט לאטייניישער טראנסקריפציע, בכדי עס זאל נישט פארגעסן ווערן אינגאנצן אין דער קהילה דער קלאנג פון לשון קודש אין די תפילות.

ד״ר גאלדשטיין האט פריער, פאר דער אסיפה, באזוכט דעם בית הכנסת פון דער קהילה. דער בנין איז אויפגעבויט געווארן אין 1946, ווען אין סוראבאיא זיינען נאך געווען א הונדערט יידישע משפחות. דער בית הכנסת קען ארייננעמען מער פון צוויי הונדערט מתפללים און האט אויך געדינט אלס א יידישער צענטער. דארט האט פריער זיך אויך געפונען א רעליגיעזע שולע מיט א ביבליאטעק. איבער דער וואנט אין ביבליאטעק־צימער אין ארויס־געהאנגען א פארטרעט פון ד״ר הערצל. אין א ווינקל האט ד״ר גאלדשטיין געפונען אן אלטע בלוי־ווייסע פושקע

פון קרן קימת לישראל. איצט שטייט דער גאנצער בנין ליידיק במשך פון א גאנץ יאר, אויסער די ימים טובים.

איידער עס האט זיך אנגעהויבן די אסיפה ביי פרוי מוסרי אין הויז, האט ד״ר גאלדשטיין געדאוונט ״מעריב״ מיט דעם עולם. די לעצטע פארבליבענע יידן אין סוראבאיא זיינען געווען דערפון שטארק צופרידן. דאן האבן זיי דער־ציילט דעם גאסט וועגן זייער יידיש לעבן אין דעם פאר־ווארפענעם ארט, און האבן געפרעגט פארשיידענע קשיות וועגן דעם וואס זיי זאלן טאן. ד״ר גאלדשטיין האט זיי אויפמערקזאם געמאכט אויף דער האפנונגסלאזיקייט פון דער יידישער צוקונפט אין סוראבאיא. ער האט זיי שטארק געראטן, אז זיי זאלן זיך פאראינטערעסירן ערנסט מיט די מעגלעכקייטן פון עליה קיין ישראל, און אז בכל אופן זאלן זיי שיקן זייערע קינדער קיין ישראל דורך דער יוגנט־עליה, בכדי זיי אפצוראטעווען פאר זיך און פארן יידנטום.

אגב האט ד״ר גאלדשטיין, נאכקוקנדיק די דאקומענטן פון דער קהילה ביי דער אסיפה, זיך אנגעשטויסן אויף א נאמען פון איינעם פון די פארשטארבענע מיטגלידער, וואס האט באזונדערס צוגעצויגן זיין אויפמערקזאמקייט. דער נאמען איז געווען ערנפרייז, און ד״ר גאלדשטיין האט געפרעגט, צי מען קען אים געבען פרטים. האט זיך ארויס־געשטעלט, אז דער פארשטארבענער איז געווען א זון פון ראבינער ד״ר מארקוס ערנפרייז, איינער פון די גרינדער פון דער ציוניסטישער וועלט־באוועגונג, א נאענטער מיט־ארבעטער פון ד״ר הערצלען, סעקרעטאר פון דער ארגא־ניזירונג־קאמיסיע, וואס האט צונויפגערופן דעם ערשטען ציוניסטישן קאנגרעס אין באזעל. ד״ר מארקוס (מרדכי)

ערנפרייז איז במשך פון א סך יארן געווען רב ראשי פון שוועדן, און זיין זון איז מגולגל געווארן, אין דעם היטלער־פעריאד, קיין סוראבאיא, וווּ ער איז געווען אקטיוו אין דער קהילה און האט געהאלפן גרינדן די רעליגיעזע שולע. ער האט זיך אויך באטייליקט אלס פארשטייער פון דער קהילה אין אינדאנעזיע אין דער סעסיע פון יידישן וועלט־קאנגרעס אין שטאקהאלם, אין 1952.

אזוי ווערן פארוואָגלט יידן, און ד"ר גאלדשטיין האט אויפגעדעקט, אז ד"ר מארקוס ערנפרייז'ס זון האט געפרווט בויען א יידיש לעבן אין יענעם פארווארפענעם ווינקל. האט ד"ר גאלדשטיין ביי דער אסיפה טאקע געבעטן די פארבליבענע יידן אין סוראבאיא, אז זיי זאלן צונויפזאמלען אלע דאקומענטן און ארכיוו־מאטעריאלן פון זייער קהילה און זיי איבערשיקן קיין ירושלים, אין דעם ארכיוו פון דער יידישער מדינה.

צומארגענס אין דערפרי איז ד"ר גאלדשטיין געגאנגען באזוכן דעם בית עולם פון דער קהילה. אויך דארט האבן זיך פארזאמלט די פארבליבענע יידן פון דער שטאט. דער בית עולם איז אלט א יאר דרייסיק. דער האלענדישער גאווערנאר האט געוואלט געבן דער קהילה דעם פלאץ אומזיסט. אבער די קהילה איז באשטאנען אויף דעם, אז זי וויל באצאלן און האט אפגעקויפט דעם פלאץ פארן סימבאלישן פרייז פון איין האלענדישן גילדער. פאראן אויף דעם בית עולם ארום זיבעציק קברים. א טייל פון די מצבות זיינען פארשוועכט געווארן דורך וואנדאלן. א אכציג־יעריקער ייד, וועלכער קען א ביסעל עברי, האט אפגעריכט א "הזכרה" ביים קבר פון דעם דערמאנטן פירער

פון דער קהילה, סעיערס, וועלכער איז געשטארבן עטלעכע וואכן פריער.

צוריקגייענדיג פון בית עולם, האט ד״ר גאלדשטיין געבעטן די יידן, אז זיי זאלן זיך פארזאמלען אין בית הכנסת, וו ער וועט זיך מיט זיי געזעגענען. זיי האבן גערן דערפילט די בקשה פון זייער גאסט. דא האבען זיי אים געפרעגט, וואס זיי זאלן טאן מיט זייערע ספרי־תורה, אויב די קהילה וועט זיך פונאנדערלאזן און די שול וועט דארפן פארמאכט ווערן. זיי האבן אויך געוואלט אן עצה וועגן דעם, וואס זיי זאלן טאן מיטן בנין פון בית הכנסת, אויב עס וועט שוין נישט זיין מער קיין קהילה. ד״ר גאלדשטיין האט זיי געזאגט, וואס זיי זאלן טאן: די ספרי תורה אוועקשיקן קיין ישראל צום מיניסטעריום פאר רעליגיעס; דעם בנין פון דער שול פארקויפן, און פאר דעם געלט אויפבויען א בית הכנסת אין ישראל.

די הויפט־פראגע איז אבער: וואס וועט זיין מיט דער קהילה, וועלכע צאַנקט און האלט ביים פארשווונדן ווערן אין דעם פארווארפענעם ווינקל פון דער וועלט?

ד״ר גאלדשטיין האט שפעטער דערציילט, אז ביים פארלאזן די שול און געזעגענען זיך מיט די לעצטע יידן אין סוראבאיא האט ער פלוצלונג דערזען אויף דער וואנט פון בית הכנסת עפעס, וואס האט סימבאליזירט דעם גאנצן מצב פון דער קהילה אין דער ווייטער שטאָט, און אויך פון קליינע יידישע קהילות אין אנדערע פארווארפענע ערטער פון דער וועלט. א קוקטועדיג אויפן וואנט־זייגער, ווערענס ווייזערס זיינען שוין לאנג אפגעשטעלט, האט ד״ר גאלדשטיין דערזען, אז דער זייגער האלט דארט צען מינוט פאר צוועלף.

האט ד״ר גאלדשטיין ביים געזעגענען זיך מיט דעם הייפעל יידן אין סוראבאיא זיי געזאגט, אז זיי זאלען וויסן, אז זיי האלטן צען מינוט פאר צוועלף, און אז זיי זאלן זיך אפגעבן א חשבון הנפש וואס זיי דארפן טאן.

נישט איין מאל אין זיינע ווייטע נסיעות איבער דער יידישער וועלט, אין פארלויף פון א האלבן יארהונדערט, איז ד״ר גאלדשטיינ׳ען אויסגעקומען צו מאכן אזא וואָרענונג צו יידן, און גלייכצייטיק אויפפאדערן די צענ־טראלע יידישע ארגאניזאציעס, אז זיי זאלן נישט פארגעסן און נישט פארנאכלעסיקן די לעצטע הייפלעך יידן, די נדחי ישראל, אין פארווארפענע, אפגעריסענע ערטער.

קאפיטל צוויי און פופציק

מיטן פנים צו דער צוקונפט

דער 28־טער ציוניסטישער קאנגרעס, וואס האט זיך פאר־זאמלט אין ירושלים אין יאנואר 1972, האט צוגעטיילט ד״ר ישראל גאלדשטיינ׳ען איינעם פון די שענסטע כיבודים, הגם ער האט שוין נישט געהערט צו דער אפיציעלער פירערשאפט אין דער באוועגונג, האבנדיק פרייוויליק זיך צוריקגעצויגן א האלב יאר פריער פון דער עקזעקוטיווע פון דער ציוניסטישער וועלט־ארגאניזאציע און פון דעם אמט פון פרעזידענט פון קרן היסוד.

ביים 28־טן ציוניסטישן קאנגרעס האט די ציוניסטישע באוועגונג געפייערט איר 75־יעריקן געבורטסטאג, און ד״ר ישראל גאלדשטיין איז איינגעלאדן געווארן צו פירן דעם פארזיץ פון דער פייערלעכער יובליי־סעסיע. אין הסכם מיט דעם דרך, וואס ער האט זיך אפגעקליבן אין ציוניזם זיין גאנץ לעבן, האט ד״ר גאלדשטיין נישט באטראכט דעם היכן כבוד, וואס איז אים צוגעטיילט געווארן, ווי א געלעגנהייט צו מאכן א חשבון בלויז וועגן דער פאר־גאנגנהייט און אנווייזן נאר אויף די גרויסע דערגרייכונגען פון דער באוועגונג. ער האט זיך אפגעשטעלט א סך מער אויף דער צוקונפט און האט גערעדט וועגן די שווערע און פאראנטווארטלעכע אויפגאבן, וואס דער ציוניזם האט נאך פאר זיך אויף א סך יארן. אזוי האט ער אויך אויפ־

געפּאַסט זיין חוב, ווען ער איז ביי דער אַלגעמיינער דעבאַטע אויף דעם קאָנגרעס אַרויסגעטראָטן אַלס פּירער פון דער קאָנפעדעראַציע פון די אַלגעמיינע ציוניסטן.

דערמאָנענדיק בקיצור דעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל, אין 1897, און דעם 75־יעריקן יובילעי פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע און פון אירע היסטאָרישע דערגרייכונגען, וואָס האָבן דערפירט צו דער באַנייאונג פון דער יידישער מדינה — איז ד״ר גאָלדשטיין גלייך אַריבערגעגאַנגען צו די איצטיקע טעג. ער האָט באַטאָנט דעם גרויסן נס פון דער ציוניסטישער אויפוואַכונג פון סאָוויעטישן יידנטום, און ער האָט גערעדט וועגן דער מאַסן־עליה פון די רוסישע יידן, פון וועלכע מיר זיינען איצט עדות.

„ד״ר טעאָדאָר הערצל, דער פאָטער פון דער באַנייטער יידישער מדינה, האָט געזאָגט ביים ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס, אַז ציוניזם איז דער צוריקקער צום יידנטום פאַרן צוריקקער צום יידן־לאַנד״ — האָט ד״ר גאָלדשטיין אויסגעפירט אין זיין רעדע ביי דער יובילעי־סעסיע. „אין אונדזערע טעג זעען מיר, ווי הערצל׳ס ווייטזיכטיקע ווערטער ווערן מקוים. מיר האָבן פאַר זיך די וואונדערלעכע דערשיינונג פון צוריקקער צום יידנטום, און דורך דעם קיין ציון, פון צענדליקער און צענדליקער טויזנטער ברידער אונדזערע, וועלכע זיינען במשך פון איבער פופציק יאָר געווען פאַרשטומט, און מיר האָבן געמיינט אַז זיי זיינען שוין פאַרלאָרן פאַרן יידישן פאָלק״.

דערמאָנענדיק ווייטער, אַז ווען דער ציוניסטישער קאָנגרעס איז זיך צום ערשטן מאָל צונויפגעקומען אין דער הויפּטשטאָט פון דער באַנייטער יידישער מדינה, אין ירושלים,

אין 1951, איז אנגענומען געווארן דאס ירושלים׳ער פראגראם פון ציוניזם אלס אויסברייטערונג פון באזעלער פראגראם פון 1897 — האט ד״ר גאלדשטיין אנגעוויזן, אז די באוועגונג האט נאך פאר זיך א סך ארבעט, בכדי דורכצופירן די אלט־נייע פליכטן. דאס ירושלים׳ער פראגראם האט פארמולירט דריי הויפט־אויפגאבן: די קאנסאלידירונג פון מדינת ישראל, קיבוץ גלויות און פארזיכערן די אייניקייט פון יידישן פאלק אין דער וועלט.

״אזוי דארף איין דור איבערגעבן דעם צווייטן דעם חוב פון ציוניזם, ביז צו דעם טאג, ווען די מערהייט פון אונדזער פאלק אין די תפוצות וועט זיך צוריקקערן קיין ציון. ציוניזם איז דעריבער נישט קיין פאסיווע ירושה, וואס דארף איבערגעגעבן ווערן פון דור צו דור, נאר אן אקטיווע, כסדר זיך באנייענדיקע אויפגאבע, וואס יעדער דור דארף דערפילן״ — האט ד״ר גאלדשטיין אויסגעפירט אין זיין רעדע, מיט וועלכער ער האט געעפנט די פייערלעכע יובילײ־סעסיע פון ציוניסטישן קאנגרעס און פארגעשטעלט ישראל׳ס וויצע־פרעמיער, יגאל אלון, וועלכער האט געהאלטן דעם הויפט־רעפעראט וועגן פינף און זיבעציק יאר ציוניזם.

דעמזעלבן טאן האט ד״ר גאלדשטיין אנגעשלאסן אין זיין ארויסטריט בעת דער אלגעמיינער דעבאטע אויפן קאנגרעס. ער האט אונטערגעשטראכן דעם הויפט־פרינציפ פון זיין פארטיי — די וועלט־קאנפעדעראציע פון די אלגעמיינע ציוניסטן — אז די ציוניסטישע ארגאניזאציעס אין די באזונדערע לענדער דארפן זיך אידענטיפיצירן מיט ישראל, און נישט מיט קיין איינער פון די באזונדערע פאליטישע

פארטייען אין דער יידישער מדינה. ער האט זיך אפגעשטעלט אויף דער גרויסער פליכט פון דער ציוניסטישער וועלט־באוועגונג און פון מדינת ישראל, צו זארגן באזונדערס פאר די קלענערע יידישע ישובים, אז זיי זאלן קענען אויפהאלטן זייער יידיש לעבן, ווי לאנג די דארטיקע יידן זיינען נישט עולה קיין ישראל. ד״ר גאלדשטיין האט גערעדט וועגן דער צענטראלער ראלע פון ישראל אין דעם גייסטיקן לעבן פון יידישן פאלק איבער דער וועלט. אבער ער האט אנגעוויזן, אז דאס לייגט אויך ארויף א גרויסע אחריות אויף דעם עם היושב בציון. ״די יידישע מדינה דארף ווערן פריער א אור ליהודים, איידער זי וועט דערפילן איר שליחות צו זיין א אור לגויים. די יידן אין מדינת ישראל דארפן זיך אליין אויפהויבן אויף א הויכער גייסטיקער מדרגה און פילן א שטארקע צוגעבונדנקייט צו די תפוצות ישראל. אין דעם קען און דארף די ציוניסטישע באוועגונג שפילן איר גרויסע ראלע. מדינת ישראל דארף ווערן ציוניזירט אין דערזעלבער מאס, ווי דאס יידישע פאלק דארף ווייטער ווערן ישראל׳יזירט״ — האט ד״ר גאלדשטיין אויסגעפירט.

ער האט גערופן צוריקצוקערן זיך צום חלוציזם: צו גרינדן נייע קיבוצים און מושבים און זען עס ווי איינער פון די הויפט־וועגן צו ציוניזירן אין אַ גרעסערער מאס די באנייטע יידישע מדינה. ער האט גערעדט וועגן דער איינארדענונג פון די נייע עולים, באזונדערס פון סאוויעט־רוסלאנד, און וועגן איינגלידערן זיי אין דער ישראל׳דיקער געזעלשאפט. ער האט אויך גערופן די יידן אין די תפוצות צו פארשטארקן די עליה קיין ישראל. גאר באזונדערס האט ער זיך אפגעשטעלט אויף די נייע אויסזיכטן און

מעגלעכקייטן פאר א גרעסערער עליה פון די אמעריקאנער ייִדן. דערביי האט ער באטאנט, אז די ייִדן אין די תפוצות דערפילן נאך נישט ווי געהעריק זייער פליכט פאר העלפן דער יידישער מדינה צו קענען נאכקומען אירע גרויסע באדערפענעשן פאר אויפנעמען און איינארדענען די נייע עולים און פאר לינדערן די סאציאלע נויט פון דעם אָרימען טייל פון דער ישראל־באפעלקערונג. ער האט דערקלערט, אז ער ווייס וועגן דעם פון זיינע דערפארונגען אין די צען יאר, פון זיין פירערשאפט אין קרן היסוד.

״אין א וועלט, וואס איז פול מיט אנטוישונגען איבער די אידעאלן, וועלכע האבן פארפירט, האט דער ציוניזם באוויזן צו דערפילן א גרויסן טייל פון זיין אידייע, און מדינת ישראל האט פארווירקלעכט א גרויסן טייל פון איר שליחות״ — האט ד״ר גאלדשטיין באטאנט צום סוף פון זיין רעדע — ״אבער מיר האבן נאך פאר זיך א לאנגן וועג און גרויסע פליכטן״.

ערב דעם 28־טן ציוניסטישן קאנגרעס האט ד״ר גאלדשטיין אויך אנגעפירט אין ירושלים מיט דעם פערטן העברעישן וועלט־קאנגרעס — אלס פרעזידענט פון ״ברית עברית עולמית״. אויך אויפן דאזיקן וועלט־קאנגרעס פון ״ברית עברית עולמית״ האט ער אין זיין דערעפענונגס־רעדע זיך אפגעשטעלט אויף דער שווערער און טרויעריקער לאגע פון די קליינע יידישע ישובים אין דער וועלט, וווּ דאס גייסטיקע יידישע לעבן גייט אונטער און ווו העברעאיש פארשווינדט.

ד״ר גאלדשטיין האט אויסגעדריקט דעם גרויסן צער איבער דעם, וואס נאך דער באנייאונג פון דער יידישער מדינה און אין די פארגאנגענע פינף יאר זינט דער זעקס־

טאגיקער מלחמה, ווען עס איז אומפארגלייכלעך פאר־גרעסערט געווארן די מאטעריעלע הילף פון די תפוצות פאר ישראל און ווען אויך די עליה איז זייער שטארק פארגרעסערט געווארן, איז אבער די פארשפרייטונג פון דער העברעאישער שפראך ווייט נישט געשטיגן אין אזא מאס. ער האט גערופן, אויסצובררייטערן און פארטיפן די באוועגונג פאר העברעאיש אין די תפוצות, וואס וועט העלפן צו שאפן אן ענגערן גייסטיקן קשר צווישן מדינת ישראל און דעם יידישן פאלק אין דער וועלט און וועט אויך פירן צו דער פארגרעסערונג פון דער עליה.

בעת עס איז זיך צונויפגעקומען דער ציוניסטישער קאנגרעס, האט ד״ר גאלדשטיין, אלס פארזיצער פון דער וועלט־קאנפעדעראציע פון די אלגעמיינע ציוניסטן, אויך אנגעפירט מיט דער פייערלעכער צערעמאניע פון גרינדן אין העברע־אישען אוניווערסיטעט אין ירושלים א קאטעדרע פאר דראמאטישער קונסט אויפן נאמען פון פארשטארבענעם אמעריקאנער ציוניסטישן פירער **לואי ליפסקי**, וועלכער האט במשך פון אַ סך יארן זיך אויך אפגעגעבן מיט טעאטער־קריטיק און ליטעראטור. שילדערנדיק לואי ליפסקי׳ן, ווי דעם אידעאלאג, פובליציסט און פירער פון אמעריקאנער ציוניזם, דעם תלמיד פון ד״ר חיים וייצמאנ׳ען — האט ד״ר גאלדשטיין, ווי תמיד מיט די אויגען צו דער צוקונפט, אויסגעפירט, אז די קאטעדרע פאר דראמאטישער קונסט אין ירושלימ׳ער אוניווערסיטעט אויפן נאמען פון לואי ליפסקי וועט העלפן דעם יונגן שטודירנדיקן יידישן דור צו באקענען זיך מיט דער גרויסער דראמע פון דער יידישער נאציאנאלער אויפלעבונג, פון דער באנייאונג פון מדינת ישראל, און אויך מיט די פליכטן, וואס יעדער דור דארף

נעמען אויף זיך כדי צו פארזיכערן דעם המשך פון קיום פון יידישן פאלק.

אזוי האט ד״ר גאלדשטיין ביים צוריקציען זיך פון אקטיווער פירערשאפט נאך אן אויסגערגעווײנלעך־אינטענסיווען, רומרייכן און דערפאלגרייכן דינסט פאר זיין פאלק אין משך פון איבער א האלבן יארהונדערט, ווייטער געהאלטן זיינע אויגן געווענדעט צו דער צוקונפט — פון זיין שיינער היים. וואס ער און זיין טרייע לעבנס־באגלייטערין בערט, אליין אַ פירנדיקע פערזענלעכקייט אין ציוניזם, האבן זיך אויסגעקליבן און אויפגעבויט אויף די אייביקע בערג ארום דער אייביקער ירושלים.